STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03778

# DI BRIDER KARAMAZOV

Fyodor Dostoyevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ׳ מ׳ דאסטאיעווסקי

# די ברידער קאראמאזאוו

אַ ראָמאַן אין פיר טיילן מיט אן עפילאָג

דריטער טייל

איבערגעזעצט פון

משה לוריא

COP. 4

1923

יידישער קולטור-פארלאג / בערלין.

Copyr. 1923 by Jüdischer Kultur-Verlag, Berlin.

געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „יידישן קולטור פאַרלאַג״ בערלין.
Berlin S. 14, Dresdenerstr. 34/35.

44481 11
COP. 4

# זיבעטער בוך

## אַליאָשא

### I

### דער שלעכטער ריח

דעם גוף פונ׳ם פארשטארבענעם היעראָסכימאָנאַך פאָטער זאָסימאַ האט מען מכין געווען צו דער קבורה על פי דת ודין. געשטאר־בענע מאָנאַכן און סכימניקעס איז מען, כידוע, ניט מטהר. „אז איינער פון די מאָנאַכן גייט אַוועק צו דעם אויבערשטן (שטייט אין „גרויסן טרעבניק״), נעמט דער עבודה־מאָנאַך (דאס הייסט דער, וואס איז באשטימט דערצו) און רייבט אפ דעם גוף זיינעם מיט וואַרימן וואַסער, און פריער מאכט ער מיט א שוואָם (מיט א גריכישן שוואָם הייסט דאס) א צלם אפן שטערן פון דעם נפטר, אף די אצבעס, אף די הענט און אף די פיס און אף די קני, ווייטער אבער ניט מער״. דאס אלץ האט מקיים געווען מיט דעם נפטר פאָטער פאַאיסי אליין. נאכן אפרייבן אים האט ער אים אנגעטאן אין אַ מאָנאַכן־בגד און ארומגעגאַרטלט מיט א שאַל, וועלכן ער האט לויטן דין א ביסל פאנאנדערגעשניטן, כדי ארומצוגארטלען אין א צלם. אפן קאָפּ האט ער אים אנגעטאן א יאַרמולקע מיט אַן אַכט־עקיקן צלם. די יאַרמולקע איז געבליבן אָפן, דעם פנים אבער פון דעם נפטר האט מען צוגעדעקט מיט שווארצן טול. אין די הענט האט

מען אים געגעבן דאס הייליקע בילד פון דעם דערלייזער· אזוי האט מען אים צו־אינדערפרי אריבערגעלייגט אין אָרון (וואס איז שוין פון פריער געווען לאנג א צוגעגרייטער)· דעם אָרון ווידער האט מען געהאט בדעה לאזן אין קעמערל (אין דעם ערשטן חדר, אין דעם, וואו דער נפטר פלעגט אויפנעמען די ברודערשאפט און די אַנשי עולם) אף א גאנצן טאג· היות ווי דער נפטר איז נאך זיין ראַנג נאך געווען א היעראָסכימאָנאַך, האבן די היעראָמאָנאַכן און די היעראָדיאַקאָנס געדארפט זאגן נאך אים ניט קיין תהלים, נאר בריה החדשה· אנגעהויבן זאגן, תיכף נאך דער פאַניכידע, האט פאָטער יאָסיף; פאָטער פאַאיסי ווידער, וואס ער האט אליין געוואלט זאגן דערנאך דעם גאנצן טאג און די גאנצע נאַכט, איז נאך לעת עתה אינאיינעם מיטן פאָטער דעם אויפזעער פון סקיט געווען שטארק פאר־נומען און פארזארגט· ווארים מיטאמאל האט סיי צווישן דער מאָנאַסטיר־ברודערשאפט, אזוי אויך צווישן די אורחים פון די מאָנאַסטיר־אכסניות, און אויך צווישן די מחנות וועלטלאכע מענטשן פון שטאָט אנגעהויבן ארויסצווייזן זיך, און וואס ווייטער אלץ מער און מער עפעס אזוינס ניט קיין געוויינלאכעס, אפילו אן אויפרעגונג, וואס איז גאר ניט גע־הערט געווארן און „איז גאר ניט ראוי" פאר דעם אָרט, און דערצו א ניט קיין געדולדיקער ווארטן, סיי דער אויפזעער, סיי פאָטער פאַאיסי האבן געזען מיט זייערע גאנצע כוחות ווי ווייט מעגלאך צו בארואיקן דעם אויפגערעגטן עולם, וואס איז געווען אזוי צוטראגן. אז ס'איז שוין גוט ליכטיק געווארן, האבן זיך אנגעהויבן אויפקומען פון שטאט אפילו אזוינע, וואס האבן געבראכט מיט זיך די קראַנקע זייערע, דערהויפט קינדער — עפעס ווי זיי וואָלטן צוליב דעם מיט א כיוון געווארט אף דער דאזיקער מינוט, זייענדיק קענטיק זיכער אין דעם באַלדיקן כוח פון דעם גענעזן־מאכן דעם קראנקן, וואס האט לויטן גלויבן זייערן, ניט געקאנט ניט ארויסווייזן זיך תיכף· און אָט דאָ איז ערשט קלאר געווארן, אף וויפל אַלע זיינען בא אונז גע־וואוינט געווארן צו האלטן דעם נפטר, נאך בא דעם לעבן זיינעם, פאר א צדיק גמור· און צווישן די אנגעקומענע זיינען ווייט ניט געווען נאר פון דעם פשוטן המון אליין· דער דאזיקער גרויסער

וואַרטן פון די גלויביקע, וואס האט זיך אזוי גיך און אזוי בולט ארויסגעוויזן, און אפילו מיט אן אומגעדולד און שיר ניט מיט קיין פּאָדערונג, האט אויסגעזען פאר פּאָטער פּאַאיסי בלתי ספק, ווי א פארפירונג, הגם ער האט דאס נאָך לאנג פאר דעם געשפירט. וואס האט אבער אין דער אמתן אריבערגעשטייגט זיינע דערוואַרטונגען, אנטרעפנדיק אויפגערעגטע מאָנאַכן, האט פּאָטער פּאַאיסי אנגעהויבן אפילו אויסרעדן זיי: „אזא מין וואַרטן און אַזאַ גיכער וואַרטן אף א דבר גדול", האט ער געזאגט, „איז א לייכטפאַרטיקייט, וואס קאן נאר געמאלט זיין בא די אַנשי עולם, וואס איז אבער ניט ראוי פאר אונז". נאר מ׳האט אים ווייניק געהערט, און פּאָטער פּאַאיסי האט דאס מיט א מורא באמערקט, ניט קוקנדיק, וואס אפילו ער גופא (אויב מ׳זאל שוין אלץ דערמאנען אָרנטלאך), איז געווען, אמת, אויפגעבראכט פון דעם צו־אומגעדולדיקן דערוואַרטן און געזען אין דעם לייכטזין און הבלקייט, האט ער אבער פארבארגענערהייט, אין זיך, אין דער טיפעניש פון דער נשמה זיינער, געוואַרט כמעט דאס אייגענע, וואס אָט די דאזיקע אויפגערעגטע, וואס ער האט פאר זיך אליין דאס געמוזט מודה זיין. און פונדעסטוועגן זיינען אים א טייל באגעגענישן זייער ניט געווען צום הארצן, באגעגענישן, וואס האבן דערוועקט אין אים, צוליב א געוויסן פּאָרגעפיל, גרויסע ספקות. צווישן דעם עולם, וואס האט זיך געשפאַרט אינ׳ם קעמערל פון דעם נפטר, האט ער באמערקט מיט אן אפשטויסונג אן אינערלאַכער (פאר וועלכער ער האט זיך גופא די־שטעל געמאכט א פארוואורף) ראַקיטינט ביַיזיין, למשל, אדער דעם ווייטן אורח פון אָבדאָרסק, דעם מאָנאַך, וואס האט נאך אלץ פארבראכט אין מאָנאַסטיר, און זיי ביידן האט פּאָטער פּאַאיסי עפּעס פלוצלונג אויפגענומען מיט א חשד, — כאָטש ניט נאר זיי אליין האט מען געקאנט באמערקן אין דעם פּרט. פון אלע צוטראגענע האט זיך דער מאָנאַך פון אָבדאָרסק ארויסגעוויזן פאר דעם גרעסטן צוטראגענעם; זען האט מען אים געקאָנט אומעטום. אין אלע ערטער: אומעטום האט ער אויסגעפרעגט, אומעטום צוגעהערט זיך, אומעטום געשעפטשעט מיט עפּעס אזא באזונדערער סודות־פולער מינע. היינט אן אויסדרוק פון פנים האט ער געהאט

דעם סאַמן אומגעדולדיקסטן און עפּעס ווי שוין אויפגערייצט דערפון, וואס דאס, אף וואס מ׳וואַרט, ווערט אזוי לאנג ניט מקוים. וואס איז שייך אבער צו ראַקיטינען, איז ער, ווי עס האט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, אראפּגעקומען אזוי פרי אין סקיט לויט א ספּעציעלער שליחות פון פרוי כאָכלאַקאָוואַ. אט די דאזיקע גוטע, אבער כאַראַקטערלאָזע פרוי, וואס זי אליין האט מען ניט געקאנט צולאזן צום סקיט, איז ווי נאר זי האט זיך אויפגעכאפּט און זיך דערוואוסט וועגן דעם נפטר, איז מיטאמאל אדורכגעדרונגען געווארן מיט אזא האסטיקער נייגעריקייט, אז זי האט תיכף אוועקגעשיקט אנשטאט זיך ראַקיטינען אין סקיט, אזוי אז ער זאל אף אלצדינג אַכטונג געבן און די שטעל געבן איר צו וויסן דורך בריוו, אן ערך אלע האלבע שעה, **פון אלצדינג, וואס עס וועט געשען**. ראַקיטינען ווידער האט זי געהאלטן פארן סאמן פיינסטן און גלויביקסטן מענטשן — אף אזוי פיל האט ער זיך געקאנט מיט אלעמען באגיין און ארויסווייזן זיך פאר איטלאכן אין הסכם מיט יענעמס פארלאנג, אויב ער האט נאר ארויסגעזען אין דעם דעם קלענסטן נוץ פאר זיך. דער טאג איז געווען א ליכטיקער, און פון די אנגעקומענע מתפללים האבן זיך פיל געשפּארט ארום די קברים פון סקיט, וואס זיינען דער עיקר געדיכט ארום היכל, ווי אויך צעזייט איבערן גאנצן סקיט.

ארומגייענדיק דעם סקיט, האט פאָטער פאַאיסי זיך פּלוצים דערמאנט אָן אַליאָשען און אז ער האט אים שוין לאנג ניט געזען, כמעט פון ביינאכט אָן. און נאר־וואס ער האט זיך דערמאנט אָן אים, ווי ער האט אים אויך גלייך באמערקט אין דעם סאַמן פאַרוואָרפנטסטן ווינקל פון סקיט, לעבן דעם גדר, זיצנדיק אף א מצבה פון איינעם א מאָנאַך, וואס איז שוין געווען פון לאנג א שוכן עפר און געשמט צוליב די מעשים זיינע. ער איז געזעסן מיטן רוקן צום סקיט, מיטן פּנים צום גדר און ווי ער וואלט זיך באהאלטן הינטער דער מצבה. צוגייענדיק האַרט צו אים, האט פאָטער פאַאיסי דערזען, אז האלטנדיק פארדעקט מיט ביידע הענט דעם פּנים, וויינט ער ביטער, כאטש אפילו ניט אפן קול, נאר טרייסלענדיק זיך מיט דעם גאנצן קערפּער זיינעם פאר געוויין. פאָטער פאַאיסי איז א ווײַלע געשטאנען לעבן אים.

— גענוג, זונעניו טייערער, גענוג, פריינט! — האט ער זיך לסוף אנגערופן מיט הארץ, — וואס איז מיט דיר? פריי זיך, אבער ניט וויין. אדער ווייסטו דען ניט, אז דער דאזיקער טאג איז דער גרעסטער פון די טעג ז י י נ ע? וואו איז ער אצונד, אין דער דאזיקער רגע, דערמאן זיך נאר אט דאס!

אליאשא האט געהאט א קוק געטאן אף אים, צונעמנדיק די הענט פון זיין, ווי בא א קליין קינד, פון טרערן אויפגעשוואלענעם פנים האט אבער תיכף, קיין ווארט נישט אויסרעדנדיק, אפגעקערט זיך און פונדאסניי פארדעקט אים מיטביידע הענט.

— נאר אפשר איז טאקע אזוי, — האט זיך אנגערופן פאטער פאאיסי פארקלערט, — אפשר, וויין טאקע, קריסטוס האט דיר די דאזיקע טרערן געגעבן. „די הארציקע טרערלאך דיינע זיינען נאר אן אפרו פון דער נשמה און וועלן דינען צום פרייד פון דעם טייערן הארץ דיינעם״, — האט ער שוין מוסיף געווען אין־זיך, אפטרעטנדיק פון אליאשען און טראכטנדיק מיט ליבשאפט פון אים. אפגעטראטן האט ער, אגב, אף־גיך, ווארים ער האט דערשפירט, אז ער וועט אליין אפשר אויך, קוקנדיק אף אים, אנהייבן וויינען. די צייט איז לעת עתה געגאנגען, דער מאנאסטיר־דינסט און די פאני־כידן נאכן נפטר זיינען ווייטער געגאנגען לויטן סדר. פאטער פא־איסי האט פונדאסניי דערזען דעם פאטער יאסיף לעבן ארון און האט ווידער איבערגענומען פון אים דאס זאגן דעם עוואנגעליום. עס איז נאך אבער ניט אוועק די דריטע שעה נאך האלבן טאג, ווי עס איז געשען עפעס אזוינס, וועגן וואס איך האב שוין דערמאנט נאךביים סוף פונ׳ם פריערדיקן בוך, עפעס אזונס, וואס איז אזוי פיל געווען פאר יעדערן אומגעריכט און אף אזוי פיל להיפך צו אלעמעס בטחון, וואס, איך חזר דאס איבער, די גענויע און נארישע מעשה מכוח דער דאזיקער געשעעניש ווערט נאך אפילו עד היום מיט דער גרעסטער לעבעדיקייט דערמאנט אין אונזער שטאט און אין דער גאנצער סביבה. דא וועל איך מוסיף זיין נאך אמאל פון זיך גופא: ס׳איז מיר כמעט ווי נמאס צו דערמאנען זיך אן דער דאזיקער נארישער און פארכאפנדיקער געשעעניש, וואס איז אין תוך א גאר־

נישטיקע און נאטירלאכע, און איך וואלט זי, פארשטייט זיך, ארויס־געווארפן פון מיין דערציילונג אינגאנצן נישט דערמאנענדיק, ווען זי וואלט ניט געווירקט אפן סאמן שטארקסטן און באשטימטן אופן אף דער נשמה און הארץ פון דעם הויפט־העלד, ס׳מעג זיך אפילו זיין דעם קינפטיקן הויפט־העלד פון מיין דערציילונג, אליאשען, אויפשטעלנדיק אין דער נשמה זיינער אזוי ווי אן איבערבראך און אן איבערקערעניש, וואס האט אויפגעטרייסלט, אבער אויך איינגע־פעסטיקט שוין אינגאנצן דעם דעת זיינעם, אף דעם גאנצן לעבן און צו א באשטימטן ציל.

— אלזא, צו דער עצם זאך: אז מ׳האט, איידער ס׳איז נאך טאָג געווארן, ארייגעלייגט אין ארון דעם בר־מינן, וואס איז שוין גרייט געווען צו דער קבורה, און ארויסגעטראגן דעם ארון אין דעם ערשטן צימער, וואו דער נפטר פלעגט פריער אויפנעמען זיינע אורחים, איז ארויפגעקומען בא די, וואס האבן זיך געפונען לעבן דעם ארון, די פראגע: צי דארף מען עפענען אין צימער די פענצטער? נאר די דאזיקע פראגע, וואס איז געווען ארויסגעזאגט פון עמיצן פארביי־גייענדיק און בחפזון, איז געבליבן אָן אן ענטפער און קיינער האט זי כמעט ווי גאר ניט דערהערט, — סיידן אפשר עס האבן זי דערהערט, איז דאס אין־זיך, א טייל פון די ביי־געוועזענע אין דעם פרט, אז דאס רעכענען, אז דער גוף פון אזא נפטר קאָן גליען און עס קאָן זיך הערן א ריח איז ממש אַ שטות, וואָס איז ווערט אפילו מ׳זאל עס באדויערן (אויב ניט א שמייכל טאָן), פון דעם קנאפן גלויבן און דער לייכט־פאַרטיקייט פון אט דעם, וואס האט ארויסגעזאגט די דאזיקע פראגע, ווארים געריכט האט מען זיך לחלוטין אף פונקט דעם היפך. און אט, באַלד נאך האלבן טאָג האט זיך אנגעהויבן עפעס אזוינס, וואס אין אנפאנג האבן עס אויפגענומען די ארייגגייער און ארויסגייער נאר אינדער־שטיל און פאר־זיך, און אפילו מיט דער באשיינפערלאכער מורא פון יעדן איינציקן איבערצוגעבן א צווייטן די געבראָענע מחשבה זיינע, וואס האט זיך אבער צו דריי א זייגער נאך האלבן טאג ארויסגעוויזן שוין אזוי בולט און ניט אפצולייקענען, אז די ידיעה וועגן דעם האט זיך כהרף עין דורכגעטראגן איבערן גאנצן סקיט און צווישן אלע

אורחים די מתפללים פון סקיט, תיכּף דורכגעדרונגען אויך אין מאָנאַסטיר און אריינגעבראכט אלעמען פון מאָנאַסטיר אין א פארוואונדערונג, און, ענדלאך, אין גאר א קורצער צייט, דערגרייכט אויך די שטאָט און אויפגערודערט דארטן אלעמען, סיי די, וואס האבן געגלויבט, סיי די, וואס האבן ניט געגלויבט. די ניטגלויביקע האבן זיך גענומען פרייען, וואס ס'איז שייך אבער די גלויביקע, האבן זיך געפונען צווישן זיי אזוינע, וואס האבן זיך גענומען פרייען נאך מער אפילו, ווי די ניטגלויביקע, ווארים „ליב האט דער מענטש דאס געשטרויכלט ווערן פון דעם צדיק און די שאנד זיינע", ווי דער סטאַרעץ דער נפטר האט געזאגט אין איינע פון די לערנונגען זיינע. די זאך איז אין דעם, וואס פון אָרון האט זיך אנגעהויבן ארויסצוגעבן ביסלאכווייז, אבער וואס ווייטער אלץ מער באשיינפערלאכער א שלעכטער ריח, וואס האט זיך שוין אבער צו דריי א זייגער נאך האלבן טאָג צו־בולט ארויסגעוויזן און זיך אלץ פארגרעסערט. און לאנג איז שוין ניט געוועזן, און דערמאנען זיך אפילו איז נישט מעגלאך געווען אין דעם גאנצן פארגאנגענעם לעבן פון דעם מאָנאַסטיר אונזערן אזא מגושמדיקע און גראָבע פאַרפירונג, וואס וואלט אין אן אנדער פאל אפילו אוממעגלאך געווען, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן תיכּף נאך דער דאזיקער געשעעניש אפילו צווישן די מאנאכן גופא. שפעטער שוין, און אפילו אין אסך יארן ארום, פלעגן אנדערע קלוגע מאָנאכן אונזערע, דערמאנענדיק דעם גאנצן יענעם טאָג אין די פרטים, וואונדערן זיך און ניט קאנען תופס זיין, ווי האט דאס די פאַרפירונג געקאנט דערגרייכן דעמאלט אזא מדרגה. ווארים עס פלעגט זיך פריער אויך טרעפן, אז עס פלעגן שטארבן מאָנאכן גרויסע צדיקים און וועמעס צדקות ס'איז געווען פאר אלעמען בריא כּשמש, סטאַרצעס יורא־שמימס און פונדעסטוועגן האט זיך אויך פון זייערע עניוותדיקע ארונס געטראגן א שלעכטער ריח, וואס איז געווען על פּי דרך הטבע, ווי בא אלע מתים, אבער דאס פלעגט ניט ארויסברענגען קיין שום נקמה, און אפילו ניט די קלענסטע מטושטשדיקייט. אוודאי זיינען בא אונז אויך געווען אזוינע וואס זיינען שוין פון לאנג אפן עולם האמת און נאך

ווען מ'איז נאך געבליבן לעבעדיק דער אָנדענקען אין מאָנאסטיר, און ווערעס עצמות, ווי מ'גיט איבער, האבן אינגאנצן ניט געפוילט, וואס דאס האט סודות־פול דערוועקט און משפיע געווען אף דער ברודערשאפט און ס'איז געבליבן אין זכרון בא איר, ווי עפעס א הייליקע און וואונדערלאכע זאך און ווי עפעס א הבטחה, אז לעתיד לבוא וועלן זייערע קברים ארויסווייזן נאך א גרעסערן רום, אויב עס וועט נאר מיטן רצון פון דעם אויבערשטן קומען די צייט דערצו. פון אזוינע איז דער עיקר געבליבן דער אָנדענקען נאכן סטארעץ איוב, וואס האט דערלעבט ביז הונדערט מיט פינף יאר, וועמעס גרויסע מעשים עס האבן געהאט א שם, דעם גרויסן בעל־תענית און שוויי־גער, וואס איז נפטר געווארן שוין לאנג, נאך אין די צענטע יארן פון דעם איצטיקן יארהונדערט, און וועמעס קבר מ'פלעגט מיט א באזונדערן און גרויסן יראת הכבוד ווייזן אלע מתפללים, וואס פלעגן קומען צום ערשטן מאָל, דערמאָנענדיק דערביי מיט אַ פאָרבערגעניש פון עפעס גרויסע האפענונגען. (דאס איז דער זעלביקער קבר, אף וועלכן פאָטער פּאַאיסי האט געטראפן אינדערפרי זיצנדיק אליאָשען). א חוץ דעם דאזיקן סטאַרעץ, וואס איז שוין געווען א שוכן עפר פון לאנג, איז לעבעדיק געווען פונקט אזא אנדענקען אויך אָן דעם גרויסן פאטער היעראָסכימאָנאך דעם סטארעץ וואַרסאָנאָפי, וואס איז, אין פלוג, ניט לאנג געשטאָרבן, אט דעם זעלביקן, וועמעס ממלא מקום דער פאָטער זאָסימאַ איז דאס טאַקע געווען, און וואס ביים לעבן האבן אלע מתפללים, וואס פלעגן קומען אין מאָנאסטיר, געהאלטן פשוט פאר א גאטס־תם. וועגן אט זייביידן דערציילט מען, אז געלעגן זיינען זיי אין די ארונס זייערע, ווי לעבעדיקע, און מ'האט זיי געבראכט צו קבורה לחלוטין ניט אָנהייבנדיק צו גליען און אז אפילו די געזיכטער זייערע זיינען אזוי ווי לויטערער געווארן אין ארון. און אנדערע האבן אפילו געזאגט בפה מלא, אז פון די גופים זייערע האט זיך געטראָגן א באַשיינפעלאכער וואויל־גערוך. אבער ניִשט קוקנדיק אפילו אויף אף אט די דאזיקע זכרונות, וואס האבן אף יעדערן געקאנט משפיע זיין, וואלט פארט שווער געווען צו דערקלערן אט די אמתע סיבה, פאר וואס עס האט בא דעם ארון פון סטארעץ

זאָסימאַ געקאַנט פארקומען אזא לייכטפאַרטיקע, אומגעלומפערטע און בייזוויליקע דערשיינונג. וואס ס׳איז שייך מיך פערזענלאך, האַלט איך, אז דא האבן גלייכצייטיק גורם געווען נאך פיל אנדערע סיבות אויך, אסך פאַרשיידנאַרטיקע סיבות, וואס האבן מיטאמאל געווירקט. צו זיי, למשל, האט געהערט אפילו אט די זעלביקע איינגעוואָרצלטע פיינדשאפט צו דער שיטה־סטארצעס גופא, אַלס א שעדלאכן נײַס, וואס ס׳איז טיף געווען פארבאָרגן אין מאָנאסטיר אין דעם דעת נאך פון אסך מאָנאכן. שפעטער אבער, און דאס איז, פארשטייט זיך, דער עיקר, איז נאך געווען די קנאה צו דער קדושה פון דעם נפטר, וואס איז אזוי שטארק געווען דורכגעדרונגען בא זיין לעבן, אז שטעלן זיך אפילו אנטקעגן האט מען ווי ניט געטאָרט. ווארים כאטש אפילו דער נפטר האט צוגעצויגן צו זיך א סכען ניט אזוי מיט מופתים, ווי מיט ליבשאפט און האט אויפגעריכט ארום זיך אזוי ווי א גאנצע וועלט, וואס האבן אים ליב געהאט, האט ער פונדעסטוועגן, און אפשר טאקע דווקא דערפאר, מיט דעם גופא געקראָגן ניט־קיין פארגינער אויך, און באלד נאכדעם פארביסענע שונאים, סיי אפענע, סיי פארבאָרגענע, און ניט נאר צווישן דעם עולם פון מאָנאסטיר, נאר אפילו אויך צווישן דער גרויסער וועלט. ער האט קיינעם, למשל, קיין שלעכטס ניט געטאָן, נאר אט: „פארוואס, א שטייגער, האלט מען אים פאר אַזא צדיק?” און סך הכל נאר אט די איינ־ציקע פראגע, איבערחזרנדיק זיך כסדר, האט לסוף ארויסגעבראכט א גאנצן תהום פון פארביסענעם רשעות. אָט פארוואס איך רעכן דאס, אַז אַ טכען, דערהערנדיק דעם שלעכטן ריח פון דעם גוף זיינעם, בפרט נאָך אזוי גיך, — ווארים ס׳איז נאך אפילו ניט אוועק קיין טאָג נאך זיין פטירה, — זיינען אָן א שיעור דערפרייט געוואָרן; היינט זיינען נאך געווען אויך אזוינע פון די איבערגעגעבענע צום סטארעץ און וואס האבן אים ביז אצונד געאַכפערט, וואס זיינען געווען דורך דער דאזיקער געשעעניש שיר ניט באַליידיקט און באעוולט פערזענלאך. די מעשה גופא ווידער איז פאָרגעקומען אף אט דעם דאזיקן אופן:

ווי נאר עס האט זיך אנגעהויבן ארויסווייזן די גליאונג, אזוי

האט מען שוין נאכן פנים אליין פון די מאָנאַכן, וואס זיינען אריינקומען אין דעם קעמערל פון נפטר, געקאנט פארשטיין, נאך וואס זיי קומען. איינער גייט אריין, שטייט א ווײַלע, און גייט ארויס באשטעטיקן גלייך די בשורה אנדערע, דער מחנה, וואסווארט אינדרויסן. אַ טייל פון אט די, וואס פלעגן ווארטן, פלעגן באטריבט צושאקלען מיטן קאפ, נאר אנדערע האבן אַפילו שוין ניט געוואלט פארבארגן זייער פרייד, וואס האט בולט געלויכטן אין זייערע בליקן, און קיינער האט זיי אפילו ניט אויסגערעדט, קיינער האט מער קיין גוטווארט ניט געזאגט, וואס ס'איז אַפילו גאר געווען א וואונדער, ווארים די איבערגעגעבענע צו דעם נפטר דעם סטאַרעץ זיינען דאך אין מאָנאַסטיר פאָרט געווען א רוב: נאר אזוי קענטיק האט שוין דער אויבערשטער אליין געוואלט, אז דאס מאל זאל דער מיעוט אף א ווײַלע אפהאלטן דעם נצחון. באלד האבן זיך אנגעהויבן באווייזן אין קעמערל פונקט אויך אזוינע מרגלים פון די וועלטלאכע לײַט אליין, מער פון די געבילדעטע אורחים פון מאָנאַסטיר. דער פשוטער עולם אַקעגן זשע איז ווייניק־וואס אריינגעגאנגען, הגם אויפגעזאמלט האט ער זיך שטארק ביים טויער פון סקיט. בלי ספק איז אויך, אז גראד נאך דריי א זייגער איז דער צושטראם פון די וועלטלאכע אורחים שטארק פארגרעסערט געווארן, און טאקע נאר צוליב דער פארכאַפנדיקער ידיעה. אזוינע, וואס וואלטן אפשר דעם טאג אינגאנצן ניט געקומען, און ניט געהאט בדעה צו קומען, זיינען איצט ווי מיט א כיוון געקומען, צווישן זיי אייניגע גאר מיוחסדיקע לײַט. איבעריקנס איז דער דרך ארץ אין דעם באנעמען זיך נאך לפנים ניט געשטערט געווארן, און פאטער פאַאיסי האט נאך ווייטער פעסט און דייטלאך, מיט א שטרענגן אָנבליק, געזאגט אפן קול דעם עוואַנגעליום, אזוי ווי ער וואלט גארניט באמערקט דאס, וואס ס'איז געשען, הגם ער האט שוין פון לאנג דערזען עפעס ניט געוויינלאכס. נאר אט האבן אויך צו אים אנגעהויבן דערגרייכן שטימען, אין אנפאנג גאנץ שטילע, וואס זיינען אבער בהדרגה געווארן פעסטער און תקיפער. „הייסט עס, אז דער משפט פון גאט איז ניט אזוי, ווי פון א בשר ודם!" האט דערהערט פלוצים פאטער פאַאיסי. ארויסגעזאגט אָט־אָ־דאס

האט פריער פאר אלעמען איינער א וועלטלאכער, א באַאמטער פון
שטאט, א מענטש שוין אין יארן און אף וויפל מ׳האט געוואוסט פון
אים, א פרומער מאן, נאר, ארויסזאגנדיק אט די ווערטער אפן קול,
האט ער נאר איבערגעחזרט דאס, וואס די מאָנאַכן האבן שוין פון לאנג
צווישן זיך איבערגעזאגט איינער דעם צווייטן אפן אויער. די מאָנאַכן
האבן שוין פון לאנג ארויסגעזאגט דאס דאזיקע יאוש־ווארט, אבער
ערגער פאר אלץ איז געווען, וואס מיט איטלאכער מינוט כמעט, האט
זיך ארויסגעוויזן און איז אויסגעוואקסן בא דעם דאזיקן ווארט
עפעס א מין יוםֿ טוב. באלד, אגב, האָט שוין אפילו דער דרך ארץ
אויך אנגעהויבן געשטערט צו ווערן, און אלע האבן פונקט ווי דער־
שפירט זיך צו זיין בארעכטיקט אפילו צו שטערן אים. „פארוואס,
אין פלוג, האט געקאנט פארקומען אָ ט ־ אָ ד אָ ס״, האבן געטענהט
איי‌ניגע פון די מאָנאַכן, צוערשט אזוי ווי באדויערנדיק אפילו, „א גוף
האט ער געהאט ניט קיין גרויסן, אַן אויסגעדארטן, צוגעטרינקט צו
דיביינער, איז פון וואנען, אין פלוג, קאן דא זיין א ריח?״ „הייסט
דאס, אז מיט א כיוון האט גאָט געוואלט אנווייזן״, האבן אף גיך
מוסיף געווען אנדערע, און די ווערטער זייערע פלעגן אויפגענומען
ווערן אָן שאלות און די רגע, ווארים מ׳האט צוריק דאס אייגענע
געדרונגען, אז ווען אפילו עס זאל זיך יע הערן א ריח על פי סדר
העולם, ווי פון יעטוועדן פארשטארבענעם בשר ודם, וואלט ער אלץ
פונדעסטוועגן זיך געדארפט אנהייבן ארויסצוגעבן שפעטער, ניט מיט
אָט אזא בולטער גיכקייט, לפחות אין א מעת לעת ארום, „ער אבער
האט מקדים געווען דעם סדר העולם״, אף אזא אופן, איז דא נאר
דער השם יתברך אליין און דער באדייטנדיקער אצבע זיינער. האט
געוואלט מזהיר זיין, אזא מין אויסלייגן האט זעער שטארק מבולבל
געמאכט. דער בנעימותדיקער פאָטער־היעראָמאָנאַך יאָסיף, דער
ביבליאָטעקער, דער געליבטער פון דעם נפטר, האט געפרווט ענטפערן
איי‌ניגע פון די לשון־הרעניקעס אז „ניט אומעטום איז דאך דאס
אזוי״ און אז די דאזיקע נויטיקייט פון דעם ניטגליען פון די גופים
פון די צדיקים, איז דאך ניט קיין מנהג עפעס אזא אין דעם
רעכטגלויבן, נאר מער ניט ווי א השערה, און אז אפילו אין ד

סאמע רעכטגלויביקע לענדער, אפן אַטאָס, למשל, ווערט מען גאָר־ ניט אזוי בטול פון א גליענדיקן ריח, און ניט דאס ניטגליען פון דעם גוף האלט מען דאָרטן פאר דעם עיקר סימן פון דער רעכטפארטיקייט פון דעם נפטר, נאר די פארב פון די עצמות, בשעת די גופים זייערע ליגן אסך יאָרן אין דער ערד און ענדיקן שוין צו גליען אין איר. איז "אויב נשתּנה ווערן די ביינער געל, ווי וואקס, אזוי איז דאס א ראיה, אז חשוב געמאכט האט השם יתברך דעם נפטר דעם צדיק; אויב אבער ניט צו געל, נאר צו שווארץ ווערן זיי נשתּנה, אזוי איז די ראיה, אז ניט מזכּה געווען האט אים השם יתברך מיט קיין רום. — אָט ווי עס איז דער מנהג אפן אַטאָס, דעם גרויסן אָרט, וואו עס ווערט פון פארצייטן אָן אין דער גרעסטער גאנצקייט און אין דער הייליקסטער ריינקייט אפגעהיט דער רעכטגלויבן". האט פארענדיקט פאטער יאָסיף. אבער די רייד פון דעם פאטער דעם עניוו זיינען פארביי אָן א השפּעה און האבן ארויסגערופן אפילו א געלעכטער אלס ענטפער: "דאס איז אלץ גרויסע לומדות און נייסן, ניטאָ גאָר וואס צו הערן אפילו" — האבן געמאכט א סך־הכּל די מאָנאַכן פאר־זיך. "מיר לעבן נאכן אלטן מנהג; קנאפּ נייטן קומען דען איצט פאר, זאל מען אלע נאכמאכן?" האָבן אנדערע מוסיף געווען. "בא אונדז זיינען געווען הייליקע פאטערס ניט ווייניקער, ווי בא זיי. זיי זיצן זיך דאָרטן אונטן ווי ביים טאטן אין ווייגגארטן און האבן אלץ פאַרגעסן. בא זיי איז דער רעכטגלויבן אויך שוין פון לאנג בטול געווארן, היינט גלאַט זיי האבן דאך גאָר אפילו קיין גלעקער ניט". האבן צוגעגעבן די גרעסטע אָפּשפּעטער. פאטער יאָסיף האט זיך אפגעקערט מיט צער, בפרט וואס ער גופא האט אויך ארויס־געזאגט זיינע ווערטער ניט גאנץ פעסט, און עפּעס אזוי ווי ער אליין וואלט אויך ווייניק געגלויבט אין דעם. מיט א פאַרלאָרנקייט האט ער דערזען, אז עס הייבט זיך אָן עפּעס אזוינס זייער מגושמדיקס און אז עס הייבט אויף דעם קאפּ אפילו די ווידערשפּעניקייט אליין. ביסלאכווייז זיינען, נאך פאטער יאָסיף, שטיל געווארן אויך די איבעריקע שטימען פון די קלוגע לייט. און ס'איז עפּעס אזוי ארויסגעקומען, אז די אלע, וואס האבן ליב געהאט דעם נפטר און

וואס האבן מיט א דערוועקטער געהארזאמקייט אופגענומען דאס אויפגעריכט ווערן פון דער שיטה־סטאַרצעס, האבן זיך מיטאמאל מוראדיק פאר עפעס דערשראקן און, טרעפנדיק איינער דעם צווייטן, פלעגן זיי נאר מיט א פחד ארייַנקוקן דעם אנדערן אין פנים. דערפאר אבער האבן די שונאים פון דער דאזיקער שיטה, אלס א נייס, מיט שטאלץ אויפגעהויבן דעם קאפ. „פון דעם סטארעץ וואַרסאָנאָפי האט זיך ניט נאר וואס ניט געהערט קיין גערוך, נאר עס האט געקווועלט א ריח ניחוח״, האבן זיי פרייענדיק זיך מיט רשעות דערמאָנט, „אבער ניט מיט דעם, וואס ער איז געוועזן א סטארעץ האט ער דאס פארדינט, נאר מיט דעם, וואס ער איז אליין אויך געוועזן א צדיק גמור״. און גלייך נאך דעם האט מען שוין אנגעהויבן דעם נייעם נפטר דעם סטארעץ אפילו דן לכף חוב זיין: „האט ניט געלערנט ווי דער אמת איז; האט געלערנט, אז דער לעבן איז א גרויסע פרייד, ניט קיין ביטערע הכנעה״, האבן געטענהט די, וואס זיינען געוועזן די גאר צודרייטע. „האט הייַנטוועלטיק געגלויבט, האט פון דעם גשמיותדיקן פייער אין גיהינום ניט געהאלטן״, פלעגן מוסיף זיין די נאך מער צודרייטע פאר יענע. „איז ניט געוועזן קיין בעל מקפיד אפן תענות, פלעגט מתיר מאכן פאר זיך זיסע זאַכן, פלעגט טרינקן קארשן־זאפט מיט טיי, האט דאס גוואלטיק האָלט געהאט, די פריצטעס פלעגן אים שיקן. איז דען דאס א שטאַט פאר א סכימניק טייען צו טרינקען?״ האט מען געקאנט הערן פון א טייל ניט־פארגינער. „האט געהערשט מיט גאוה״, — האבן מיט אכזריות צוגעגעבן די סאמע פארביסנסטע, — „האט זיך געהאלטן פאר א קדוש, אף די קני פלעגט מען זיך ווארפן פאר אים, פלעגט דאס אננעמען ווי זיינעם א חוב״. „האט פארשוועכט דעם הייליקן סוד פון מתודה זיין זיך״, האבן מיט א רשעותדיקן שעפטשען מוסיף געוועזן די סאמע פארביסענע קעגנער פון דער שיטה, און דאס זיינען שוין געוועזן מאָנאַכן פון די סאמע עלטסטע און גרעסטע בעל מקפידים אין זייער מתפלל זיין, די אמתע בעל תענותים און שוויַיגער, וואס זיינען אנטשוויגן געווארן, בעת דער נפטר האט געלעבט, האבן אבער אצונד אויפגעמאכט מיטאמאל זייערע לעפצן, וואס דאס איז שוין גאר

אימהדיק געווען, ווארים שטארק האבן משפיע געווען די ווערטער זייערע אף די יונגע און נאך ניט איינגעשטעלטע מאָנאַכן. זעער גוט האט אָט־אָ־דאס אלץ אויסגעהערט אויך דער אָבדאָרסקער גאסט, דער מאָנאַכל פונ׳ם הייליקן סילוועסטער, זיפצנדיק טיף און צושאקלענדיק מיטן קאפ: „ביין, אפנים, אז פאטער פעראַפאָנט האט נעכטן גערעדט, ווי דער אמת איז״, האט ער א טראכט געטאן ביי־זיך. און דא האט זיך גראד באוויזן פאטער פעראַפאָנט אויך; עפעס גראָד ווי אַף צו פארמערן די צוטרייסלונג איז ער ארויס.

דערמאנט האב איך שוין פריער, אז ארויסגיין פלעגט ער פון הילצערנעם קעמערל, וואס איז געשטאנען בא די בינשטאָקן, זעלטן, פלעגט אפילו אין קלויסטער א לאנגע צייט ניט באוויזן זיך און אז מתיר זיין פלעגט מען דאס אים עפעס ווי א תם, ניט מאכנדיק דאס פאר קיין כלל פאר אלעמען. נאר אויב מ׳זאל זאגן דעם גאנצן אמת, פלעגט מען אים מתיר זיין דאס אלץ אפילו אויך צוליב א געוויסער נויטיקייט. ווארים אַזאַ גרויסן בעל תענות און שווייגער, וואס האט יום ולילה מתפלל געווען (פלעגט אפילו איינשלאפן שטייענדיק אף די קני), איז גאר אפילו ווי ניט ראוי געווען שטארק צו באלעסטיקן מיט די מנהגים פון כלל, אויב ער אליין האט ניט געוואלט אונ־טערווארפן זיך. „ער איז הייליקער פאר אונז אלעמען און איז מקיים אסך מער, ווי דער דין איז״, וואָלטן געזאגט דעמאלט די מאָנאַכן, „אַי דאס, וואס ער גייט ניט אין קלויסטער, הייסט דאס, אז ער ווייס אליין, וואוהין ער דארף גיין, ער האט אַן אייגענעם דין״. צוליב אָט אָ דעם טומל און פאַרפירונג וואס וואלט געקאנט פארקומען, פלעגט מען לאזן פאטער פעראַפאָנט צו רו. דעם סטארעץ זאָסימאַ, ווי דאס איז שוין אייך אלעמען געווען באוואוסט, האט פאטער פעראַפאָנט פיינט געהאט אַ גרויל; און אט האט אויך צו אים אין זיין קליין קעמערל דערגרייכט מיטאמאל די בשורה, „אז דער משפט פון גאָט איז, הייסט עס, ניט אזוי ווי פון די בשר ודמס, און אז ער האט אפילו מקדים געווען דעם סדר העולם״. משמעות, אז פון די ערשטע איז צו אים אוועקגעפלויגן איבערגעבן די ידיעה דער אָבדאָרסקער גאסט, וואס איז נעכטן געווען בא אים און איז אין

שרעק געכטן אָפּגעטראָטן פון אים. דערמאנט האב איך שוין אויך, אז פאטער פּאַאיסי וואס איז געשטאנען פעסט און ניט גערירט פון ארט און געלייענט ביים ארון, איז הגם, ער האט נישט געקאנט הערן און זען, וואס עס איז פארגעקומען מחוץ דעם קעמערל, האט ער אבער אין הארצן זיינעם דעם עיקר פון אלץ פארשטאנען אָן א טעות, ווארים ער האט געקענט די סביבה זיינע דורך־און־דורך. פארלאָרן ווידער איז ער ניט געווען, און האט געווארט אף אלץ, וואס עס האט נאך געקאנט פארקומען, אָן פחד, פאַרשנדיק מיט אדורכ־דרינגענדיקן בליק דעם קומענדיקן אויסגאנג פון דער אויפרעגונג, וואס האט זיך שוין פארגעשטעלט פאַר דעם טיפן קוק זיינעם. ווי פלוצלונג איז ער געפלעפט געווארן פון א ניט קיין געוויינלאכן רעש אין הויז, וואס האט שוין בולט גענומען שטערן דעם דרך ארץ. די טיר האט זיך די גאנצע געגעבן אַן עפן־אויף, און אפן שוועל האט זיך באוויזן פאטער פעראַפּאָנט. הינטער אים, ווי מ׳האט דאס געקאנט באמערקן, און דאס האט מען גאר אפילו געזען קלאָר פון קעמערל, האבן זיך אונטן ביים גאניקל צונויפגעשפארט פיל מאָנאַכן, וואס האבן אים באלייט, און צווישן זיי וועלטלאכע מענטשן אויך. די באלייטער זיינען פונדעסטוועגן ניט אריין, נאר, בלייבנדיק שטיין פון דרויסן, האבן זיי געווארט, וואס וועט ווייטער זאגן און טאָן, פאטער פעראפּאָנט, ווארים געשפירט האבן זיי, און אפילו מיט א געוויסן פחד, נישט קוקנדיק אף דער גאנצער חוצפה זייערער, אַז געקומען איז ער ניט אומזיסט. בלייבנדיק שטיין אפן שוועל, האט פאטער פעראַפּאָנט אויפגעהויבן די הענט, און פון אונטער דער רעכטער האנט זיינער האבן ארויסגעקוקט די שארפע און נייגעריקע אויגעלאך פון דעם אָבדאָרסקן גאסט, דער איינציקער, וואס האט זיך נישט איינגעהאלטן און איז גלייך הינטער פאטער פעראַפּאָנט ארויפגעלאפן אף די טרעפלאך צוליב דער זעער גרויסער נייגעריקייט זיינער. אקעגן זשע די אנדערע אויסער אים, איז, ווי נאר די טיר האט זיך מיט א רעש געגעבן אַן עפן־אויף, אזוי האָבן זיי זיך נאר אַ שפּאר געטאָן אַף צוריק פאַר א פלוצלונגדיקן פחד. אויפגעהויבן די הענט אינדערהויך, האט פאטער פעראַפּאָנט מיטאמאל געגעבן א ברייל:

— איך בין דיך מחרים, אשמדאי! — און האט תוך כדי דבור א קערטאָנדיק זיך צו אלע פיר זייטן כסדר, אנגעהויבן צלמן מיט דער האנט די ווענט און אלע פיר ווינקלען פונ׳ם קעמערל. די דאזיקע עבודה פון דעם פאטער פּעראַפּאָנט האבן גלייך משיג געווען די באלייטער זיינע; וואָרים געוואוסט האבן זיי, אז ער פלעגט תמיד אויך אזוי טאָן, וואוהין ער זאל ניט אריינגיין, און אז ער זעצט זיך ניט און זאגט קיין ווארט ניט, איידער ער טרייבט ניט ארויס די ניט-גוטע.

— אשמדאי גיי ארויס, אשמדאי גיי ארויס, — האט ער איבערגעחזרט מיט יעדן מאל צלמען, — איך בין דיך מחרים, אַשמדאַי! — האט ער א בריל געטאן פונדאָסניי. געווען איז ער אין זיין גראבער ריזע, אונטערגעגארטלט מיט א שטריק. פון אונטער דער דיקער לייווענטענער העמד האט ארויסגעקוקט די נאקעטע ברוסט זיינע, וואס איז געווען ארומגעוואקסן מיט גרויע האר. די פיס ווידער זיינען אינגאנצן געווען באָרוועס. ווי נאר ער האט אנגעהויבן צו ווארפן מיט די הענט, האבן זיך אנגעהויבן טרייסלען און געמומען קלינגען די שווערע קייטן, וואס ער האט געטראגן אונטער דער ריזע. פאטער פאַאיסי האט איבערגעריסן דאס לייענען, איז ארויסגעטראָטן פארויס און איז געבליבן שטיין לעבן אים אין א דערוואַרטונג.

— וואס ביזטו געקומען, הייליקער פאטער? וואס טוסטו שטערן דעם דרך ארץ? וואס טוסטו אומברענגען די עניוותדיקע שאָף?

— האט ער לסוף א זאג געטאן, קוקנדיק שטרענג אף אים.

— וואָס ביזטו געקומען? וואס איז דיין רצון? וואס איז דיין אמונה? — האט גענומען שרייען פאטער פעראַפּאָנט, זיך מאכנדיק ווי א צודרייטער, — איך בין געקומען צופליען ארויסצוטרייבן די היגע אורחים איירע, די שדים די ניט־גוטע. איך זע, מ׳האט זיי דא אסך אנגעזאמלט אָן מיר. מיט א בעזעם א בעראָזעוון וויל איך זיי ארויסקערן.

— ניט־גוטע טרייבסטו ארויס, און אליין, אפשר, דינסטו אים, — האט ניט פאָרכטנדיק מוסיף געווען פאָטער פאַאיסי, — און ווער קאן

דאס זאגן פון זיך: „הייליק בין איך”? צי ניט דו אפשר, פאטער?

— זינדיק בין איך, ניט הייליק. אויבנאָן וועל איך זיך ניט זעצן, און וועל ניט פארלאנגען מ׳זאל זיך בוקן פאר מיר, ווי פאר אן אפגאָט! — האט א ברייל געטאָן פאטער פעראַפּאָנט. — אַצונד פטרן מענטשן די הייליקע אמונה. ער, דער נפטר, דער צדיק אייער, — האט ער זיך א קער געטאָן צום עולם, באווייזנדיק מיטן אצבע אפן אָרון, — האט ניט געהאלטן פון שדים. פלעגט געבן סגולות פון שדים. האבן זיי זיך דאס פארמערט בא אייך, ווי שפינען אין די ווינקלען. און היינט האט פון אים אליין אנגעהויבן צו עיפּושן. דערין זעען מיר א גרויסע אזהרה פון דעם אויבערשטן.

און דאס האט זיך טאקע בפירוש איינמאל געטראפן בא פאָטער זאָסימאַס לעבן. איינעם פון די מאָנאכן האָבן זיך אָנגעהויבן חלומען, און שפעטער פאָרשטעלן זיך אויך אפן וואָר ניט־גוטע. בשעת ער האט אבער, אין דעם גרעסטן פחד, אנטפלעקט אָט אָ דאס פאַרן סטאַרעץ, האט ער אים געזאגט ער זאל כסדר תפילה טאָן און אפהיטן שטאַרק די תענותים. בשעת אבער דאס האט אויך ניט געהאלפן, האט ער אים געהייסן, ניט אויפהערנדיק אפצוהיטן דעם תענות און דאס תפילה טאָן, נעמען א רפואה. האבן וועגן דעם אַ סכען דעמאלט געטענהט און גערעדט צווישן זיך, שאָקלענדיק מיט די קעפּ — אבער מער פאר אלעמען פאָטער פעראַפּאָנט, וועמען אייניגע רכילות־טרייבער האבן געזען גלייך מודיע זיין וועגן דער דאזיקער „ניטגעוויינלאכער” עצה פון דעם סטאַרעץ אין אַזא אויסערגעוויינלאכן פאל.

— גיי אוועק, פאטער! — האט באפעלנדיק אנגערופן זיך פאָטער פּאַאיסי, — ניט קיין בשר ודם זיינען די ריכטער, נאר דער אויבערשטער. אפשר זעען מיר דא אזא „באווייזונג”, וואס ניט דו, ניט איך און קיינער ניט איז ניט ביכולת משיג צו זיין. גיי אוועק, פאָטער, און ברענג ניט אויף די שאָף! — האט ער איבערגעחזרט באַפעלנדיק.

— האט ניט אפגעהיט קיין תענותים, ווי ער האָט באדארפט אפהיטן אלס דער גרעסטער מאָנאך, דעריבער איז געקומען די דאזיקע באווייזונג. דאס איז קלאר און באהאלטן איז א זינד! — האט

זיך ניט באנומען דער פאנאטיקער, וואס האט זיך צולאזן מחמת דער ווילדקייט זיינער, ניט מחמת דעם שכל. — פלעגט נתפעל ווערן פון צוקערקעס, פריצטעס פלעגן דאס פאר אים ברענגען אין די קעשענעס, געווען א גרויסער ליבהאבער פון טיי, האט דעם בויך געבראכט קרבנות אָנפילנדיק אים מיט זיסקייטן, און דעם דעת מיט גדלותדיקע רעיונות... דעריבער האט ער גענדארפט אריבערטראגן די שאנד...

— לייכטפאַרטיק זיינען דיינע רייד, פּאָטער! — האט אויפגעהויבן העכער די שטים אויך פאטער פּאַאיסי, — די תענותים און די גרויסע מעשים דיינע באוואונדער איך, אבער לייכטפּאַרטיק זיינען די רייד דיינע, ווי דאס וואלט געזאָגט א בחור פון דער גרויסער וועלט, וואס איז נאך ניט קיין געשטעלטער און נאך יונג אין שכל. טאָ גיי אוועק, פּאָטער, איך בין דאס גוזר, — האט ביים סוף א דונער געטאן פּאָטער פּאַאיסיס שטים.

— אוודאי וועל איך אַוועק! — האט ארויסגערעדט פּאָטער פעראַפּאָנט, עפּעס אזוי ווי אביסל בטול ווערנדיק, אבער נישט פארלאזנדיק דעם כעס זיינעם, — איר מופלגים! פון גרויס חכמה זייט איר נתעלה געווארן איבער מיר דעם גארנישט. געקומען בין איך אהער כמעט אן עם הארץ, און וואס איך האב נאך געוואוסט, האב איך דא פארגעסן, גאט כביכול אליין האט מיך דעם קליינינקן אָפגעהיט פון דער גרויסער פּקחות אייערער...

פּאָטער פּאַאיסי איז געשטאנען לעבן אים און האט מיט א פעסטקייט געווארט. פּאָטער פעראַפּאָנט האט געשוויגן א ווײַלע און מיטאמאל, ווערנדיק שטארק באטריבט און צולייגנדיק די רעכטע האנט צום באַק, געגעבן א זאג מיט א נגינה, קוקנדיק אפן ארון פון דעם פאַרשטאָרבענעם סטאַרעץ:

— נאך אים וועט מען מארגן נעמען זינגען „העלפער און באשיצער“, — דעם גרויסן קאנאָן, און נאך מיר, אז איכ'ל פגרן, וועט מען זינגען סך הכל די פּאָר פסוקים: „ווי זיס איז די שעה“ — [1]

1) ביים ארויסטראגן דעם בר מינן (פון קעמערל אין קלויסטער אוןָ, נאָכן אָפּריכטן די תפילה, פון קלויסטער אפן בית עולם) פון א מאָנאַך און א סכימאָנאַך זינגט מען די פסוקים: „ווי זיס איז די שעה“... אויב אָבער דער נפטר איז געווען א היעראָסכימאָנאַך, זינגט מען דעם קאַנאָן: „העלפער און באַשיצער“...

האט ער ארויסגערעדט מיט טרערן און צער׃ — זיינען נתגדל און נתעלה געווארן׳ פוסט איז דער דאזיקער מקום! — האט ער א בריל געטאן פלוצים׳ ווי א חסר דעה׳ און׳ א מאכטאָנדיק מיט דער האנט׳ האט ער זיך האסטיק א קער געטאן און איז האסטיק אראָפּ דורך די טרעפלאך פון גאניקל אף אונטן׳ די מחנה׳ וואס האט געווארט אונטן׳ האט זיך א וואקל געטאָן; א טייל איז תיכף אוועק נאך אים׳ נאר אנדערע האבן נאך געמאכט שהיות׳ וואָרים דאס קעמערל איז נאך אלץ געווען אָפן׳ און פאָטער פּאַאיסי׳ וואָס איז ארויסגעגאנגען אפן גאניקל נאך פאָטער פעראַפּאָנט׳ האט שטייענדיק צוגעקוקט. אבער דער זקן׳ וואס האט גענומען ארבעטן׳ האט נאך ניט פארענדיקט אלץ; אָפּגייענדיקט אַ טריט צוואנציק׳ האט ער זיך מיטאמאל גע־געבן אַ קער צו דער זייט פון דער פארגייענדיקער זון׳ געגעבן א הייב־אויף ביידע הענט איבער זיך און׳ עפּעס ווי עמיצער וואלט אים אונטערגעהאקט׳ — אזוי האט ער זיך געגעבן א זעץ אָן דער ערד מיט א מוראדיקן אויסגעשריי:

— מיין גאט האט מנצח געווען! קריסטוס האט מנצח געווען די פארגייענדיקע זון! — האט ער ווילד אויסגעשריען׳ אויסשטרעקנ־דיק די הענט צו דער זון און׳ פאלנדיק מיטן פנים צו דער ערד׳ האט ער אנגעהויבן יאמערן אפן קול׳ ווי א קליין קינד׳ טרייסלענ־דיק זיך דער גאנצער פון די טרערן זיינע און אויסשפרייטנדיק די הענט אף דער ערד׳ דא האבן זיך שוין אלע געגעבן א ווארף צו אים׳ ס׳האבן זיך גענומען טראָגן אויסרופן׳ און א יאָמער פון די אנדע־רע ... עפּעס א מין עקסטאַז האט אלעמען באַהערשט.

— אט וואס הייליק הייסט! אָט ווער עס איז רעכטפארטיק! — האבן זיך געלאזט הערן קולות שוין אָן א מורא׳ — אָט ווער עס דארף זיין א סטאַרעץ׳ — האבן צוגעגעבן אנדערע שוין מיט כעס.

— ער וועט ניט ווערן קיין סטאַרעץ... וועט אליין ניט וועלן... ער וועט ניט דינען דעם פארשאלטענעם נייס... ער וועט ניט אנהייבן נאכמאכן זייערע שטותן — האבן די־שטעל אונטערגעכאפּט אנדערע שטימען׳ און צו וואס דאס וואלט אלץ דערגאנגען׳ איז זיך גאר שווער פארצושטעלן׳ נאר עס האט אין דער

זעלביקער ווײַלע גראַד אַ קלונג געטאָן דער גלאָק, רופנדיק צום דינסט. אַלע האָבן מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן צלמען. ס'האָט זיך אויך אויפגעהויבן פאָטער פּעראַפּאָנט און, געבענדיק אַ לייג אָפּ זיך אַ צלם, איז ער אַוועק צו זײַן קעמערל ניט אַרומקוקנדיק זיך, און האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אויסרופן, אָבער שוין לחלוטין עפּעס אָן אַ זין. נאָך אים האָבן זיך געהאַט געלאָזן נאָר אייניגע ווייניק אין צאָל, דער רוב אָבער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוגיין זיך, אײַלנדיק זיך צום דינסט. פאָטער פּאַאיסי האָט איבערגעגעבן דאָס לייענען דעם פאָטער יאָסיף און איז אַראָפּ אַף־אונטן. פון די ווילדע קולות פון די פאַנאַטיקער האָט ער זיך ניט געקאָנט אַ וואַקל טאָן, אָבער דאָס האַרץ זײַנע איז פּלוצים געוואָרן פאַרטרויערט און באַטריבט פון עפּעס גאָר אַ באַזונדער זאַך, און ער האָט דערשפּירט אָט־אָ דאָס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיטאַמאָל געגעבן אַ פרעג זיך גופא: "פון וואָס קומט אָט די דאָזיקע באַטריבטקײַט מײַנע, וואָס איז אפילו ביז צום אָפּהענטיק ווערן?" און מיט פאַרוואונדערונג האָט ער משיג געווען די שטעל, אַז די פּלוצלונגדיקע באַטריבטקייט זײַנע קומט פאָר, אַפּנים, פון דער סאַמער קלענסטער און אייגנאַרטיקער סיבה: די זאַך איז אין דעם, וואָס צווישן דעם עולם, וואָס האָט זיך געשפּאַרט אָט־ערשט בײַם אַרײַנגאַנג אין קעמערל, האָט ער דערזען צווישן די אַנדערע אויפגערעגטע אַליאָשען אויך, און דערמאָנט האָט ער זיך, אַז דערזעענדיק אים, האָט ער דעמאָלט גלײַך דערשפּירט אין דעם האַרצן זײַנעם ווי אַ מין ווייטאָק. "אָבער נישיים־זע באַטײַט אַצונד אָט דער דאָזיקער בחור אַזוי פיל פאַר דעם האַרץ מײַנעם?" האָט ער מיט פאַרוואונדערונג זיך געגעבן מיטאַמאָל אַ פרעג. אין דער זעלביקער ווײַלע איז אַליאָשאַ גראַד פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ אים, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך ערגעץ־וואו געאײַלט, אָבער ניט צו דער זײַט פון קלויסטער־צוי. די בליקן זייערע האָבן זיך געטראָפן. אַליאָשאַ האָט געשווינט אָפּגעקערט זײַנע אויגן און אַראָפּגעלאָזן זיי צו דער ערד, און שוין בלויז נאָכן פּנים אַליין פון'ם בחור האָט פאָטער פּאַאיסי פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסע ענדערונג עס קומט פאָר אין אים אין דער דאָזיקער רגע.

— ביזטו דען אויך פאַרפירט? — האט פלוצים אויסגערופן פאָטער פאַאיסי, — אדער נישיים זע ביזטו אויך מיט אט די ניט־גלויביקע! — האט ער מוסיף געווען מיט צער.

אַליאָשאַ האט זיך אפגעשטעלט און עפעס אומבאשטימט א קוק געטאן אַף פאָטער פאַאיסי, האט אבער פונדאסניי געשווינט אפגעקערט די אויגן, פונדאסניי אראפגעלאזן זיי צו דער ערד. געשטאנען ווידער איז ער מיטן רוקן און זיך ניט א קער געטאן מיטן פנים צו דעם, וואס האט געפרעגט. פאָטער פאַאיסי האָט געקוקט אַף אים אויפמערקזאם.

— וואוהין זשע איילסטו? מ׳רופט צו דער תפילה, — האט ער ווידער געזאָגט, אבער אַליאָשאַ האט ווידער קיין ענטפער נישט געגעבן.

— אדער גייסטו דען אַוועק פון סקיט? ווי־זשע אבער, ניט געפרעגטערהייט און ניט בענטשנדיק זיך?

אַליאָשאַ האט מיטאמאל קרום א שמייכל געטאן, מאָדנע, זייער מאָדנע אַרויפגעווארפן אף דעם פרעגנדיקן פאָטער זיינע בליקן, אַף אָט־אָ דעם, וועמען עס האט אים איבערגעגעבן, בשעת דער פטירה, דער געוועזענער רבי זיינער, דער געוועזענער מושל פון זיין הארץ און זיין פאַרשטאַנד, דער געליבטער סטאַרעץ זיינער, און האט מיטאַמאָל, אַלץ ווי פריער, אָן אַן ענטפער, אַ מאַך געטאן מיט דער האַנט, אַזוי ווי ניט קימערנדיק זיך אפילו וועגן דרך ארץ, און איז מיט האַסטיקע טריט אַוועק צום טויער פון סקיט.

— וועסט נאך קומען צוריק! — האט א לוספער געטאן פאָטער פאַאיסי, נאכקוקנדיק נאך אים מיט א פאַרוואונדערונג.

## II

## אַ מאָמענט אַזאַ

פאָטער פאַאיסי האט, אוודאי, נישט טועה געווען זיך, זאגנדיק, אַז זיין „ליב אינגעלע” וועט קומען ווידער צוריק, און, עס קאן זיין, אז ער האט אפילו (אויב ניט אינגאַנצן, איז פאָרט אבער דורכגעגומענערהייט) אַריינגעדרונגען אין דעם אמתן תוך פון דעם אינער־

לאכן צושטאַנד אַליאָשעס. און דאך, כ׳בין אָפן מודה, אז פאר מיר גופא וואלט זעער שווער געווען אַצונד איבערצוגעבן קלאר דעם אמתן תוך פון דער דאזיקער מאָדנער און אומבאשטימטער רגע אין דעם לעבן פון דעם מיר אזוי ליב געקראגענעם און דעם נאך אזוי יונגן העלד פון מיין דערציילונג. אַף פאָטער פּאַאיסיס טרויערנדיקער פראַגע, וואס איז געשטעלט געווארן אַליאָשען: „אָדער נישיים זע ביזטו אויך מיט אָט די ניט־גלויביקע?״ — וואלט איך, אוודאי, געקאנט מיט א זיכערקייט ענטפערן פאר אַליאָשען: „ניין, ער איז ניט מיט די ניט־גלויביקע״. אדרבה, דא איז געווען אפילו אינ־גאנצן דער היפך: די גאנצע פארלארנקייט זיינע איז פארגעקומען דווקא דערפון, ווייל ער האט פיל געגלויבט. אבער א פארלארנקייט איז פארט געווען, פארט פארגעקומען און ס׳איז געווען אזוי פיינלאך, אז אפילו שפעטער, אין א לאנגער צייט ארום, האט אליאשא געהאלטן דעם דאזיקן טרויערדיקן טאג פאר איינעם פון די סאמע שווערסטע און גורל־שווערע פון זיין לעבן. אויב אבער מ׳וועט פרעגן: „נישיים זע האט אט דער דאזיקער גאנצער צער און די אויפרעגונג געקאנט פארקומען אין אים נאר דעריבער, וואס דער גוף פון זיין סטארעץ האט אנשטאט אנהייבן תיכף געגעזען צו מאכן, אנגעהויבן, גאר פארקערט, פרי צו גליען״, — וועל איך ענטפערן אף דעם גאנץ פשוט: „יא, ס׳איז בפירוש געווען אזוי״. כ׳וואלט נאר געבעטן דעם לעזער ניט צו איילן זיך נאך זעער שטארק צו לאכן פון דעם ריינעם הארץ פון מיין בחורל. ווידער איך אליין, האב נישט נאר ניט בדעה צו בעטן מחילה פאר אים אדער צו אנטשולדיקן און צו פארענטפערן דעם תמימותדיקן גלויבן זיינעם מיט זיינע יונגע יארן, למשל, אדער מיט דער קליינער פעולה פון די וויסנשאפטן, וואס ער איז פריער אדורך, א. א. וו. א. א. וו., נאר איך וועל זיך אפילו באגיין פונקט פארקערט און איך וועל פעסט דערקלערן, אז איך שפיר א טיפע אכטונג צו דער נאטור פון זיין הארץ. בלתי ספק, וואלט אן אנדער בחורל, וואס נעמט־אויף טיפע איינדרוקן פארזיכטיק, וואס קאן שוין ליב האבן נישט הייס, נאר מער ניט ווארעם, כאטש אפילו מיט א ריכטיקן פארשטאנד, אבער, לויט די יארן נאך, שוין א צו־קלארן (און דעריבער

א וואלוועלן), אזא בחורל, זאג איך, וואלט אויסגעמיטן דאס, וואס ס'האט זיך געטראפן מיט אליאשען, נאר אפטמאל, כ'לעבן, איז מער כבוד צו ווערן פון עפעס אוועקגעריסן, כאטש אפילו פון ניט קיין שכלדיקער זאך, נאר וואס קומט פארט ארויס פון גרויסער ליבשאפט, איידער אינגאנצן נישט ווערן ארייגעריסן. היינט ווער רעדט נאך אין דער יוגנט אוודאי און אוודאי, ווארים ניט קיין גרויסער בעל מעלה איז שוין א צו־שטארק אויסגערעכנטער בחורל און ער איז וואלוול אין מקח—אט דאס איז מיין מיינונג! „אבער,—ווען דא, א סברה, אויסרופן קלוגע לייט, — עס קאן דאך ניט יעדער בחורל גלויבן אין אזא פארורטייל און אייערער איז ניט קיין באווייז פאר קיין אנדערע". אף דעם וועל איך ענטפערן ווידער־אמאל: „יא, מיין בחורל האט געגלויבט, געגלויבט הייליק און גאנץ, נאר פונדעסטוועגן בעט איך ניט קיין אנטשולדיקונג פאר אים.

איך פארשטייט: כאטש אפילו כ'האב אויבן מודיע געווען (און, עס קאן זיין, שוין צו האסטיק), אז געבן דערקלערונגען, בעטן אנטשולדיקונגען און פארענטפערן דעם העלד מיינעם וועל איך ניט, זע איך אבער, אז עפעס מוז מען יע קלערער מאכן, כדי ווייטער צו פארשטיין די דערציילונג. אט וואס כ'וועל זאגן: ניט קיין נסים זיינען דא. נישט לייכטזיניק אין דער אומגעדולדיקייט איז דא געווען דאס ווארטן אף נסים. און נישט צוליב א טריאומף פון וועלכע עס איז איבערצייגונגען האט אליאשא דעמאלט געדארפט האבן נסים (דאס אוודאי און אוודאי ניט), נישט צוליב עפעס א פריערדיקער אידעע, א פארויס באשטימטער, וואס זאל גלייך טריאומפירן איבער אן אנדערער, — א, ניין, לחלוטין ניין: אין דעם אלעמען איז דא, און קודם כל אפן ערשטן ארט, געשטאנען פאר אים א פערזאן, און נאר א פערזאן — די פערזאן פון דעם אים געליבטן סטארעץ זיינעם, די פערזאן פון אט יענעם הייליקן, וועמען ער האט געאכפערט ביז אזא פארגעטערונג. אט דאס איז עס טאקע, וואס די גאנצע ליבע, וואס איז געווען פארבארגן אין דעם יונגן און ריינעם הארצן זיינעם צו „אלעמען און צו אלץ", האט אין יענער צייט און אין דעם גאַנצן פאַרגאנגענעם יאָר פאר דעם,

אזוי ווי צייטנווײַז די גאנצע קאָנצענטרירט זיך, און ס׳קאָן זײַן
אפילו נישט ריכטיק, דער עיקר אף איין ווען, ווייניקסטנס אין
די שטאַרקסטע דראנגען פון זיין הארץ — אף דעם געליבטן
סטאַרעץ זיינעם, אצונד שוין דעם נפטר, אמת, דאס דאזיקע וועזן
איז אזוי לאנג געשטאנען פֿאר אים אלס זיכערער אידעאל, אז
די גאנצע יונגע כּוחות זיינע און דער גאַנצער שטרעבן זייערער
האָבן שוין גאָר ניט געקאָנט ניט איבערצוגעבן זיך דעם דאזיקן אי־
דעאל אליין, און ווײַלע־ווײַז ביז צום פארגעסן זיך אפילו אף
„אלעמען און אלץ“. (ער האָט דערמאָנט שפּעטער אליין, אז אין
דעם שווערן טאָג אָט־אָ דעם האָט ער פֿארגעסן אינגאנצן אָן דעם
ברודער דמיטרי, וועגן וועמען ער האָט אזוי געזאָרגט און איז געווען
פֿאראומערט מיט א נאַכט צוריק; האָט אויך פֿאַרגעסן אַוועקטראגן
אילושעטשקעס טאַטן די צוויי הונדערט רובל, וואָס ער האָט מיט אַזאַ
ברען געהאַט בדעה צו טאָן אויך אינ׳ם זעלביקן אף־דער־נאכט).
נאָר ווייטער דאס אייגענע, ניט קיין נסים האָט ער געדאַרפט, נאָר „גרע־
סערע גערעכטיקייט“, וואס עס איז לויט זיין גלויבן, אנגערירט געווען
און פון וואס עס איז אַזוי גרויזאַם און פלוצלונג פארלעצט געווארן
דאס הארץ זיינע. און וואס איז, אויב אָט די דאזיקע „גערעכטיקייט“
האט אין אליאשעס דערוואַרטונגען, אפילו פון דעם גאַנג פון דער
זאך אליין, אָנגענומען א פורים פון נסים, אף וועלכע ער האָט תּיכּף
געווארט פון דעם גוף פון זיין געוועזענעם בעל־מדריך, וועלכן
ער האָט אזוי פֿאַרגעטערט? האָבן דאָך אבער אַזוי געטראַכט
און געוואַרט אויך אלע אין מאָנאַסטיר, אָט די אפילו, פאר וועמעס
שכל אליאָשאַ האָט זיך געבוקט, פּאָטער פּאַאיסי, למשל, אליין
און אָט האָט אליאָשא, ניט אויפרעגנדיק זיך מיט קיין שום ספקות,
איינגעהילט אויך זיינע מחשבות אין דעם דאָזיקן פורים, אין וועלכן
אלע האָבן איינגעהילט. ס׳האָט זיך שוין גאָר גלאַט פון לאנג אזוי
אויפגעבויט אין דעם האַרץ זיינעם, פון זיין גאנצן יאָר לעבן אין
מאָנאַסטיר, און דאָס האַרץ זײַנע איז שוין גאָר געוואוינט געוואָרן צו
וואַרטן אזוי. אָבער נאָך גערעכטיקייט האט ער געלעכצט, נאך גע־
רעכטיקייט און ניט נאָר בלויז נאך נסים! און אָט האָט אָט־אָ דער,

וואס וואלט געדאַרפט, לויטן בטחון זײַנעם, נתעלה ווערן העכער פאַר אַלעמען אױף דער גאנצער וועלט, — איז אָט־אָ דער זעלביקער, אָנשטאָט דעם רום, וואס איז ראוי פאַר אים, פלוצים מביש געוואָרן און אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן! פאַר וואָס? ווער האָט געמשפּט? ווער האָט געקאָנט אַזוי משפּטן — אָט דאס זײַנען די פראַגן, וואָס האָבן גלײַך אויסגעמאטערט דאָס נישט־באַהאַוונטע און אומשולדיקע האַרץ זײַנע, נישט געקאָנט האָט ער אַריבערטראָגן אָן קיין באַליידיקונג, אָן קיין אינוויײַניקסטער אויפרייצונג אפילו, אַז דער רעכטפאַרטיקסטער פון די רעכטפאַרטיקע איז איבערגעבען געוואָרן אױף אַזאַ פאַרביסענעם און אומווערדיקן שפּאָט פון אַזאַ לײַכטזיניקן המון, וואס שטייט אױף אזוי פיל נידעריקער פאַר אים. נו, עס וואָלט נאך געקאָנט אפילו אײַנגאַנצן קיין נסים ניט זײַן, עס וואָלט געקאָנט גאָרנישט ניט געשען פון נסים און נישט מקוים ווערן דאס, אױף וואָס מ׳האָט געוואַרט עס זאָל תיכּף מקוים ווערן, — פאַרוואָס אָבער איז געשען די פאַרשוועכונג, פאַרוואָס האָט זיך ארויפגעטאָן די שאַנד, פאַרוואס אָט דער בחפזונדיקער גליען, וואָס האָט „מקדים געווען דעם סדר העולם", ווי עס האָבן גערעדט די מאָנאַכן די אָפּשפּעטער? פאַרוואָס די דאָזיקע „אָנווײַזונג", ווי זיי דרינגען איצט מיט אַזאַ טריאומף מיט פאָטער פעראַפּאָנט, און פאַרוואָס גלויבן זיי, אַז זיי האָבן אפילו באַקומען דאָס רעכט אױף צו דרינגען אזוי? וואו זשע איז די השגחה און דער אצבע אלקים? פאַרוואָס האָט ער פאַרבאָרגן דעם אצבע זײַנעם „אין דער סאַמער נויטיקער רגע" (האָט געטראַכט אַליאָשאַ) און האָט ווי אליין געוואָלט אונטערוואַרפן זיך אונטער די בלינדע, שטומע, אומבארחמנותדיקע געזעצן פון דער נאַטור.

אָט פון וואס עס האָט גענאָגט מיט בלוט דאס האַרץ אליאָשעס, און אוודאי און אוודאי. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דא געשטאַנען קודם כּל די פּערזאָן, די פון אים ליב געקראָגענע מער פון אלץ אױף דער וועלט און זי איז דאס „מביש געוואָרן", זי איז דאס „פאַרשוועכט געוואָרן!" זאָל זיך זײַן, אַז די דאָזיקע ווידערשפּעניקייט פון דעם בחורל מײַנעם איז געווען לײַכטזיניק און ניט איבערגעלייגט, אבער ווידער דאָס אײגענע, איך חזר איבער צום דריטן מאָל (און איך בין

מסכּים פּאָרויס, אַז דאָס איז, אפשר, אויך מיט לייכטזיניקייט): איך בין צופרידן, וואָס מיין בחורל האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר ניט קיין בעל שכל אין אַזאַ מינוט, וואָרים פאַרן שכל וועט תּמיד קומען די צייט באַ א מענטשן ניט קיין נאַרישן, נאר אויב אפילו אין אזאַ אויסערגעוויינלאַכער מינוט וועט זיך ניט אַרויסווייזן קיין ליבע אינ׳ם האַרץ פון א בחורל, טאָ ווען זשע וועט זי קומען? איך וויל, אגב, ניט פאַרשווייגן, באַ דער דאָזיקער געלעגנהייט אויך וועגן א געוויסער מאָדנער ערשיינונג, וואָס האָט, כאָטש אפילו אף א רגע, אָבער אלץ פונדעסטוועגן זיך אַרויסגעוויזן אין זיין רעיון אין דער דאָזיקער גורל־שווערער און מטושטשדיקער מינוט פאַר אליאָשען. אָט דער דאזיקער זיך אַנטפּלעקטער און אויפגעבליצטער ע פּ ע ס איז באַשטאַנען אין א געוויסן מאַטערנדיקן איינדרוק פון אליאָשעס איצטיקן אָן אַן אויפהער דערמאָנען זיך אָן דעם נעכטיקן שמועס זיינעם מיט דעם ברודער איוואַנען, גראָד אָט איצט. אָ, ניט וואָס מ׳זאָל זאָגן, אַז עס זאָל זיך האָבן עפּעס אַ וואַקל געטאָן אין דער נשמה זיינער פון איר, אַזוי צו זאָגן, פונדאמענטאַלן און סטיכישן גלויבן. דעם גאָט זיינעם האָט ער ליב געהאַט און געגלויבט אין אים פעסט, כאָטש אפילו ער האָט זיך געשטעלט פּלוצלונג אַנטקעגן אים. אָבער פאָרט עפּעס אַזאַ נעפּלדיקער נאָר א מאַטערנדיקער און שלעכטער איינדרוק פון דעם דערמאָנען זיך אָן דעם נעכטיקן שמועס מיטן ברודער איוואַנען האָט זיך איצט פונדאָסניי אַ ריר געטאָן אין דער נשמה זיינער, און אַלץ מער און מער געבעטן זיך אַרויסצוגיין אף אויבן. אַז עס האָט שוין אָנגעהויבן גוט פינצטער צו ווערן, האָט ראַקיטין, וואָס איז געגאַנגען דורכן סאָסנע־וועלדל פון סקיט צום מאָנאַסטיר, פּלוצים באַמערקט אַליאָשען, וואָס איז געלעגן אונטער אַ בוים מיטן פּנים צו דער ערד, אומבאַוועגטערהייט און אַזוי ווי געשלאָפן. ער איז צוגעגאַנגען און אַ רוף געטאָן:

— דו ביזט דאָס, אַלעקסיי? נישיים זע אָבער ... — האָט ער געהאַט אָנגערופן זיך אַ פאַרוואונדערטער, נאָר, נישט פאַרענ־דיקנדיק אָפּגעהאַלטן זיך, ער האָט געוואָלט זאָגן: „נישיים זע אָבער ביזטו דערגאַנגען דערצו?” אַליאָשאַ האָט נישט

אַ קוק געטאָן אויף אים, אָבער נאָך אַ געוויסער באַוועגונג זײַנער האָט ראַקיטין גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז ער הערט אים און פֿאַרשטייט.

— וואָס איז דאָס מיט דיר? — האָט ער ווידער געהאַלטן אין איין וואונדערן זיך, נאָר דער וואונדער האָט שוין אָנגעהויבן פֿאַרביטן ווערן אויף דעם פּנים זײַנעם מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט אָנגענומען אַלץ מער און מער אַן אָפּלאַכנדיקן אויסדרוק.

— הער זיך אײַן, איך זוך דאָך דיך שוין מער ווי פֿון צוויי שעה. דו ביזט מיטאַמאָל נעלם געוואָרן פֿון דאָרטן. וואָס טוסטו דאָ אָבער? וואָס מאַכסטו דאָס פֿאַר א צדקניותדיקע נאַרישקייטן? גיב כאָטש אַ קוק אויף מיר . . .

אַליאָשאַ האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, זיך געזעצט און צוגעשפּאַרט זיך מיטן רוקן אָן בוים. ער האָט נישט געוויינט, נאָר דאָס פּנים זײַנס האָט אויסגעדריקט לײַדן, און אין דעם בליק האָט מען געזען אויפֿרעגונג. געקוקט האָט ער איבעריקנס נישט אויף ראַקיטינען, נאָר ערגעץ־וואו אָן אַ זײַט.

— דו ווייסט, דו האָסט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן אין פּנים. גאָר קיין סימן ניט פֿון דײַן פֿריערדיקער באַרימטער צאַרטקייט. געוואָרן אין כּעס אויף עמיצן, וואָס? מ׳האָט באַליידיקט?

— לאָז מיך! — האָט ארויסגערעדט מיטאַמאָל אַליאָשאַ, אַלץ ווי פֿריער נישט קוקנדיק אויף אים און מיד אַ מאַכטאָנדיק מיט דער האַנט.

— אָהאָ, אָט ווי מיר זײַנען! גאָר ווי אַלע אַנדערע בשר ודמס אָנגעהויבן אונטערצושרײַען. דאָס זײַנען די מלאָכים, הייסט עס! נו, אַליאָשקאַ, האָסט מיך פֿאַרוואונדערט, ווייסטו דאָס, איך זאָג באמת. שוין לאַנג, ווי איך האָב זיך דאָ פֿון קיין זאַך נישט געוואונדערט איך האָב דאָך דיך תּמיד געהאַלטן פֿאַר אַ געבילדעטן מענטשן . . .

אַליאָשאַ האָט ענדלאַך אַ קוק געטאָן אויף אים, נאָר עפּעס צעשטרויט, אַזוי ווי ער וואָלט אים נאָך אַלץ ווייניק פֿאַרשטאַנען.

— נישיים זע אָבער איז דאס נאָר דערפֿון, וואָס פֿון דײַן אלטן האָט אָנגעהויבן עיפּושן? נישיים זע אָבער האָסטו דאס טאַקע ערנסט געגלויבט, אַז ער וועט אָנהייבן ווײַזן נסים? — האָט אויסגערופֿן

ראַקיטין, ווידער איבערגייענדיק אין אַ סאַמער אויפריכטיקסטער פאַרוואונדערונג.

— איך האָב געגלויבט, איך גלויב און איך וויל גלויבן, און איך וועל גלויבן, נו, וואָס ווילסטו נאָך! — האָט אויפגערייצטערהייט אויסגעשריען אַליאָשאַ.

— קיין זאַך ניט, ליבינקער. פוי, צום טייוול, דאָס וועט דאָך אָבער אַ דרייצניאָריקער שול־ייִנגל איצטער ניט גלויבן, נאָר איבע־ריקנס ס'אַ דאגה ... ביזטו דאָס, הייסט עס, אין כּעס געוואָרן איצטער אף דעם גאָט דיינעם, געגומען בונטעווען: מ'האָט הייסט עס, ניט אָפּגעגעבן קיין כּבוד, נישט געגעבן צום יום טוב קיין אָרדן! עך, איר!

אַליאָשאַ האָט לאַנג און עפּעס־ווי צוגעדריקט דעם אויג א קוק געטאָן אף ראַקיטינען און אין די אויגן זיינע האָט עפּעס־וואָס פלוצים אַ פינקל געטאָן ... אָבער נישט קיין כּעס אף ראַקיטינען.

— אַנטקעגן דעם גאָט מיינעם בונטעוועו איך ניט, „איך נעם נאָר ניט אָן די וועלט זיינע" — האָט קרום א שמייכל געטאָן מיטאַמאָל אַליאָשאַ.

— וואָס הייסט, דו נעמסט ניט אָן די וועלט? — האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן אף זיין תּשובה ראַקיטין. — וואָס פאַר א שטות? אַליאָשאַ האָט נישט געענטפערט.

— נו, זיין שוין געגוג וועגן נאַרישקייטן, איצטער צו דער זאַך: האָסט געגעסן היינט?

— איך געדיינק נישט ... געגעסן, דאַכט זיך.

— דו דארפסט זיך אַביסל אונטערלעגען, משפּטנדיק נאָך דיין פּנים נאָך. עס נעמט דאָך אָן א צער קוקנדיק אף דיר. האָסט דאָך אַ נאַכט ניט געשלאָפן אויך, איך האָב געהערט, אז בײַ אייך איז דאָרטן געווען אַן אסיפה. היינט דערנאָך אָט די גאַנצע פאַר־שלעפעניש און די חתונה ... האָסט מסתּמא געהאַט אין מויל נאָר אַ שטיקל אַנטידאָראָן. איך האָב דאָ בײַ זיך אין קעשענע וואורסט, כ'האָב פריער מיטגענומען פון שטאָט אף יעדן פאַל גייענדיק אַהער, אָבער דו וועסט דאָך קיין וואורסט ניט עסן ...

— גיבּ וואורסט.

— אַהאַ! איז אָט וואו דו האַלסט! הייסט דאָך דאָס שוין אײנגאַנצן א מרידה, באַריקאַדן! נו, ברודער, דעם דאָזיקן ענין איז נישטאָ וואָס אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. קום אַריין צו מיר . . . איך וואָלט איצט אַליין געוועזן אַ בעלן אף א ביסעלע בראַנפן, כ'בּין פאַרמאַטערט צום טויט. אף א ביסל בראַנפן, מיין איך, וועסטו זיך נאָך ניט לאָזן . . . אָדער דו וועסט טרינקען?

— גיבּ בראַנפן אויך.

— אַזוי גאָר! פיין, ברודער! — האָט ווילד א קוק געטאָן ראַקיטין. — נו יאָ, אַזוי צי אזוי, בראַנפן צי וואורסט, אָבער די זאַך איז א העלדישע, א פיינע און דורכלאָזן טאָר מען ניט, קום!

אַליאָשאַ האָט שווייגנדיק אויפגעהויבּן זיך פון דער ערד און איז אַוועק נאָך ראַקיטינען.

— ווען עס וואָלט דאס געזען דער בּרודער וואַניטשקאַ, אָט וואָלט ער דאָס נשתּומם געוואָרן! אגבֿ, דער ברודערל דיינער איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז היינט אינדערפרי אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווייסטו דאָס?

— איך ווייס, — האָט קאַלטבּלוטיק אָנגערופן זיך אַליאָשאַ און ס'האָט מיטאמאָל אַ בּליץ געטאָן בּאַ אים אין רעיון די געשטאַלט פון דעם בּרודער דמיטרי, אָבער מער ניט ווי אַ בּליץ געטאָן, און הגם דערמאָנט אָן עפּעס אַ זאַך אַן איילנדיקע, וואָס מ'קאָן שוין ניט אָפּלייגן אף קיין רגע, עפּעס א חוב, א פליכט אַ מוראדיקע, אַבער אויך אָט דער דאָזיקער דערמאָנען זיך האָט נישט געמאַכט אף אים קיין שום איינדרוק, נישט דערגרייכט דאס האַרץ זיינע, און די שטעל אַרויסגעפלויגן פון זכּרון און איז פאַרגעסן געוואָרן. אבער אַ לאַנגע צייט נאָך דעם פלעגט זיך אַליאָשאַ דערמאָנען אָן דאָס.

— דער בּרודערל דיינער וואַניטשקאַ האָט אַנוסטן אָנגעטאָן דעם כּבוד צו זאָגן וועגן מיר, אַז איך בּין אַ „ליבּעראַלער זעקל אָן אַ טאַלאַנט“, און דו האָסט זיך עפּעס אויך איין מאָל נישט איינגעהאַלטן און געגעבּן מיר צו פאַרשטיין, אַז איך בּין „נישט אָרנטלאַך“ . . . ס'אַ דאגה! איך וועל מיר איצט זען אייערע טאַ-

לאַנטן און אייער אָרנטלאַכקייט (האָט ראַקיטין פאַרענדיקט אָט־אָ דאס שוין פאַר זיך, שעפּטשענדיק). פוי, הער אויס! — האָט ער אָנגעהויבן רעדן פונדאָסניי אפן קול, — לאָמיר אויסמיידן דעם מאָנאַסטיר און גיין דורכן סטעזשקע גלייך אין שטאָט אריין . . . המ! איך וואָלט אַגב געדאַרפט אריין צו כאָכלאַקאָוועו. שטעל זיך פאָר: איך האָב איר אנגעשריבן וועגן אלצדינג, וואָס עס איז געשען, און, מאָל דיר, זי ענטפערט מיר די רגע אַ צעטעלע, געשריבן מיט אַ בלייפעדער (אַ שרעק, ווי די דאָזיקע דאַמע האָט ליב צו שרייבן צעטעלאַך), אז „זי האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט פון אַזאַ געאַכפּערטן סטאַרעץ, ווי פאָטער זאָסימאַ — אזא אַקט!" טאַקע מיט אָט די ווערטער: „אַן אַקט!" זי איז דאָך אויך אין כּעס געוואָרן; עך, איר אַלע! וואַרט! — האָט ער פּלוצלונג ווידער אויסגערופן, איז געבליבן מיטאַמאָל שטיין און צוהאַלטנדיק אליאָשען פארן אקסל אָפּגעשטעלט אים אויך:

— ווייסט, אַליאָשקאַ, — האָט ער פאָרשנדיק געקוקט אים אין די אויגן, אינגאַנצן אונטער דעם איינדרוק פון דעם פּלוצלונגדיקן נייעם געדאַנק, וואָס האט אים מיטאמאל באשטראַלט, און כאָטש אפילו ער האָט געלאַכט אויסערלאַך, האָט ער אָבער קענטיק מורא געהאַט אַרויסצורעדן אינדערהויך אָט דעם נייעם פּלוצלונגדיקן געדאַנק זיינעם, אף אזוי פיל האָט ער נאָך אלץ נישט געקאָנט גלויבן אָט די פאר אים וואונדערלאַכע און בשום אופן אומגעריכטע שטימונג, אין וועלכער ער האָט געזען איצטער אליאָשען, — אַליאָשקאַ, דו ווייסט, וואוהין מיר וואָלטן איצט בעסער ווי אומעטום געדאַרפט גיין? — האָט ער ענדלאַך ארויסגערעדט ציטערנדיק און זייענדיק גרייט אף אלץ.

— אלץ איינס . . . וואוהין דו ווילסט.

— קום צו גרושענקען, האַ? וועסט גיין? — האָט ראַקיטין, דער גאַנצער צאַפּלענדיק זיך אפילו פון ציטערדיקן וואַרטן, ענדלאַך אַ זאָג געטאָן.

— קום צו גרושענקען, — האָט רואיק און די שטעל געענטפערט אַליאָשאַ, און דאָס איז שוין געווען אף אַזוי פיל אומגעריכט פאַר ראַקיטינען, אז ער האָט שיר נישט געגעבן אַ שפּרונג אף צוריק.

— נ־נו! . . . אזוי! — האָט ער געהאַט אויסגעשריען גע־פלעפט, נאָר האט מיטאמאל, אַ כאפטאָנדיק אַליאָשען פּעסט אונטערן אָרעם, האַסטיק אַוועקגעשלעפּט אים דורכן סטעזשקע, נאָך אלץ אין מורא־דיקן שרעק, אז באַ אַליאָשען קאָן בטול ווערן זיין אנטשלוס, זיי זייגען געגאנגען שווייגנדיקערהייט, ראַקיטין האָט אפילו מורא געהאַט אנהייבן צו רעדן.

— אט וועט זי זיך דאס פרייען, אָט וועט זי זיך פרייען . . . — האט ער געהאט א מורמל געטאן, איז אָבער ווידער אנטשוויגן גע־וואָרן. און גלאַט, גארניט צוליב גרושענקעס פרייד האָט ער געשלעפּט צו איר אַליאָשען; געווען איז ער א מענטש אן ערנסטער און אָן א ציל, וואָס זאָל לוינען פאר אים, האט ער זיך פאר קיין זאַך ניט גענומען, א ציל ווידער האָט ער איצט געהאט א טאָפּלטן, ערשטנס, נקמה נעמען, דאס הייסט זען „די שאנד פון דעם רעכטפארטיקן" און אפשר אליאָשעס „געשטרויכלט ווערן", „פון א צדיק צו א רשע" פון וואס ער האט שוין א פריער זיך געקוויקט, און צווייטנס, האט ער דא אויך געהאט אין אויסזיכט א געוויסן מאטעריעלן ציל, וואָס האט פאר אים שטארק געלוינט, און וועגן וועלכן עס וועט זיין גערעדט אונטן.

„הייסט עס, א מאמענט אזא איז געקומען" האט ער געטראכט ביי־זיך מיט פרייד און מיט רשעות, „וועלן מיר אים א נעם טאָן, הייסט עס, פארן קאַרק, אָט דעם דאזיקן מאמענט, ווארים ער פּאסט פּאר אונז גאָר אן אַנטיק".

## III

### דאס ציבלקע

גרושענקא האט געוואוינט אין דעם סאמן לעבעדיקסטן טייל פון שטאט, לעבן דעם קאטעדראל־פּלאץ, אינ'ם הויז פון דער אלמנה מאראזאווא, א סוחרס א פרוי, בא וועמען זי האט געדונגען אפן הויף א נישט קיין גרויס הילצערנעם פליגל. א קעגן זשע די שטוב

מאראזאוואס איז געווען א גרויסע, א מויערנע, א צווייגארנדיקע, אן אלטע און נישט קיין פיינע אפן אויסזען; געוואוינט האט אין איר אפגעזונדערט די באלעבאסטע אליין, אן אלטע פרוי, מיט אירע צוויי פלימעניצעס, מיידלאך שוין אויך אין היפשע יארן. פארדינגען איר פליגל אפן הויף האט זי זיך נישט גענויטיקט, נאר אלע האבן געוואוסט, אז ארייגעלאזן האט זי צו זיך גרושענקען פאר א שכנה (נאך מיט א יאר פיר צוריק) מער נישט כדי נושא חן צו זיין בא דעם קרוב דעם סוחר סאמסאנאוו, גרושענקעס אפענעם באשיצער. מ׳האט גערעדט, אז דער אייפערזיכטיקער זקן האט, ארייגברענגענדיק צו מאראזאווא זיין „פאווארטקע״, אין אנפאנג געוואלט האבן דעם שארפן אויג פון דער אלטער, כדי זי זאל אכטונג געבן אף דעם אויפפירן זיך פון דער נייער שכנה. נאר דאס שארפע אויג האט זיך גאר אין גיכן ארויסגעוויזן פאר איבעריק און ס׳האט זיך פארענדיקט מיט דעם, אז מאראזאווא פלעגט זיך אפילו זעלטן טרעפן מיט גרושענקען און שפעטער שוין גאר אינגאנצן אויפגעהערט צו דערעסן איר מיט אכטונג געבן. אמת, ס׳איז שוין אוועק פיר יאר צייט פון דעמאלט אן, זינט דער אלטער האט געבראכט צו פירן אין דער דאזיקער שטוב ארײן דאס אכצניאריקע שרעקעדיקע, שעמעוודיקע, שלאנקע, הושכדיקע, פארטראכטע און באטריבטע מיידעלע, און פון דעמאלט אן זיינען אסך וואסערן אריבער. די ביאגראפיע פון אט דער דאזיקער מיידעלע האט מען איבעריקנס געוואוסט בא אונז אין שטאט ווייניק און ניט קלאר; נישט דערוואוסט האט מען זיך מער אפילו אויך אין דער לעצטער צייט, און דאס איז שוין געווען דעמאלט אפילו, ווען שוין זעער פיל מענטשן האבן זיך אנגעהויבן צו אינטע־רעסירן מיט אזא „בת־מלכה״, ווי עס איז אין די פיר יאר געווארן אגראפענא אלעקסאנדראוונא. עס האבן זיך בלויז געטראגן קלאנגען, אז נאך אלס א זיבעצניאריקע מיידעלע האט זי עפעס איינער פארפירט, אן אפיצער כלומרשט, און דערנאך האט ער זי גלייך געווארפן. דער אפיצער זאל האבן, הייסט עס, אוועקגעפארן און ערגעץ חתונה גע־האט דערנאך, און גרושענקא איז געבליבן אין שאנד און אין ארימ־קייט. מ׳האט גערעדט אגב, אז כאטש אפילו דער אלטער האט

טאקע גרושענקען יע ארויסגענומען פון דלות, נאר געווען איז זי פון אן ארנטלאכער משפחה און געשטאמט עפּעס אליין פון גייסט־לאכע, געווען א טאכטער פון עפּעס א שטעטלדיקן דיאקאן אדער עפּעס ענלאכס אזוי. און אט איז אין פיר יאר צייט פון אן עמפּינדלאך באליידיקט און ארימע יתומהלע, ארויס א רויטפּארביקע, מיט א פולן קערפּער רוסישע בילד־שיינקייט, א פרוי מיט א דרייסטן און אנטשלאסענעם כאראקטער, א שטאלצע און אן עזותניצע, וואס האט פארשטאנען וואס אזוינס געלט איז, און געקאנט קלייבן א גראשן צו א גראשן, א קארגע און א פארזיכטיקע, וואס האט אף א כשרן אופן אדער ניט, שוין אבער באוויזן, ווי מ'האט גערעדט פון איר, צונויפשלאגן אן אייגענעם קליינעם קאפּיטאל. אין איין זאך זיינען נאר אלע געווען איבערגעצייגט: אז צו גרושענקען איז דער צוטריט שווער, און אז א חוץ דעם אלטן, איר באשיצער, איז נאך נישט געווען קיין איינאיינציקער מענטש, אין די גאנצע פיר יאר צייט, וואס וואלט זיך געקאנט בארימען מיט איר געניגטייקט צו אים. א פאקט איז דאס געווען א זיכערער, ווארים אף צו דערווערבן די דאזיקע געניגטקייט האבן זיך ארויסגעוויזן ניט ווייניק בעלנים, דערהויפּט די לעצטע צוויי יאר. אבער אלע פּרווון האבן זיך אויסגעלאזן מיט גארנישט, און א טייל פון די זוכער האבן געמוזט אפּשניידן אפילו אף א קאמישן און מיאוסן אופן, צוליב דעם, וואס די יונגע פערזאן מיטן פעסטן כאראקטער פלעגט אפּשפּעטנדיק ווייזן דעם וועג. געוואוסט האט מען נאך, אז די יונגע פערזאן האט זיך דערהויפּט דעם לעצטן יאר, אריינגעלאזן אין דעם, וואס מ'רופט „עסקימלאך", און אז אין דעם פּרט האט זי ארויסגעוויזן גוואלטיקע פעאיקייטן, אזוי אז שפּעטער האבן זי א סך אנגעהויבן רופן אמתע זשידאווקע. ניט וואס מ'זאל זאגן, אז זי זאל האבן געגעבן געלט אף פּראצענט, נאר ס'איז געווען באוואוסט, למשל, אז בחברותא מיט פיאדאר פּאוולאוויטש קאראמאזאוון האט זי זיך א געוויסע צייט בפירוש פארנומען מיט אויפקויפן וועקסלען פאר א קלייניקייט, צו א צען קאפּיקענעם פאר א רובל, און שפּעטער באקומען פאר אייניגע פון אט די דאזיקע וועקסלען צו רובל פאר א צענקאפּיקענעם. דער קראנקער

סאמסאנאווי, וועמען עס האבן אין דעם לעצטן יאר אויפגעהערט צו ניצן זיינע פיס, דער אלמן, דער טיראן פון זיינע דערוואקסענע זין, דער עושר גדול, א מענטש א קמצן און אן עקשן איז אונטערגעפאלן פונדעסטוועגן אונטער דער שטארקער השפעה פון זיין פראטעזשע, וועלכע ער האט לכתחילה געהאלטן אין לעדערנע הענטשיקעס און פארשווארצט, פארחושכט, „געגעבן איר מכות, ניט קיין עסן", ווי עס האבן געריידט דעמאלט די כת־ליצנים. נאר גרושענקא האט באוויזן צו עמאנסיפירן זיך, ארייניגעבנדיק אים פונדעסטוועגן א צוטרוי, וואס האט קיין גרעניץ ניט, בנוגע איר טרייקייט צו אים. דער דאזיקער זקן, א גרויסער ידען אין געשעפט (וואס איז איצט שוין פון לאנג א שוכן עפר), האט אויך געהאט א כאראקטער א מערקווירדיקן, דער עיקר, א קארגן און א הארטן, ווי פייער־שטיין, און הגם גרושענקא האט אים פארגאפט, אזוי אז ער האט אן איר אפילו שוין לעבן ניט געקאנט (די לעצטע צוויי יאר, צום ביישפיל, איז דאס טאקע אזוי געווען), אבער קיין גרויסן באדייטנדיקן קאפיטאל, האט ער איר פונדעסטוועגן נישט געגעבן, און ווען זי וואלט אים אפילו געסטראשעט איינגאנצן צוווארפן אים, וואלט ער דעמאלט אויך געבליבן בא דאס זייניקע. האט איר אבער געגעבן דערפאר א קאפיטאל א קליינעם, און אז מ'האט זיך דערוואוסט דערפון, האט מען פון דעם אויך געקוועטשט מיט די פלייצעס. „דו ביזט אליין אויך ניט פון די דריי א גראשן, — האט ער צו איר געזאגט, אפשרייבנדיק פאר איר א טויזנט אכט, — טא מייקער אליין, זיי וויסן אבער, אז אויסער די געלט, וואס דו וועסט יעדן יאר באקומען אף צום לעבן, ווי פריער, וועסטו ביזן סאמן טויט מיינעם מער ניט באקומען קיין פרוטה פון מיר, און אין דער צוואה וועל איך דיר אויך מער גארנישט ניט אפשרייבן". האט ער טאקע מקיים געווען זיין ווארט: געשטארבן און האט אלץ איבערגעלאזן די קינדער, וועמען ער האט דעם גאנצן לעבן־לאנג געהאלטן ארום זיך, פונקט ווי שטוב־מענטשן, מיט זייערע ווייבער און קינדער, און פון גרושענקען האט ער אין דער צוואה אפילו גאר איינגאנצן נישט דערמאנט. אט דאס אלץ איז געווארן באוואוסט שפעטער. מיט עצות אבער, ווי צו מייקערן „מיטן

אייגענעם קאפּיטאל״ האט ער גרושענקען געהאָלפן נישט ווייניק און פלעגט איר אנווייזן „עסקים״. אַז פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש קאַראַמאַזאָוו, וואס איז אין אָנפאנג געקומען אין מגע ומשא מיט גרושענקען צוליב עפּעס א צופעליקן „געשעפט״, האט אינגאנצן אומגעריכט פאר זיך גופא פארענדיקט מיט דעם, וואס ער האט זיך פארליבט אין איר ביז משוגע צו ווערן און ווי ער וואלט אפילו דעם דעת פארלארן, האט דער זקן סאַמסאָנאָוו, וועמעס שעהן עס זיינען שוין דעמאלט געווען געציילט, שטארק חוזק געמאכט. מערקווירדיק איז, וואס גרושענקא איז געווען מיט איר אַלטן פאר דער גאנצער צייט פון זייער באַקאַנטשאַפט אינגאנצן אָפן און עפּעס ווי פון טיפן הארצן, און דאס איז, דאכט זיך, געווען מיט דעם איינציקן מענטשן אַף דער וועלט. אין דער סאַמער לעצטער צייט, בשעת ס׳איז אראָפּגעקומען מיטאמאל דמיטרי פיאָדאָראָוויטש אויך מיט זיין ליבע, האט דער אַלטער שוין אויפגעהערט צו לאכן. אדרבה, איינמאל האט ער ערנסט און שטרענג געגעבן אַן עצה גרושענקען: „אויב שוין יע אויסקלייבן פון ביידן, דעם טאַטן צי דעם זון, טא קלייב אויס דעם טאַטן, אָבער בתנאי, אַז דער אַלטער כלב זאָל ניט אַנדערש ווי חתונה האָבן מיט דיר, און קודם למעשה כאָטש אָפּשרייבן א שטיקל קאַפּיטאַל. און מיטן קאַפּיטאַן ניוכע זיך ניט, ס׳ט זיך פאַרדרייען די יאָרן״. אָט דאס זיינען געווען די ווערטער צו גרושענקען פון דעם אַלטן בעל־תאווהניק, וואס האט שוין דעמאלט געשפּירט דעם נאָהנטן סוף זיינעם, און וואס איז באמת אין פינף חדשים אַרום נאָך אָט דער דאזיקער עצה אוועקגעשטאָרבן. כ׳וועל נאָך באַמערקן פאַרבייגייענדיק, אַז הגם פיל מענטשן האָבן בא אונדז אין שטאָט געוואוסט דעמאלט וועגן דעם אומגעלומפּערטן און מנובלדיקן אייפערן פון די קאַראַמאַזאָווס, דעם טאַטן מיטן זון, וואס דער יש דערפון איז געווען גרושענקא, אָבער דעם אמתן זינען פון אירע באַציאונגען צו ביידן פון זיי, צו דעם אַלטן און צו דעם זון, האט קנאַפּ ווער פארשטאנען דעמאלט. אפילו ביידע שטוב־מענטשן גרושענקעס (שוין נאָך דער קאַטאַסטראָפע, וואס איז אויסגעבראָכן, פון וועלכער די רייד וועט נאָך זיין אונטן) האָבן באַוויזן שפּעטער אין געריכט, אַז דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן פלעגט

אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אויפנעמען מער ניט ווי אויס מוראַ אליין, ווארים ער זאל האבן כלומרשט, „געסטראשעט דערהרגענען". שטוב־מענטשן האט זי געהאט צוויי, איינע א זעער אלטע קעכן, נאך פון איר טאַטנס שטוב, א קראנקע און שוין כמעט א טויבע, און דער אייניקל איר, א יונגינקע, לעבעדיקע מיידעלע פון א יאר צוואנציק, גרושענקעס פריילן. געלעבט ווידער האט גרושענקאַ זעער אָרים און אין א וואוינונג גאר נישט קיין רייכער. געהאט האט זי אין פליגל סך הכל דריי צימערן, מעבלירט פון דער באלעבאסטע, מיט אלטפרענקישן רויטן מעבל, נאך פון דעם שניט פון די צוואנציקער יארן. בשעת עס זיינען ארײַן צו איר ראַקיטין און אַליאָשאַ, איז שוין געווען גוט טונקל, אבער די צימערן זיינען נישט געווען באַליכטן. גרושענקא אליין איז געלעגן בא זיך אין גאסטצימער, אף איר גרויסן, אומגעלומפערטן דיוואַן מיטן ווענטל פון רויטן האלץ, א הארטן און א באצויגענעם מיט לעדער, וואס איז שוין פון לאנג געווארן אויסגעריבן און דורכגעלעכערט. צו־קאָפּנס האט זי געהאט צוויי ווייסע פוך־קישנס פון איר בעט. זי איז געלעגן מיטן פנים ארויף, אומבאוועגט אויסגעצויגענערהייט, ארונטערגעלייגט ביידע הענט אונטערן קאפ. געווען איז זי אנגעטאן, עפעס ווי זי וואלט געווארט אף עמיצן, אין א שווארץ זיידן־קלייד און מיט א געשטיקטער קאפּטיכעלע פון שפּיצן, וואס האט איר זעער געקליידט; אף די אַקסלען איז געווען ארויפגעווארפן אַ קאָסינקע פון שפּיצן, צוגעשפּילעט מיט א מאסיווער גאלדענער בראָש. זי האט טאקע געווארט אף עמיצן, איז געלעגן ווי פאראומערט און אומגעדולדיק, מיט עטוואס א בלייך געווארענעם געזיכט, מיט הייסע ליפּן און אויגן, קלאַפּנדיק נישט געדולדיק מיטן שפּיץ פון רעכטן פוס אָן דעם הענטל פון דיוואַן. קוים האבן זיך נאר באוויזן ראַקיטין און אַליאָשאַ, ווי ס'איז פארגעקומען א שטיקל איבערקערעניש: מ'האט געקאנט הערן פון פאָדערצימער, ווי גרושענקאַ האט האַסטיק געגעבן א שפּרונג פון דיוואַן און האט מיטאמאל דערשראקענערהייט אויסגעשריען: „ווער איז?" נאר די געסט האט אויפגענומען דאס מיידל און זי האט גלייך געענטפערט דער פריצטע:

— אז דאָס זײַנען גאַר ניט זײ, דאָס זײַנען אַנדערע, די מאַכט ניט אויס.

"וואָס קאָן דאָס זײַן בא איר אַזוינס?" — האָט אַ מורמל געטאָן ראַקיטין, אַרײַנפּירנדיק אַליאָשען פאַרן האַנט אין גאַסטצימער. גרושענקאַ איז געשטאַנען בײַם דיוואַן, נאָך אַלץ אַזוי ווי אין שרעק. אַ געדיכטער לאָק פון אירע טונקל־בלאָנדע האָר האָט זיך אַרויס־געשלאָגן מיטאַמאָל פון אונטער דעם קאָפּ־טיכעלע און איז אַראָפּגעפאַלן אויף איר רעכטן אַקסל, זי האָט אָבער נישט באַמערקט און נישט פאַרריכט, ביז זי האָט זיך ניט אײַנגעקוקט אין די געסט און נישט דערקענט זײ.

— אַך, דאָס ביזטו, ראַקיטקאַ? האָסט מיך דערשראָקן אינגאַנצן. מיט וועמען ביזטו דאָס געקומען? ווער איז דאָס מיט דיר? גאָט מײַנער, אַט וועמען דו האָסט געבראַכט! — האָט זי אויסגערופן, אָנזעענדיק אַליאָשען.

— הייס דאָך אָבער דערלאַנגען ליכט! — האָט אַ זאָג געטאָן ראַקיטין גאַר פרײַ, ווי אַ זייער גוטער באַקאַנטער און נאָהנטער מענטש, וואָס האָט אַפילו רעכט צו באַלעבאַטעווען אין שטוב.

— ליכט... אַוודאי, ליכט... פעניאַ, דערלאַנג אים אַ ליכט... נו, האָסט געפונען אַ צײַט ווען צו ברענגען אים! — האָט זי ווידער אויסגערופן, געבנדיק אַ וואונק אויף אַליאָשען, און אַ קערט־אָנדיק זיך צום שפּיגל, גלײַך גענומען מיט ביידע הענט פאַרריכטן די האָר. זי איז עפּעס געווען אומצופרידן.

— אפשר ניט געטראָפן! — האָט אַ פרעג געטאָן ראַקיטין, ווערנדיק כמעט די־שטעל באַליידיקט.

— דערשראָקן האָסטו מיך, ראַקיטקאַ, אָט וואָס, — האָט זיך אַ קער געטאָן גרושענקאַ מיט אַ שמייכל צו אַליאָשען. — האָב נישט קיין מורא פאַר מיר, מײַן ליבינקער אַליאָשאַ, אַ גרויל ווי איך פרײ זיך מיט דיר, דו מײַן אומגעריכטער גאַסט. אָבער דו, ראַקיטקאַ, האָסט מיך דערשראָקן: איך האָב דאָך געמיינט, אַז מיטיאַ רײַסט זיך אַרײַן. פאַרשטייסט, איך האָב אים פריער אָפּגענאַרט און גענומען בא אים אַ וואָרט, אַז ער זאָל מיר גלויבן און איך האָב אים

אנגעפּראַוועט ליגנס, כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך גיי אַוועק אויף א גאַנצן אָוונט צו קוזמאַ קוזמיטש, צו דעם אַלטן מיינעם, און איך וועל מיט אים ביז שפּעט אין דער נאַכט ציילן געלט. איך גיי דאָך אַלע וואָך צו אים אַוועק אויף א גאַנצן אָוונט מאַכן רעכענונגען. מיר פאַרשליסן די טיר: ער קלאַפּט אויפן רעכנברעטל, און איך זיץ — שרייב אַריין אין די ביכער — נאָר אויף מיר אַליין פאַרלאָזט ער זיך. האָט טאַקע מיטיאַ געגלויבט, אַז איך בין דאָס דאָרטן, און איך האָב זיך גאָר פאַרשפּאַרט אין שטוב, — איך זיץ, איך וואַרט אויף א ידיעה, ווי אַזוי האָט דאָס אייך פעניאַ אַריינגעלאָזן! פעניאַ, פעניאַ! גיב א לויף צום טויער, עפן אויף און גיב א קוק, צי ס׳איז נישטאָ דער קאַפּיטאַן ערגעץ־וואו? אפשר האָט ער זיך באַהאַלטן און קוקט אַרויס, א גרויל ווי איך האָב מורא!

— ס׳איז קיינער נישטאָ, אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, כ׳האָב נאָר־וואָס אומעטום אַרומגעזוכט, איך גיב נאָך אַכטונג יעדע מינוט דורכן שפּעלטעלע אויך, איך ציטער אַליין, ווי א בלאַט.

— צי זיינען פאַרמאַכט די לאָדן, פעניאַ, און די פאָרהאַנגען דאַרף מען אַראָפּלאָזן — אַט אַזוי! — זי האָט אַליין אַראָפּגעלאָזן די שווערע פאָרהאַנגען, — א ניט קאָן ער גראָד אָנלויפן אויפן פייער. פאַר מיטיען, דעם ברודערל דיינעם, אַליאָשאַ, האָב איך היינט מורא.— גרושענקאַ האָט גערעדט הויך, הגם אויפגערעגט אפילו, נאָר ווי זי וואָלט זיך געפונען אויך אין א מין באַגייסטערונג כמעט.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס היינט אַזוי מורא פאַר מיטיענקען? — האָט געפרעגט ראַקיטין, — ביזט, דאַכט זיך, ניט קיין שרעקעדיקע מיט אים, ער טאַנצט אַזוי, ווי דו שפּילסט.

— איך זאָג דאָך דיר, איך וואַרט אויף א ידיעה, אויף עפּעס אַזאַ גאָלדענע ידיעהלע, אַזוי אַז מיטיענקען וואָלט מען גאָר איצט אינגאַנצן נישט געדאַרפט דאָ. און ער האָט מיר גאָר גלאַט נישט געגלויבט אויך, איך שפּיר דאָס, אַז איך בין געגאַנגען צו קוזמאַ קוזמיטש. ער זיצט, מסתמא, איצט דאָרטן בא זיך, בא פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן הינטערן סאַד, און היט מיך. האָט ער זיך שוין אָבער דאָרטן פאַרזעצט, וועט ער שוין, הייסט עס, אַהער נישט קומען, איז

נאך בעסער! צו קוזמאַ קוזמיטשן אבער בין איך דאך באמת אריינגעלאפן, מיטיא האט מיך אליין באלייט, כ׳האב געזאגט, אז ביז האלבע נאכט וועל איך דארטן זיין און אז ער זאל למען השם קומען אין מיטן נאכט אָפפירן מיך אהיים. ער איז אוועק, און איך בין בא א צען מינוט געזעסן ביים אלטן, און בין געקומען צוריק אהער, און האב איך מורא געהאט — כ׳בין געפלויגן, כדי נאר נישט אָנטרעפן אים.

— און וואוהין האסטו זיך דאס אויסגעפוצט? זע נאָר ס׳אַראַ טשיקאַוון טשעפיק דו האסט דאס.

— ס׳אַראַ טשיקאַוועו אבער דו ביזט דאס אליין, ראַקיטין! איך זאג דאך דיר, איך ווארט אף עפעס א ידיעהלע. קומט אָן די די דאָזיקע ידיעהלע, גיב איך א שפרונג — אוועקגעפלויגן, און איר זעט מיך, ווי דעם לינקן אויער אײַערן. צוליב דעם האב איך זיך דאס אויסגעפוצט, כדי צו זיצן גרייט.

— און וואוהין וועסטו דאס אוועקפליען?

— אז דו וועסט וויסן אסך — וועסטו גיך אלט ווערן.

— זע נאר, זי שטראַלט די גאנצע . . . איך האב נאך דיך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ, זיך אויסגעפוצט, ווי אף א באַל — האט זי באקוקט ראַקיטין.

— ביזט א גרויסער מבין אף בעלער.

— און דו ביזט א גרויסער מבין?

— איך האָב יע געזען א באַל. פאר צוויי יאָרן האט קוזמאַ קוזמיטש חתונה געמאכט דעם זון, האב איך פון גאלעריע געקוקט. זאל איך, ראַקיטקאַ, אפשר רעדן מיט דיר, אז דאָ שטייט אַזאַ פירסט? אט איז א גאסט! אַליאָשאַ, ליבינקער, איך קוק אף דיר און איך גלויב נישט; גאָט מייגער, ווי אזוי ביזטו דאס אראָפּגעקומען צו מיר! דעם אמת גערעדט, איך האב נישט געווארט, נישט געחלומט, און כ׳האב דאס גאר גלאט פריער אויך קיינמאל נישט געגלויבט, אז דו זאלסט קאָנען קומען. כאטש איצט איז אפילו ניט די פאסיקע מינוט, נאָר אַן אימה, ווי איך פריי זיך מיט דיר! זעץ זיך אפן דיוואַן, אט אהער, אט אזוי, דו קרוין מײַנע. באמת, איך קאן זיך נאך עפעס אלץ ניט

פאנאנדערקלייבן · · · עד דו׳ ראַקיטקאַ׳ אז דו וואלסט אים נעכטן אָדער איירערנעכטן געבראכט! · · כ׳בין צופרידן אזוי אויך׳ אפשר נאך בעסער׳ וואס איצט׳ אין אַזאַ מינוט׳ ניט איירערנעכטן · · ·

שטיפעריש האט זי זיך אוועקגעזעצט לעבן אַליאָשען אפן דיוואַן׳ און געקוקט אף אים מיט גרויס באַגייסטערונג· און זי איז באמת געווען צופרידן׳ זי האט נישט געלייגט זאגנדיק אָט־אָ דאס· די אויגן אירע האבן געברענט׳ די ליפן האבן געלאכט׳ אבער גוטמוטיק׳ האבן לוסטיק געלאכט· אַליאָשאַ האט זיך אפילו נישט געריכט צו זען אַזאַ גוטן אויסדרוק פון געזיכט · · · ער האט זי געזען ביז נעכטן ווייניק׳ האט געהאט וועגן איר א שרעקלאַכן באגריף׳ און נעכטן איז ער אזוי מוראדיק געווען צוטרייסלט פון איר פארביסענעם און אכזריותדיקן שפיצל קעגן קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ׳ און ער איז געווען זעער פארוואונדערט׳ וואס ער האט איצט מיטאמאל דערזען אין איר עפעס ווי גאר אינגאנצן אַן אנדער און אומגעריכטן וועזן׳ און ווי ער איז אפילו נישט געווען דערדריקט פון זיינע אייגענע ליידן׳ גאר די אויגן זיינע האבן זיך נישט ווילנדיק אפגע־שטעלט אף איר מיט אויפמערקזאמקייט· אלע מאַנירן אירע האבן זיך אויך געביטן פון נעכטן צום בעסטן: ס׳איז נישט געווען די נעכטיקע זיסלאַכקייט אינ׳ם רעדן כמעט אינגאנצן׳ די דאָזיקע אויסגעצערטלטע און געקינצלטע באוועגונגען · · · אַלץ איז געווען פשוט׳ די באוועגונגען אירע זיינען געווען גיכע׳ גראדע׳ פארטרויליכע׳ אבער געווען איז זי זעער אויפגערעגט·

— גאט מיינער׳ ס׳אַראַ זאכן עס ווערן דאס היינט אלץ מקוים, באמת׳ — האט זי ווידער אנגעהויבן צו פלאפלען׳ — פארוואס אבער בין איך דאס אזוי צופרידן מיט דיר׳ אליאָשאַ׳ ווייס איך אליין נישט· דו וועסט פרעגן׳ ווייס איך אויך נישט·

— נו׳ למשל׳ דו ווייסט שוין כלומרשט ניט׳ פארוואס דו ביזט צופרידן? — האט ראַקיטין א שמייכל געטאן· — האסט דאך פריער צוגעשטאנען צו מיר מסתמא צוליב עפעס א ציל: ברענג דאך אים׳ ברענג אים׳ האסט דאך מסתמא געהאַט א ציל·

— פריער האב איך געהאט אַן אנדער ציל׳ איצט אבער איז

דאס אוועק, ס׳איז נישט די מינוט, מכבד זיין וועל איך אייך אָנ־הייבן, אט וואס, איך בין איצט אביסל געוואָרן מונטערער, ראַקיטקאַ. זעץ זיך דאך דו אויך, ראַקיטקאַ, פאַרוואס שטייסטו? אדער דו זיצסט שוין? נישקשה, ראַקיטושקאַ וועט נישט פאַרגעסן אָן זיך, אט זיצט ער איצט דאָרטן, אַליאָשאַ, אנטקעגן אונז, און איז באַליידיקט: נאַכסאָל האָב איך דאס אים פריער פאַר דיר נישט געבעטן זעצן זיך, אוי, ס׳אַראַ באַליידיקנדיקער איז דאס בא מיר ראַקיטקאַ, א באַליידיקנ־דיקער! — האט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט גרושענקאַ — זייַ נישט ברוגז, ראַקיטקאַ, איצט בין איך א גוטע, פאַרוואס זיצטו דאס אבער אַזוי פאַרטרויערט, אַליאָשעטשקאַ, האסט פאַר מיר אפשר מורא? — האט זי מיט א לוסטיקער הלצה אַרייַנגעקוקט אים אין די אויגן.

— ער איז א בעל־צער, מ׳האט אים נישט געגעבן קיין כיבוד, — האט א זעץ געטאן ראַקיטין.

— וואס פאַר א כיבוד?

— דער סטאַרעץ זייַנער האט אנגעהויבן עיפושן.

— וואס עיפושן? דו רעדסט עפּעס א שטות, ווילסט זאָגן עפּעס א רכילות, שווייג, גולם, וועסט מיר לאָזן, אַליאָשאַ, זיצן א ביסעלע בא דיר אַף די קני, אט אַזוי! — און זי האט מיטאַמאָל, כהרף עין, געגעבן א טאַנץ און א שפּרונג געטאן, לאַכנדיק, צום אים אַף די קני, ווי א לאַשטשענדיק קעצעלע, און האט אים צאַרט אַרומגעכאַפּט מיט דער רעכטער האַנט אַרום האַלז: — פריילאך וועל איך דיך מאַכן, אינגעלע דו מייַן פרומינקער! ניין, וועסט דאס מיר אין דער אמתן לאָזן זיצן בא דיר אַף די קני, וועסט ניט אין כעס ווערן? וועסט הייסן — טאַנץ איך אַראָפּ.

אַליאָשאַ האט געשוויגן, ער איז געזעסן, מורא האָבנדיק זיך א ריר צו טאָן, ער האט געהערט אירע ווערטער: „וועסט הייסן — טאַנץ איך אַראָפּ“, ער האט אבער נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן, אבער נישט דאס איז אין אים פאָרגעקומען, וואס עס וואָלט געקאָנט משער זיין אין אים, כאָטש א שטייגער ראַקיטין, וואס האט בלוטדורשטיק געלויערט פון זייַן אָרט, דער גרויסער צער פון דער נשמה זייַנער האט פאַרשלונגען אלע געפילן,

וואס האבן נאר געקאנט געבארן ווערן אין דעם הארץ זיינעם, און ווען ער וואלט נאר געקאנט אין דער דאזיקער מינוט אפגעבן זיך א פולן דין וחשבון, וואלט ער אליין אויך געוואוסט, אז ער איז איצט געשיצט מיט א שטארקסטן פאנצער קעגן יעטווידער נסיון און פארפירונג, און פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אף דער גאנצער מטושטשדיקער אומקלארקייט פון זיין אינערלאכן צושטאנד און אף דעם גאנצן צער, וואס האט אים באדריקט, האט ער פארט געוואונדערט זיך נישט ווילנדיק פון א נייעם און מאדנעם געפיל, וואס איז געבארן אין זיין הארצן: די דאזיקע פרוי, די „שרעקלאכע" פרוי האט נישט נאר וואס ניט געשראקן אים איצט מיטן פריערדיקן פחד, א פחד, וואס פלעגט פריער געבארן ווערן אין אים בא יעדן געדאנק פון א פרוי, אויב אזא געדאנק פלעגט אויפבליצן אין זיין נשמה, נאר, אדרבה, די דאזיקע פרוי, פאר וועלכער ער האט מורא געהאט מער ווי פאר אלע, וואס איז געזעסן בא אים אף די קני און אים ארומגענומען, האט מיטאמאל דערוועקט אין אים איצט גאר אינגאנצן אַן אנדער, אומגעריכטן און באזונדערן געפיל, א געפיל פון עפעס א נישט געוויינלאכער, גרעסטער און באמת־הארציקסטער נייגעריקייט צו איר, און דאס איז פארגעקומען אָן א שום מורא, אָן דעם קלענסטן פריערדיקן שרעק, — אט וואס ס'איז געווען דער עיקר און וואס עס האט אים נישט־ווילנדיק געוואונדערט.

— זיין דאך שוין געגוג אייך צו פראַווען נארישקייט, — האט אנגעהויבן שרייַען ראַקיטין, — און דערלאנג בעסער שאמפאניער, עס קומט פון דיר, דו ווייסט אליין!

— אמת, עס קומט! איך האב דאך אים, אַליאָשאַ, צוגעזאגט געבן פאר דיר שאַמפאַניער, א חוץ אלץ, אויב ער וועט דיך ברענגען. אהער שאַמפאַניער, איך וועל אויך טרינקען! פעניאַ, פעניאַ, טראג אונז אריין שאַמפאַניער, אט יענע פלעשל, וואס מיטיאַ האט געלאזן. לויף אף־גיך, כאטש איך בין א קארגע, נאר א פלעשל שאַמפאַניער וועל איך דערלאנגען, נישט דיר, ראַקיטקאַ, דו ביזט א גארנישט, ער איז אבער א פירסט! און כאטש אפילו נישט מיט דעם איז איצט מיין הארץ פול, נאר ס'אַ דאגה, איך וועל אויך אויסטרינקען מיט אייך, הוליען ווילט זיך.

— וואס איז דאס אבער פאר אַזאַ מינוט בא דיר, און וואס איז דאס דארטן פאר א "ידיעה", מ׳קאָן פרעגן, אדער דאס איז א סוד־זאך? — האט מיט נייגעריקייט ראַקיטין ארייַנגעקערעוועט, מאכנדיק מיט די גאנצע כּוחות אַן אָנשטעל, אז עס פרווון אים נישט אַרן די שטעכווערטלאך, וואס זייַנען געפלויגן אין אים אָן אַן אויפהער.

— עך, נישט קיין סוד־זאך, און דו ווייסט טאקע אליין אויך, — האט פארזארגטערהייט א זאג געטאן מיטאמאל גרושענקאַ, א קער־טאָנדיק דעם קאפּ צו ראַקיטינען און אפּנויגנדיק זיך א ביסל פון אַליאָשען, כאטש זי איז נאך אלץ געזעסן בא אים אף די קני, מיטן האנט ארומגענומען זיין האלז, — דער אָפיצער פאָרט, ראַקיטין, דער אָפיצער מייַנער פאָרט!

— איך האב געהערט, אז ער פאָרט, איז ער דען שוין אבער אזוי נאהנט?

— ער איז אין מאָקראָיע איצט, וועט פון דארטן שיקן אהער א סטאַפעט, האט אליין אזוי געשריבן, כ׳האב פריער באקומען א בריוו . . . איך זיץ און וואַרט אף דעם סטאַפעט.

— הערסט! פארוואס עפּעס אין מאָקראָיע?

— ס׳איז אסך צו דערציילן, און ס׳איז גלאט גענוג פאר דיר.

— אָט וועט דאס איצט מיטיענקאַ נעמען א ביסל ארבעטן, — אוי, אוי! ער ווייס, צי ער ווייס ניט?

— וואָס זאל ער וויסן! ער ווייס גארנישט! אז ער וואלט זיך דערוואוסט, וואלט ער אוועקגעהרגעט. נאר איך האב איצט גאר קיין מורא ניט דערפאר, כ׳האב איצט קיין מורא נישט פאר זיין מעסער. שווייג, ראקיטקא, דערמאן מיר נישט דמיטרי פיאדאראוויטשן: ער האט מיר די גאנצע הארץ צעמורשט. און איך וויל גאר פון קיין שום זאך נישט טראכטן וועגן דעם אין דער מינוט. אט וועגן אליאשעטשקען קאן איך טראכטן, אף אליאשעטשקען קוק איך . . . גיב דאך א שמייכל צו מיר, ליבינקער, זיי דאך לוסטיק פון דער נארישקייט מייַנער, פון דער פרייד מייַנער, גיב דאך א שמייכל . . . אט האט ער דאך א שמייכל געטאן, א שמייכל געטאן! זע ווי צערטלדיק ער קוקט. דו ווייסט, אליאשא, איך האב רק געטראכט,

אז דו ביזט אף מיר אין כעס פאר דאס איערנעכטיקע, פאר דער פריילן מיין איך. א כלב בין איך געווען, אט וואס ··· נאר ס׳איז גוט פונדעסטוועגן, וואס דאס איז אזוי פארגעקומען. אי ס׳איז שלעכט געווען, אי ס׳איז גוט געווען, — האט פארטראכטערהייט א שמייכל געטאן מיטאמאל גרושענקא, און עפעס אן אכזריותדיקן שטריכל האט א בליץ געטאן פלוצים אין איר שמייכעלע. — מיטיא האט געזאגט, אז זי האט געשריען: „עס קומט איר מיט א שטריק!" באליידיקט האב איך שוין איר דעמאלט זעער שטארק. האט מיך פארבעטן צו זיך, האט מיך בייקומען געוואלט, האט מיך געוואלט נעמען מיט איר שאקאלאד ··· ניין, ס׳איז גוט, וואס ס׳איז אזוי פארגעקומען, — האט זי ווידער א שמייכל געטאן. — נאר איך האב אלץ מורא, אז דו ביזט אין כעס געווארן ···

— ס׳איז דאך טאקע די מעשה אזוי, — האט מיט אן ערנסטער פארוואונדערונג ראקיטין מיטאמאל אריינגעווארפן א פאר ווערטער. — זי האט דאך פאר דיר, אליאשא, באמת מורא, אט פאר דעם הינדעלע.

— דאס איז ער פאר דיר, ראקיטקא, א הינדעלע, אט וואס ··· ווארים דו האסט קיין געוויסן נישט, איך האב אים, דו פארשטייסט, איך האב אים מיט דער נשמה ליב, אט וואס! דו גלויבסט, אליאשא, אז איך האב דיך ליב מיט דער גאנצער נשמה?

— פארשטאכענע אויגן, דו! דאס דערקלערט זי זיך דיר אין ליבע, אלעקסיי!

— נו יע, און איך האב ליב אויך.

— און דער אפיצער? און די גאלדענע ידיעהלע פון מאקראיע?

— יענץ איז עפעס אנדערש, און דאס איז ווייטער אנדערש.

— אט ווי עס קומט אויס על פי תורת־ווייבל!

— ערגער מיך נישט אויף, ראקיטקא, — האט אונטערגעכאפט גרושענקא, — דאס איז עפעס אנדערש, און דאס איז ווידער עפעס אנדערש. איך האב אליאשען אף אן אנדער אופן ליב. אמת אליאשא, איך האב געהאט פריער א טרפה־מחשבה וועגן דיר. איך בין דאך אבער א נידעריקע, כ׳בין דאך א ווילדע, אבער אין אן אנדער מינוט פלעג איך קוקן אף דיר, אליאשא, ווי אף מיין געוויסן. איך פלעג

רק טראכטן: „ווי ער מוז דאס מיך די נידערטרעכטיקע אט אזוינער האסן איצט". איירערנעכטן האב איך אויך געטראכט וועגן דעם, בעת איך בין פין דער פריילן געלאפן אהער. שוין לאנג האב איך דיך אזוי באמערקט, אליאשא, מיטיא ווייס אויך, כ'האב אים געזאגט. אט מיטיא פארשטייט שוין איינמאל. וועסט גלויבן, אפט־מאל, אליאשא, באמת, קוק איך אף דיר און איך שעם זיך, איך שעם זיך . . . ווי אזוי אבער איך האב דאס אנגעהויבן טראכטן וועגן דיר און פון ווען־אן, ווייס איך נישט און איך געדיינק נישט . . .

ס'איז אריין פעניא און האט אוועקגעשטעלט אפן טיש דעם טאץ מיט אן אויפגעעפנטע פלעשל און מיט דריי אנגעגאסענע באקאלן.

— געבראכט שאמפאניער! — האט אויסגערופן ראקיטין, — ביזט אויפגערעגט, אגראפענא אלעקסאנדראוונא, און אויסער זיך. וועסט אויסטרינקען א באקאל, וועסטו אנהייבן טאנצן. ע—עי, דאס איז אויך פארפושערט, — האט ער צוגעגעבן, באקוקנדיק דעם שאמפאניער. — אין קיך האט די אלטע אנגעגאסן, און אריינגעטראגן די פלעשל אן א פראפן, און ס'איז ווארימע. מילא, זאל זיין כאטש אזוי . . .

ער איז צוגעגאנגען צום טיש, גענומען א באקאל, אויסגעטרונקען מיט איין שלונג און אנגעגאסן א צווייטן פאר זיך.

— אף שאמפאניער קאן מען זיך נישט תמיד אנרייסן, — האט ער א זאג געטאן, זיך ארומלעקנדיק, — נו, אליאשא, נעם אקארשט דעם באקאל און ווייז וואס דו קאנסט. פאר וואס זשע זאלן מיר טרינקען? פאר די טירן פון גן עדן? נעם, גרושא, דעם באקאל, און טרינק דו אויך פאר די טירן פון גן עדן.

— פאר וואס פאר א טירן פון גן עדן איז דאס?

זי האט גענומען דעם באקאל, אליאשא האט גענומען זיינעם, האט איין מאל א זופ געטאן און אוועקגעשטעלט דעם באקאל אף צוריק.

— ניין, שוין בעסער נישט! — האט ער שטיל א שמייכל געטאי.

— און זיך געבארימט! — האט א געשריי געטאן ראקיטין.

— נו, איז וועל איך אויך נישט, אויב אזוי, — האט גרושענקא אונטערגעכאפט, און גלאט עס ווילט זיך גאר נית. טרינק אויס,

ראקיטקא, אליין די גאנצע פלעשל. וועט טרינקען אליאשא, וועל איך אויך דעמאלט טרינקען.

— קעלבערנע התפעלות האבן זיך דאס אנגעהויבן! — האט ראקיטין גענומען רייצן זיך אביסל. — און אליין זיצט דאס אף די קני בא אים! ער, לאמיר זאגן, איז א בעל צער, וואס ביזטו אבער? ער האט זיך אנטקעגן דעם גאט זיינעם געשטעלט, האט זיך געקליבן צו פרעסן וואורסט . . .

— וואסי, וואס איז דען?

— דער סטארעץ זיינער איז היינט געשטארבן, דער סטארעץ זאסימא, דער צדיק.

— איז געשטארבן סטארעץ זאסימא! — האט אויסגערופן גרושענקא, — גאט מיינער, און איך האב נישט געוואוסט אפילו! — זי האט זיך פרום איבערגעצלמט. — גאָט מיינער, טאָ וואס זשע טו איך דאס, איך זיץ בא אים אף די קני איצט! — האט זי זיך אווארף געטאן פלוצים, ווי אין שרעק, איז כהרף עין אראפגע־שפרונגען פון די קני און זיך איבערגעזעצט אפן דיוואן. אַליאָשאַ האט מיט א פארוואונדערונג געגעבן א לאנגן קוק אף איר, און אף דעם פנים זיינעם האט אזוי ווי עפעס א לויכט געטאן.

— ראַקיטין, — האט ער א זאג געטאן מיטאמאל אַפן קול און פעסט, — רייץ זיך נישט מיט מיר, וואס איך האב זיך געשטעלט אנטקעגן דעם גאָט מיינעם. איך וויל נישט טראגן קיין כעס אף דיר, טאָ זייַ דו אויך בעסער. איך האב פארלארן אַזאַ אוצר, א וועלכן דו האסט קיינמאל נישט געהאט, און דו קאנסט איצט נישט משפטען מיך. גיב בעסער א קוק אהער אף איר: האסטו געזען, ווי זי האט מיך געשוינט? איך בין געגאנגען אהער טרעפן א שלעכטע נשמה — אזוי האט מיך אליין געצויגן דערצו, ווארים איך בין געווען נידעריק און מיט רשעות, כ׳האב אבער געטראפן א הארציקע שוועסטער, געטראפן אַן אוצר — א ליבנדיקע נשמה . . . זי האט אָט־ערשט מיך געשוינט . . . אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ, וועגן דיר רעד איך, דו האסט מיין נשמה אָט־ערשט אויפגעריכט.

בא אַליאָשען האבן זיך די ליפן אנגעהויבן טרייסלען און ס׳איז

אים פארשטיקט געווארן דער אטעם. ער האט זיך אפגעשטעלט.

— גאר אינגאנצן געראטעוועט דיך! — האט זיך פאנאנדערגעלאַכט ראַקיטין מיט רוגזה. — און זי האט דיך געוואלט דערשלינגען, ווייסטו דאס?

—ווארט ראַקיטקאַ! — איז אויפגעשפרונגען מיטאמאל גרושענקאַ, — שווייַגט איר ביידע. איצט וועל איך אלצדינג זאגן: דו, אַליאָשאַ, שווייַג, ווארים פון אָט אזוינע ווערטער דיינע הייב איך זיך אן צו שעמען, ווארים איך בין א שלעכטע, נישט קיין גוטע, — אָט וואס פאר־אַ איך בין. און דו אבער, ראַקיטקאַ, שווייַג דערפאר, ווייל דו לייַגסט. ס'איז געווען אַזאַ מיאוסע מחשבה, וואס איך האב אים געוואלט איינשלינגען, איצטער אבער לייגסטו, איצטער איז גארנית דאס . . . און מער זאל איך אינגאנצן נישט הערן, ראַקיטקאַ! — דאס אלץ האט גרושענקאַ ארויסגעזאגט מיט אַן אומגעוויינלאַכער אויפרעגונג.

— ווי מ'מאכט זיך דאס ביידע משוגע! — האט אָפּגעשיפּעט ראַקיטין, באקוקנדיק זיי ביידן מיט א פארוואונדערונג, — ווי חסר־דעות, פונקט ווי איך וואלט אריינגעפאלן אין א משוגעים־הויז. א פאר חלושים זיינען דאס געווארן, מ'וועט באלד דאס אנהייבן וויינען.

— און איך וועל טאקע אנהייבן וויינען, איכ'ל טאקע אנהייבן וויינען! — האט געשטאמלט גרושענקאַ, — ער האט מיך אנגערופן זיין שוועסטער, און איך וועל דאס מער קיין מאל נישט פארגעסן! נאר אָט וואס, ראַקיטקאַ, כאטש איך בין אפילו א שלעכטע, א ציבלקע אבער האב איך פארט דערלאַנגט.

— וואס פאר א ציבלקע? פוי, צו אלדי רוחות, זיי זיינען דאך מיט אַן אמת משוגע געווארן!

ראַקיטין האט זיך געוואונדערט פון זייער התפעלות און האט זיך באליידיקנדיק געערגערט, כאטש אפילו ער וואלט געקאנט פארשטיין, אז בא ביידן האט זיך גראד צונויפגעקומען אלצדינג, וואס האט געקאנט צוטרייסלען זייערע נשמות אזוי, ווי דאס קומט פאר נישט אפט אין לעבן. נאר ראַקיטין, וואס האט געקאנט גאַנץ עמפינדלאך פארשטיין אלץ, וואס ס'איז געווען נוגע אים אליין, איז

געווען זעער גראָב אין פאַרשטיין די געפילן און שפּירונגען פון זיינע נאָהנטע, — צום טייל צוליב דער יונגער ניסשט־באַהאַוונטקייט זיינער, און צום טייל אויך צוליב גרויסן עגאָאיזם זיינעם.

— פאַרשטייסט, אַליאָשעטשקאַ, — האָט זיך נערוועז פאַנאַנדער־געלאַכט מיטאַמאָל גרושענקאַ, ווענדנדיק זיך צו אים, — דאָס האָב איך זיך פאַר ראַקיטקען אויסגעבּרימט, וואָס איך האָב דערלאַנגט אַ ציבּעלקע, פאַר דיר אָבער וועל איך זיך נישט בּערימען, דיר וועל איך דאָס זאָגן צוליב אַן אַנדער טעם. דאָס איז נאָר אַ מוסר־השכּל, נאָר ס'איז אַ גוטער מוסר־השכּל, איך האָב אים נאָך אַלס קינד געהערט פון מיין מאַטרענען, וואָס דינט איצט בּאַ מיר אַלס קעכן. הער אויס: געלעבּט האָט פּאַרצייטנס אַ ווייבּל, אַ רשעטע־מרושעטע, און איז געשטאָרבּן. און זי האָט ניט איבּערגעלאָזן נאָך זיך קיין איין שום מצווה אפילו. האָבּן זי אַ נעם געטאָן די ניט־גוטע און אַריינגעוואָרפן אין דער פייערדיקער אָזערע. און דער מלאך איר גוטער בּעטער שטייט און קלערט: וואָס פאַר אַ מצווה אירע קאָן איך זיך דערמאָנען, כּדי צו זאָגן דעם אויבּערשטן. ער האָט זיך דערמאָנט, און זאָגט צום אויבּערשטן אַזוי: זי האָט, זאָגט ער, אויסגעריסן אין גאָרטן אַ ציבּעלקע און געשיינקט אַן אָרימע פרוי. וואָס איז געגאַנגען איבּער די הייזער. רופט זיך אָן צו אים דער אויבּערשטער: נעם, אָט די זעלבּיקע ציבּעלקע, דערלאַנג איר זי אין אָזערע, זאָל זי זיך אָנכאַפּן און זיך ציען, איז וועסטו זי אַרויסציען צוריק פון אָזערע טאָ זאָל זי גיין אין גן עדן אַריין, וועט זיך אָבּער אָפּרייסן דאָס ציבּעלקע, טאָ זאָל זי בּלייבּן דאָרטן די אשה, וואו זי איז איצטער. לויפט אַוועק דער מלאך צו דער ווייבּל, דערלאַנגט איר דאָס ציבּעלקע: נאַ, זאָגט ער, אשה, כאַפּ זיך אָן און צי זיך. און ער האָט זי אָנגע־הויבּן פּאַמעלאַך צו ציען, און שוין געוועסט די גאַנצע אַרויסגעצויגן, ווי עס האָבּן דערזען אָבּער די איבּעריקע רשעים אין אָזערע, אַז מ'ציט זי אַרויס, האָט מען זיך אָנגעהויבּן אָנצוכאַפּן זיך אָן איר, אַז מ'זאָל זיי אויך אַינאיינעם מיט איר אַרויסציען. די ווייבּל איז אָבּער געווען אַ רשעטע־מרושעטע, הייבּט זי זיי אָן צו בּריקען מיט די פיס: „מען ציט ניט אייך, ס'איז מיין ציבּעלקע, ניט אייערע“. ווי זי האָט נאָר דאָס

אַרויסגערעדט, אזוי האט זיך דאס ציבעלקע איבערגעריסן, און ס'איז אריינגעפאלן די ווייבל אין אָזערע אריין און ברענט נאך עד היום. און דער מלאך האט אנגעהויבן וויינען און איז אוועקגעגאנגען".

אָט דאס איז די מעשה, אַליאָשאַ, איך געדיינק זי אף אויסווייניק, ווארים איך בין דאס טאקע אָט די דאזיקע ווייבל די מרשעת. פֿאר ראַקיטקען האב איך זיך געבערימט, אז איך האב דערלאנגט א ציבעלקע, פאר דיר אבער וועל איך זאגן אנדערש: א י נ ג א נ צ ן האב איך אפשר אף מיין לעבן דערלאנגט עפעס א ציבעלקע, אָט דאס זיינען אלע מיינע גוטע מעשים. טאָ לויב מיך נישט, אַליאָשאַ, נאך דעם אלעמען, האלט מיך נישט פאר קיין גוטע, איך בין א מרשעת, א רשעטע־מרושעטע, וועסטו מיך לויבן, וועסטו אבער מיך אריינברענגען אין שאנד. עך, לאמיר שוין תשובה טאָן אף אלץ. הער, אַליאָשאַ, איך האב אזוי געגאַרט אריינאַרן דיך צו מיר און אף אזוי פיל צוגעשטאנען צו ראַקיטקען, אז איך האב אים צוגעזאגט געבן פינף און צוואנציק רובל, אויב ער וועט דיך ברענגען צו מיר! ווארט, ראַקיטקאַ, ווארט!

— זי איז מיט האסטיקע טריט צוגעגאנגען צום טיש, אויפֿגעעפנט די טישקעסטעל, ארויסגענומען דעם פּאָרטמאָנע, און פון אים א פינף און צוואנציק רובלדיקן פאפירל.

— ס'אַראַ שטות! ס'ארא שטות! — האט אויסגערופן דער געפלעפטער ראַקיטין.

— נעם, ראַקיטקאַ, ס'איז א חוב, נישקשה, וועסט זיך נישט אָפזאגן, האסט אליין געבעטן.

— למאי זאל איך זיך אָפזאגן, — האט א זעץ געטאן ראַקיטין, קענטיק פארשעמט, נאר מעשה־כוואַט פארדעקנדיק די בושה, — דאס וועט אונז שטארק צוניץ קומען, אף דעם לעבן דאך די נאראנים, כדי זיין לטובת די קלוגע.

— און איצטער אבער שווייַג, ראַקיטקאַ, איצט איז אלץ, וואס איך וועל זאגן, איז דאס נישט פאר דיינע אויערן. זעץ זיך אָט־אָ דאָ אין ווינקל און שווייַג, דו האסט אונז נישט ליב, טאָ שווייַג.

— פאר וואס זאל איך דאס ליב האבן? — איז שוין ניט

פארדעקנדיק די רוגזה ראַקיטין פארביסן געווארן· דעם פינף און צוואנציק רובלדיקן פאפירל האט ער ארייגעשטופט אין קעשענע און אַליאָשען האט ער ממש ניט געקאנט קוקן גלייך אין די אויגן· ער האט גערעכנט באקומען די שכירות שפעטער, אזוי אז ער זאל נישט ווייסן אפילו· איצטער אבער איז ער פאר בושה אויפגעקאכט געווארן· ביז דער דאזיקער מינוט האט ער געהאלטן פאר זעער פּאָליטיש ניט שטארק צו אַמפּערן זיך מיט גרושענקען, נישט קוקנדיק אף אלע אירע שטעכווערטלאך, ווארים ס'איז געווען באשיינפערלאך, אז זי האט געהאט אף אים עפּעס א שליטה· איצטער אבער איז ער אויך אין כעס געווארן·

— ליב האָט מען פאַר עפּעס, וואָס אָבער האָט איר מיר ביידע געטאָן?

— האָב דאָך ליב פאַר גאָרנישט, אָט ווי אַליאָשאַ האָט ליב·

— און מיט וואָס האָט ער דאָס דיך ליב, און וואָס האָט ער דיר אַזוינס געטון, וואָס דו האַלטסט פאַרריסן דעם נאָז?

גרושענקאַ איז געשטאנען אינמיטן צימער, האט גערעדט מיט היץ, און אין דער שטים אירער האבן זיך אנגעהויבן הערן היסטערישע קלאנגען·

— שווייג, ראַקיטקאַ! דו פארשטייסט גארנישט ניט בא אונז! און דו זאלסט זיך מיר מער נישט דערוועגן אף להבא צו זאגן דו, איך דערלויב דאס דיר נישט, און פון וואס האסטו דאס זיך גענומען אזא דרייסטקייט, זאג מיר! זעץ זיך אין ווינקל און שווייג, ווי מיין לאַקיי! איצט אבער, אַליאָשאַ, וועל איך פאר דיר אליין זאגן דעם גאנצן אמת; כדי דו זאלסט זען, וואס פאַר אַ בריאה איך בין! נישט ראַקיטקען, נאר דיר זאג איך· געוואלט האב איך דיך אוועקפטרן, אַליאָשאַ, דאס איז אמת, זיך אינגאנצן גענומען; כ'האב דאס אף אזוי פיל געוואלט, אז איך האב ראַקיטקען אונטערגעקויפט מיט געלט, ער זאל דיך ברענגען· און צוליב וואס אזוינס האב איך דאס געוואלט? דו, אַליאָשאַ, האסט פון קיין זאך נישט געוואוסט אפילו, דו פלעגסט ווייכן פון מיר, פלעגסט פארבייגיין — פלעגסטו האלטן

אראפגעלאזן דעם קאפ׳ איך האב אבער אף דיר הונדערט מאל ביז היינט געקוקט׳ האב זיך בא אלעמען אנגעהויבן נאכצופרעגן אף דיר׳ דיין געזיכט איז בא מיר געבליבן אין הארצן: ״ער האַסט מיך׳ האב איך געטראכט, ער וויל אפילו נישט א קוק טאן אף מיר״׳ און עס האט מיך דערנאך אנגענומען אזא געפיל׳ אז איך האב זיך געוואונדערט פון זיך אליין: וואס האב איך דאס מורא פאר אזא אינגעלע? כ׳וועל אים אינגאנצן דערשלינגען און איך וועל לאכן איך בין אינגאנצן אויפגערייצט געווארן. וועסט גלויבן: קיינער האט דא נישט די העזה צו זאגן אדער א טראכט צו טאן׳ אז ער קאָן קומען צוליב אט דער מיאוסער זאך צו אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ; דער אלטער אליין איז נאר דא בא מיר׳ געבונדן בין איך מיט אים און איך בין אים פארקויפט׳ דער ניט־גוטער האט אונז חתונה געמאכט׳ דערפאר אבער פון אנדערע — קיין איינער ניט׳ קוקנדיק אבער אף דיר׳ האב איך געגומען אף זיך: אים וועל אים דערשלינגען׳ כ׳וועל אים דערשלינגען און איך וועל לאכן׳ זעסטו׳ ס׳אַראַ ביי‌זער הונט איך בין׳ וועמען דו האסט אנגערופן דיין שוועסטער! אט איצט איז געקומען אט דער באליידיקטער מיינער׳ זיץ איך איצט און כ׳ווארט אף א ידיעה׳ ווייסטו אבער׳ ווער איז מיר געוועזן אט דער דאזיקער באליידיקער? פאר פינף יארן׳ אז עס האט מיך פארפירט אהער קוזמאַ׳ — פלעג איך זיצן׳ באהאלטן פון מענטשן׳ מ׳זאל מיך נישט זען און נישט הערן׳ א דאַרינקע׳ א נאַרעלע׳ פלעג איך זיצן און יאמערן׳ גאנצע נעכט קיין אויג נישט צו מאכן׳ — און איך פלעג טראכטן: ״וואו זשע אבער איז ער דאס איצטער׳ מיין באליידיקער? ער לאכט אפי מסתמא׳ מיט א צווייטער פון מיר׳ איך וועל זיך נוקם זיין אָן אים׳ טראכט איך׳ כ׳דארף נאר טרעפן אים׳ באגעגענען ווען־עס־איז: איך וועל אים באצאלן׳ איך וועל אים באצאלן״׳ ביינאכט אין דער פינצטער פלעג איך יאמערן אין קיסן און איך פלעג דאס אלץ איבערטראכטן׳ מיט א כיוון צערייס איך די הארץ׳ מיט רשעות פלעג איך זי איינשטילן: ״איך וועל זיך נוקם זיין אָן אים׳ איך וועל אים באצאלן!״ אט אזוי פלעג איך געבן א געשריי אין דער פינצטער׳ און ווי איך פלעג זיך דערמאנען

מיטאמאל, אז איך וועל אים גאר גארנישט ניט טאן, און אז ער־לאכט אפ פון מיר בשעת מעשה, און האט אפשר גאר אינגאנצן פארגעסן און געדיינקט נישט, פלעג איך זיך א וואורף טאן פון בעט אף דר׳ערד, באגאסן ווערן מיט פארמאטערטע טרערן און איך פלעג זיך צאַפּלען, צאַפּלען ביז באגינען, פארטאג פלעג איך אויפשטיין־ בייזער ווי א הונט, גרייט די גאנצע וועלט איינצושלינגען, דערנאָך, וואס איז דא צו רעדן; האב איך אנגעהויבן קלייבן געלט, אָן רחמנות, בין געווארן דיק, — קליגער געווארן מיינסטו, האַ? טא זייַ זשע וויסן אז ניין, קיינער זעט דאס ניט און ווייס דאס ניט אף דער גאנצער וועלט, ווי עס לאזט זיך אבער נאר אראפּ די פינצטערניש פון דער נאכט, איז צוריק דאס אייגענע, ווי בעת איך בין געווען א מיידעלע, מיט פינף יאר צוריק, ליג איך אפטמאל, קריצע מיט די ציינער און איך וויין א גאנצע נאכט: „איך וועל זיך נוקם זיין אָן אים, איך וועל זיך אבער נוקם זיין אָן אים״, טראכט איך! האסטו געהערט אט דאס אלץ? איז ווי פארשטייסטו מיך איצטער? מיט א חודש צוריק קומט מיר אָן מיטאמאל אט דער זעלביקער בריוו: ער פארט, ער איז געבליבן אן אלמן, און ער וויל זיך זען מיט מיר, דער אטעם איז בא מיר דעמאלט אינגאנצן פארכאפּט געווארן, גאָט מיינער, האב איך מיטאמאל א טראכט געטאן: און אז ער׳ט קומען און וועט געבן א פייף צו מיר, וועט מיך א רוף טאן, וועל איך, ווי א געשלאגענער שולדיקער הינטל צופויזן צו אים! איך טראכט וועגן דעם, און איך גלויב זיך אליין ניט: „בין איך אן אויסוואורף, צי בין איך נישט קיין אויסוואורף, וועל איך לויפן צו אים, צי איך וועל נישט לויפן צו אים?״ און אזא כעס האט מיך איצטער אנ־ גענומען אף זיך אליין אט אין דעם גאנצן חודש, נאך ערגער, ווי מיט פינף יאר צוריק. זעסטו שוין איצטער, אַליאָשאַ, ס׳אַראַ ווילדע איך בין, ס׳אַראַ ברען איך בין, דעם גאנצן אמת ארויסגעזאגט דיר! האב זיך מיט מיטיען געשפּילט, כדי נישט לויפן צו יענעם. שווייג ראַקיטקאַ, נישט דו טארסט משפּטן מיך, נישט צו דיר האב איך גערעדט. איך בין איצטער פאר אייער קומען געלעגן אָט־אָ דאָ, געווארט, געקלערט, באטראכט דעם גאנצן גורל מיינעם, און איך

וועט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס ס'איז בא מיר געווען אין האַרצן, ביין, אַליאָשאַ, זאָג דיין פריילן, אַז זי זאָל פאַר דאָס אייערנעכטיקע נישט זיין אין כּעס!.. און קיין איינער ווייס נישט אף דער גאַנצער וועלט, ווי אַזוי עס איז מיר איצט, און ער קאָן גאָרניט וויסן... וואָרים איך וועל אפשר נעמען היינט אַ הינצו אַ מעסער מיט זיך, כ'האָב דאָס נאָך ניט באַשלאָסן...

און אַרויסגערעדט דעם דאָזיקן „טרויערדיקן" וואָרט, האָט גרושענקאַ מיטאַמאָל נישט אויסגעהאַלטן, נישט פאַרענדיקט, פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענט, אַ וואָרף געטאָן זיך אפן קיסן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, ווי אַ קליין קינד. אַליאָשאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צו ראַקיטינען.

— מישאַ, — האָט ער אַרויסגערעדט, — זיי נישט אין כּעס. — דו ביזט באַליידיקט פון איר, נאָר זיי נישט אין כּעס. האָסטו זי געהערט אַט־ערשט? מ'קאָן נישט פאַרלאַנגען אַזוי פיל, פון אַ מענטשנס נשמה, מ'דאַרף זיין באַרמהאַרציקער...

אַליאָשאַ האָט אַרויסגערעדט אָט־אָ דאָס אין אַ נישט בייצו־קומענעם דראַנג פון האַרצן. ער האָט געמוזט אויסרעדן זיך, און ער האָט זיך געווענדט צו ראַקיטינען. אויב ראַקיטין וואָלט נישט געווען, וואָלט ער אָנגעהויבן אויסרופן צו זיך אַליין. ראַקיטין האָט אָבער אַ קוק געטאָן מיט אַ געשפּעט, און אַליאָשאַ האָט זיך מיט־אַמאָל אָפּגעהאַקט.

— דאָס האָט מען דיך פריער אָנגעשטעלט מיט דיין סטאַרעץ, און איצטער האָסטו מיט דיין סטאַרעץ אויסגעשאָסן אין מיר, אַליאָשענקאַ, גאָטס מענטשל דו, — האָט מיט אַ פאַראַכטנדיקן שמייכעלע אָנגערופן זיך ראַקיטין.

— לאַך נישט, ראַקיטין, לאַך נישט אפּ, רעד נישט פון דעם נפטר: ער איז העכער פאַר אַלעמען, וואָס איז נאָר געווען אף דער וועלט! — האָט מיט אַ געוויין אין דער שטים אויסגערופן אַליאָשאַ. — איך בין נישט אויפגעשטאַנען ווי דיינער אַ שופט צורעדן, נאָר איך בין אַליין, ווי דער ערגסטער פון די פאַרמשפּטע. ווער בין איך לגבי איר? איך בין געגאַנגען אַהער אף צו ווערן פאַרלאָרן און געזאָגט:

„ס׳ אַ דאגה׳ ס׳ אַ דאגה!‟ און דאס איז פארגעקומען צוליב מײַן שוואכקייט׳ זי אבער האט׳ נאך פינף יאר לײַדן׳ ווי ס׳איז נאר אײַנער געקומען און איר געזאגט אַן אויפריכטיקן וואָרט — אַלץ מוחל געווען׳ אלץ פארגעסן און זי ווײַנט! דער באַליידיקער אירער איז געקומען צוריק׳ ער רופט זי׳ און זי איז אים אלץ מוחל און זי אײַלט צו אים אין פרייד׳ און זי וועט נישט נעמען קיין מעסער׳ וועט נישט נעמען! ניין׳ איך בין נישט אַזאַ׳ איך ווייס נישט׳ צי דו ביזט אזוינער׳ מישאַ׳ איך בין אבער נישט אזא׳ הײַנט׳ אט איצט האב איך באַקומען דעם דאזיקן לערנען··· זי איז העכער אין דער ליבע׳ ווי מיר··· האסטו דען געהערט פון איר פריער אָט־אָ דאס׳ וואס זי האט געזאגט איצטער? ניין׳ נישט געהערט; אז דו וואלסט געהערט׳ וואלסטו פון לאנג אלץ פארשטאנען··· און די אנדערע׳ וואס איז באַליידיקט געווארן אײַערנעכטן׳ זאל זי אויך מוחל זײַן איר! און זי וועט מוחל זײַן׳ אז זי וועט זיך דערוויסן··· און זי וועט זיך דערוויסן··· די דאזיקע נשמה איז נאך נישט קיין אײַנגעשטעלטע׳ מ׳דארף זי שוינען··· אין דער דאזיקער נשמה ליגט׳ אפשר׳ אַן אוצר···

אַליאָשאַ איז אנטשוויגן געווארן׳ ווארים דער אָטעם איז בײַ אים אפגעהאקט געווארן׳ ראַקיטין האט׳ נישט קוקנדיק אף זײַן גאנצער רציחה׳ באטראכט זיי ביידן מיט פארוואונדערונג׳ קיינמאל האט ער נישט דערווארט פון דעם שטילן אַליאָשען אזא טיראַדע׳

— אָט איז אראפגעקומען אַן אַדוואָקאַט! האסט זיך אפנים פארליבט אין איר׳ וואס? אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ׳ דער בעל־תענות אונזערער האט זיך דאך פארליבט אין דיר׳ דו האסט גע־זיגט! — האט ער אויסגערופן מיט א חוצפהדיקן געלעכטער׳

גרושענקאַ האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קיסן און האט א קוק געטאן אף אַליאָשען מיט א לוסטיקן שמייכעלע׳ וואס האט א לויכט געטאן אף איר געזיכט׳ וואס איז פלוצונג אנגעשוואלן פון די איצטיקע טרערן אירע׳

— לאז אים׳ אַליאָשאַ׳ מלאך דו מײַנער׳ זעסט דאך׳ וואס פאַר אַ ער איז׳ געפונען צו וועמען צו רעדן׳ מיכאַיל אָסיפּאָוויטש׳ —

האט זי זיך א קער געטאן צו ראַקיטינען, — האָב געוואָלט בעטן מחילה בא דיר דערפאַר, וואָס איך האָב דיך באַליידיקט, איצט אָבער וויל איך ווידער ניט. אַליאָשאַ, קום צו מיר, זעץ זיך אָט־אָ דאָ, — האָט זי אים צוגערופן צו זיך מיט אַ לוסטיקן שמייכעלע, — אָט ווי, אָט זעץ זיך דאָ, זאָג מיר (זי האָט אים גענומען פאַרן האַנט און אַריינגעקוקט אים, שמייכלענדיק, אין פּנים אַריין), — זאָג מיר: איך האָב ליב יענעם צי ניט? אָט דעם באַליידיקער מײַנעם, האָב איך ליב צי ניט? איך בין דאָ געלעגן ביז אײַער קומען אין דער פינצטער, און די גאַנצע צייט געפרעגט מײַן האַרץ: האָב איך ליב צי איך האָב נישט ליב? ענטפער דו מיר, אַליאָשאַ, די צייט איז געקומען, ווי דו וועסט זאָגן, אַזוי וועט זײַן. זאָל איך מוחל זײַן צי ניט?

— האָסט דאָך שוין מוחל געווען, — האָט שמייכלענדיק אַרויסגעזאָגט אַליאָשאַ.

— און טאַקע אינדעראמתן מוחל געווען, — האָט פאַרטראַכטער־הייט אָנגערופן זיך גרושענקאַ, — ס׳אַראַ פאַרדאַרבענע האַרץ דאָס איז. פאַר דער פאַרדאַרבענער האַרץ מײַנער! — האָט זי אַ כאַפּ געטאָן מיטאַמאָל פון טיש דעם באָקאַל, מיט איינמאָל אויסגעטרונקען, געגעבן אים אַ הייב און אַ שליידער געטאָן אים אָן דר׳ערד. דער באָקאַל האָט זיך צעבראָכן און האָט אָנגעהויבן קלינגען. עפּעס אַ גרויזאַמער שטריכעלע אַזאַ האָט אַ בליץ געטאָן אין איר שמייכל.

— און אפשר האָב איך אים נאָך נישט מוחל געווען, — האָט זי עפּעס מיט פאַרביסנקייט אַ זאָג געטאָן, אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד, ווי זי וואָלט מיט זיך אַליין גערעדט. — אפשר, קלײַבט זיך נאָך ערשט די האַרץ מוחל צו זײַן. וועל זיך נאָך אַ ראַנגל טאָן מיטן הערצל. דו פאַרשטייסט, אַליאָשאַ, כ׳האָב די טרערן מײַנע די פינפיאָריקע אַ גרויל ווי ליב געקראָגן... כ׳האָב אפשר טאַקע נאָר די באַליידיקונג מײַנע ליב געקראָגן, גאָר ניט אים!

— נו, איך וואָלט שוין ניט געוועלן קיין בעלן צו זײַן אויף זײַן אָרט! — האָט אַרויסגעשיפּעט ראַקיטין.

— און דו וועסט ניט זײַן, ראַקיטקאַ, וועסט קיינמאָל אויף זײַן

אָרט נישט זיין. דו וועסט מיר גייען שיך, ראַקיטקאַ, אָט אף וואס איך וועל דיך פאַרטאָן, אבער אַזאַ, ווי איך, וועסטו קיינמאל נישט זוכה זיין צו זען... און ער וועט אפשר אויך נישט זוכה זיין...

— וואס, ער? און אויסגעפוצט האסט זיך דאס צוליב וואס? — האט מיט טרפהנע־שטיק ראַקיטין געררייצט זיך.

— ווארף מיר נישט אויף דעם אויספוצן זיך, ראַקיטקאַ, דו ווייסט נאך נישט מיין גאנצע האַרץ! אז איך וועל פארוועלן וועל איך אראפרייסן די פיינע קליידער, וועל די רגע אראפרייסן, אָט־אָ די רגע, — האט זי הילכיק ארויסגעשריען. — דו ווייסט נישט, צוליב וואס די דאזיקע פיינע קליידער זיינען, ראַקיטקאַ! אפשר וועל איך ארויס צו אים און אנרופן זיך: „האסטו מיך געזען אָט אַזאַ, אדער נאך נישט?" — ווארים ער האט דאך מיך געלאזן א זיבעצניאריקע דאַרינקע, שווינדזיכטיקע וויינענדיקע מיידלקע. און איך וועל זיך דאס זעצן לעבן אים, און באצויבערן, און וועל אים פאנאנדערברעכן: „האסטו געזען, וועל איך אים זאגן, ווער איך בין איצט, איז בלייב זשע טאקע בא דעם, פריץ מיינער, א דאנק פארן ווילן!" — אָט צוליב וואס אפשר די דאזיקע קליידער זיינען, ראַקיטקאַ, — האט פארענדיקט גרושענקאַ מיט א רשעותדיק געלעכטערל. — א ווילדע בין איך, אַליאָשאַ, א מרשעת. אראפרייסן וועל איך מיינע פיינע קליידער, פטרן וועל איך זיך גופא און מיין שיינקייט, וועל זיך אפבריען דעם פנים און צעשניידן מיט א מעסער, כ'וועל אוועקגיין בעטן נדבות. ווען איך פארוועלן וועל איך איצטער אין ערגעץ ניט גיין, און צו קיינעם ניט, וועל איך פארוועלן — שיק איך נאך מארגן אפ קוזמען אַלץ וואס ער האט מיר געשיינקט, און גאר די געלט זיינע, און אליין וועל איך אפן גאנץ לעבן ווערן א לוין־ארבעטערן!... דו מיינסט, איכ'ל דאס נישט טאן, ראַקיטקאַ, איך וועל זיך דאס נישט דערוועגן צו טאן? איכ'ל טאן, איכ'ל טאן, איך קאן דאס די רגע טאן, רייצט נאר מיך נישט אויף... יענעם אבער וועל איך פאַריאָגן, יענעם וועל איך באווייזן א פייג, נישט זען וועט ער מיך!

די לעצטע ווערטער האט זי ארויסגעשריען היסטעריש, האט אבער ווידער נישט אויסגעהאלטן, פארדעקט דעם פנים מיט די הענט

זיך א וואַרף געטאָן אפן קיסן און זיך ווידער פאַרצאַפּלט פון יאָמער. ראַקיטין האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט:

— שוין צייט, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז שפּעט, מ'וועט נישט אַריינלאָזן אין מאָנאַסטיר.

גרושענקאַ האָט געגעבן א שפּרונג פון אָרט.

— נישיים זע ווילסטו דאָס טאַקע אוועקגיין, אַליאָשאַ: — האָט זי אויסגערופן מיט א פאַרוואונדערונג דורכגעדרונגען פון צער; — וואָס טוסטו דאָס איצט מיט מיר: האָסט מיך די גאַנצע אויפגע־טרייסלט, אויסגעמוטשעט און איצט קומט ווידער די נאַכט, איך דאַרף ווידער בלייבן אַזוי!

— זאָל ער דאָס אפשר נעכטיקן באַ דיר? אויב ער וויל — פאַרוואָס ניט! איכ'ל אַליין אויך טרעפן! — האָט בייסנדיק גע־לצעוועט ראַקיטין.

— שווייג, בייזע נשמה, — האָט אויפגעברענטערהייט א געשריי געטאָן צו אים גרושענקאַ, — דו האָסט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט אַזוינע ווערטער, וואָס ער איז מיר געקומען זאָגן.

— וואָס אַזוינס האָט ער דאָס דיר געזאָגט? — האָט אויפ־געגעגט א ברום געטאָן ראַקיטין.

— איך ווייס נישט, איך ווייס נישט, איך ווייס קיין זאַך ניט, וואָס אַזוינס ער האָט מיר געזאָגט, ער'ט צום האַרצן גערעדט, ער האָט מיר איבערגעקערט די האַרץ... ער האָט דער ערשטער רחמנות געקראָגן אף מיר, דער איינציקער, אָט־וואָס! פאַרוואָס ביזטו, מלאך, נישט געקומען פריער, — איז זי אַנידערגעפאַלן פלוצים פאַר אים אף די קני אַזוי ווי זייענדיק געררירט. — איך האָב דעם גאַנצן לעבן געוואַרט אף אַזוינעם, ווי דו, כ'האָב געוואוסט, אַז איינער אַזאַ וועט קומען און וועט מיר מוחל זיין. כ'האָב געגלויבט, אַז מיך וועט אויך עמיצער ליב באַקומען, די העסלאַכע, וועט מיך ליב באַקומען ניט נאָר פאַר דער שענדלאַכער זאַך אַליין!...

— וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטאָן? — האָט שמייכלענדיק גערירטערהייט, געענטפערט אַליאָשאַ, אָנבויגנדיק זיך צו איר און האָט זי צאַרט גענומען פאַר די הענט, — א ציבלקע האָב איך דיר

דערלאַנגט, די סאמע קלענסטע ציבלקע, נישט מער, נישט מער!

און, אַרויסגערעדט, האָט ער אַליין אָנגעהויבן וויינען. אין דער זעלביקער ווײַלע האָט זיך אין הויז דערהערט מיטאַמאָל אַ טומל. עמיצער איז ארייַנגעגאַנגען אין פּאָדערשטוב; גרושענקאַ האָט אַ שפּרונג געטאָן ווי אין אַ מוראדיקער שרעק. אין צימער איז מיט אַ טומל און געפּילדער אַרייַנגעלאָפן פעניאַ.

— באַריניאַ, ליבינקע, באַריניאַ, אַ סטאַפעט איז געקומען! — האט זי אויסגערופן מיט פרייד מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. — ס׳איז געקומען אַ קאַרעט פון מאָקראָיע נאָך אייך. דער קוטשער טימאָפּיי אַף אַ טראָיקע, באַלד וועלן זיי איבערשפּאַנען די פערד... אַ בריוו, אַ בריוו, באַריניאַ, אָט איז אַ בריוו!

דעם בריוו האָט זי געהאַט אין האַנט, און די גאַנצע צייט, וואס זי האט געשריען, האט זי מיט אים געוואָרפן איבער די לופט. גרושענקאַ האָט אַרויסגעכאַפּט בא איר דעם בריוו און צוגעטראגן צום ליכט. דאס איז געווען נאר א צעטעלע, עטלאכע שורהלאך, און זי האט אין אַ מאמענט איבערגעלייענט אים.

— האט א רוף געטאן! — האט זי אויסגעשריען, אינגאנצן א בלייכע מיט פון א קרענקלאכן שמייכעלע אויסגעקרימטן פנים, — האט געגעבן א פייף! קריך, הינטעלע!

אבער בלויז איין רגע איז זי געשטאנען אזוי ווי אומאנטשלאסן; מיטאמאל האט זיך ס׳בלוט א שפּאַר געטאן צו איר אין קאָפּ און האט באגאסן אירע באַקן מיט א פייער.

— איך פאר! — האט זי אויסגערופן מיטאמאל. — פינף יארן מיינע! א גוטן אייך! זייַ געזונט, אַליאָשאַ, ס׳איז באשטימט דער גורל... אוועק, אוועק, אוועק פון מיר איצט אלע, איך זאל שוין אייך נישט זען מער!... אוועקגעפלויגן גרושענקאַ אין א ביילעבן... דערמאן מיך דו אויך נישט צו בייזן, ראַקיטקאַ. אפשר גיי איך צום טויט! פונקט ווי א שיכורע!

זי האט מיטאמאל געלאזן זיי און איז ארויסגעלאפן צו זיך אין שלאפצימער.

— נו, מיר זייַנען איר איצט ניט אין קאָפּ! — האט א ברום

געטאַן ראַקיטין, — קום, אַ ניט וועט זיך, אַ סברה, ווידער אָנהויבן אָט דער ווייבערשער געשריי, דערעסן האָבן שוין מיר אָט די דאָזיקע טרערן מיט די קולות...

אַליאָשאַ האָט זיך געלאָזט מעכאַניש ארויספירן. אפן הויף איז געשטאַנען דער קאַרעט, מ׳האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, מ׳איז ארומגעגאַנגען מיט אַ לאַמטערן, מ׳איז געווען פאַרטאָן. אין דעם אויפגעעפנטן טויער האָט מען אריינגעפירט אַ פרישע טראָיקע. אָבער ווי נאָר אַליאָשאַ און ראַקיטין זיינען אראָפּ פון גאַניק, ווי עס האָט זיך מיטאמאָל געגעבן אַן עפן־אויף דאָס פענצטער פון גרושענקאַס שלאָפצימער, און זי האָט מיט אַ הילכיקע שטים נאָכגעשריען צו אַליאָשאַן:

— אַליאָשעטשקאַ, גיב אָפּ אַ גערוס דיין ברודערל מיטיענקען, און זאָג אים, ער זאָל נישט דערמאָנען מיך, די מערדערין זיינע, צו בייזן. און גיב אים איבער אויך מיט מיינע ווערטער: „אַ ניטדערטרעכטיקן איז גרושענקאַ אָנגעקומען, נישט דיר, דעם איידעלן!" און גיב אים נאָך צו אויך, אַז ליב געהאַט האָט אים גרושענקאַ אַ שעהלע, נאָר איין שעהלע ליב געהאַט סך הכל, — טאָ זאָל ער אָט די דאָזיקע שעהלע דעם גאַנצן לעבן זיינעם פון איצט אָן געדיינקען. אַזוי האָט דיר גרושענקאַ פאַרזאָגט אפן גאַנצן לעבן!...

זי האָט פאַרענדיקט מיט אַ שטים פול מיט טרערן, דאָס פענצטער האָט זיך געגעבן אַ קלאַפּ אָף צוריק.

— המ! המ! — האָט אַ ברום געטאָן ראַקיטין, לאַכנדיק — האָט אָוועקגעקוילעט דעם ברודערל מיטיענקען, און הייסט נאָך געדיינקען אפן גאַנצן לעבן זיינעם. ס׳אַראַ פליישיקע ליידנשאַפט!

אַליאָשאַ האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, פונקט ווי ער וואָלט נישט געהערט; ער איז געגאַנגען לעבן ראַקיטינען אָף־גיך, עפּעס ווי ער וואָלט זיך געאיילט; ער איז געווען אַזוי ווי אין אַ פאַרגעסנקייט, איז געגאַנגען אויטאָמאַטיש. ראַקיטינען האָט פּלוצים עפּעס אַ שטאָך געטאָן, פונקט ווי זיינע אַ פרישע וואונד וואָלט מען אַ ריר געטאָן מיט אַ פינגער. גאָרנישט דאָס האָט ער דערוואַרט פריער, בעת ער האָט צונויפגעפירט גרושענקען מיט אַליאָשען; גאָר עפּעס

אנדערש איז פארגעקומען, און נישט דאס, וואס עס וואלט זיך אים זער געוואלט.

— אַ פּאָליאַק איז ער, אט דער אפיצער אירער, — האט ער ווייטער אנגעהויבן רעדן, איינגעהאלטנדיק זיך, — און איז גאר גלאט איצט קיין אָפיצער אינגאנצן ניט. ער האט געדינט אף דער טאַמאָזשנע אין סיביר אלס א באַאַמטער, ווייס איך וואו דארטן אף דער כינע־זישער גרעניץ, מסתמא עפעס א פּאָליאַקל אַ גארנישט. פארלארן, זאגט מען, האט ער דעם אָרט. האט דערהערט איצט, אז גרושענקאַ איז תקיף, איז ער געקומען צוריק, — אָט דאס זיינען דאס די גאנצע נסים.

אַליאָשאַ האט ווייטער פונקט ווי נישט געהערט. ראַקיטין האט נישט אויסגעהאלטן:

— וואָס, האסט אומגעקערט פון שלעכטן וועג א זינדיקערן? — האט ער מיט א פארביסנקייט אנגעהויבן לאכן צו אליאשען. — א פארבלאָנדזשעטע ארויפגעפירט אפן דרך הישר? זיבן טייוולאָנים ארויסגעטריבן, הא? אָט וואו עס זיינען דאס מקוים געוואָרן אונזערע פ״יערדיקע נסים, וואס מיר האבן געווארט אף זיי!

— הער אויף ראַקיטין, — האט מיט ווייטאק און האַרץ אפגע־רופן זיך אליאָשאַ.

— דאס איז פאר די פריערדיקע פינף און צוואנציק רובל „האַסטו" מיך דאס איצטער? פארקויפט, הייסט עס, אַן אמתן פריינד. דו ביזט דאך אבער ניט קריסטוס און איך בין ניט יהודה.

— אך, אליאשאַ, איך פארזיכער דיר, איך האב גאר פאר־געסן אָן דעם, — האט אויסגערופן אַליאָשאַ, — האסט מיך אליין אָט איצט ארויפגעבראַכט אף דעם . . .

אבער ראַקיטין האט זיך שוין גאר אינגאנצן אָנגעצונדן.

— זאָל אייך דער טייוול נעמען אלעמען צוזאמען און יעדן איינציקן באַזונדער! — האָט ער א בריל געטאָן מיטאמאָל, — און צו וואָס האָב איך דאָס, צו אלדי רוחות, זיך פארבונדן מיט דיר! מהיום והלאה וויל איך מער נישט וויסן פון דיר. מאַרש אליין, אָן איז דיין וועג!

און ער האט אַ קער געטאָן אינדערקרים אין אַן אנדער גאַס אַריין, לאָזנדיק אליאָשען אליין אין פינצטערניש. אַליאָשא איז ארויס פון שטאָט און איז אוועק מיטן פעלד צום מאָנאַסטיר.

## IV

## די חתונה אין קאַנאַ פון גליל

געווען איז שוין זייער שפעט על פי מאָנאַסטיר־צייט, בשעת אַליאָשאַ איז געקומען אין סקיט; אים האט אריינגעלאָזן דער שומר דורך אַ באַזונדערן אריינגאנג. געשלאָגן האָט שוין ניין דער זייגער, — די שעה פון אלעמעס אָפּרו און מנוחה נאך אַזאַ טומלדיקן טאָג פאַר אַלעמען. אַליאָשאַ האָט ציטערדיק אויפגעעפנט די טיר און איז אריין אין קעמערל פון סטאַרעץ, וואו ס'איז איצט געשטאַנען זיין אָרון. אַ חוץ פאָטער פּאַאיסי, וואָס האָט איינזאַם געלייענט ביים אָרון דעם עוואַנגעליום, און דעם בחורל דעם מאָנאך פּאָרפירי, וואס איז מיד געוואָרן פון דעם נעכטיקן שמועס פון ביינאכט און פון דעם היינטיקן טומל, און וואָס האָט געשלאָפן אין דער אנדער קאַמער אף דער ערד מיט זיין שטאַרקן יונגן שלאָף, איז אין קעמערל קיינער נישט געווען. פּאָטער פּאַאיסי, וואָס האָט הגם געהערט, אז אַליאָשאַ איז אריין, האָט אבער אפילו נישט א קוק געטאָן אין זיין זייט. אַליאָשא האט זיך א קער געטאָן אף רעכטס פון טיר צום ווינקל, האָט זיך געשטעלט אף די קני און אָנגעהויבן תפילה צו טאָן. די נשמה זיינע איז געווען איבערגעפילט, נאר עפּעס אזוי מטושטשדיק, און קיין איין שום שפּירונג האט זיך נישט אויסגעטיילט קלאָר, אדרבה, איינס האט ארויסגעשטויסן דאס צווייטע אין עפּעס א שטילן, גלייכמאָסיקן קרייז־לויף. אבער זיס איז געווען דעם האַרץ, און, מאָדנע, אַליאָשאַ האט זיך געוואונדערט דערפון. ווידער האָט ער געזען פאר זיך דעם דאָזיקן אָרון, אָט דעם טייערסטן בר מינן פאר אים, וואָס איז געווען צוגעדעקט פון אַלע זייטן, אבער קיין וויינענדיקע, נאָגנדיקע, פּיינלאכע קלעמעניש איז נישט געווען אין דער זעל זיינער, ווי היינט אינדער־

פרי. ארייַנגייענדיק אָט־איצט, איז ער פאַרן אָרון אַנידערגעפאַלן, ווי פאַר א הייליקייט, אָבער א פרייד האָט געלויכטן אין דעם פאַר־שטאַנד זיינעם און אין דעם האַרץ זיינעם. איין פענצטער פון קעמערל איז געווען אָפן, די לופט איז געווען פריש און קיל, — „הייסט עס, דער גערוך איז נאָך געוואָרן שטאַרקער, אויב מ׳האָט זיך אַנטשלאָסן עפענען אַ פענצטער״ — האָט א טראַכט געטאָן אַליאָשא. אבער אויך דער דאָזיקער געדאַנק פון דעם שלעכטן ריח, וואס האָט אויסגעזען פאר אים נאָך היינט בייטאָג אַזוי שרעק־לאַך און פאַרשוועכנדיק, האט אצונד נישט אויפגעהויבן אין אים דעם פריערדיקן צער און דעם פריערדיקן צאָרן. ער האָט אינדערשטיל אָנגעהויבן מתפלל צו זיין, האט אבער אליין באלד דערשפירט, אַז ער בעט צו גאט כמעט ווי מעכאניש. שטיקלאך געדאנקען האבן געבליצט אין דער זעל זיינער, אויפגעפלאַמט, ווי שטערנדלאך, און די שטעל זיך אויסגעלאָשן, ווערנדיק פארביטן מיט אנדערע, דערפאר אבער האט געקיניגט אין זיין זעל עפעס אזוינס גאנצעס, פעסטעס, באַרואיקנדיקעס און ער אליין האָט דאס דערקענט. צו־מאָל פלעגט ער פלאמיק אָנהייבן א תפילה, אים האט זיך אזוי פאַרוואָלט צו דאנקען און ליב צו האָבן... אבער, אנהייבנדיק די תפילה, פלעגט ער אַריבערגיין מיטאמאל אף עפעס אנדערש, פארטראכטן זיך, פארגעסן אי די תפילה, אי דאס, מיט וואָס ער האָט איבערגעריסן. האט געהאט אָנגעהויבן צו הערן, וואָס עס לייענט פאָטער פאַאיסי, נאָר א זעער פאַרמאטערטער, האָט ער ביסלאכווייז אָנגעהויבן צו דרעמלען...

„און אפן דריטן טאָג איז געווען א חתונה אין קאַנאַ פון גליל, האט געלייענט פאטער פאַאיסי, און דאָרטן איז געווען אויך די מוטער פון ישוע הנוצרי. און גערופן האט מען אויך ישוען און זיינע תלמידים אף דער חתונה״.

— א חתונה? וואס איז דאס... א חתונה... — האט זיך געטראָגן, ווי א וויכר, אין אליאשעס מוח, — זי איז אויך גליק־לאך... איז אוועקגעפארן אף מאָלצייט... ניין, זי האט ביט מיטגענומען קיין מעסער, האט ניט מיטגענומען קיין מעסער... דאס איז נאָר געווען א „טרויערדיק״ וואָרט... נו... טרויער־דיקע ווערטער זיינען אַ טרייסט פאַר דער האַרץ... אָן זיי וואָלט דער צער געווען צו־שווער פאר דעם מענטשן. ראַקיטין איז אוועק

אין געסל. כל זמן ראַקיטין וועט טראַכטן פון זיינע באַליידיקונגען, וועט ער תמיד אַוועקגיין אין געסל ··· און דער וועג ··· דער וועג איז גרויס, גראַד, ליכטיק, קריסטאַל און די זון איז בא זיין ענד ··· הא? ··· וואָס לייענט מען?

„און ווייל עס איז ניט געווען קיין ווייך, האט זיך אנגערופן ישועס מוטער צו אים: זיי האבן ניט קיין ווייך״ ··· האָט געקלונגען אין אַליאָשאַס אויערן.

אך יע, כ׳האב דא איבערגעלאָזן, און כ׳האָב דאך נישט גע־וואָלט איבערלאָזן, איך האָב ליב אָט די דאָזיקע שטעלע, דאס איז די חתונה פון קאַנאַ אין גליל, זיין ערשטער וואונדער ··· אַך, אָט דער דאָזיקער וואונדער, אַך, דער דאָזיקער טייערער נס, נישט צום דעם מענטשנס צער, נאר צו דעם מענטשנס פרייד איז געקומען קריסטוס, אז ער האָט געוויזן צום ערשטן דעם נס, האט ער געהאלפן דער מענטשלאכער פרייד ··· „ווער עס האָט ליב דעם מענטשן, דער האָט אויך ליב די פרייד זיינע״ ··· דאָס פלעגט זאגן דער נפטר איטלאכע רגע, דאס איז געווען איינע פון זיינע גרעסערע מחשבות ··· אָן פרייד קאָן מען נישט לעבן, זאָגט מיטיא ··· יע, מיטיאַ ··· אלצדינג, וואָס איז וואָרהאַפטיק און שיין, איז תמיד פול מיט סליחה, — דאס האָט ווידער־טאַקע ער געזאָגט ···

„··· רופט זיך אָן צו איר ישוע: וואס האב איך מיט דיר אשה? עס איז נאך ניט געקומען מיין זמן. רופט זיך אן די מוטער צו זיינע דינער: דאס, וואס ער וועט אייך זאגן, דאס זאלט איר טאן״ ···

— דאָס זאָלט איר טאָן ··· פרייד, פרייד פאר עפּעס אָרי־מעלייט, פאר גרויסע אָרימעלייט ··· יע, אוודאַי, פאר אָרימעלייט, אַז עס איז אפילו ניט געווען קיין ווייך אף דער חתונה ··· שרייבן דאך די היסטאָריקער, אז ביים כנרת און אין דעם גאנצן אַרום איז דעמאָלט געווען באזעצט די סאמע אָרימסטע באַפעלקערונג, ווי מ׳קאָן זיך נאָר פארשטעלן. און געוואוסט האָט דאך א צווייטע גרויסע הארץ פון א צווייטן גרויסן וועזן, וואָס איז אויך געווען דערביי, די מוטער זיינע, אַז אַראפּ איז ער דעמאָלט ניט נאָר צוליב דעם גרויסן אימהדיקן נס זייגעם, נאָר אז עס איז אויך צוטריטלאך פאַר זיין הארץ די תמימותדיקע פשוטע פרייד פון עפּעס פינצטערע, פינצטערע און

ניט קיין שאלקהאפטיקע באשעפענישן, וואס האָבן אים מיט ליבשאפט גערופן אף דער פארשטערטער חתונה זייערער. „ס'איז נאך ניט געקומען מיין זמן", זאגט ער מיט א שטילן שמייכעלע (געוויס האָט ער צו איר א שמייכל געטאָן מיט ליבשאַפט)... אין דער אמתן, נישיים זע, כדי צו פאַרמערן דעם ווײַן אף ארימע חתונות, איז ער אַראָפּ אף דער ערד? און אָט איז ער דאָך אַוועק און מקיים געווען אַזוי ווי איר בקשה איז געווען... אַך ער לייענט ווייטער:

„... רופט זיך אָן צו זיי, ישוע; פילט אָן די קריג מיט וואסער, און זיי האבן זיי אנגעפילט ביז אויבן.

„און ער רופט זיך אָן צו זיי: שעפּט איצט אן און גיט דעם שר המשקים, און זיי האָבן געגעבן.

„אז דער שר המשקים האָט פארזוכט דעם ווײַן, וואס איז געווען וואסער, און ער האט ניט געוואוסט, פון וואנען ער איז געקומען; די דינער אבער, וואס האבן גע־שעפּט די וואסער, האָבן געוואוסט; האָט דער שר המשקים גערופן דעם חתן.

„און ער רופט זיך אן צו אים: יעדער מענטש גיט פריער גוטן ווײַן, און אז מען איז שיכּור, גיט ער שלעכטן: דו האסט אבער געגעבן גוטן ווײַן ביז איצטער".

— נאר וואס איז דאס, וואָס איז דאָס? פארוואָס רוקט זיך פאנאנדער די שטוב... אך, יע, ס'איז דאך א חופּה, א חתונה... יע, אוודאי. אָט זײַנען געסט אויך, אָט זיצן חתן־כּלה און א לוס־טיקער עולם און... וואו זשע איז אָבער אַרכיטריקלין דער קלוגער שר המשקים? אָבער ווער איז דאָס? ווער? ס'האָט זיך ווייטער פאַנאנדערגערוקט די שטוב... ווער הייבט זיך דאָס דאָרטן אויף פון דעם גרויסן טיש? ווי... ער איז אויך דאָ? ער איז דאָך אָבער אין אָרון... נאָר ער איז אויך דאָ... ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט מיך דערזען, ער גייט אַהער... גאָט מײַנער...

אוודאי, צו אים, צו אים איז ער צוגעגאנגען, דער אויסגע־דאַרטער אַלטעטשקער, מיט די קליינע קנייטשעלאַך אַפן פּנים, אַ פריילאַכער און לאַכט שטיל. קיין אָרון איז שוין ניטאָ, און ער איז אין די זעלביקע קליידער, ווי ער איז נעכטן געזעסן מיט זיי, בעת עס זײַנען זיך צונויפגעקומען צו אים די געסט. דער גאַנצער פּנים איז אָפן, די אויגן לויכטן. ווי איז דאָס, ער איז, הייסט עס, אויך

אפן מאָלצייט, איז אויך פאַרבעטן אף דער חתונה אין קאַנאַ פון גליל . . .

— איך אויך, מיין ליבער, מיך האט מען אויך פאַרבעטן, מיך האָט מען אויך פארבעטן און גערופן, — טראָגט זיך דורך איבער אים אַ שטילע שטים. — פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן אָט־אָ־דאָ, אַז מ׳זעט דיך ניט . . . קום דו אויך צו אונז.

דער קול איז זיינער, דעם סטאַרעץ זאָסימאַס קול . . . ווי איז דאָס ניט זיינער, אַז ער רופט? דער סטאַרעץ האט אונטערגעהויבן אַליאָשען מיט דער האַנט, און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט.

— לאָמיר פרייען זיך, — זאָגט ווידער דער דאַרינקער אַלטעטשקער, — מיר טרינקען נייעם וויין, וויין פון אַ נייער פרייד, פון א גרויסער פרייד; זעסט וויפל געסט? אָט איז אויך דער חתן און די כלה, אָט איז אויך אַרכיטריקלין דער קלוגער שר המשקים, ער פארזוכט דעם נייעם וויין. וואָס וואונדערסטו זיך פון מיר? איך האָב דערלאַנגט אַ ציבלקע, בין איך אויך דאָ. און אַ סך פון דאַנען האָבן נאָר דערלאנגט אַ ציבלקע, מער ניט ווי צו איין קליינינקע ציבלקע. . . וואָס זיינען אונזערע מעשים? און דו, שטילינקער, און דו, ליבינקער איינגעלע מיינער, דו האָסט היינט אויך געוואוסט ווי צו דערלאנגען אַ ציבלקע אזאַ, וואָס האָט געלעכצט. הייב אָן, טייערער, הייב אָן, ליבינקער, די מעשים דיינע! . . . און זעסטו דען די זון אונזערע, זעסטו דען אים?

— איך האָב מורא . . . איך האָב מורא צו קוקן . . . — האָט אַ לוספער געטאָן אַליאָשאַ.

— האָב קיין מורא ניט פאַר אים. אימהדיק איז ער מיט זיין גרויסקייט פאַר אונז, פאָרכטיק מיט זיין דערהויבנקייט, אָבער זיין דערבאַרעמקייט האָט קיין ברעג ניט, איז אויס ליבשאַפט געוואָרן אונז גלייך און פרייט זיך מיט אונז, מאַכט וואַסער צו וויין, כדי עס זאָל ניט ווערן איבערגעריסן די פרייד פון די געסט, אף נייע געסט וואַרט ער, נייע רופט ער אָן אַן אויפהער און דאָס איז שוין אף עולם ועדי. אָט טראָגט מען אויך נייעם וויין, זעסט מען טראָגט קריג . . .

עפעס אַזוינס האָט געברענט אין אַליאָשאַס האַרץ, עפעס האָט

אים אָנגעפילט מיטאַמאָל ביז ווייטאָק, טרערן פון התלהבות האָבן זיך געריסן פון דער נשמה זיינער ··· ער האָט אויסגעשפרייט די הענט, האָט א געשריי געטאָן און זיך אויפגעכאַפּט ···

ווידער דער אָרון, דאָס אויפגעעפנטע פענצטער און דאָס שטילע דייטלאכע און וויכטיקע לייענען דאָס עוואַנגעליום. אָבער אַליאָשאַ האָט שוין נישט געהערט, וואָס מ׳לייענט. מאָדנע, איינגעשלאָפן האָט ער אף די קני, און איצט איז ער געשטאַנען אף די פיס, און פלוצים, פונקט ווי ער וואָלט זיך געגעבן אַ ריס פון אָרט, איז ער מיט דריי פעסטע גיכע טריט צוגעגאנגען האַרט צום אָרון. האָט אפילו אָנגעטראָפן מיטן אקסל פאָטער פאַאיסי און האָט דאס נישט באַמערקט. פאָטער פאַאיסי האט אף א רגע געהאַט אויפגעהויבן אף אים די אויגן פון ספר, האָט אָבער תיכף אָפגעקערט זיי צוריק, פאַרשטייענדיק, אַז מיטן בחורל האָט זיך עפעס מאָדנע אַזוינס וואָס געטראָפן. אַליאָשאַ האָט בא א האַלבע מינוט געקוקט אפן אָרון, אפן צוגעדעקטן, אומבאַוועגלאַכן, אויסגעצויגענעם מת וואָס אין אָרון, מיט דער איקאָנע אפן האַרצן און מיט דער יאַרמולקע מיטן אַכטקאַנטיקן צלם אפן קאָפ. נאָר־וואָס האָט ער געהערט זיין שטים, און אָט די דאָזיקע שטים האָט נאָך געהילכט באַ אים אין די אויערן, ער האָט זיך נאָך צוגעהערט, ער האָט נאָך געוואַרט אף קלאַנגען··· איז אָבער פלוצים, זיך אַקערטאָנדיק אינדערקרים, אַרויס פון קעמערל.

ער האָט זיך ניט אָפגעשטעלט אויך אפן גאַניקל, נאָר איז האסטיק אַראָפ אף אונטן. די נשמה זיינע פול מיט התלהבות האָט געלעכצט נאָך פרייקייט, נאָך רוים, נאָך ברייטקייט. איבער אים האָט זיך ברייט, אומענדלאַך אויסגעגאָסן דער קופל פון הימל, פול מיט שטילע פינקלדיקע שטערן. פון זעניט ביזן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן נאָך אומקלאָר כמעט ווי פאַרטאָפלט דער מילכוועג. אַ נאַכט אַ פרישע און א שטילע ביז צו אומבאַוועגלאכקייט האָט זיך אויסגעשפרייט אף דער ערד. די ווייסע טורעמס און די גילדענע קופלען פון דער קאַטעדראַלע האבן געפינקלט אפן רובינען־הימל. די האַרבסטיקע פולע בלומען אף די בייטן אַרום שטוב האָבן איינגעשלאָפן ביז צום פרימאָרגן. די שטילקייט פון דער ערד האָט זיך

אזוי ווי צונופגעגאָסן מיט דער שטילקייט פון דעם הימל, דער סוד פון דער ערד האָט זיך באַרירט מיט דעם סוד פון די שטערן... אַליאָשאַ איז געשטאַנען, געקוקט, און מיטאַמאָל, ווי אַן אונטערגעהאַקטער, האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף אַף דער ערד.

ער האָט נישט געוואוסט, צוליב וואס האָט ער זי אַרומגענומען, ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, פאַרוואָס האָט זיך דאָס אים אַזוי ברענענדיק געוואָלט קושן זי, קושן זי די גאַנצע, נאָר ער האָט זי געקושט וויינענדיק, יאָמערנדיק און באַגיסנדיק זי מיט זיינע טרערן, און האָט מיט אַ ווילדקייט געשוואָרן זיך זי ליב צו האָבן, ליב צו האָבן אַף אייביק. „באַגיס די ערד מיט די טרערן פון דיין פרייד און האָב ליב אָט די דאָזיקע טרערן דיינע"... האָט אדורכ־געקלונגען אין דער נשמה זיינער. פון וואָס האָט ער געוויינט? אָ, ער האָט געוויינט אין דעם התלהבות זיינעם אפילו אויך פון אָט די דאָזיקע שטערן, וואָס האָבן געלויכטן פאַר אים פון אָפּגרונט, און „ער האָט זיך ניט געשעמט פאַר אָט דעם דאָזיקן שגעון". אַזוי ווי פעדים פון אָט־אָ די אַלע אומציילִיקע גאָטס עולמות זיינען זיך צו־נויפגעקומען מיטאַמאָל אין דער נשמה זיינער, און זי האָט די גאנצע געציטערט, „באַרירנדיק זיך מיט אנדערע עולמות". מוחל זיין האָט זיך אים געוואָלט אַלעמען און פאַר אַלץ, און בעטן מחילה, אָ! ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אַלעמען, פאַר אלץ און פאר יעדער זאַך, און „פאַר מיר בעטן אויך אנדערע". האָט ווייטער אַדורכגע־קלונגען אין דער נשמה זיינער. אָבער מיט יעדער רגע האָט ער געשפּירט בולט און אַזוי ווי בחוש, אַז אַזוינס פעסטעס און נישט צעטרויסלענדיקעס, ווי אָט דער דאָזיקער געוועלב פון הימל, גייט אַראָפּ אין דער נשמה זיינער. עפּעס אַזוי ווי אַ געדאַנק האָט באַ־הערשט דעם גייסט זיינעם — און שוין אפן גאַנצן לעבן, אַף אויבי־קער אויביקייט. געפאַלן איז ער אַף דר'ערד אַ שוואַכער בחורל, און איז אויפגעשטאַנען אַ פעסטער קעמפער אַפן גאנצן לעבן, און מיט־אַמאָל איז דאָס פאַר אים ניכר געוואָרן און ער האָט דאס דערשפּירט. אין דער זעלביקער רגע פון זיין התלהבות. און קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט האָט ניט געקאָנט אַליאָשאַ פאַרגעסן זיך דערנאָך דעם

גאַנצן לעבן זיינעם אָט די דאזיקע רגע. „עפּעס איז עמיצער אַראָפּגעקומען אין מיין גשמה אין יענער ווייַלע!" פּלעגט ער זאָגן דערנאָך מיט אַ פעסטן גלויבן אין זיינע ווערטער . . .

אין דריי טעג ארום איז ער אַרויס פון מאָנאַסטיר, וואָס איז אויך געווען אין הסכּם מיט די ווערטער פון דעם סטאַרעץ זיינעם דעם נפטר, וואָס האָט אים געהייסן „זיין אין דער וועלט".

# אכטער בוך

## מיטיא

### I

#### קוזמאַ סאַמסאָנאָוו

און דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, וועמען גרושענקא האט, אוועקפליענדיק אין א נײַ לעבן, „געהייסן" איבערגעבן איר לעצטן גרוס און פארזאגט צו געדיינקען אף אויביק די שעה פון איר ליבע, האט זיך געפונען אין דער דאזיקער ווײַלע, קיין זאך ניט וויסנדיק, וואס ס'איז פארגעקומען מיט איר, אויך אין א שרעקלאכער צעמישטקייט און זארג. אין די לעצטע צוויי טעג איז ער געווען אין אזא אימהדיקן צושטאנד, אז ער האט באמת געקאנט קראנק ווערן אף מאַרך־אנצינדונג, ווי ער האט שפעטער אליין געזאגט. אַליאָשאַ האט מיט א טאג פאר דעם אינדערפרי נישט געקאנט אויפזוכן אים, און דער ברודער איוואַן האט אין דעם זעלביקן טאג נישט געקאנט פאַרווירקלאַכן דעם צונויפקומען זיך מיט אים אין שײַנק. די באַלעבאַטים פון דער דירהלע, וואו ער האט געוואוינט, האבן פארבארגן לויט זײַן פארזאג זײַן סליאַד אפילו. ער, ווידער, האט אין די דאזיקע צוויי טעג ממש געווארפן זיך אין אלע זײַטן, „ראנגלענדיק זיך מיט זײַן גורל און ראטעווענדיק זיך", ווי ער האט זיך שפעטער אליין אויסגעדריקט, און איז אפילו אף עטלאכע שעה געוועזן ארויס־

געפּלויגן צוליב אַ ברענענדיקן ענין פון שטאַט, נישט קוקנדיק, וואָס ס'איז אים זייער שווער געווען אוועקצופאָרן, איבערלאָזנדיק גרושענ־קען כאָטש נאָר אויף אַ רגע נישט אַכטונג צו געבן אויף איר. דאָס אַלצדינג האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אויפן סאַמן אויספּירלאַכסטן און דאָקומענטאַלן אופן, איצט אָבער ווילן מיר אָנמערקן פּאַקטיש בלויז דאָס סאַמע וויטוועדיקסטע פון דער געשיכטע פון אָט די דאָ־זיקע אימהדיקע צוויי טעג אין זיין לעבן, וואָס זיינען מקדים געווען די שרעקלאַכע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך אַזוי פּלוצלונג אויסגע־בראָכן אין דעם גורל זיינעם.

גרושענקאַ, כאָטש זי האָט אים אַפילו אַ שעהלע געליבט פון האַרצן און אויפריכטיק, דאָס איז אמת, אָבער זי האָט אים אין דער זעלביקער צייט אויך געפּייניקט אָפּטמאָל מיט אַכזריות און אָן רחמנות. דער עיקר איז, וואָס ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט פאַרשטיין פון אירע כוונות; אַרויסבאַקומען ווידער מיט אַ צערטלאַכקייט אָדער מיט גוואַלד איז אויך נישט געווען קיין מעגלאַכקייט: זי וואָלט זיך נישט געלאָזן בשום אופן, און וואָלט נאָר אין כּעס געוואָרן און אַוועק פון אים אינגאַנצן, דאָס האָט ער דעמאָלט קלאָר פאַרשטאַנען. ער איז חושד געווען דעמאָלט גאַנץ ריכטיק, אַז זי אַליין געפינט זיך אויך אין עפּעס אַ קאַמף, אין עפּעס אַן אומגעוויינלאַכער ניט־אַנט־שלאָסנקייט, ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן אין אַנטשליסן עפּעס און פאָרט נישט געקאָנט אַנטשליסן, און דעריבער האָט ער אויך נישט אָן אַ גרונט משער געווען, מיט אַ ציטערדיק האַרץ, אַז ווײַלע־ווײַז דאַרף זי פּשוט האָסן אים מיט זיין ליידנשאַפט. אַזוי איז אפשר אויך גע־ווען, אָבער פון וואָס אַזוינס גראָד גרושענקאַ איז געווען באַטריבט, דאָס האָט ער פונדעסטוועגן ניט פאַרשטאַנען. אין פּלוג איז פאַר אים באַשטאַנען די גאַנצע פראַגע, וואָס האָט אים געפּייניקט, אין צוויי מאַמענטן: „אָדער ער, מיטיאַ, אָדער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש“. דאָ, אגב, דאַרף מען פאַרצייכענען איין זיכערן פאַקט: ער איז געווען לחלוטין איבערגעצייגט, אַז פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש וועט ניט אַנדערש ווי פאָרלייגן (אויב ער האָט שוין ביז איצט ניט פאַרגע־לייגט) גרושענקען אַ געזעצלאַכע חתונה, און האָט נישט געגלויבט

קיין איין רגע׳ אז דער אלטער בעל־תאוהניק האפט אָפּצופּטרן מער
ניט ווי מיט די דריי טויזנט. דאס האט מיטיאַ געדרונגען, קענע־
דיק גרושענקען און איר כאַראַקטער. אט פארוואס עס האט זיך אים
אויך אפטמאל געקאנט דאכטן, אז דער גאנצער פּיין גרושענקעס און
איר גאַנצע ניט־אנטשלאסנקייט קומט אויך פאר נאר דערפון, וואס זי
ווייס נישט, וועמען פון זיי אויסצוקלייבן און ווער פון זיי וועט לוי־
נען פאר איר מער. אבער פון דעם באלדיקן אומקערן זיך פון׳ם
״אפיצער״, דאס הייסט פון אט דעם גורל־שווערן מענטשן אין
גרושענקעס לעבן, אף וועמעס קומען זי האט געווארט מיט אזא פּחד
און אויפרעגונג, האט ער אין יענע טעג — מאָדנע איז דאס —
אפילו גאר נישט געטראכט צו טראכטן. אמת, אז גרושענקא האט
פאר אים אין די סאמע לעצטע טעג אינגאנצן געשוויגן וועגן דעם.
פונדעסטוועגן האט ער גאנץ גוט געוואוסט, טאקע פון איר גופא,
וועגן דעם בריוו, וואס זי האט באקומען מיט א חודש צוריק אט
פון דעם געוועזענעם פארפירער אירן, געוואוסט צום טייל אויך דעם
אינהאלט פון בריוו. דעמאלט, אין עפּעס א בייזער שעה, האט גרו־
שענקא אים אט דעם דאזיקן בריוו געוויזן, נאר, צו איר פארוואונ־
דערונג, האט ער דעם בריוו אט דעם נישט צוגעגעבן כמעט קיין
שום ווערט. און עס וואלט זייער שווער געווען צו דערקלערן פאר־
וואָס: עס קאָן גרייזלאך זיין, אז פשוט דערפאר, ווייל ער אליין, זייענדיק
באדריקט דורך דער גאנצער נבלה און אימה פון זיין געראנגל מיטן
לייבלאכן פאטער פאר אט דער דאזיקער פרוי, האט שוין גאר אפילו
נישט געקאנט משער זיין פאר זיך קיין שרעקלאכערעס און קיין גע־
פערלאכערעס, ווייניקסטנס, צו יענער צייט. דעם חתן ווידער, וואס
איז פלוצלונג פון ערגעץ־וואו ארויסגעשפרונגען נאך א פינפיארקן
נעלם זיין, האט ער פשוט נישט געגלויבט אפילו, און בפרט נאך,
אז ער וועט בקרוב קומען. און גלאט אין דעם סאמן ערשטן בריוו
דעם ״אפיצערס״, וואס מ׳האט געוויזן מיטיענקען, איז געווען גערעדט
מכח דעם קומען פון אט דעם נייען קאנקורענט גאנץ אומבאשטימט:
דער בריוו איז געווען א זייער אומקלארער, א זייער גדלותדיקער
און אנגעפּאקט נאר מיט סענטימענטן, מ׳דארף באמערקן, אז

גרושענקא האט דעמאלט באהאלטן פון אים די לעצטע שורהלאך פון
בריוו, וואו עס האט זיך גערעדט א ביסל באשטימטער וועגן דעם
קומען. צו דערצו נאך פלעגט מיטיענקא דערמאנען שפעטער, אז
אין יענער ווײלע האט ער געכאפט בא גרושענקען אליין אפן געזיכט
אזוי ווי א געוויסע אומווילנדיקע און שטאלצע פאראכטונג צו אט
דעם דאזיקן כתב פון סיביר. דערנאך האט שוין גרושענקא פון די
אלע ווײטערדיקע באציאונגען מיט אט דעם נײַען אויסכאפער מיטיענ־
קען גארנישט ניט דערציילט. האט ער אף אזא אופן און ביס־
לאכווייז זיך אינגאנצן אפילו פארגעסן אָן דעם אפיצער. ער האט
געטראכט נאר דערפון, אז וואס עס זאל נישט ארויסקומען, און ווי
די זאך זאל זיך נישט א קער טאן, איז דער אנטגילטיקער צוזאמענ־
שטויס זײַנער, וואס רוקט זיך אָן מיט פיאָדאָר פאוולאָוויטשן, צו
נאהנט און דארף אנטשיידן ווערן פריער פאַר אלץ. מיט א פאר־
צאפלטער הארץ, האט ער איטלאכע רגע געווארט אַף גרושענקעס אנט־
שלוס און האט רק געגלויבט, אז ער וועט פארקומען אזוי ווי פלוצ־
לונג, על פי רוח הנבואה, מיטאמאל וועט זי זאגן צו אים: „נעם
מיך, איך בין אף אויביק דײַנע” — און אלצדינג וועט זיך פארענ־
דיקן: ער וועט זי א כאפ טאן און אוועקפירן אין עק וועלט אפן־
שטעל. אָ, אפן־שטעל ט'ער אוועקפירן, ווי מעגלאך, ווי מעגלאך
ווײַטער, אויב נישט אין עק וועלט, איז ערגעץ־וואו אין עק רוסלאנד,
וועט דארטן חתונה האבן מיט איר און ט'זיך באזעצן מיט איר
בסוד־סודות, אזוי אז קיינער זאל שוין גאר אינגאנצן נישט וויסן
פון זיי, נישט דא, נישט דארטן און ערגעץ נישט. דעמאלט, אָ,
דעמאלט וועט זיך אנהייבן אפן־שטעל אינגאנצן א נײַ לעבן! פון
אט דעם אנדערן, באנייטן און שוין „טוגנדהאפטן” לעבן („דורכויס,
דורכויס טוגנדהאפטן”) האט ער געחלומט איטלאכע מינוט און
ווי ווילד. ער האט געלעכצט נאך אט דעם דאזיקן תחית המתים
און דעם נתחדש ווערן. דער נמאסדיקער אפגרונט, וואוהין ער איז
פארקראכן אליין מיט זײַן אייגענעם ווילן, האט אים צו שטארק גע־
דריקט, און ער האט, ווי פיל אנדערע אין אזוינע פאלן, מער פאר
אלץ געגלויבט אין משנה־מקום־זײַן: אבער ניט אט די זעלביקע מענטשן,

אבער ניט אט די פארהעלטעניסן, נאר אוועקפליען פון אט דעם פארשאלטענעם ארט און — אלצדינג וועט פונדאסניי געבארן ווערן, אלצדינג וועט זיך באנייען! אט אין וואס אזוינס ער האט געגלויבט, און וואס אזוינס עס האט אים געמאטערט.

אבער דאס איז געווען נאר אין ערשטן פאל, ביים ג ל י ק ל א כ ן פארענטפערן די פראגע. ס'איז אבער געווען אויך א צווייטער פארענטפערן, ס'איז באשטאנען אויך א צווייטער, אבער שוין א שרעקלאכער אויסגאנג. פלוצים וועט זי זאגן צו אים: „גיי, איך האב זיך אט־ערשט אפגעשטעלט אף פיאדאר פאוולאוויטשן, און איך האב חתונה מיט אים, און דיך דארף איך ניט" — איז דעמאלט . . . נאר דעמאלט . . . מיטיא האט, איבעריקנס, נישט געוואוסט, וואס עס וועט זיין דעמאלט, האט ביז דער סאמער לעצטער שעה נישט געוואוסט, דאס דארף מען אים מודה זיין. קיין כוונות באשטימטע האט ער נישט געהאט, קיין מארד איז נישט געווען באקלערט. ער האט נאר געפארשט, אויסגעשפירט און געפלאגט זיך, האט אבער פונדעסטוועגן נאר געגרייט זיך צו דעם ערשטן גליקלאכן אויסגאנג פון דעם גורל זיינעם. האט אפילו יעטווידע אנדער מחשבה אפגע־טריבן. דא אבער האט זיך שוין אנגעהויבן גאר אן אנדער מאטער־ניש, ס'איז אנטשטאנען אינגאנצן א נייער און זייטיקער, אבער אויך א גורל־שווערער און נישט קיין פארענטפערנדיקער מאמענט.

דווקא אין דעם פאל, אויב זי וועט זאגן צו אים: „איך בין דיינע, פיר מיך אַוועק" טאָ ווי וועט ער זי אוועקפירן? וואו האָט ער דערצו די מיטלען, די געלט? באַ אים האבן זיך גראָד צו דער דאָזיקער צייט אויסגעלאָזן אלע זיינע הכנסות פון פיאָדאָר פאַוולאָ־וויטשעס נתינהלאך, וואס האָבן זיך ביז איצט נישט אויסגענומען אין א משך פון אזוי פיל יאָרן. אוודאי, גרושענקאַ האָט געהאט געלט, נאָר באַ מיטיען האט זיך בנוגע דעם ארויסגעוויזן מיטאַמאָל א מורא־דיקער שטאָלץ: ער אליין האט געוואָלט אַוועקפירן זי און אָנהייבן מיט איר א נייעם לעבן פאר זיינע געלט, און נישט פאר אירע; ער האט זיך אפילו פאָרשטעלן נישט געקאָנט, אז ער וועט נעמען באַ איר איר געלט. און האט געליטן פון דער דאָזיקער מחשבה ביז

פיינלאכן עקל, איך בין נישט מאריך דאָ מכוח אָט דעם דאָזיקן
פאַקט, איך אַנאַליזיר אים נישט, מער ניט איך פארצייכן בלויז: אַזוי
איז געווען דער בוי פון דער נשמה זייבער אין דעם דאָזיקן מאָמענט,
געקאָנט האָט דאס אלצדינג פאָרקומען אומדירעקט און אזוי ווי אומ־
באַוואוסט אפילו פון דעם פארבאָרגענעם פיין פון זיין געוויסן פאר
די גנביש־צוגעצויגענע געלט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס: „קענן יענער
בין איך אן אויסוואורף, און קעגן דער וועל איך באלד ווערן אן אויס־
וואורף”, האָט ער געטראכט דעמאָלט, ווי ער אליין האָט שפּעטער
מודה געווען: „היינט גרושענקאַ וועט גאָר גלאַט אליין אויך נישט
וועלן אזא אויסוואורף, אז זי ט׳זיך דערוויסן”, איז וואו זשע, אויב
אזוי, נעמט מען די געלט, וואו נעמען אָט די גורל־שווערע געלט?
אניט איז אלצדינג פארפאלן, און ס׳וועט קיין זאך ניט ארויסקומען,
„און ס׳איז מער ניט דעריבער, ווייל ס׳האָט נישט געקלעקט קיין געלט,
אָ, ס׳ארא חרפּה!”

איך פארלויף אפריער: אָט דאס איז די מעשה, אַז ער האָט
געוואוסט טאַקע, וואו צו באַקומען די דאָזיקע געלט, האָט געוואוסט
אפשר אויך וואו זיי ליגן. גענויער וועל איך איצט גאָרנישט ניט
זאָגן, וואָרים שפּעטער וועט אלצדינג קלאָר ווערן; אָבער אָט אין
וואָס ס׳איז באשטאַנען פאר אים דער גרעסטער אומגליק, איך וועל דאס
כאָטש אפילו מטושטשדיק, אָבער פּאָרט ארויסזאָגן: כדי צו נעמען
אָט די געלט, וואָס זיינען ערגעץ־וואו געלעגן, כדי צו ה א ָ ב ן ד א ס
ר ע כ ט צו נעמען דאס, האָט מען געדארפט קודם למעשה אפּגעבן צוריק די
דריי טויזנט רובל קאַטערינאַ איוואַנאָוונען — א ניט „בין איך אַ קעשענע־גנב,
בין איך אַן אויסוואורף, און קיין נייעם לעבן וויל איך נישט אָנהייבן אלס
אויסוואורף”, האָט באַשלאָסן מיטיאַ, און דעריבער האט ער באַשלאָסן
איבערצוקערן די גאנצע וועלט, אויב מ׳דאַרף, אָבער ניט אנדערש,
ווי אפּגעבן אָט די דריי טויזנט רובל קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, וואס
עס זאָל נישט זיין און טאַקע פ ר י ע ר פ אַ ר א ל ץ. דער אנט־
גילטיקער פּראָצעס פון דער דאָזיקער החלטה איז פאָרגעקומען באַ
אים, אזוי צו זאָגן, אין די סאמע לעצטע שעהן פון זיין לעבן, טאקע
פון דעם לעצטען טרעפן זיך מיט אַליאָשען, אפן וועג, מיט צוויי

טעג צוריק אין אָווגט, נאָך דעם, ווי גרושענקאַ האָט באַליידיקט קאַטערינאַ איוואַנאָוונען און מיטיאַ האָט, אויסהערנדיק די מעשה מכוח דעם, זיך מודה געווען, אַז ער איז אַן אויסוואורף, און געהייסן איבערגעבן דאָס קאַטערינאַ איוואַנאָוונען „אויב דאס קאָן איר נאָר אף וויפל־ניט־איז גרינגער מאכן". אָט דעמאָלט טאַקע, אין יענער נאכט, נאָכן צעשיידן זיך מיטן ברודער, האָט ער דערשפירט אין דער ווילדקייט זיינער, אַז ס'איז אים אפילו בעסער „דערהרגענען אָדער באַגזלנען וועמען־עס־איז, אָבער דעם חוב קאַטיען אוועקגעבן צוריק". „לאָמיך שוין בעסער קעגן דעם, וועמען איך וועל טויטן און באַגזלנען — זיין א מערדער און א גנב און אזוי אויך קעגן אַלע מענטשן, און איך זאָל קיין סיביר אַוועק, איידער קאַטיאַ זאָל האָבן דאָס רעכט צו זאָגן, אַז איך בין איר געווען אומטריי און באַ איר גופא געגנבעט געלט, און טאַקע פאַר איר געלט אַנטלאָפן מיט גרושענקען אָנצוהייבן אַ טוגנדהאַפטן לעבן! דאָס קאָן איך נישט!" אַזוי האָט מיט אַ קריץ פון די ציינער געגעבן אַ זאָג־אַרויס מיטיאַ און האָט, בפירוש, געקאָנט פאָרשטעלן זיך צייטנווייז, אַז ער וועט ענדיקן מיט מאַרך־אנצינדונג. דערווייל אָבער האָט ער זיך געראַנגלט...

אַ מאָדנע זאַך: מ'וואָלט דאַכט זיך געקאָנט מיינען, אַז באַ אזא מין החלטה איז, א חוץ פאַרצווייפלונג, שוין מער גאָרנישט ניט איבער־געבליבן פאַר אים: וואָרים וואו זאָל מען נעמען מיטאַמאָל אַזוינע געלטער, היינט נאָך אַזאַ דלפן, ווי ער? און דערביי האָט ער ביז דער לעצטער מינוט די גאַנצע צייט געהאָפט, אז ער וועט קריגן אָט די דאָזיקע דריי טויזנט רובל, אַז זיי וועלן קומען, אַראָפפליען צו אים ווי־עס־איז אליין, כאָטש פון הימל אפילו. אָבער אַזוי איז שוין מיט אָט די מענטשן, ווי דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, וואָס קאָנען דעם גאַנצן לעבן זייערן מער ניט ווי פטרן און טעכערן אומזיסט געלט, וואָס מ'באַקומט בירושה, ווענן דעם אָבער, ווי אַזוי מ'פארדינט געלט, האָבן זיי ניט אפילו די קלענסטע השגה. אַ סאַמער פאַנאַטישער וויכר האָט זיך אויפגעהויבן אין דעם קאָפּ זיינעם גלייך נאך דעם, ווי ער האָט זיך אייערנעכטן צעשיידט מיט אַליאָשען, און האָט פאַר־

פלאָנטערט אַלע זיינע רעיונות. אף אַזאַ מין אופן איז אַרויסגעקומען,
אַז אָנגעהויבן האָט ער פונקט פון אַ סאַמן ווילדסטן פלאַן. נאָר עס
קאָן גאָר גלאַט זיין, אַז דווקא אין אַזאַ לאַגע באַ אַזויינע מענטשן קומען
אויס די סאַמע אוממעגלאַכסטע און פאַנטאַסטישע פלענער פאַר די
סאַמע זיכערסטע. ער האָט מיטאַמאָל באַשלאָסן אַוועקגיין צום סוחר
סאַמסאָנאָוון, צו גרושענקעס באַשיצער, און פאָרלייגן אים אַ „פלאַן"
און קריגן באַ אים, אפן חשבן פון אָט דעם דאָזיקן „פלאַן" מיט־
איינמאָל די גאַנצע נויטיקע סומע; אין דעם פלאַן זיינעם פון דער
קאָמערציעלער זייט איז ער אינגאַנצן נישט געווען מסופק, נאָר ער
האָט געספקט בלויז אין דעם, ווי וועט קוקן אף זיין איינפאל סאַמסאָנאָוו
גופא, אויב ער וועט דאָס וועלן זען נישט נאָר פון דער קאָמערציעלער
זייט אליין. כאָטש אפילו מיטאַ האָט געקענט אָט דעם דאָזיקן סוחר
אין פנים, באַקענט אָבער איז ער מיט אים נישט געווען און האָט
אפילו קיין איין מאָל נישט גערעדט מיט אים. אָבער עס האָט זיך
באַ אים, איך ווייס ניט פאַרוואָס, און דאָס איז שוין אפילו אַ מעשה פון
לאַנג, געבויט אַ זיכערקייט, אַז אָט דער דאָזיקער אַלטער נואף,
וואָס איז שוין איצט קרוב לאמת, וועט אפשר באַ דער איצטיקער
מינוט גאָרניט שטעלן זיך אַנטקעגן, ווען גרושענקאַ וועט ווי־עס־איז
איינאָרדענען איר לעבן אָרנטלאַך און וועט חתונה האָבן מיט אַ „צו־
פאַרלעסיקן מענטשן". און אַז ער וועט ניט נאָר וואס ניט שטעלן
זיך אנטקעגן, נאָר אז ער וויל דאָס גאָר אַליין אויך און, אַז
עס זאָל זיך נאָר מאַכן באַ דער האַנט, וועט ער אַליין צורעדן. איך ווייס
ניט, צי פון קלאַנגען עפעס, צי פון וועלכע־עס־איז גרושענקעס רייד,
נאָר ער האָט אויסגעפירט אויך, אַז דער אַלטער וואָלט, אפשר, איידער
פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן אויסגעקליבן אים פאַר גרושענקען. עס קאָן
גריילאַך זיין, אַז פאַר פיל לעזער פון אונזער דערציילונג וועט אויס־
קומען אָט די דאָזיקע אויסרעכענונג אַף אַזאַ מין הילף, און די כוונה
צו צונעמען זיין כלה, אַזוי צו זאָגן, פון די הענט פון איר באַשיצער
פאַר זעער גראָב און חלשותדיק מצד דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן. איך
קאָן נאָר זאָגן בלויז דאָס, אַז דער עבר גרושענקעס איז געווען פאַר
מיטיען אַ זאַך, וואָס איז שוין לחלוטין אַוועק. ער האָט געקוקט אַף

אָט דעם דאָזיקן עבר מיט אַן אומענדלאַכן רחמנות און האָט באַשלאָסן מיטן גאַנצן פלאַם פון זייןליידנשאַפט, אַז קוים וועט גרושענקאַ נאָר אַרויסרעדן צו אים, אַז זי האָט אים ליב און אַז זי האָט חתונה מיט אים, וועט זיך די שטעל אָנהייבן גאָר אַ נייע גרושענקאַ, און אינ־איינעם מיט איר אויך אינגאַנצן אַ נייער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, אָן קיין שום שלעכטע מעלות, נאָר בלויז טוגנדהאַפטע מעשים אַליין: ביידע וועלן זיי איינער דעם אַנדערן מוחל זיין און וועלן אָנהייבן זייער לעבן שוין גאָר אַף אַ נייעם שטייגער. וואָס איז שייך ווידער קוזמאַ סאַמסאָנאָוון, איז האָט ער געהאַלטען אים, אין אָט דעם פריערדיקן פאַרגאַנגענעם עבר גרושענקעס, פאַר אַ גורל־שווערן מענטשן אין דעם לעבן אירן, וועמען זי האָט אגב קיינמאָל נישט ליב געהאט, און וועלכער איז שוין אויך, דאָס איז דער עיקר, "פאַרגאַנגען", זיך געענדיקט, אַזוי אַז ער איז שוין איצט אויך אינגאַנצן נישטאָ. און, ועל כולם, האָט אים מיטיאַ איצט גאָרניט געקאָנט האַלטן פאַר אַ מענטשן אַפילו, וואָרים קינד־און־קייט האָט שוין געוואוסט אין שטאָט, אַז דאָס איז מער ניט ווי אַן אַלטע חורבה, באַ וועמען עס זיינען געבליבן די באַציאונגען מיט גרושענקען, אַזוי צו זאָגן, נאר פאָטערלאַכע, אָבער שוין לחלוטין נישט אָט אַף די יסודות, וואס פריער, און אז דאס איז שוין א מעשה פון־ווען, פון אַ יאָר צייט כמעט. אַלנפאַלס איז דאָ געווען אויך אַ סך תמימות מצד מיטיען, וואָרים באַ אַלע זיינע שלעכטע מעלות איז דאָס געווען אַ תמים אַ מענטש. טאַקע אָט צוליב דער דאָזיקער תמימות זיינער, איז ער געווען אגב פעסט איבערגעצייגט, אַז דער אַלטער קוזמאַ, וואָס קלייבט זיך אַוועקצוגיין אפן עולם האמת, שפירט אַן אמתע חרטה פאַר זיין עבר מיט גרושענקען, און אַז זי האָט איצטער נישט קיין איבערגעגעבענערן באַשיצער און פריינד, ווי אָט דעם דאָזיקן שוין אומשעדלאַכן אַלטן.

איז אט טאקע אף מארגן נאכן שמועס מיט אַליאָשען אפן פעלד, נאך וועלכן מיטיאַ האט נישט געשלאפן די גאנצע נאכט, איז ער אראפגעקומען אין סאַמסאָנאָווס הויז באַ א זייגער צען אינ־דערפרי און געהייסן מעלדן אים. דאס דאזיקע הויז איז געווען אן

אלטע, אַ פינצטערע, א זעער גערוימיקע, פון צוויי עטאזש, מיט געבייען אפן הויף און מיט א פליגל. אין דעם אונטערשטן גאָרן האבן געוואוינט די צוויי חתונה־געהאטע זין סאַמסאָנאָווס מיט זייערע פאמיליעס, א זקנה — א שוועסטער זיינע און א ניט קיין חתונה־געהאטע טאכטער. אין פליגל ווידער האבן געוואוינט זיינע צוויי אנגעשטעלטע, וואס איינער פון זיי איז געווען אויך א גרויסער בעל מטופל. סיי די קינדער, סיי די אנגעשטעלטע האבן זיך געשטיקט אין זייערע דירות, אבער דעם אויבן פון הויז האט פאר־נומען דער אלטער אליין און האט נישט געלאזן וואוינען בא זיך די טאכטער אפילו, וואס איז ארומגעגאנגען ארום אים, און וואס האט געמוזט אין די באשטימטע שעהן און אף די אומבאשטימטע רופן זיינע יעדעס מאל ארויפלויפן צו אים פון אונטן אף אויבן, נישט קוקנדיק, וואס זי האט שוין געהאט פון לאנג א קורצן אטעם. דער דאזי־קער „אויבן" איז באשטאנען פון א וועלט גרויסע מלכותדיקע חדרים, מעבלירט אפן פארצייטיקן סוחרישן שטייגער, מיט לאנגע אומעטיקע שורות פון אומגעלומפערטע פאטער־שטולן און סתם שטולן פון רויטן האָלץ בא די ווענט, מיט קריסטאל־לוסטרעס פארצויגענע מיט שלייערס, און מיט פאראומערטע שפיגלען אין די צווישנווענטלאך. אט די אלע חדרים זיינען געשטאנען לחלוטין ליידיק און נישט באוואוינט, ווארים דער קראנקער זקן האט זיך געשטיקט מער ניט ווי אין איין צימערל, אין זיין הינטערשטן קליינינקן שלאפצימער, וואו עס האט אים באדינט אן אלטעטשקע א דינסט, מיט א פאטשיילקעלע אפן קאפּ, און דער דינער, וואס האט געלעבט אפן באַנק אין פיר־הויז. גיין האט דער אלטער צוליב די אנגעשוואלענע פיס זיינע שוין כמעט אינ־גאנצן נישט געקאנט און פלעגט נאר זעלטן אויפהייבן זיך פון זיין לעדערנעם פאטער־שול, און די אלטעטשקע פלעגט אים צוהאלטן אונטערן ארעם, און דורכפירן אים א מאל צי צוויי איבערן צימער. געווען איז ער שטרענג און קארג אין ווערטער אפילו מיט אט דער דאזיקער אלטעטשקער. אז מ'האט אים געמאלדן פונ'ם „קאפיטאנס" קומען, האט ער די שטעל געהייסן ניט אויפנעמען אים. אבער מיטיאַ איז צוגעשטאנען און געבעטן מעלדן נאך א מאל. קוזמאַ

קוזמיטש האט אויסגעפרעגט געגוי דעם דינער: ווי איז ער, ווי
זעט ער אויס, צי איז ער ניט שיכּור? צי מאכט ער ניט קיין
סקאַנדאַלן? און האט באַקומען אַ תּשובֿה, אַז ער איז „ניכטער, נאָר
אָוועקגיין וויל ער ניט". דער אַלטער האט ווייטער געהייסן ניט
אויפֿנעמען אים. דעמאָלט האט מיטיאַ, וואָס האט דאָס אַלצדינג פֿאַרויס-
געזען און מיט אַ כּיוון אַ כאַפּ געטאָן מיט זיך אויף אַזאַ מין פֿאַל
פּאַפּיר מיט אַ בלייפֿעדער, דייטלעך אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר
איין שורהלע: „וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין, וואָס איז שטאַרק נוגע
אַגראַפֿענאַ אַלעקסאַנדראָווונען", און האט דאָס אָוועקגעשיקט צום אַלטן.
אַ טראַכט געטאָן אַ ווײַלע, האט דער אַלטער געהייסן דעם דינער
אַרײַנפֿירן דעם אורח אין זאַל, און די אַלטעטשקע האט ער אָוועק-
געשיקט אויף אונטן מיט אַ באַפֿעל צום אינגערן זון ער זאָל תּיכּף
קומען צו אים אויף אויבן. דער דאָזיקער אינגערער זון אַ מאַנסביל
פֿון אַ קלאַפּטער דרײַצן די הייך און אַ בעל גבֿורה, וואָס די וועלט
האט ניט געזען, און וואָס האט געגאָלט די באָרד און אָנגעטאָן זיך
מעשה-דײַטש (סאַמסאָנאָוו אַליין איז געגאַנגען אין אַ קאַפֿטן און
געטראָגן אַ באָרד), איז אַרויפֿגעקומען תּוך כּדי דיבור און נישט
איבעררעדנדיק קיין וואָרט. אַלע האבן זיי פֿאַרן טאַטן געפּלאַטערט.
פֿאַרבעטן האט דער טאַטע דעם דאָזיקן „בן-זקונימל" ניט וואָס מ׳זאָל
זאָגן אויס מורא פֿאַרן קאַפּיטאַן, בטבֿע איז ער גאָר נישט געווען
קיין פּחדן, נאָר סתּם אַזוי וואָס עס זאָל ניט זײַן, מער צוליב דעם,
כּדי עס זאָל זײַן אַן עדות. באַלייט פֿון דעם זון, וואָס האט אים
גענומען אונטערן אָרעם, און דעם דינער, איז ער ענדלעך אַרויס-
געשוואומען אין זאַל. מ׳מעג זאָגן, אַז געשפּירט האט ער אויך
אַ געוויסע נײַגעריקייט אַ גאַנץ גרויסע. דער דאָזיקער זאַל, וואו עס
האט געוואַרט מיטיאַ, איז געווען אַ גוואַלטיק גרויסער, אַ פֿאַראומערטער
צימער, וואָס האט דערשלאָגן די נשמה מיט אַ מרה שחורה, געהאַט
צוויי רייען פֿענצטער, מיט כאָרן, מיט ווענט „ווי פֿון מירמל-שטיין" און
מיט דרײַ אימהדיקע קריסטאַל-לוסטרעס פֿאַרצויגענע מיט שלייערס.
מיטיאַ איז געזעסן אויף אַ שטולעלע לעבן דער טיר פֿון אַרײַנגאַנג
און אין אַ נערוועזער אומגעדולדיקייט געוואַרט אויף זײַן גורל. אַז דער

אלטער האט זיך באוויזן אין דעם אנטקעגנדיקן אריינגאנג, בא א קלאפטער צען פון מיטיאַס שטול, האט ער מיטאמאל געגעבן א שפרונג־אויף און איז מיט די פעסטע ארשיניקע פראנט־טריט געגעבן א גיי־צו צו אים אנטקעגן. אנגעטאן איז געווען מיטיאַ אנשטענדיק, אין א פארשפּילעטן סורדוט, מיט א רונדן הוט אין האנט און מיט שווארצע האנטשן, אט פונקט ווי ער איז געווען מיט א טעג דריי צוריק אין מאָנאַסטיר, ביים סטאַרעץ, וואו ס׳איז פארגעקומען די פאמיליע־באגעגעניש מיט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן און מיט די ברידער. דער אלטער האט וויכטיק און שטרענג געווארט אף אים שטייענ־דיקערהייט, און מיטיאַ האט פלוצלונג דערשפּירט, אז ביז ער איז צוגעגאנגען צום אלטן, האט יענער אים באקוקט דעם גאנצן. נשתומם איז געווארן מיטיא אויך פון קוזמא קוזמיטשעס זעער שטארק אנ־געשוואלענעם פּנים פאר דער לעצטער צייט: דער אונטערשטער ליפּ זיינער, וואס איז אזוי אויך געווען דיק, האט אויסגעזען איצטער עפּעס ווי א מין אראפּגעהאנגענער פּלעטשל אזא. וויכטיק און נישט אויסצורעדן קייןווארט, האט ער זיך פארנויגט פארן גאסט, האט אים אנגעוויזן דעם פאטער־שטול לעבן דיוואן, און אליין האט ער לאנגזאם, אנשפּארנדיק זיך אף דעם זונס האנט און קרעכטשענדיק קרענקלאך, אנגעהויבן זיך אוועקצוזעצן אנטקעגן מיטיען אפן זאפע, אזוי אז מיטיא האט, זעענדיק די קרענקלאכע אנשטרענגונגען זיינע, תיכּף דערשפּירט אין זיין הארצן א געפיל פון חרטה און איידעלע בושה פאר דער איצטיקער קליינלאכקייט זיינער לגבי אט דעם בכבודיקן זקן, וואס ער האט באאומרואיקט.

— וואס פארלאנגט איר פון מיר, סודאר? — האט דער אלטער, זיך אוועקזעצנדיק ענדלאך, ארויסגעזאגט, לאנגזאם אזוי, איינציקע ווערטער־ווייז, אבער העפלאך.

מיטיא האט זיך א צאפּל געטאן, געהאט געגעבן א שפּרונג־אויף, נאר האט זיך צוריק געזעצט. דערנאך האט ער אפן־שטעל אנגעהויבן רעדן עפּעס אזוי שטארק, האסטיק, נערוועז, מיט זשעסטן און ממש ווי ווילד. ס׳איז קענטיק געווען, אז דער מענטש איז דערגאנגען ביז צום לעצטן ברעג, איז פארפאלן, און ער זוכט דעם לעצטן אויסוועג, און

וועט זיך דאס נישט איינגעבן, איז כאטש די רגע אין וואסער אריין. דאס אלצדינג האט, משמעות, דער אלטער סאמסאנאוו אין א כהרף עין פארשטאנען, הגם דער פנים זיינער איז געבליבן אומפארענדערט און קאלט, ווי בא א געץ.

„דער איידלסטער קוזמא קוזמיטש האט מסתמא שוין נישט איינמאל געהערט וועגן די סכסוכים מיינע מיט מיין פאטער, פיאדאר פאוולאוויטש קאראמאזאוון, וואס האט באגזלט מיך אין דער ירושה פון מיין לייבלאכער מאמען... ווארים גאנץ שטאט קאכט דאך שוין דערפון... ווארים דא קאכן זיך דאך אלע פון דאס, פון וואס מ׳דארף ניט... און א חוץ דעם, האט ער אויך געקאנט דערגיין פון גרושענקען... זייט מוחל: פון אגראפענא אלעקסאנדראוונען... פון דער פון מיר געערטסטער און געאכפערטסטער אגראפענא אלעקסאנדראוונען"... אזוי האט געהאט אנגעהויבן און זיך אפּ־געהאקט ביים ערשטן ווארט מיטיא. מיר וועלן אבער נישט ברענגען ווארט־אין־ווארט זיין גאנצע רעדע, נאר מירן געבן בלויז דעם איינ־האלט. די זאך, הייסט עס, באשטייט אין דעם, וואס ער, מיטיא, האט נאך מיט א חדשים דריי צוריק א בכיוון (אזוי טאקע האט ער געזאגט „א בכיוון", און ניט מיט א פיוון) געפרעגט אן אדוואקאט אין דער גובערניע־שטאט, „דעם בארימטן אדוואקאט, קוזמא קוזמיטש, פאוועל פאוולאוויטש קארנעפלאדאוון, איר׳ט דאך, מסתמא, געהערט פון אים? א חכם מחוכם, כמעט א קאפּ פון א מיניסטער... ער קען אייך אויך... האט זיך אפגערופן וועגן אייך פון דער סאמער בעסטער זייט"... האט זיך צום צווייטן מאל מיטיא אפגעהאקט. זיין אפּ־האקן זיך אבער האט אים נישט אפגעהאלטן, ער פלעגט גלייך אריבערשפרינגען איבער דעם און רייסן זיך אלץ ווייטער און ווייטער. איז אט טאקע דער זעלביקער קארנעפלאדאוו, הייסט עס, האט אויספרעגנדיק די דאקומענטן, וועלכע מיטיא האט אים צוגע־שטעלט (מכוח די דאקומענטן האט מיטיא זיך אויסגעדריקט אין אט דעם ארט עפעס אומקלאר און זעער האסטיק) געזאגט, אז וועגן דעם דארף טשערמאשני, וואס וואלט געדארפט, הייסט עס, געהערן צו אים, צו מיטיען, נאך דער מאמעס טויט, וואלט מען געקאנט בפירוש

פארפירן א פראצעס. און מיט דעם גופא מבולבל מאכן דעם אלטן חצוף...
„ווארים ניט אלע טירן זיינען דאך פארשפארט, און די יוסטיץ ווייס שוין, ווי דורכצוקריכן". מיט איין ווארט, מ'וואלט געקאנט האפן, הייסט עס, באקומען אפילו א טויזנט זעקס צוגאב פון פיאדאר פאוולאוויטשן, זיבן אפילו, ווארים טשערמאשניע איז דאך פארט ווערט פארבונדענע פינף און צוואנציק טויזנט, איך מיין אף־געוויס אכט און צוואנציק, — „דרייסיק, דרייסיק, קוזמא קוזמיטש, און איך האב אפילו, שטעלט זיך פאר, קיין זיבעצן נישט ארויסגענומען פון אט דעם דאזיקן אכזר דעם מענטשן!..." איז אט, הייסט עס, האב איך, מיטיא, דעמאלט געלאזן אט דעם דאזיקן ענין, ווארים איך בין נישט קיין בריה מיט דער יוסטיץ, קומענדיק אבער אהער בין איך מבולבל געווארן פון דער תביעה פון דעם צווייטן צד (האט זיך מיטיא ווידער פארפלאנטערט און ווידער אריבערגעשפרונגען איבערקרים): איז, צי וואלט איר נישט געוואלט, איידלסטער קוזמא קוזמיטש, איבערנעמען אלע רעכט מיינע בנוגע אט דעם דאזיקן אכזר, און מיר געבן סך הכל דריי טויזנט... איר קאנט דאך דא באין אופן נישט אנווערן, דאס שווער איך אייך מיט דער ערע מיינער, מיט מיין ערע, פארקערט, איר קאנט געווינען א טויזנטער זעקס אדער זיבן, אנשטאט דריי... אבער דער עיקר איז, אז מיר זאלן דאס פארענדיקן „נאך היינט טאקע". איכ'ל ארויסגעבן אלע דאקומענטן, וואס איר וועט פארלאנגען, איכ'ל אלצדינג אונטערשרייבן... און מיר וואלטן אט דעם דאזיקן פאפיר טאקע גלייך געמאכט, און ווען מ'וואלט געקאנט, ווען מ'וואלט נאר געקאנט, איז נאך אפשר טאקע היינט אינדערפרי... וואלט איר ארויסגעגעבן מיר אט די דריי טויזנט רובל... ווארים ווער זשע איז דא אין פארגלייך מיט אייך א קאפיטאליסט אין אט דעם שטעדטעלע... מיט דעם אבער וואלט איר מיך געראטעוועט פון א.... מיט איין ווארט איר וואלט מיך, דעם אומגליקלאכן, געראטעוועט, אז איך זאל קאנען באגיין אן איידלסטע זאך, א סאמע דערהויבנסטע זאך, קאן מען זאגן...
ווארים איך האב די סאמע איידלסטע געפילן צו א געוויסער פערזאן, וואס איר קענט צו־גוט און פאר וועמען איר זארגט, ווי א פאטער,

א ניט וואלט איך נישט געקומען, ווען איר וואלט ניט געזארגט, ווי א פאטער. און טאמער ווילט איר נאך, האבן זיך דא דרייען גע־געבן א זעץ מיט די דריי שטערנס, ווארים דער גורל — דאס איז אן אימה, קוזמא קוזמיטש! ס'איז רעאליזם, קוזמא קוזמיטש, רעאליזם! היות אבער ווי אייך דארף מען שוין פון לאנג אויס־שיידן, וועלן בלייבן נאר צוויי שטערנס, ווי איך האב זיך אויס־געדריקט, אפשר, ניט גאר געשיקט, אבער איך בין נישט קיין ליטעראטאר. איך מיין, הייסט דאס, איין שטערן איז מיינער, און דער אנדערער — אט דעם דאזיקן אכזרס. איז, אלזא, קלייבט אויס: איך, צי דער אכזר? אלצדינג איז איצט בא אייך אין די הענט — דריי מערכות און צוויי גורלס... זייט מיר מוחל, איך האב זיך פארפלאנטערט, נאר איר פארשטייט... איך זע אן אייערע גע־אכפערטע אויגן, אז איר'ט פארשטאנען... טאמער אבער האט איר ניט פארשטאנען, איז היינט טאקע אין וואסער אריין, אט דאס איז אלץ!

מיטיאַ האט אָפּגעהאקט זיין אומגעלומפערטע רעדע מיט אָט דעם דאזיקן „אָט דאס איז אַלץ" און, געבנדיק אַ שפרונג־אויף פון אָרט, האט ער געווארט דעם ענטפער אף זיין נארישן פארשלאג. מיט דער לעצטער פראגע האט ער טאקע מיטאמאל אויך דערשפירט אָן א שום האפענונג, אז אלצדינג האט געפלאצט, און, דער עיקר, אז ער האט אנגעפראוועט אַ געוואלטיקן שטות. „א מאדנע זאך, די גאנצע צייט, וואס איך בין געגאנגען אהער, האט אלצדינג אויס־געזען גוט, איצטער אבער איז אלצדינג אַ שטות!" האט זיך מיט־אַמאל אדורכגעטראגן אין זיין יאושדיקן מוח. די גאנצע צייט, וואס ער האט גערעדט, איז דער אלטער געזעסן אומבאוועגט און מיט אן אייזיקן אויסדרוק אינ'ם בליק געקוקט אף אים. אויסגעהאלטן אים אבער בא א מינוט ווארטנדיקערהייט, האט קוזמא קוזמיטש ארויס־געזאגט ענדלאך מיט אַ סאמן אנטשלאסענעם און נישט פריילאכן טאן:

— האט קיין פאריבל ניט, מיר פארנעמען זיך ניט מיט אזוינע עסקים.

מיטיאַ האט מיטאמאל דערשפירט, אז די פיס האקן זיך אים אונטער.

— איז ווי זשע וועל איך דאס איצטער, קוזמאַ קוזמיטש, — האט ער א מורמל געטאן, שמייכלענדיק, א בלאסער. — איך בין דאך איצטער פארפאלן, ווי מיינט איר?

— האט קיין פאריבל ניט...

מיטיאַ איז נאך אלץ געשטאנען און שארף געקוקט אומבאוועג־טערהייט, און מיטאמאל האט ער באמערקט, אז עפעס האט זיך געגעבן א ריר אפן אלטנס פנים. ער האט זיך א צאפל געטאן.

— פארשטייט איר מיך, מיין הער, פאר אונז זיינען אזוינע עסקים נישט פאסיק, — האט לאנגזאם ארויסגערעדט דער אלטער, — עס וועט ווערן א חתונה מיט פראָצעסן, אַדוואָקאַטן, אמתע צרות! נאר אויב איר ווילט, איז דא פאראן איינער א מענטש, אָט צו אים, זעט איר, ווענדט זיך...

— גאט מיינער, ווער זשע איז דאס!... איר גיט מיר אריין אַ נייע נשמה, קוזמאַ קוזמיטש, — האט אנגעהויבן פלאפלען מיטאמאל מיטיאַ.

— ער איז ניט קיין היגער, אָט דער דאזיקער מענטש, און ער איז איצט גאר גלאט ניטאָ דאָ, שטאמען שטאמט ער אליין אָפּ פון פויערים, האנדעלט מיט וואלד, זיין צונעמעניש איז ליאַגאַווי. אָט איז שוין אַ יאָר צייט, ווי ער דינגט בא פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן אָט דעם וועלדל אייערן אין טשערמאשניע, און זיי קומען זיך נישט צונויף אין מקח, איר האט דאס אפשר געהערט, איצטער איז ער גראד ווידער געקומען און ער שטייט־איין ביים אילינסקער גלח, פון וואָ־לאָוויער סטאַנציע וועט דאס מסתמא זיין אַ וויארסט צוועלף, אין דארף אילינסק. ער האט געשריבן אהער צו מיר אויך מכוח אָט דעם דאזיקן ענין, דאס הייסט וועגן אָט דעם וועלדל, האט געפרעגט אַן עצה. איז אז איר וואָלט פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן פארגאנגען אַ פריער, און איר וואלט אָנגעבאָטן ליאַגאַוועון אָט דאס אייגענע, וואס איר האָט מיר אָנגעבאָטן, איז קאן גרייכאך זיין, אז ער וואלט מסכים געווען...

— א געניאַלער איינפאל! — האט מיט התפעלות איבערגעריסן, מיטיאַ, — אוודאי ער, אוודאי איז דאס פאר אים אן עסק! ער דינגט

דאס, מ׳בעט בא אים טייער, און דאָ באַקומט ער מיטאמאל א דאָ־קומענט אף די גיטער אליין, כא—כא—כא! — און מיטיאַ האָט זיך מיטאמאל צולאכט מיט זיין דראבבנעם, הילצערנעם געלעכטער, לחלוטין אומגעריכט, אזוי אז אפילו סאַמסאָנאָוו האט זיך א צאפל געטאן מיטן קאָפּ.

— ווי זאל איך אייך דאָס דאנקען, קוזמאַ, קוזמיטש! — האט זיך מיטיאַ געקאָכט.

— ניטאָ פאר וואס, — האט אראפגעבויגן סאַמסאָנאָוו דעם קאָפּ.

— איר ווייסט אבער ניט, איר האט דאך מיך געראטעוועט, אָ, עס האט מיך געצויגן א געפיל צו אייך... איז, אלזא, צום פּאָפּ!

— ס׳איז ניט ווערט קיין דאנק.

— איך לויף, איך פלי. איך האב ניט געהיט אייער שוואכן געזונט. כ׳וועל אף אויביק ניט פארגעסן, א רוסישער מענטש זאגט דאס אייך, קוזמאַ קוזמיטש, א ר—רוסישער מענטש!

— יאָ—אָ, יאָ!

מיטיאַ האט געהאט א כאפּ געטאן דעם אלטן פאר דער האנט, אף אַ טרייסל צו טאן זי, נאר עפּעס א שלעכטסקייט אזא האט א בליק געטאָן בא דעם אלטן אין די אויגן. מיטיאַ האט אוועקגענומען די האנט, אבער די שטעל אויפגעוואָרפן זיך גופא פאר די ספקות זיינע. „דאס איז ער פארמאטערט געווארן"... האט געגעבן א בליק אין זיין רעיון.

— ס׳איז צוליב איר! צוליב איר, קוזמאַ קוזמיטש! איר פארשטייט, אז דאס איז צוליב איר! — האט ער א בריל געטאן מיט־אמאל אפן גאנצן זאַל, ט׳זיך פאַרנויגט, זיך געגעבן א דריי אינדער־קרים און מיט די זעלביקע גיכע, ארשיניקע טריט, נישט א קערטאנ־דיק זיך, גענומען גיין צו דער טיר. ער האט געפלאטערט פאר התפעלות. „ס׳איז דאך שוין אַלצדינג געווען פארלארן, און אט האט דער אויבערשטער געשיקט א ישועה" האט זיך געטראגן אין דעם רעיון זיינעם. „און אויב שוין אזא סוחר, ווי אָט דער זקן (ס׳ארא חשובדיקער זקן, היינט ס׳ארא באנעמען זיך!), האט אנגעוויזן אָט

דעם דאזיקן וועג׳ איז · · · איז שוין׳ אוודאי׳ דער וועג א זיכערער׳ איז טאקע די רגע פליען׳ ביז נאכט קום איך צוריק׳ איז קום איך ביינאכט צוריק׳ אבער די זאך איז באזיגט׳ נישיים זע האט דער אלטער געקאנט מאכן חוזק פון מיר?״ — אזוי האט געהאלטן אין איין אויסרופן מיטיאַ׳ שפרייזנדיק צו זיך אהיים׳ און אוודאי האט שוין גאר אנדערש נישט געקאנט אויסקומען פארן שכל זיינעם׳ דאס הייסט: אדער דאס איז א סוחרישע עצה (פון אזא סוחר)—וואס איז א קענער אין געשעפט׳ וואס קען אט דעם ליאַגאַוון (א מאָדנע פאמיליע!) אדער — אדער דער אלטער האט געמאכט פון אים חוזק! אָ וויי! אָט דער לעצטער געדאנק איז טאקע געווען דער איינציק ריכטיקער׳ שפעטער׳ שוין אין א צייט ארום׳ אז ס׳איז שוין פארגעקומען די גאנצע קאטאסטראפע׳ האט דער אלטער סאַמסאָנאָווו׳ לאכנדיק׳ זיך אליין מודה געווען׳ אז ער האט דאס דעמאלט חוזק געמאכט פון דעם „קאפיטאן״׳ דאס איז געווען א שלעכטער׳ א קאלטער און אן אָפּלאַכער א מענטש׳ דערצו נאך מיט קרענקלאכע אנטיפאטיעס׳ צי דער התפעלותדיקער אויסזען פון דעם קאפיטאן׳ צי די נארישע זיכערקייט פון אָט דעם דאזיקן ״פארשווענדער און אויסברענגער״׳ אז ער׳ סאַמסאָנאָוו׳ קאן זיך ארייגלאזן אף אזא ווילדקייט׳ ווי זיין ״פלאן״׳ צי דאס געפיל פון אייפערזוכט בנוגע גרושענקען׳ צוליב וועמען ״אָט דער דאזיקער האלעדריגע״ איז געקומען צו אים מיט עפעס א מין ווילדן פלאן נאך געלד׳ — איך ווייס נישט׳ וואס גראד אזוינס האט דעמאלט דערוועקט דעם אַלטן׳ נאר אין דער מינוט׳ בשעת מיטיאַ איז געשטאנען פאר אים און געשפירט׳ אז עס האקן זיך אים אונטער די פיס און אומגעלומפערט געטענהט׳ אז ער איז פארפאלן׳ — אין אָט־אָ דער מינוט האט דער אלטער געגעבן א קוק אף אים מיט אן אומענדלאכער רשעות און ס׳איז אים איינגעפאלן מאכן א ביסל חוזק פון אים׳ אז מיטיא איז ערויס׳ האט קוזמאַ קוזמיטש׳ א בלייכער פון רציחה׳ זיך געגעבן אַ קער צום זון און געהייסן אנזאגן׳ אז אף להבא זאל אפילו די זוואַניע פון אָט דעם דאזיקן האלעדריגע ניט זיין׳ און מ׳זאל אים אפן הויף ניט ארויפלאזן׳ א ניט · · ·

ער האט נישט פארענדיקט דאס, מיט וואס ער האט געסטראַשעט, נאר אפילו דער זון, וואָס פלעגט אים אפט זען אינכּעסערהייט, האט זיך א צאפּל געטאן פאר שרעק. א זייגערנע שעה נאך דעם האט זיך דער אלטער דער גאנצער געטרייסלט פון רוגזה, און צו אוונט־צו איז ער קראנק געווארן און געשיקט נאכן "רופא".

## II

## ליאָגאַווי

האָט מען געדארפט, הייסט עס, "פליען" און קיין געלט אף קיין פור איז פונדעסטוועגן קיין פּרוטה נישט געווען, דאס הייסט עס זיינען יע געווען צוויי צוואנציקקאפּיקענע, אבער דאס איז אלץ, אלץ, וואס עס איז געבליבן פון אזוי פיל יארן פריערדיקער עשירות! נאר ס'איז געלעגן בא אים אין שטוב אן אלטער זילבערנער זייגער, וואס האט שוין פון לאנג אויפגעהערט צו גיין. האט ער אים א כאַפּ געטאן און איז אוועק צו א אידן א זייגערמאכער, וואס האט געלעבט אין זיין קרעמל, וואס אפן מארק. דער זייגערמאכער האט פאר אים געגעבן זעקס רובל. "איך האב זיך אף דאס אויך ניט געריכט!" האט אויסגעשריען דער בעל־התפעלות מיטיאַ (ער איז נאך אלץ געווען אין התפעלות), האט א כאַפּ געטאן זיינע זעקס קארבן און איז אוועקגעלאפן א היים. אינדערהיים האט ער ממלא געווען די סומע, לייענדיק דריי רובל א גמילות חסד בא די באלעבאַטים, וואס האבן אים געגעבן בכּבוד גדול, נישט קוקנדיק, וואס זיי האבן אפּגעגעבן זייערע לעצטע געלט, אזוי האבן זיי אים האָלט געהאַט. מיטיאַ האט אין דעם התפעלותדיקן צושטאנד זיינעם גלייך טאקע אנטפּלעקט פאר זיי, אז עס ווערט באשלאסן דער גורל זיינער, און האט זיי דערציילט גוואלטיק געאיילט, פארשטייט זיך, כמעט זיין גאנצן "פּלאן", וואס ער האט נאר־וואס פארגעלייגט סאַמסאָנאָוון, שפּעטער סאַמסאָנאָווס עצה, די קומענדיקע האפענונגען זיינע און אזוי ווייטער א. א. וו. די באלעבאטים האבן נאך פאר דעם אויך געוואוסט אסך סודות

זיינע, דעריבער־טאקע האבן זיי געקוקט אף אים, ווי אף אַן „אייגע־נעם" מענטשן, ניט ווי אף קיין פריץ א בעל־גאוה. אויפגעזאמלט אף אזא אופן ניין רובל, האט מיטיאַ אוועקגעשיקט נאך פאסט־פערד ביז צו וואָלאָוויער סטאנציע. אבער אזוי ארום האט מען געדיינקט און ס'איז פארצייכנט געווארן דער פאקט, אז „ערב פון עפעס א געשעעניש, אין האלבנטאג, האט מיטיאַ קיין גראשן נישט געהאט און אזי, כדי צו באקומען געלט, האט ער פארקויפט דעם זייגער און געליען דריי רובל בא די באלעבאטים, און דאס איז פארגעקומען אלץ פאר עדות אין די אויגן".

איך פארצייכן אט דעם דאזיקן פאַקט שוין איצט, שפעטער וועט קלאָר ווערן, פאר וואָס איך טו דאָס.

אַוועקגעפלויגן אף וואָלאָוויער סטאַנציע, האט מיטיאַ, הגם ער האט געלויכטן פון אַ פריילאכן געפיל, אז ער וועט, איין מאָל פאַר אלע מאָל, מאַכן א סוף און פאַרענדיקן „מיט אט די אַלע עסקים", האט ער פונדעסטוועגן געפלאַטערט פאַר פחד: וואס וועט ווערן איצטער מיט גרושענקען אין זיין אָפּגעוועזנהייט? און ווי, אז זי וועט גראָד היינט, סוף כל סוף, אנטשליסן זיך גיין צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן? אט פארוואס ער איז אַוועקגעפארן קיין זאך ניט זאָגנדיק איר און פארזאָגט די באלעבאטים למען השם ניט אַרויסגעבן וואו ער איז אהינגעקומען, אויב מ'וועט קומען פון ערגעץ פרעגן אים. „ניט אנדערש, ניט אנדערש דארף מען זען קומען צוריק היינט אינאוונט" האט ער געהאלטן אין איין איבערחזרן, טרייסלענדיק זיך אין וואָגן, „און אָט דעם ליאַגאַוון, וועט מען גאָר דארפן, אַ סברה, ברענגען אַהער צו שלעפּן . . . אַף צו פארענדיקן דעם ענין" . . . אזוי האט, מיט אַ פאַרצפּלטן הארץ, מיטיאַ געחלומט, אָבער ווי, די חלומות זיינע איז שוין צו־פיל נישט באשערט געווען זיי זאלן מקוים ווערן נאך זיין „פלאַן" נאך.

ערשטנס, האט ער פארשפּעטיקט, אַוועקפארנדיק פון וואָלאָוויער סטאנציע מיטן זייטוועגל, מיטן זייטוועגל. האט זיך ארויסגעוויזן, דארף מען פארן ניט קיין צוועלף וויאָרסט, נאָר אַ וויארסט אכצן, צוויי טנס, האט ער דעם אילינסקער „באַטיושקע" ניט געטראָפן אינדערהיים, ער איז

געוועז אוועק אין אַ דערבייאיקן דערפל· ביז וואנען מיטיאַ האט אים דארטן אויפגעזוכט· אַוועקפארנדיק אין אָט דעם דאָזיקן דערפל אליין אף די זעלביקע אויסגעמוטשעטע פערד, איז שוין כמעט געווארן נאכט· דער גלח· אַ ציטערדיק און גוט מענטשל אַפּן אויסזען· האט אים תּיכּף געגעבן צו וויסן· אז אָט דער ליאַגאַווי· וואס האט זיך· אמת, צוערשט געוועזן אפגעשטעלט באַ אים· געפינט זיך אָבער איצט אין סוכאָי פּאָסיאָלאָק· נעכטיקט דארטן היינט אין שטיבל ביי דעם וואַלד־שומר· ווארים ער האַלט דארטן אויך אין דינגען וואַלד· נאך דעם· ווי מיטיאַ האט זיך גענומען שטאַרק בעטן אוועקפירן אים גלייך טאַקע צום ליאַגאַוון און ״דער מיט· אזוי צו זאגן· ראטעווען״ אים· איז דער גלח· נאך אַ ישוב הדעת· פונדעסטוועגן מסכים געוועזן באַלייטן אים קיין סוכאָי פּאָסיאָלאָק· קענטיק דערשפירנדיק אַ ביי־גערקייט· האט אבער צום אומגליק געגעבן אַן עצה ״אַ לאפּטאן צו פוס״· ווארים עס איז סך־הכל דאָ א ווערסט ״מיט עפּעס״· מיטיאַ איז· פארשטייט זיך· מסכים געוועזן און האט גענומען שפּרייזן מיט זיינע אַרשיניקע טריט· אזוי אז דער ״באַטיושקע״ האט נעבאך געמוזט נאכלויפן· דאס איז געוועזן נאך אַ ניט קיין אלטער און אַ זעער פארזיכטיק מענטשל· מיטיאַ האט מיט אים אויך די שטעל גענומען רעדן וועגן זיינע פּלענער· האט מיט ברען און נערוועז פארלאנגט עצות וועגן ליאַגאַוון און האט אפּגערעדט דעם גאנצן וועג· דער ״באַטיושקע״ האט געהערט אויפמערקזאם· אבער עצות האט ער קנאפּ־וואס געגעבן· אף מיטיאַס פראגעס פלעגט ער ענטפערן אַן חשק: ״איך וויים ניט· אָך· איך ווייס ניט· ווי קום איך דאס גאר צו וויסן״ א· א· וו· אז מיטיאַ האט גענומען רעדן פון זיינע סכסוכים מיטן טאטן וועגן דער ירושה· האט זיך דער באַטיושקע דערשראקן אפילו· ווארים ער איז אין אַ געווויסן פרט געוועזן אפּהענגיק פון פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן· מיט פארוואונדערונג· אגב· האט ער געגעבן אַ פרעג פאר וואס רופט ער אט דעם סוחר דעם פויער גאָרסטקין ליאַגאַווי, און האט דער־קלערט מיטיען· אז כאטש אפילו ער הייסט טאקע ליאגאווי· נאר מ׳רופט אים פונדעסטוועגן ניט ליאַגאַווי· ווארים מיט אט דעם נאמען באַליידיקט ער זיך גוואַלטיק, און אַז רופן דארף מען אים למען השם

גאָרסטקין, „אַ ניט וועט איר קיין זאַך ניט מאַכן מיט אים, און ער וועט גאר גלאט אפילו ניט אנהייבן צו הערן" האט פאַרענדיקט דער באַטיושקע. מיטיאַ האט האסטיקערהייט זיך א ביסל פארוואונדערט און דערקלערט, אז אזוי האט אים גערופן סאַמסאָנאָוו אליין. דערהערט פון אט דער דאזיקע מעשה, האט דער באטיושקע די־שטעל פארענדיקט דעם שמועס, כאטש אפילו ער וואלט געטאן גוט, ווען ער וואלט ארויסגעזאגט דעמאלט פאר דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן די השערה זיינע: אז אויב סאַמסאָנאָוו אליין האט אים געשיקט צו דעם דאזיקן „מוזשיטשאָק" ווי צו דעם ליאַגאַוון, איז צי האט ער דאס ניט געמאכט עפעס אף אַ געלעכטער, און צי איז דא ניטא עפעס ניט קיין גלאטע זאך? אבער מיטיא האט קיין צייט נישט געהאט אפצושטעלן זיך „אף אזוינע קלייניקייטן". ער האט זיך געאיילט, האט געשפרייזט, און ערשט קומענדיק קיין סוכאָי פּאָסאַליאָק האט ער זיך געכאפט, אז אפגעגאנגען זיינען זיי נישט קיין וויאָרסט און נישט קיין אנדער־האלבן, נאר גוטע דריי; דאס האט אים אויפגערעגט, נאר ער האט דאס אריבערגעליטן. מ'איז אריין אין שטיבל. דער לעסניק *), דעם „באַטיושקעס" אַ באקאנטער, האט געוואוינט אין איין העלפט פון שטיבל, און אין דער אנדערער, אין דער בעסערער העלפט, וואס איבערן פירהויז, איז איינגעשטאַנען גאָרסטקין. מ'איז אריין אין אט דעם צוגעקליבענעם שטיבל און מ'האט אנגעצונדן אַ חלבענע ליכטל. דאס שטיבל איז געווען שטארק אנגעהייצט. אפן סאסנע־טיש איז געשטאַנען אַן אויסגעלאשענער סאַמאָוואַר, דערביי אַ טאַץ מיט טעסלאך, אַן אויסגעטרונקענע פלעשל ראָם, און אַ צווייטע קווארט בראנפן, וואס איז נאך ניט אינגאנצן געווען אויסגעטרונקען, און שיריים פון חלה. דער אורח גופא איז געלעגן אויסגעצויגענער־הייט אפן באנק, מיט אַ צונויפגעדרייטן אויבערשטן בגדל אונטערן קאפ אנשטאט אַ קיסן, און האט שווער געכראפעט. מיטיאַ איז געבליבן מטושטש. „אוודאי מוז מען וועקן: די זאך מיינע איז אַ צו־וויכטיקע, כ'האב זיך אזוי געאיילט, איך איל זיך דאך נאך היינט קומען צוריק" איז געווען מיטיאַ צוטראגן; נאר דער

*) שומר פון וואַלד.

באַטיושקע און דער לעסניק זיינען געשטאַנען און געשוויגן, ניט ארויסזאגנדיק זייער מיינונג. מיטיאַ איז צוגעגאַנגען און האט גענומען ווען קן אליין, האט זיך גענומען ענערגיש, אבער דער שלאפעדיקער האט זיך ניט אויפגעכאפט. "ער איז שיכור," האט באשלאסן מיטיאַ, אבער וואס זאל איך טאן, גאט מיינער, וואס זשע זאל איך טאן! "און מיטאמאל האט ער אין אַ שרעקלאכער אומגעדולד גענומען רייסן דעם שלאפעדיקן פאר די הענט, פאר די פיס, ארומטרייסלען אים פארן קאפ, אויפהייבן און אוועקזעצן אפן בענקל, און האט פונדעסטוועגן נאך גרויס מאַטערניש זיך מער ניט ווי דערשלאגן, וואס יענער האט אנגעהויבן עפעס אומגעלומפערט צו ברומען און שטארק צו זידלען זיך, כאטש אפילו ער האט נישט דייטלאך ארויסגערעדט די ווערטער.

— איר וואלט שוין בעסער אויפגעווארט — האט זיך אנגערופן, סוף כל סוף, דער באַטיושקע, — ווארים ער איז קענטיק ניט בכוח.

— האט א גאנצן טאג געטרונקען, — האט זיך אפגערופן דער לעסניק.

— גאט מיינער! — האט אויסגעשריען מיטיאַ — אז איר וואלט נאר געוואוסט, ווי איך מוז אים האבן און אין וואס פאר אַ פארצווייפלונג איך געפין זיך!

— ניין, איר וואָלט שוין בעסער אויפגעווארט ביז אינדערפרי, — האט איבערגעחזרט דער באַטיושקע.

— ביז אינדערפרי? גאָט איז מיט אייך, דאס איז אוממעגלאַך! — און אין פאַרצווייפלונג האט ער ווידער שיר ניט געהאט א ווארף געטאָן זיך וועקן דעם שיכור, האָט אָבער גלייך אויפגעהערט, פאַרשטייענדיק די גאַנצע אומנוצלאכקייט פון אַזאַ אָנשטרענגונג. דער באַטיושקע האָט געשוויגן, און דער פאַרשלאָפענער לעסניק איז געווען מרה־שחורהדיק.

— ס'אַראַ שרעקלאכע טראַגעדיעס דער רעאַליזם מאַכט מיט דעם מענטשן! — האָט אַרויסגעזאָגט מיטיאַ לחלוטין פאַרצווייפלט. שוויס האט זיך געגאסן פון זיין פנים. אויסגענוצט די ווייל, האט דער באַטיושקע זייער קלוג געגעבן צו פארשטיין, אַז כאָטש אפילו עס וואלט זיך יע איינגעגעבן אויפצוועקן אים, איז,

זייענדיק אָבער שיכּור, איז ער פּאָרט ניט מסוגל צו קיין שום שמועס, און איר האָט דאָך אַ וויכטיקן ענין, וואָלט אפשר גלייכער געווען אויפוואַרטן ביז אינדערפרי״ ... מיטיאַ האָט פאַנאַנדערגענומען די הענט און איז מסכּים געווען.

— איכ׳ל דאָ, באַטיושקאַ, בלייבן מיט דער ליכט און איך וועל אָפּ־היטן דעם מאָמענט. ער וועט זיך אויפכאַפּן, וועל איך גלייך אָנהייבן... פאַר דער ליכט וועל איך דיר באַצאָלן, — האט ער זיך אַ קער געטאָן צום לעסניק, — פאַר סטאַנציע אויך, וועסט געדיינקען דמיטרי קאַראַמאַזאָוון. אָט מער ניט מיט אייך, באַטיושקאַ, ווייס איך איצט ניט, ווי זאָל עס זיין: וואו וועט איר זיך צולייגן?

— ניין, איך וועל מיר שוין אַוועק אַהיים. איך וועל מיר שוין דערפאָרן אף זיין קליאַטשקע. — האט ער געוויזן אפן וועכטער. — לעת עתּה האט אַ גוטן, איך ווינטש אייך פּיל גליק.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט. דער באַטיושקע איז אַוועקגע־פאָרן אף דער קליאַטשקע, אַ צופרידענער, וואָס ער איז ענדלאַך פּטור געוואָרן, נאָר אַלץ פונדעסטוועגן אַ צוטראָגענער געשאָקלט מיטן קאָפּ און איבערגעטראַכט: צי וועט מען ניט דאַרפן מאָרגן באַצײַטנס מודיע זיין וועגן אט דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן פאל דעם בעל טובה פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, ״וואָרים ס׳איז ניט קיין שעת הכּושר, ער וועט זיך דערוויסן, וועט ווערן אין כּעס און וועט אויפהערן צו געבן די תּמיכה״, דער וועכטער ווידער, געבבנדיק זיך אַ קראַץ, איז שווייגנ־דיק אַוועק אין זיין שטיבל, און מיטיאַ האט זיך געזעצט אויפן בענקל כּאפן דעם מאמענט, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט. אַ טיפע נאָגעניש האט זיך, ווי אַ שווערער נעפל, אויסגעלייגט אף זיין נשמה, אַ טיפע, שרעקלאכע נאגעניש! ער איז געזעסן, געטראַכט, אָבער באַטראַכטן קיין זאך ניט געקאָנט. דאָס ליכטל האָט גענומען שמעלצן, דער גריל שרייען, אין דעם אָנגעהייצטן שטיבל איז געוואָרן שטיקנדיק ניט אַריבערצוטראָגן. עס האָט זיך מיטאַמאָל פאָרגעשטעלט פאַר אים דער סאָד, דער וועג הינטערן סאָד, ביים טאַטן אין שטוב עפנט זיך אויף געהיימניספול די טיר, און דורכן טיר לויפט גרושענקאַ אַדורך... ער האָט געגעבן אַ שפרונג פון בענקל.

— אַ טראַגעדיע! — ט'ער אַ זאָג געטאָן, קריצנדיק מיט די ציין, איז מעכאניש צוגעגאַנגען צום שלאָפעדיקן און האָט אָנגעהויבן קוקן אף זיין פנים. דאָס איז געווען אַ מאָגערער, נאך נישט קיין אַלטער מוזשיק, מיט אַ זעער לענגלאכן געזיכט, מיט בלאָנדע געגרויזטע האָר און מיט אַ לאַנגן דינינקן לענגלאַכן בערדעלע, אין אַ ציצענעם העמד און אין אַ שוואַרצן זשילעט, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט פון קעשענע אַ קייטעלע פון אַ זילבערנעם זייגער. מיטיאַ האָט באַקוקט אָט די דאזיקע פיזיאָנאָמיע מיט אַ שרעקלאַכן האַס, און אַ האַס האָט ער געשפירט עפעס דער עיקר דערפאַר, וואָס ער האָט געגרויזלטע האָר. דערהויפט איז אָט־אָ דאָס געווען אומדערטרעגלאך באַליידיקנדיק, וואָס אָט ער, מיטיאַ, שטייט לעבן אים מיט זיין ברענענדיקער זאַך, האָבנדיק אזוי פיל מקריב געווען, אַזוי פיל זאַכן געווארפן, דער גאַנצער אַן אויסגעמוטשעטער, און אָט דער טויגעניכטס, "פון וועמען עס הענגט איצטער אָפּ דער גאַנצער גורל מיינער, כראָפּעט ווי עס וואָלט גאָר קיין זאַך נישט געווען, פונקט ווי ער וואלט געווען פון אַן אנדער וועלט". "אָ, די איראָניע פון גורל!" האט אוסגערופן מיטיאַ און מיטאַמאָל, אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם פאַרשטאַנד, האָט ער ווידער אַ וואָרף געטאָן זיך וועקן דעם שיכורן מוזשיק. ער האָט אים געוועקט מיט עפעס אַ מין פאַרביסנקייט, אַזאַ, געריסן אים, געשטויסן, געשלאָגן אפילו, נאָר, האאבנדיק אָפּגעדרייט זיך אַ מינוט פינף און ווייטער גאָרנישט ניט דערשלאָגנדיק זיך, איז ער אין אַן אָנמעכטיקער פאַרצווייפלונג צוריק אַוועק אף זיין בענקל און זיך אַנידערגעזעצט.

— נאריש, נאריש! — האט אויסגערופן מיטיא, — און . . . ווי בידעריק דאס איז אלצדינג — האט ער גלאט אזוי צוגעגעבן מיטאמאל. דער קאָפּ האט אים מוראדיק אנגעהויבן ווייצוטאן: "סיידן א שפיי טאן? גאר אוועקפארן אינגאנצן" האט א בליץ געטאן בא אים אין רעיון, "ווייס איך וואס, ניין, איך בלייב ביז אינדערפרי. אט אף להכעיס וועל איך בלייבן, אף להכעיס! נאך וואס זשע בין איך געקומען אויב אזוי? און סתם אוועקפארן איז גאר ניטא ווי, ווי קאן מען אוועקפארן איצטער פון דאנען, אָ, ווי אומגעלומפּערט!"

דער קאָפּ זיינער האט פונדעסטוועגן אנגעהויבן אלץ מער און

מער ווייצוטאן. אומבאוועגטערהייט איז ער געזעסן און האט שוין ניט געדיינקט, ווי ער האט איינגעדרעמלט און מיטאַמאל, זיצנדיקער־הייט, איינגעשלאפן. קענטיק, ער האט געשלאפן א שעה צוויי אדער אפשר מער. אויפגעכאפט זיך ווידער האט ער פון אן אומדערטרעג־לאכן קאפּווייטאק, אן אומדערטרעגלאכן ביז צו שרייען. אין די שלייפן זיינע האט געקלאפט, דער מוח האט ווי געטאן; אויפגעכאפט זיך, האט ער נאך א לאנגע צייט נישט געקאנט קומען איינגאנצן צו זיך און פארשטיין, וואס איז מיט אים אזוינס פארגעקומען. ענדלאך האט ער זיך געכאפט, אז אין דעם אנגעהייצטן שטיבל איז א מוראדיקער טשאַד און אז ער האט אפשר געקאנט שטארבן. און דער שיכורער מוזשיק איז נאך אלץ געלעגן און געכראָפּעט; דאס ליכטל האט זיך אפגעשמעלצט און געהאלטן ביים פארלאשן ווערן. מיטיא האט גע־נומען שרייען און האט זיך א לאז געטאן, וויגנדיק זיך, דורכן פיר־הויז צום וועכטער אין שטיבל. דער שומר האט זיך גיך אויפגע־כאפט, נאר דערהערנדיק, אז אין צווייטן שטיבל איז א טשאַד, איז הגם ער איז אפילו יע אוועק זען וואס דאס איז, האט ער אבער אויפ־גענומען דעם פאקט מאדנע קאלטבלוטיק, וואס האט באליידיקנדיק פארוואונדערט מיטיען.

— ער איז דאך אבער געשטארבן, ער איז דאך געשטארבן, און וואס וועט זיין דעמאלט... וואס וועט זיין דעמאלט? — האט אויסגערופן צו אים מיטיא ווילד.

מ׳האט פאנאנדערגעעפנט די טירן, אויפגעעפנט דאס פענצטער, אויפגעמאכט דעם קוימען, מיטיא האט געבראכט צו שלעפן פון פיר־הויז אַן עמער מיט וואסער, א פריער נאס געמאכט זיך אליין דעם קאפּ, און דערנאך, געפינענדיק עפּעס א שטיקל שמאטע, האט ער זי איינגעטונקט אין וואסער און צוגעלייגט צום קאפּ דעם ליאַגאַוואַן. דער שומר ווידער האט זיך נאך אלץ באַצויגן צו דער גאנצער מעשה עפּעס אזוי־ווי מיט א פאראכטונג אפילו און, אויפעפענדיק דעם פענצטער, האט ער געגעבן א זאג אינכעסערהייט: „עס וועט זיין רעכט אזוי אויך״, און איז ווייטער אוועק שלאפן, לאזנדיק מיטיען אַן אנגעצונדענע בלעכענע לאמטערנע. מיטיאַ האט זיך אפּגעעסקט

מיטן איינגעטשאדעטן שיכּורע באַ א האַלבע שעה, די גאַנצע צייט
נעצנדיק אים דעם קאָפּ, און האָט זיך שוין ערנסט געקליבן ניט צו
שלאָפן די גאַנצע נאַכט. נאַר, זייענדיק אויסגעמאַטערט, האָט ער
זיך עפּעס ווי אַף אַ ווײַלינקע צוגעזעצט, כּדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם,
און האָט אין אַ כּהרף עין צוגעמאַכט די אויגן, און דערנאָך די־שטעל
טאַקע אומבּוואוסטערהייט אויסגעצויגן זיך אַפן בענקל און איז איינ־
געשלאָפן, ווי אַ דערהרגעטער.

אויפגעכאַפּט זיך האָט ער שרעקלאַך שפּעט. ס'איז געווען,
לאָמיר זאָגן, שוין אַ זייגער ניין אינדערפרי. די זון האָט העל געלויכטן
אין די צוויי פענצטערלאַך פון'ם שטיבל. דער נעכטיקער געגרויז־
טער מוזשיק איז געזעסן אַפן בענקל, שוין אָנגעטאָנענער אין דער
פּאַדיאָווקע. פאַר אים איז געשטאַנען אַ פרישער סאַמאָוואַר און אַ
פרישע קוואַרט בראַנפן. די אַלטע קוואַרט, די נעכטיקע, איז שוין
געווען אויסגעטרונקען, און די נייע אויסגעליידיקט שוין מער ווי
אַף אַ העלפט. מיטיאַ האָט אַ שפּרונג געטאָן און ער האָט תּיכּף אָנ־
געשטויסן זיך, אַז דער איינגעטשאַדעטער מוזשיק איז ווידער שיכּור,
שיכּור שטאַרק, שוין אַף צוריק ניט צו כאַפּן. ער האָט געקוקט אַף
אים באַ אַ מינוט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. דער מוזשיק ווידער
האָט געקוקט אַף אים שווייגנדיק און גנביש, מיט עפּעס אַ באַליי־
דיקנדיקער רואיקייט אַזאַ, מיט עפּעס אַ פאַראַכטנדיקער גרויסמוטיקייט
אַפילו, ווי עס האָט אויסגעזען מיטיען. מיטיאַ האָט זיך אַ וואָרף
געטאָן צו אים.

— זײַט מוחל, איר פאַרשטייט . . . איך בין . . . איר האָט,
מסתּמא, געהערט פון דעם היגן שומר פון אַנטקעגן; איך בין פאַ־
רוטשיק דמיטרי קאַראַמאַזאָוו, דעם אַלטן קאַראַמאַזאָווס אַ זון, באַ
וועמען איר דינגט דעם וועלדל . . .

— אַ גראָבער ליגן! — האָט מיטאַמאָל פעסט און רואיק אָפּ־
געשניטן דער פויער.

— וואָס הייסט אַ ליגן? פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן קענט איר דאָך?

— קיין שום פיאָדאָר פאַוולאָוויטשעס דײַנע קען איך ניט, — האָט
עפּעס שווער קערנדיק מיט דער צונג אַ זאָג געטאָן דער מוזשיק.

— אט דעם ווּעלדל, דעם ווּעלדל, וואס איר דינגט בא אים;
קומט צו זיך, דערמאנט זיך, דער אילינסקער באטיושקע פּאַוועל
האט מיך אפּגעפּירט אהער... איר האט געשריבן צו סאַמסאָנאָוון,
און ער האט מיך געשיקט צו אייך... — איז בא מיטיען פארכאפּט
געוואָרן דעם אטעם.

— ש־שקרן! — האט ווייטער אפּגעשניטן ליאַגאַווי. בא
מיטיען זיינען די פיס קאַלט געוואָרן.

— גאָט איז מיט אייך, ס׳איז דאך ניט קיין געלעכטער! איר
זייט אפשר שיכּור, איר קאָנט דאך אבער, סוף כּל סוף, רעדן, פאר־
שטיין... א ניט... א ניט הייב איך קיין זאך ניט אָן צו באגרייפן!

— דו ביזט א פּאַרבער!

— גאָט איז מיט אייך, איך בין קאראמאזאָוו, דמיטרי קאראמאזאָוו,
איך וויל אייך מאכן א פאָרשלאָג... וואס וועט זעער לוינען פאר אייך...
וואס וועט זעער לוינען... טאַקע מכּוח דעם אייגענעם ווּעלדל.
דער מוזשיק האט מיט א וויכטיקייט געגלעט דעם בערדל.

— ניין, דו האסט אנגענומען א פּאָדראַד און א פּאַרך ביזטו
געבליבן. ביזט א פּאַרך!

— איך פארזיכער אייך אבער, אז איר זייט זיך טועה! — האט
אין פארצווייפלונג מיטיא געבראכן די הענט. דער מוזשיק האט אלץ
געגלעט די באָרד און מיטאמאל גנביש צוגעדריקט די אויגן.

— דו באווייז מיר אט וואס: באווייז מיר אזא געזעץ, וואו
מ׳זאל טאָרן מאכן נבלות, הערסטו! ביזט א פּאַרך, פארשטייסטו
דאס?

מיטיא איז באטריבטערהייט אפּגעטראָטן צוריק און מיטאמאל
האט אים עפּעס אזוי ווי „א זעץ געטאָן איבערן קאָפּ", ווי ער האט
זיך אליין דערנאך אויסגעדריקט. אין א כהרף עין איז אזוי ווי אן
אנטפּלעקונג פארגעקומען פאר דעם פארשטאַנד זיינעם, „א פלעמל
האט זיך אנגעכאפּט, און איך האב אלצדינג משיג געווען". פאר־
גליווערטערהייט איז ער געשטאַנען, ניט באגרייפנדיק, ווי אזוי האט
ער געקאָנט, זייענדיק א מענטש פונדעסטוועגן פארט א קלוגער,
לאָזן זיך אף אזא נארישקייט, ארייַנדרייען זיך אין אזא מעשה און

ארבעטן בא דעם כמעט א גאנצן מעת־לעת, עסקן זיך מיט אט דעם ליאַגאַוון, נעצן אים דעם קאָפּ... „אז א מענטש איז שיכור, שיכור ביז גאר, און וועט נאך שיכורן א וואך, — איז וואס זשע איז דא צוווארטן? און ווי אויב סאמסאנאוו האט מיך מיט א כיוון געשיקט אהער? און ווי אויב זי האָט... אָ, גאט מיינער, וואס האב איך אנגעטאן!״...

דער מוזשיק איז געזעסן, געקוקט אף אים און אונטערגע־שמייכלט. וואלט דאס געווען בא אן אנדער פאל, וואלט מיטיא אפשר דערהרגעט טאקע אט דעם דאזיקן שוטה פאר כעס. איצטער אבער איז ער אליין דער גאנצער שוואך געווארן, ווי אן עופהלע. שטיל איז ער צוגעגאנגען צום בענקל, גענומען זיין מאנטל, שווייגנדיק אנ־געטאן אים און איז ארויס פון שטיבל. אינ'ם צווייטן שטיבל האט ער דעם וועכטער ניט געטראפן, קיינער איז ניט געווען. ער האט ארויסגענומען פון קעשענע קליינגעלט פופציק קאפיקעס און האט אוועקגעלייגט אפן טיש, פארן נעכטיקן, פארן ליכטל און פארן טומל. ארויסגייענדיק פון שטיבל, האט ער דערזען, אז ארום־און־ארום איז לויטער וואלד און ווייטער גארנישט. ער איז אוועק אין־דער־וועלט־אריין, נישט געדיינקענדיק אפילו ווי צו נעמען זיך פון שטיבל — אף רעכטס צי אף לינקס; נעכטן ביינאכט, פליענדיק אהער מיטן באטיושקע, האט ער דעם וועג נישט באמערקט. קיין שום געפיל פון נקמה איז אין דער נשמה זיינער צו קיינעם נישט געווען, אפילו צו סאַמסאָנאָוון אויך ניט. ער האט געשפרייזט איבערן שמאלינקן וואלד־שטעגל אָן א זין, פארלארענערהייט, מיט „א פארלארענער אידעע״ און גארניט קימערנדיק זיך וועגן דעם, וואוהין ער גייט. עס וואלט אים געקאנט בייקומען א קינד, וואס וואלט אים בא־געגנט, אף אזוי פיל איז ער מיטאמאל שוואך געווארן בלב ובנפש. פונדעסטוועגן האט ער זיך ווי־עס־איז פון וואלד ארויסגעקליבן: ס'האבן זיך באוויזן מיטאמאל אפגעשניטענע נאקעטע פעלדער אף א שטח מיטן אויג נישט צו כאפן: „ס'ארא פארצווייפלונג, ס'ארא טויט ס'איז ארום און ארום!״ האט ער איבערגעחזרט, שפרייזנדיק אלץ פארויס און פארויס.

אים האבן געראטעוועט דורכפארער: א פורמאן האט געפירט דורכן זייטוועגל עפעס אן אלטעטשקן א סוחר. אז מ׳האט זיך אויסגעגליכן, האט מיטיא א פרעג געטאן דעם וועג, און ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי פארן אויך קיין וואָלאָוויע. מ׳האט אנגעהויבן שמועסן און מ׳האט ארויפגעזעצט מיטיען אפן וועגל. אין א שעה דריי ארום איז מען געקומען. אף וואלאוויער סטאנציע האט מיטיא תּיכּף באַשטעלט פאסט־פערד אין שטאט אריין, און אליין האט ער זיך מיטאמאל געכאפט, אז ער איז א גרויל ווי הונגעריק. ביז מ׳האט איינגעשפאנט די פערד, האט מען אים אויפגעשלאגן א פיינקוכן. ער ער האט אין א רגע אויפגעגעסן אים דעם גאנצן, האט אויפגעגעסן ביז א ברעקל א גרויסן שטיק ברויט, האט אויפגעגעסן די וואורסט וואס ס׳איז נאך געווען, און האט אויסגעטרונקען דריי גלעזלאך בראנפן. אונטערגעלענט זיך, איז ער מונטערער געווארן, און אף דער נשמה זיינער איז ווידער געווארן לויטער. ער איז געפלויגן דורכן וועג, האט געטריבן דעם פורמאן און האט מיטאמאל אויפגעבויט א נייעם און שוין א „זיכערן" פלאן, ווי אזוי צו קריגן נאך היינט טאקע ביז אינאווונט „אט די פארשאלטענע געלט". „און אז מ׳זאל נאר א טראכט טאן, מ׳זאל נאר א טראכט טאן, אז צוליב אט די נארישע דריי טויזנט רובל ווערט פארלארן א גורל פון א מענטשן!" האט ער אויסגערופן מיט פאראכטונג. „נאך היינט, בלא נדר, וועל איך מאכן א סוף!" און ווען ניט נאר דער שטענדיקער געדאנק וועגן גרושענקען און וועגן דעם, צי עס האט זיך מיט איר עפעס ניט געטראפן, וואלט ער אפשר ווייטער געווארן אינגאנצן פריילאך. דער געדאנק אבער וועגן איר האט זיך אריינגעשניטן אין זיין הארץ יעטווידע מינוט, ווי א שארפער מעסער. ענדלאך איז מען געקומען און מיטיא איז די־שטעל אוועקגעלאפן צו גרושענקען.

## III

## די גאָלד־גרובן

דאס איז געווען טאקע דער זעלביקער באזוך מיטיעס, פון וועלכן גרושענקאַ האט מיט אזא אימה דערציילט ראַקיטינען. זי האט דע־

מאלט געוואָרט אף איר „סטאַפּעט" און איז זעער צופרידן געווען, וואָס מיטיאַ איז ניט געקומען, ניט נעכטן, און ניט היינט. האָט גע־ האַפט, אַז אפשר וועט דער אויבערשטער געבן, און ער וועט ניט קומען ביז זי וועט אַוועקפאָרן, ערשט ער האָט זיך פּלוצים אַראָפּ־ געלאָזן. דאָס ווייטערדיקע ווייסן מיר שוין: כּדי אָפּצופּטרן אים, האָט זי אים גלייך איינגערעדט באַלייטן זי צו קוזמאַ סאַמסאָנאָווי־ וואָוהין זי האָט כּלומרשט בויטיק געדאַרפט גיין „ציילן געלט" און אַז מיטיאַ האָט זי תּיכּף באַלייט, האָט זי ביים געזעגענען זיך מיט אים בא קוזמאָס טויער, גענומען פון אים אַ וואָרט ער זאָל קומען נאָך איר צוועלף אַ זייגער, אָפּ אָפּצופירן זי צוריק אַ היים. מיטיאַ איז פון דעם דאָזיקן באַפעל אויך געווען צופרידן: „וועט זיצן בא קוזמאַן, וועט זי, הייסט עס, ניט גיין צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן ... אויב זי לייגט נאָר ניט", האָט ער צוגעגעבן די רגע. נאָר ווי בא אים איז אויסגעקומען, האָט זי, דאַכט זיך, ניט געלייגט. ער איז גראָד געווען פון אָט דעם מין אייפערזיכטיקע, וואָס ביים צעשיידן זיך מיט דער געליבטער פרוי פלעגט ער גלייך אויסטראַכטן גאָט ווייס וואָס פאַר אַ שרעק וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט איר און ווי זי איז אים דאָרטן „אומטרייַ", נאָר, קומענדיק צולויפן צו איר ווידער, אַ צעטרייסלטער, אַ דערשלאָגענער, שוין אַ זיכערער אַף אַלעמאָל, אַז זי האָט טאַקע באַוויזן צו ווערן אים אומטריי, פלעגט ער אָבער בא דעם ערשטן קוק אף איר געזיכט, אף דעם שמייכלענדיקן־ לוסטיקן און ליבן געזיכט פון אָט דער דאָזיקער פרוי — די רגע ניי געבאָרן ווערן, די רגע פאַרלירן יעטווידן חשד און מיט אַ פריילאַכער שאַנד אויפוואַרפן זיך אַליין פאַר דער אייפערזוכט. באַלייט גרושענקען, האָט ער זיך געלאָזן צו זיך אַהיים. אָ, ער האָט נאָך געדאַרפט אַזוי פיל באַוויזן היינט אָפּצוטאָן! אָבער ס'איז, ווייניקסטנס, דעם האַרץ גרינגער געוואָרן. „מ'וואָלט נאָר מער ניט געדאַרפט אַף־גיך דער־ גיין בא סמערדיאַקאָוון, צי ס'איז נעכטן אָוונט עפּעס דאָרטן נישט פאָרגעקומען, צי זי איז, אַ מאָל אַ קשיא, נישט געקומען צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן. אוי!" האָט זיך אַ דורכגעטראָגן בא אים אין קאָפּ. אַזוי אַז ער האָט נאָך אפילו ניט באַוויזן צו דערלויפן צו זיך אַהיים,

ווי די אייפערזוכט האט שוין ווידער אנגעהויבן צו ווימלען זיך אין דעם ברוויזנדיקן הארץ זיינעם.

אייפערזוכט! „אָטעלאָ איז ניט אייפערזיכטיק, נאר ער טרויט”, האט פושקין געזאגט, און שוין אט די דאזיקע באמערקונג אליין זאגט עדות פון דער אויסערגעוויינלאכער טיפקייט פונ׳ם פאר־שטאנד פון אונזער גרויסן דיכטער. בא אָטעלאָ איז איינפאך צעמורשט די נשמה און ס׳איז צעמישט געווארן די גאנצע וועלט־אנשויאונג זיינע, ווייל ד ע ר א י ד ע א ל ז י י נ ע ר א י ז פ א ר ל א ר ן ג ע ו ו א ר ן. אבער אָטעלאָ וועט ניט נעמען אויסבאהאלטן זיך, שפיאנירן, אונטערקוקן: ער טרויט. אדרבה, אים האט מען געדארפט ארויפפירן, געבן א שטויס, פאנאנדערפלאקערן מיט מוראדיקע אנ־שטרענגונגען, אז ער זאל זיך נאר כאפן אף דער אומטרייקייט. ניט אזוי איז אן אמתער אייפערזיכטיקער. ס׳איז גאר אפילו אוממעגלאך פארצושטעלן זיך די גאנצע שאנד און די גייסטיקע ירידה, מיט וואס עס איז מסוגל איינצולעבן זיך אן אייפערזיכטיקער אָן קיין שום געוויסן־ביסן. און מ׳קאן דאך ניט זאגן, אז דאס זאלן זיין אלץ מיאוסע און שמוציקע נשמות. אדרבה, מיט א הארץ א דערהויבענעם, מיט א ליבע א ריינער, וואס איז פול מיט זעלבסט־אפפער קאן מען אין דער זעלביקער צייט באהאלטן זיך אונטער די טישן, אונטערקויפן די נידעריקסטע מענטשן און איינלעבן זיך מיט דער סאמער ערג־סטער שמוץ פון שפיאנירן און אונטערצוהערן. אָטעלאָ וואלט בשום אופן ניט געקאנט שלום מאכן מיט אומטרייקייט, — ניט מוחל זיין וואלט ער ניט געקאנט, נאר שלום מאכן, — כאטש אפילו די נשמה זיינע ווייס ניט פון קיין צארן און איז אומשולדיק, ווי די נשמה פון א קינד. ניט אזוי איז מיט אן אמתן אייפערזיכטיקן: ס׳איז שווער אפילו פארצושטעלן זיך, מיט וואס עס קאן זיך איינלעבן און שלום מאכן און וואס עס קאן מוחל זיין אפטמאל אן אייפערזיכטיקער! גראָד די אייפערזיכטיקע זיינען גיכער פאר אלעמען מוחל אויך, און דאס ווייסן אלע פרויען. דער אייפערזיכטיקער קאן און איז מסוגל זעער גיך (פארשטייט זיך, נאך א שרעקלאכער סצענע אפריער) מוחל צו זיין, א שטייגער, שוין כמעט א דערוויזענע אומטרייקייט.

א האלזן און א קושן, וואס ער אליין האט שוין געזען, ווען ער וואלט נאר געקאנט, למשל, אין דער זעלביקער צייט ווי עס איז זיך אליין פארזיכערן, אז דאס איז געווען „צום לעצטן מאל״ און אז דער קאנקורענט זיינער וועט פון איצט אָן פארשווינדן, אוועקפארן אין עק וועלט, אדער אז ער אליין וועט אוועקפירן זי ערגעץ אין אזא ארט, וואוהין עס וועט שוין ניט קומען אט דער דאזיקער שרעקלאכער אויסכאפער, פארשטייט זיך, דאס שלום מאכן וועט פארקומען נאר אף א ווײַלע, ווארים ווען אָט דער צווייטער וואלט אפילו אין דער אמתן פארשוואונדן, וואלט ער מארגן־טאקע אויסגעזוכט אן אנדערן, א נייעם און וועט אנהייבן זיין אייפערזיכטיק צו אט דעם נייעם, מ׳וואלט דאכט זיך געקאנט מיינען, וואס איז שוין דא אין אט דער ליבע, אף וועלכער מ׳דארף אזוי שפיאנירן, און וואס איז ווערט די ליבע, וועלכע מ׳דארף אזוי אנגעשטרענגט היטן? נאר גראָד אט דאס וועט קיינמאל ניט פארשטיין אן אמתער אייפערזיכטיקער, און דערביי טרעפן זיך צווישן זיי, באמת, מענטשן מיט הערצער דערהויבענע אפילו, מערקווירדיק איז נאך דאס, אז אָט די זעלביקע מענטשן מיט די דערהויבענע הערצער, בעת זיי שטייען אין א וועלכער עס איז קעמערל, אונטערהערנדיק און שפיאנירנדיק, איז כאטש אפילו זיי פארשטייען קלאר „מיט די דערהויבענע הערצער זייערע״ די גאנצע שאַנד, אין וועלכער זיי זיינען אליין מיטן אייגענעם ווילן ארייגעקראכן, נאר זיי וועלן פונדעסטוועגן, ווייניקסטנס אין יענער ווײַלע, כל זמן זיי שטייען אין דעם דאזיקן קעמערל, קיינמאל ניט שפירן קיין געוויסן־ביסן, מיטיאַ פלעגט, ביים דערזען גרושענקען, פארלירן די אייפערזוכט און אף א רגע פלעגט ער אנהייבן טרויען און זיין איידל, אפילו פאראכטן זיך אליין פאר די שלעכטע געפילן, דאס האט אבער מער ניט באדייט, אז אין דער ליבע זיינער צו דער דאזיקער פרוי איז נאך געווען אסך העכערעס, ווי ער אליין האט משער געווען, און נישט נאר ליידנשאפטלאכקייט אליין, נישט נאר דער „אויסבויג פון דעם קערפער״, פון וועלכן ער האט גערעדט מיט אליאשען, דערפאר אבער, בעת גרושענקא פלעגט ניט ווערן — פלעגט מיטיא גלייך ווידער אנהייבן חושד צו זיין אין איר די גרעס־

טע נידעריקייט און די סאַמע פאַלשע גיינג פון אומטרייקייט. קיין געוויסן־ביסן ווידער האט ער דערביי גאר ניט געשפירט.

איז האָט די אייפערזוכט, הייסט עס, אויפגעקאָכט אין אים פונדאָסניי. אַלנפאַלס האָט מען געמוזט איילן זיך. די ערשטע זאַך האָט מען געדאַרפט קריגן כאָטש אַ ביסעלע געלט אַף אָפּצוכאַפּן זיך. די נעכטיקע ניין רובל זיינען כמעט אינגאַנצן אַוועק אַף דער נסיעה, און גאָר אָן געלט ווייס מען דאָך, אַז מ׳קאָן אין ערגעץ ניט שטעלן קיין טראָט. ער האָט אָבער, צוגלייך מיט דעם נייען פּלאַן זיינעם, נאָך פריער אַפּן פור באַטראַכט, וואו צו באַקומען געלט אויך אַף אָפּצוכאַפּן זיך. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע דועל־פּיסטאָלעטן מיט פּאַטראָנעס, און אויב ער האָט דאס ביז איצט ניט פארמשכונט, איז עס נאָר דעריבער, ווייל ער האָט ליב געהאט דעם דאָזיקן חפץ מער פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. אינ׳ם שיינק „סטאָליטשני גאָראָד״ האָט ער זיך שוין פון לאַנג פון אויבן־אויף באַקענט מיט איינעם אַ יונגן באַאַמטן און איז עפּעס דערגאַנגען אין שיינק גופא, אַז אָט דער דאָזיקער ניט־חתונה־געהאַטער און שטאַרק פאַרמעגלאַכער באַאַמטער האָט ליב ביז צו ליידנשאַפט געווער, קויפט־אויף פּיסטאָלעטן, רעוואָלווערן, שפּיזן, הענגט זיי פאַנאַנאַנדער באַ זיך אַף די ווענט, ווייזט דאָס די באַקענטע, באַרימט זיך מיט דעם, איז אַ בריה אַף צו דערקלערן אַ סיסטעם פון אַ רעוואָלווער און אַזוי ווייטער. לאַנג נישט געטראַכט, האָט זיך מיטיאַ די רגע געלאָזן צו אים און אים פאָרגעלייגט נעמען אין משכון די פּיסטאָלעטן פאר צען רובל. דער באַאַמטער האָט מיט התפעלות גענומען איינרעדן אים ער זאָל אינגאַנצן פאַרקויפן, נאָר מיטיאַ איז ניט איינגעגאַנגען אַף דעם, און דער באַאַמטער האָט אים דערלאַנגט צען רובל, מודיע זייענדיק, אַז קיין פּראָצענט וועט ער בשום אופן נישט נעמען. איז מען זיך צוגאַנגען גוטע פריינד. מיטיאַ האָט זיך געאיילט, ער האָט זיך געלאָזן צו פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן אַפן הינטער־הויף, אין זיין קעמערל אַריין, כדי אַרויסצורופן וואָס־גיכער סמערדיאַקאָוון. אַזוי אַרום אָבער האָט זיך ווידער באַקומען אַ פאַקט, אַז סך הכל מיט אַ דריי, פיר שעה צוריק פאַר אַ געוויסער געשעעניש, וועגן וועלכער עס וועט זיין גערעדט אונטן אויס־

פירלאַך, האָט מיטיאַ קיין גראָשן געלט נישט געהאַט, און ער האָט פאַר צען רובל פאַרמשכונט אַ טייערן חפץ, אינדערצייט, וואָס פלוצים, אין דריי שעה ארום, האָבן זיך באַ אים באַוויזן אין די הענט טויזנטער... איך פאַרלויף שוין אָבער פאָרויס.

באַ מאַריאַ קאָנטדראַטיעוונען (פיאָדאָר פאַוולאָוויטשעס שכנה) האָט אַף אים געוואַרט די בשורה פון סמערדיאַקאָווס קראַנקייט, וואָס האָט אים זעער איבערראַשט און צעטומלט. ער האָט אויסגעהערט די מעשה פון דעם פאַלן אין קעלער, דערנאָך פון דער ספּאַזמע, פון דעם דאָקטאָרס קומען, פון פיאָדאָר פאַוולאָוויטשעס עסקן זיך; מיט אינטערעס האָט ער אויך אויסגעהערט די ידיעה וועגן דעם, אַז דער ברודער איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז שוין היינט אינדערפרי אַוועק־געפלויגן קיין מאָסקווע. "איז, קענטיק, נאָך פריער פאַר מיר דורך־געפאָרן דורך וואָלאָוויע" האָט אַ קלער געטאָן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, אָבער סמערדיאַקאָוו האָט אים זעער שטאַרק באַאומרואיקט: "ווי־זשע וועט דאס איצטער זיין, ווער וועט היטן, ווער וועט מיר איבער־געבן?" מיט אַ מין להוטקייט האָט ער אָנגעהויבן אויספרעגן די דאָזיקע פרויען, צי זיי האָבן נישט באַמערקט עפּעס נעכטן אין אָוונט? זיי האָבן זעער גוט פארשטאַנען, וועגן וואָס ער פרעגט זיך נאָך און האָבן אים לחלוטין באַרואיקט. ס'איז קיינער ניט געווען, ס'האָט גענעכטיקט איוואַן פיאָדאָראָוויטש און "אַלצדינג איז געווען כשורה". מיטיאַ האָט זיך פאַטראַכט. אָן אַ ספק, מוז מען היינט אויך היטן, נאָר וואו: דאָ, צי באַ סאַמסאָנאָוון לעבן טויער? ער האָט באַשלאָסן, אַז אי דאָ אי דאָרטן, ס'וועט זיך ווי ס'וועט אויס־קומען, נאָר דערווייל, דערווייל... די זאַך איז אין דעם, וואָס איצט איז געשטאַנען פאַר אים אָט דער דאָזיקער "פּלאַן", דער פריערדיקער, דער נייער און שוין דער זיכערער פּלאַן, וואָס ער האָט באַטראַכט אַפן פורי, און וואָס אָפּלייגן צו פאַרווירקלאַכן אים איז שוין אוממעגלאַך געווען. מיטיאַ האָט באַשלאָסן מקריב צו זיין אַף דעם אַ שעה: "אין אַ שעה צייט וועל איך אַלצדינג פאַרענדיקן, וועל אַלצדינג דערגיין, און דעמאָלט, דעמאָלט, איז די ערשטע זאַך צו סאַמסאָנאָוון אַהיים, איכ'ל זיך דערוויסן, צי גרושענקאַ איז דאָרטן,

און די שטעל צוריק אַהער, ביז עלף אַ זייגער אָט דאָ, און דערנאָך ווייטער נאָך איר צו סאַמסאָנאָוון, די אָפּצופירן זי צוריק אַהיים". אָט ווי ער האָט דאָס אַלצדינג אָפּגעמאַכט.

ער איז אַוועקגעפלויגן אַהיים, האָט זיך איינגעוואַשן, פּאַרקעמט זיך, אויסגעפּוצט די קליידער, אָנגעטאָן זיך און איז אַוועק צו פרוי כאָכלאַ־קאָוואַ. אָ ווי, אָט דאָ איז דאָס געווען דער "פּלאַן" זיינער. ער האָט זיך אַנטשלאָסן לײַען די דריי טויזנט רובל בײַ אָט דער דאָזיקער דאַמע, דאָס ווייכטיקסטע איז אָבער, וואָס בײַ אים האָט זיך מיטאַמאָל, עפּעס פּלוצלונג, באַשאַפן אַן אויסערגעוויינלאַכע זיכערקייט, אַז זי וועט אים ניט אָפּזאָגן. אפשר וועט מען זיך וואונדערן דערפון, אַז אויב ס'איז שוין יע געווען אַזאַ זיכערקייט, טאָ פאַרוואָס איז ער לכתחילה ניט געגאַנגען אַהער, אַזוי צו זאָגן, אין אַן אייגענער סביבה, און איז אַוועק צו סאַמסאָנאָוון, צו אַ מענטשן אַ ווילד־פרעמדן, מיט וועמען ער האָט אפילו נישט געוואוסט ווי צו רעדן. די מעשה איז אָבער די, וואָס מיט כאָכלאַקאָווען איז ער דעם לעצטן חודש כמעט ווי געוואָרן אינגאַנצן אויס־באַקענטע, און איז גאָר גלאַט פריער אויך קנאַפּ־וואָס געווען באַקאַנט מיט איר, און ועל כולם האָט ער זעער גוט געוואוסט, אַז זי גופא קאָן אים אויך ניט סובל זיין. די דאָזיקע דאַמע האָט אים פיינט געקראָגן פון דער ערשטער רגע אָן פשוט דערפאַר, וואָס ער איז קאַטערינאַ איוואַנאָוונעס חתן, אין דער צייט, ווען איר האָט זיך, איך ווייס ניט פאַר וואָס, מיטאַמאָל פאַרוואָלט, אַז קאַטערינאַ איוואַ־נאָוונאַ זאָל אים לאָזן און חתונה האָבן מיט דעם "ליבן, מיט דעם ריטערלאַך־געבילדעטן איוואַן פיאָדאָראָוויטשן, וואָס האָט אַזוינע פּרעכטיקע מאַנירן". מיטיעס מאַנירן, אַקעגן־זשע, האָט זי פיינט געהאַט בתכלית שנאה. מיטיאַ האָט אַפילו אָפּגעלאַכט פון איר און איינמאָל האָט ער זיך עפּעס אויסגעדריקט וועגן איר, אַז אָט די דאָזיקע דאמע "איז פּונקט אַזוי לעבעדיק און לוסטיק, ווי אומגעבילדעט". און אָט האָט אים היינט אינדערפרי, אַפּן פּור, באַפליגלט אַ סאַמער גלענצנ־דיקער געדאַנק: "אויב זי וויל שוין אַזוי ניט, אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, און זי וויל דאָס ביז צו אַזאַ מדרגה (ער האָט געוואוסט, אַז ביז צו היסטעריע כמעט), טאָ פאַרוואָס

זאָל זי מיר טאַקע איצט אָפּזאָגן אָט די דריי טויזנט רובל, שוין צוליב דעם אַליין, אַז איך זאָל, לאָזנדיק קאַטיען, קאָנען פאַר אָט די געלט אַוועק פון דאַנען אַף אויביק? די אויסגעפּיעסטעטע העכערע דאַמען, אַז זיי פאַרווילן שוין יע עפּעס ביז צו קאַפּריז, איז קאַרגן זיי מ׳ט קיין זאַך ניט, אַז עס זאָל זיין אַזוי, ווי זיי ווילן. הײַנט איז זי דאָך נאָך דערצו אַזוי רייך״, האָט מיטיאַ געטראַכט. וואָס ס׳איז שייך ווידער דעם „פּלאַן״, איז געווען אַלצדינג דאָס אייגענע, וואָס פריער, דאָס הייסט פאָרלייגן די רעכט זיינע אַף טשערמאַשניע, — אָבער שוין ניט מיט קיין קאָמערציעלן ציל, ווי נעכטן סאַמסאָנאָוון, ניט רייצנדיק די דאָזיקע דאַמע, ווי נעכטן סאַמסאָנאָוון, מיט דער מעגלאַכקייט אַ פּאַק טאָן אנשטאַט די דריי טויזנט אַ מטבעה אין צוויי מאָל מער, אַ טויזנטער זעקס אָדער זיבן, נאָר פּשוט ווי אַן איידעלע ערבות פאַרן חוב. אַנטוויקעלנדיק אָט דעם נייעם געדאַנק זיינעם, איז מיטיאַ דערגאַנגען ביז צו התפעלות, נאָר אַזוי פלעגט שוין טאַקע מיט אים תמיד זיין באַ אַלע זיינע התחלות, באַ אַלע זיינע פלוצלונגדיקע פּלענער, יעטווידן נייעם געדאַנק זיינעם פלעגט ער זיך אָפּגעבן ביז צו לײַדנשאַפט. און פונדעסטוועגן האָט ער ביים אַרויפטרעטן אַפן גאַניק פון פרוי כאָכלאַקאָוועס הויז, דערשפּירט מיטאַמאָל אַפן רוקן אַ קעלט פון שרעק: ערשט אין אָט־אָ דער רגע האָט ער לחלוטין איינגעזען און שוין מאַטעמאַטיש קלאָר, אַז דאָ איז דאָך שוין די לעצטע האָפענונג זיינע, אַז ווייטער בלייבט שוין קיין זאַך ניט אַף דער וועלט, אויב דאָ וועט פּלאַצן „איז סיידן קוילענען עמיצן צוליב די דריי טויזנט רובל, ווייטער אָבער גאָרנישט״... ס׳איז געווען אַ זייגער האַלב אַכט, בעת ער האָט אַ קלונג געטאָן אין טיר.

אין אָנפאַנג האָט די זאַך אויסגעזען גוט: נאָר־וואָס ער האָט געמאָלדן פון זיך, האָט מען אים די שטעל אויפגענומען מיט אַן אויסער געוויינלאַכער געשווינדקייט. „פּונקט ווי זי האָט געוואַרט אַף מיר״, האָט אַ בליץ געטאָן באַ מיטיען אין רעיון, און דערנאָך, נאָר וואָס מ׳האָט אַריינגעפירט מיטיען אין גאַסט־צימער, איז מיטאַמאָל כמעט ווי אַריינגעפלויגן די ווירטן אַליין און גלייך אַ זאָג געטאָן צו אים, אַז זי האָט אַף אים געוואַרט...

— כ'האָב געוואַרט, געוואַרט! איך האָב דאָך אַפילו גאָר טראַכטן נישט געקאָנט, אַז איר וועט קומען צו מיר, זאָגט אַליין, און פונדעסטוועגן האָב איך געוואַרט אַף אייך, איר'ט זיך וואודערן פון מיין אינסטינקט, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, איך בין דעם גאַנצן פרימאָרגן געווען זיכער, אַז איר וועט היינט קומען.

— דאָס איז טאַקע, סודאַרינאַ, אַ וואונדער, — האָט זיך אָנגערופן מיטיאַ, זעצנדיק זיך אומגעשיקט, — אָבער... איך בין געקומען וועגן אַ זער, זער וויכטיקער זאַך... אַ וויכטיקע זאַך פאַר מיר, הייסט עס, סודאַרינאַ, פאַר מיר אַליין, און איך איייל זיך...

— איך ווייס, אַז וועגן אַ וויכטיקסטער זאַך, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, דאָ זיינען ניט גלאַט עפּעס קיין געפילן, ניט סתם קיין אָפּגעשטאַנענע בייגונגען צו וואונדער (איר האָט מסתמא געהערט פון סטאַרעץ זאָסימאַ?), דאָ איז, דאָ איז מאַטעמאַטיק: איר האָט געמוזט קומען, נאָך דעם, ווי ס'איז פאָרגעקומען אָט דאָס אַלץ מיט קאַטערינאַ איוואַנאָוונע, איר האָט געמוזט, געמוזט: דאָס איז מאַטעמאַטיק.

— דאָס איז דער רעאַליזם פון דעםווירקלאַכן לעבן, סודאַרינאַ, אָט וואָס דאָס איז אַזוינס! נאָר דערלויבט מיר פונדעסטוועגן אַרויסרעדן...

— אַוודאי רעאַליזם, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש. איך האַלט איצט אינגאַנצן פאַר רעאַליזם, איך בין צופיל אָנגעלערנט פון די וואונדער, איר האָט געהערט, אַז ס'איז געשטאָרבן דער סטאַרעץ זאָסימאַ?

— ניין, סודאַרינאַ, צום ערשטן מאָל הער איך דאָס, — האָט זיך מיטיאַ פאַרוואונדערט אַביסל. אין דעם געדאַנק זיינעם האָט אַ בליץ געטאָן אַליאָשעס געשטאַלט.

— היינט ביינאַכט, און שטעלט זיך פאָר...

— סודאַרינאַ, — האָט איבערגעשלאָגן מיטיאַ, — איך שטעל זיך פאָר נאָר דאָס, אַז איך בין אין אַ פאַרצווייפלטסטער לאַגע און אַז אויב איר וועט נישט העלפן, גייט אַלץ צום גרונט, און איך גיי דער ערשטער. זייט מוחל פאַרן טריוויאַלן אויסדרוק, איך געפין זיך אָבער אין היץ, איך געפין זיך אין א גרויסער היץ...

— איך ווייס, איך ווייס, אַז איר געפינט זיך אין אַ גרויסער היץ,

איך ווייס אַלץ, איר קאָנט זיך גאָר אַפילו ניט געפינען אין קיין אַנדער גייסטיקן צושטאַנד, און וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, ווייס איך אַלץ אַ פריער. איך האָב שוין לאַנג געגומען אייער גורל אין זינען, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, איך קוק נאָך אַף אים און איך שטודיר אים... אָ, גלויבט, אַז איך בין אַ געניטער פּסיכיאַטאָר, דמיטרי פיאָדאָ־ראָוויטש.

— סודאַרינאַ, אויב איר זייט אַ געניטער פּסיכיאַטאָר, בין איך אָבער אַ געניטער חולה, — האָט אַ שמייכל געטאָן מיטיאַ איבער די כוחות, — און איך שפּיר, אַז אויב איר קוקט שוין נאָך אַזוי פיל אַפן גורל מיינעם, וועט איר אים העלפן אויך ניט אונטערצוגיין, דערצו אָבער דערלויבט מיר ענדלאַך אַרויסצוזאָגן פאַר אייך אָט דעם פּלאַן, מיט וועלכן איך האָב ריזיקירט צו קומען... און דאָס, וואָס איך וואַרט פון אייך... איך בין געקומען, סודאַרינאַ...

— זאָגט ניט, ס'איז אַ ביי־זאַך. און וואָס ס'איז שייך הילף, איז ניט אייך דעם ערשטן העלף איך, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש. איר'ט, מסתּמא, געהערט פון מיין קוזינע בעלמעסאָוואַן, איר מאַן איז פאַרפאַלן געוואָרן, איז געגאַנגען צום גרונט, ווי איר האָט זיך כאַראַקטעריס־טיש אויסגעדריקט, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, איז וואָס זשע מיינט איר, האָב איך אים געגעבן אַן עצה ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט האָדעווען פערד, איז בליט ער איצט. איר האָט עפּעס אַ השגה אין האָדעווען פערד, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש?

— קיין אנהייב ניט, סודארינא, — אך, סודארינא, קיין אנהייב ניט! — האט מיטיא אויסגערופן אין נערוועזער אומגעדולד און געהאט אפילו אויפגעהויבן זיך פון ארט. — איך בעט זיך נאר בא אייך, סודארינא, אויסהערן מיך, גיט מיר מער ניט ווי צוויי מינוט אף פריי צו רעדן, אז איך זאל קאנען צוערשט איבערגעבן אייך אלצדינג, דעם גאנצן פּראיעקט, מיט וועלכן איך בין געקומען, צו דערצו איז מיר נאך טייער די צייט, איך אייל זיך שרעקלאך!...— האט מיטיא אפגעשריען היסטעריש, דערשפּירנדיק, אז זי וועט תּיכּף ווידער אנהייבן רעדן און האפנדיק איבערצושרייען זי: איך בין גע־קומען אין א פארצווייפלונג... אין דער לעצטער מדרגה פון

פארצווייפלונג אף צו בעטן בא אייך א גמילות חסד, דריי טויזנט רובל, א גמילות חסד, אבער אף א זיכערן, אף א סאמן זיכערסטן משכון, סודארינא, אף א סאמער זיכערסטער ערבות! דערלויבט מיר נאר ארויסזאגן...

— דאס וועט איר אלצדינג זאגן שפעטער, שפעטער, — האט אנגעהויבן מאכן צו אים מיט דער האנט פרוי כאכלאקאווא פון איר זייט, — הײנט גלאט, וואס איר זאלט ניט זאגן, ווייס איך אלץ פארויס, דאס האב איך שוין אייך געזאגט. איר בעט עפעס א סומע, איר דארפט האבן דריי טויזנט רובל, איכ׳ל אייך אבער געבן מער, ניט אין אן ערך מער, איכ׳ל אייך ראטעווען, דמיטרי פיאדאראוויטש, איר מוזט מיר אבער פאלגן!

האט זיך מיטיא טאקע ווידער געגעבן א ריס־אויף פון ארט.

— סודארינא, נישיים זע, זייט איר אזוי גוט! — האט ער אויסגעשריען מיט אן אויסערגעוויינלאכן געפיל. — גאטעניו, איר האט דאך מיך געראטעוועט. איר ראטעוועט סודארינא, א מענטשן, פון א טויט מיט גוואלד, פון א פיסטאלעט... מיין אויביקער דאנק...

— איכ׳ל אייך געבן אָן א שיעור, אָן א שיעור מער, ווי דריי טויזנט! — האט אויסגערופן פרוי כאכלאקאווא, קוקנדיק מיט א שטראלנדיקן שמייכעלע אף מיטיעס התפעלות.

— אן א שיעור? אז אזוי פיל דארף איך גאר ניט. נויטיק זיינען נאר אט די פאר מיר גורל־שווערע דריי טויזנט, פון מיין זייט אבער, בין איך געקומען גאראנטירן אייך אט די דאזיקע סומע מיט אן אומענדלאכער דאנקבארקייט און איך לייג אייך פאר א פלאן, וואס...

— גענוג, דמיטרי פיאדאראוויטש, געזאגט און געטאן, — האט אפגעהאקט פרוי כאכלאקאווא מיט דעם צניעותדיקן טריאומף פון א וואוילטעטיקער דאמע. — איך האב צוגעזאגט אייך צו ראטעווען און איכ׳ל ראטעווען. איך וועל אייך ראטעווען, אט אזוי, ווי בעלמע־סאוון. וואס טראכט איר עפעס וועגן גאלד־גרובן, דמיטרי פיאדאראוויטש?

— וועגן גאלד־גרובן, סודארינא! איך האב קיינמאל גאר־נישט ניט געטראכט וועגן דעם.

— דערפאר אבער האב איך פאר אייך געטראכט! געטראכט און געטראכט! איך קוק שוין נאך אף אייך א גאנצן חודש צייט נאר מיט אט דעם ציל. איך האב הונדערט מאל געקוקט אף אייך, ווען איר פלעגט גיין פארביי, און איך פלעג טענהן צו זיך: אט דאס איז אן ענערגישער מענטש, וואס פאסט פאר די גאלד־גרובן. איך האב אויסגעשטודירט אפילו דעם גאנג אייערן און באשלאסן: אט ער וועט געפינען אוצרות.

— נאכן גאנג נאך, סודארינא? — האט מיטיא א שמייכל געטאן.

— וואס זשע מיינט איר, נאכן גאנג אויך. ווי דען, בישיים זע האלט איר ניט, אז מ׳קאן נאכן גאנג נאך דערקענען א כאראק־טער, דמיטרי פיאדאראוויטש? די נאטורוויסנשאפט זאגט אויך דאס אייגענע. א, איך בין איצט א רעאליסטקע, דמיטרי פיאדאראוויטש. איך בין פון היינט אן, נאך אט דער גאנצער מעשה אין מאנאסטיר, וואס האט מיך אזוי צעטרייסלט. איינגאנצן א רעאליסטקע, און איך וויל ארייינלאזן זיך אין פראקטישע ארבעט. איך בין אויסגעהיילט. אן עק זאל זיין! ווי טורגעניעוו האט געזאגט.

— אבער, סודארינא, אט די דריי טויזנט רובל, מיט וועלכע איר האט אזוי גרויסמוטיק צוגעזאגט מיך ארויסצוהעלפן...

— וועלן קומען צו אייך, דמיטרי פיאדאראוויטש, — האט די שטעל איבערגעהאקט פרוי כאכלאקאווא, — אט די דריי טויזנט איז אלץ איינס, ווי בא אייך אין קעשענע, און ניט קיין דריי טויזנט, נאר דריי מיליאן, דמיטרי פיאדאראוויטש, אין גאר א קורצער צייט! איך וועל אייך ארויסזאגן מיין געדאנק: איר וועט געפינען גאלד־גרובן, איר וועט אנלעבן מיליאנען, איר׳ט קומען צוריק און איר׳ט ווערן א טוער, איר וועט אונז אויך פירן פארויס צו גוטע מעשים. בישיים זע זאל מען אלצדינג לאזן פאר די אידלאקעס? איר וועט בויען געבייען און כל־ערליי אונטערנעמונגען. איר וועט העלפן ארימעלייט, און זיי וועלן אייך בענטשן. איצט איז א צייט פון אייזנבאנען, דמיטרי פיאדאראוויטש. איר וועט ווערן בארימט און וויטיק דעם פינאנץ־מיניסטעריום, וואס איז איצט פארענגט אזוי.

דער פאלן פון אונזער פאפיר־רובל לאזט מיך ניט שלאפן, דמיטרי פיאדאראוויטש, פון אט דער זייט קען מען מיך נאך ווייניק ...

— סודארינא, סודארינא, — האט עפעס מיט אן אומרואיק פארגעפיל דמיטרי פיאדאראוויטש ווידער איבערגעריסן, — איך ווער אפשר גריילאך פאלגן אייער עצה, — די קלוגע עצה אייערע, סודארינא, — און איכ'ל אפשר אוועק אהין ... אין די גאלד־גרובן ... און איך וועל קומען צו אייך נאך א מאל רעדן וועגן דעם ... אפילו אסך מאל ... איצטער אבער זיינען אט די דריי טויזנט, וואס איר האט אזוי גרויסמוטיק ... א, זיי וואלטן מיך פריי געמאכט, און אויב מ'קאן נאך היינט ... דאס הייסט, איר פארשטייט, איך האב איצטער קיין רגע, קיין רגע צייט ניט ...

— גענוג, דמיטרי פיאדאראוויטש, גענוג ! — האט באפעלנדיק איבערגעריסן פרוי כאכלאקאווא ; — די פראגע איז : איר פארט אין די גאלד־גרובן צי ניט, צי האט איר זיך אנטשלאסן אינגאנצן, ענטפערט מאטעמאטיש ?

— איך פאר, סודארינא, דערנאך ... איכ'ל פארן, וואוהין איר ווילט, סודארינא ... אבער איצט ...

— ווארט זשע ! — האט אויסגערופן פרוי כאכלאקאווא, האט געגעבן א שפרונג און זיך א ווארף געטאן צו איר גרויסארטיקן ביורא מיט די אן א שיעור שופלאדן און אנגעהויבן ארויסציען איין שופלאד נאכן צווייטן, זוכנדיק עפעס און זעער איילנדיק זיך.

„די דריי טויזנט !" האט געגעבן א טראכט מיטיא א פארצאפלטער, — "און דאס איז גלייך, אן קיין שום פאפירן, אן א כתב ... א, ווי איידל דאס איז ! א גרויסארטיקע פרוי, ווען זי וואלט נאר אזוי פיל ניט גערעדט" ...

— אט האט איר ! — האט אויסגעשריען אין פרייד פרוי כאכלאקאווא, צוריקקערנדיק זיך צו מיטיען, — אט וואס איך האב געזוכט !

דאס איז געווען א קליינינקער זילבערנער הייליקער בילדעלע אף א שנירל, פון דעם מין הייליקע בילדלאך, וואס מ'טראגט דאס רוב אינאיינעם מיט א צלמל אפן האלז.

— דאס איז פון קיעוו, דמיטרי פיאדאראוויטש, — האט זי מיט יראת הכבוד צוגעגעבן — פון ווארוואראס דער גרויסער מאר־טירערינס רעליקוויען. לאזט מיר אליין אנטאן אייך אפן האלז און מיט דעם בענטשן אייך צו א ניי לעבן און צו נייע העלדן־טאטן.

און זי האט, באמת, ארויפגעווארפן אים דעם הייליקן בילדע־לע אפן האלז און געהאט אנגעהויבן אים ארייננצוטאן. מיטיא האט אין גרויס פארלארנקייט אנגעבויגן דעם קאפ און געגומען העלפן איר און האט ענדלאך, דורכן קראוואט און דורכן קראגן פון העמד, ארויפגעטאן זיך דעם הייליקן בילדל אפן ברוסט.

— אט איצט קאנט איר פארן! — האט זיך אנגערופן פרוי כאכלאקאווא, מיט טריאומף אנידערזעצנדיק זיך צוריק אפן ארט.

— סודארינא, איך בין אזוי גערירט... און איך ווייס גאר ניט, ווי צו דאנקען אייך אפילו... פאר אזא הארציקייט, אבער... ווען איר ווייסט נאר געוואוסט, ווי ס׳איז מיר איצט טייער די צייט!... די דאזיקע סומע, אף וועלכער איך ווארט אזוי פון אייער גרויסמוטיקייט... א, סודארינא, אויב איר זייט שוין אזוי גוט, אזוי רירנדיק גרויסמוטיק צו מיר (האט מיטיא אויסגערופן מיט־אמאל באגייסטערטערהייט), — טא דערלויבט מיר ארויסגעבן פאר אייך... וואס איר ווייסט שוין איבעריקנס פון לאנג... אז איך האב דא ליב איינע א מיידל... איך בין געווען אומטריי צו קא־טיען... צו קאטערינא איוואנאוונען, וויל איך זאגן... א, איך בין געווען אוממענטשלאך און אומארנטלאך אנטקעגן איר, נאר איך האב דא ליב געקראגן א צווייטע... איינע א מיידל, סודארינא, וואס איר האסט אפשר, ווארים איר ווייסט שוין פון אלץ, וועלכע איך קאן אבער בשום אופן ניט אוועקווארפן, בשום אופן ניט, איז דעריבער זיינען מיר איצט אט די דריי טויזנט רובל...

— גיט אף אלצדינג א שפיי, דמיטרי פיאדאראוויטש! — האט מיט א סאמן אנטשיידנדיקן טאן פרוי כאכלאקאווא איבערגעשלאגן. — גיט א שפיי, דערהויפט אף די פרויען. אייער ציל איז — גאלד־גרובן, און קיין פרויען איז ניטא וואס צו פירן אהינצו. דערנאך,

אז איר וועט קומען צוריק מיט רייכקייט און מיט רום, וועט איר געפינען פאר זיך א פריינד פאר אייער הארץ אין דער סאמער העכסטער געזעלשאפט. דאס וועט זיין א מיידל א היינטוועלטיקע, א געבילדעטע און אן פאראורטיילן. דעמאלט וועט שוין גראד רייף ווערן די איצט אנטשטאנענע פרויען־פראגע, און ס׳וועט קומען אינ־גאנצן א נייע פרוי . . .

— סודארינא, איך מיין ניט דאס, ניט דאס... — האט בעטנדיק זיך רחמים, געהאט צוניפגעלייגט די הענט דמיטרי פיאדאראוויטש.

— אוודאי דאס, דמיטרי פיאדאראוויטש, נאר דאס, וואס איר דארפט האבן, נאך וואס איר לעכצט, אליין נישט וויסנדיק דאס. איך בין לחלוטין ניט קעגן דער איצטיקער פרויען־פראגע, דמיטרי פיאדארא־וויטש. די אנטוויקלונג פון דער פרוי און אפילו די פאליטישע ראל פון דער פרוי אין דער סאמער נאהנטסטער צוקונפט — דאס איז מיין אידעאל. איך האב אליין א טאכטער, דמיטרי פיאדאראוויטש, און פון דער זייט קען מען מיך נאך ווייניק. איך האב אנגעשריבן וועגן דעם צו שטשעדרינען א בריוו. דער דאזיקער שרייבער האט מיר אזוי פיל געגעבן, אזוי פיל געגעבן אין דער פראגע פון דער באשטימונג פון דער פרוי, אז איך האב אים אוועקגעשיקט פאראיארן אן אנאנימן בריוו פון צוויי שורהלאך, וואס האט געהייסן: „איך נעם אייך ארום און איך קוש אייך, מיין שרייבער, פאר דער היינט־וועלטיקער פרוי, טוט ווייטער". און האב זיך אונטערגעשריבן: „א מאמע". איך האב געהאט געוואלט אונטערשרייבן זיך „א היינט־וועלטיקע מאמע", נאר כ׳האב זיך געשלאגן מיט דער דעה און אפ־געשטעלט זיך פשוט אף מאמע: ס׳איז מער מאראלע שיינקייט, דמיטרי פיאדאראוויטש, היינט גלאט דאס ווארט "היינטוועלטיקע" וואלט אים דערמאנט אן דעם "סאווועמעניק", — וואס איז פאר זיי א ביטערע ערינערונג צוליב דער איצטיקער צענזור*)... אך, גאט מיינער, וואס איז מיט אייך?

— סודארינא, — האט אויפגעשפרונגען ענדלאך מיטיא, צו־נויפלייגנדיק פאר איר די הענט און אנמעכטיק בעטנדיק זיך

*) ז. אין די באמערקונגען צום סוף בוך.

רחמים, — איר וועט מיך נויטן איך זאל אנהייבן וויינען, סודא־רינא, אויב איר וועט אפלייגן דאס, וואס איר האט אזוי גרויסמוטיק...

— וויינט זיך טאקע דורך, דמיטרי פיאדאראוויטש, וויינט זיך טאקע דורך! דאס זיינען פרעכטיקע געפילן... אייך שטייט פאר אזא וועג! די טרערן וועלן אייך גרינגער מאכן, דערנאך וועט איר קומען אף צוריק און איר וועט זיך פרייען. איר וועט ספעציעל קומען צו לויפן צו מיר פון סיביר, כדי מיט מיר צו פרייען זיך...

— לאזט אבער מיר אויך אויסרעדן, — האט א ברום געטאן מיטאמאל מיטיא, — צום לעצטן מאל בעט איך זיך בא אייך, זאגט, איך קאן היינט באקומען פון אייך אט די סומע, וואס איר האט צוגעזאגט? אויב ניט, איז ווען זאל איך קומען נאך דעם?

— וואס פאר א סומע, דמיטרי פיאדאראוויטש?

— אט די דריי טויזנט, וואס איר האט צוגעזאגט... וואס איר'ט אזוי גרויסמוטיק...

— דריי טויזנט? איר מיינט דאס דריי טויזנט רובל? אך, ניין, איך האב נישט קיין דריי טויזנט רובל, — האט מיט עפעס א רואיקער פארוואונדערונג אנגערופן זיך פרוי כאכלאקאווא. מיטיא איז געבליבן געפלעפט...

— ווי זשע האט איר... אקארשט... האט איר געזאגט... איר'ט זיך אויסגעדריקט אפילו, אז זיי זיינען אלץ איינס ווי בא מיר אין קעשענע...

— אך, ניין, איר האט מיך שלעכט פארשטאנען, דמיטרי פיאדאראוויטש. אויב אזוי, האט איר מיך ניט פארשטאנען. איך האב גערעדט פון די גאלד־גרובן... אמת, איך האב אייך צוגעזאגט מער, אן א שיעור מער, ווי דריי טויזנט, איך דערמאן זיך איצט אלצדינג, איך האב אבער געמיינט נאר די גאלד גרובן.

— און די געלט? און די דריי טויזנט רובל? — האט אומגעלומפערט אויסגערופן דמיטרי פיאדאראוויטש.

— א, אויב איר האט געמיינט געלט, האב איך ניט. איך

האב איצט גאר אינגאנצן קיין געלט ניט, דמיטרי פיאדאראוויטש איך פיר איצט גראד א קאמף מיט מיין פאררוואלטער, און די טעג האב איך געליען פינף הונדערט רובל בא מיאוסאוון. ניין, ניין, קיין געלט האב איך ניט. און איר ווייסט, דמיטרי פיאדאראוויטש, ווען איך וואלט אפילו יע געהאט, וואלט איך אייך אויך נישט געגעבן. ערשטנס, ליי איך קיינעם ניט. לייען א גמילות חסד, הייסט צוקריגן זיך. אייך אבער, אייך וואלט איך באזונדערס נישט געגעבן, ווארים ליבהאבנדיק אייך וואלט איך אייך נישט געגעבן, כדי צו ראטעווען אייך וואלט איך אייך נישט געגעבן, ווארים איר דארפט האבן נאר איין זאך: גאלד־גרובן, גאלד־גרובן און גאלד־גרובן . . .

— אָ, צו אלדי רוחות! . . . — האט א ברייל געטאן מיטאמאל מיטיאַ און מיט די גאנצע כוחות געגעבן א זעץ מיט דער פויסט אָן טיש.

—אַ—אַי! — האט א געשריי געטאן כאָכלאַקאָוואַ און שרעק און איז אפגעפלויגען אין צווייטן עק צימער.

מיטיא האט געגעבן א שפיי און איז מיט האסטיקע טריט ארויס פון צימער, פון שטוב, אפן גאס ארויס, אין דער פינצטערניש! ער איז געגאנגען, ווי א צעמישטער, קלאפנדיק זיך אליין אין ברוסט, אין דעם זעלביקן ארט פון ברוסט, וואו ער האט זיך געקלאפט מיט צוויי טעג צוריק פאר אַליאָשען, בעת ער האט זיך געזעגן מיט אים צום לעצטן מאל אינאוונט, אין דער פינצטער, אפן וועג. וואס אזוינס עס האט באטייט דאס דאזיקע קלאפן זיך אין ברוסט אין אָט דעם אָרט און וואס האט ער געוואלט ווייזן מיט דעם, — דאס איז נאך געווען לעת עתה א סוד, וואס קיינער אין דער וועלט האט ניט געוואוסט, א סוד, וואס ער האט דעמאלט ניט אנטפלעקט אפילו פאר אַליאָשען, אין דעם דאזיקן סוד אבער איז געלעגן פאר אים מער ווי שאנדע, אונטערגאנג און זעלבסטמארד איז געווען אין אים, אזוי האט ער שוין באשלאסן, אויב ער וועט ניט קריגן אָט די דריי טויזנט רובל אף אפצוגעבן קאַטערינאַ איוואַנאָוונען און מיט דעם גופא אראפנעמען פון זיין ברוסט, "פון אָט יענעם ארט פון ברוסט" די שאנדע, וואס ער האט געטראגן אף איר, און וואס

עס האט אזוי געשטיקט זיין געוויסן׳ דאס אלצדינג וועט אינגאנצן קלאר ווערן פארן לעזער שפעטער׳ איצטער אבער׳ נאך דעם׳ ווי ס׳איז פארשוואונדן די לעצטע האפענונג זיינע׳ איז אָט דער קערפּער־לאך אזוי שטארקער מענטש׳ קוים וואס ער האט נאר געהאט אפּגע־גאנגען עטלאכע טריט פון כאָכלאַקאָווס הויז׳ ווי ער האט זיך מיט־אמאל באגאסן מיט טרערן׳ ווי א קליין קינד׳ ער איז געגאנגען און׳ אין פארגעסנקייט׳ געווישט מיטן דער פויסט די טרערן׳ אזוי איז ער ארויסגעגאנגען אפן פּלאץ און האט מיטאמאל דערשפּירט׳ אז ער האט זיך אנגעשטויסן אף עפּעס א זאך מיטן גאנצן קערפּער׳ ס׳האט זיך דערהערט א קוויטש פון עפּעס אן אלטעטשקער׳ וואס ער האט שיר ניט אנידערגעווארפן.

— גאָטעניו׳ שיר ניט דערהרגעט! דו זעסט ניט׳ ווי דו גייסט׳ שלעפּער!

— וואס׳ דאס זייט איר? — האט אויסגעשריען מיטיאַ׳ דער־קענענדיק אין דער פינצטער די אלטעטשקע׳ דאס איז געווען די זעלביקע אלטע דינסט׳ וואס האט באדינט קוזמאַ סאַמסאָנאָוון׳ און וועמען מיטיאַ האט נעכטן צו־גוט באמערקט.

— און ווער זייט איר דאס דען׳ פּאָטערל? — האט אינגאנצן מיט אן אנדער קול ארויסגערעדט די אלטעטשקע׳ — איך קאן אייך גאר ניט דערקענען אין דער פינצטער.

— איר וואוינט בא קוזמאַ סאַמסאָנאָוון׳ איר דינט בא אים?

— אוודאי׳ פּאטערל׳ ערשט נאר־וואס אריבערגעכאפּט זיך צו פּראָכאָריטשן . . . זע נאר אבער׳ פארוואס דערקען איך אייך נאך אלץ ניט?

— זאגט מירי מוטערל׳ אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז איצטער בא אייך? — האט אויסער זיך פון אומגעדולד אנגערופן זיך מיטיאַ. — איך האב זי פריער אליין באלייט.

— געווען׳ פּאטערל׳ איז געקומען׳ געזעסן א ווײַלע און איז אוועקגעגאנגען.

— וואס? אוועקגעגאנגען? — האט אויסגעשריען מיטיאַ. — ווען איז זי אוועקגעגאנגען?

— גלייך טאקע איז זי אוועקגעגאנגען, איז נאר א ווײַלינקע געזעסן בײַ אונדז. האט דערציילט קוזמאַ קוזמיטשן א מעשה, האט אים געלאכט, און זי איז אוועקגעלאפן.

— דו לײַגסט, מכשפה! — האט א בריל געטאן מיטיאַ.

— אײַ—אײַ! — האט א געשריי געטאן די אלטעטשקע, נאר מיטיעס סליאַד איז שוין נעלם געווארן; ער איז אוועקגעלאפן, מיט וויפל כוח ער האט נאר געהאט, צו מאַראָזאַוואַ אין הויז. דאס איז געווען טאַקע אין דער זעלביקער צייט, ווען גרושענקאַ האט זיך אוועקגעלאזט קיין מאָקראָיע. ס'איז אוועק ניט מער פון א פערטל שעה נאך איר אוועקפארן. פעניאַ איז געזעסן מיט איר באָבען, דער קעכן מאַטרענאַ, אין קיך, בעת ס'איז מיטאמאל ארײַנגעפלויגן דער „קאפיטאן". דערזען אים, האט פעניא א געשריי געטאן א טויט־דערשראקענע.

— דו שרייסט? — האט א בריל געטאן מיטיאַ — וואו איז זי? — אבער ניט לאזנדיק נאך צו ענטפערן קיין ווארט דער טויט־דערשראקענער פעניען, האט ער זיך מיטאמאל א ווארף געטאן איר צו די פיס:

— פעניאַ, אין נאמען פון קריסטוס אונזער גאָט, זאג, וואו איז זי?

— פאטערל, איך ווייט קיין זאך ניט, ליבינקער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, איך ווייס קיין זאך ניט, כאטש דערהרגעט, ווייס איך קיין זאך ניט, — האט געגומען שווערן זיך מיט כל השבועות פעניאַ, — איר אליין זײַט דאך מיט איר פריער אוועקגעגאנגען...

— זי איז געקומען צוריק!...

— ליבינקער, זי איז ניט געקומען, איך שווער אייך בײַ גאט, אז זי איז ניט געקומען!

— דו לײַגסט, — האט ארויסגעשריען מיטיאַ, — שוין נאכן שרעק דײַנעם אליין ווייס איך, וואו זי איז!...

ער'ט זיך א ריס געטאן פון טיר. די דערשראקענע פעניאַ איז צופרידן געווען, וואס זי האט דאס אזוי לײַכט אָפּגעפטערט, האט אבער זייער גוט פארשטאנען, אז ער האט נאר קיין צייט ניט געהאט,

אַ ניט וואָלט זי אפשר זעער מיאוס אָפּגעשניטן, אַוועקלויפנדיק. אָבער, האָט ער זעער שטאַרק פאַרוואונדערט פּעניען און די אַלטע מאַטרענאַ מיט עפּעס אַ גאָר אומגעריכטער זאַך: אויפן טיש איז געשטאַנען אַ מעסענע שטויסל מיט אַ טויקאַצל, אַ ניט קיין גרויסן מעסענעם טויקאַצל פון אַ האַלב אַרשין סך הכל די לענג. אַרויס־לויפנדיק, און שוין האַבנדיק אויפגעפּענט מיט איין האַנט די טיר, האָט מיטיאַ מיט דער אַנדער האַנט אַ כאַפּ געטאָן דעם טויקאַצל פון שטויסל און האָט אים אַריינגעשפּאַרט צו זיך אין קעשענע, און ער איז אַוועקגעפלויגן.

— אַך, גאָט מיינער, ער וויל דאָך עמיצן דערהרגענען! — האָט אַ פּאַטש געטאָן פּעניאַ מיט די הענט.

## IV

## אין דער פינצטער

וואוהין ער איז אַוועקגעפלויגן? קלאָר: „וואו זשע האָט זי גע־קאָנט זיין, אויב ניט בא פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן? זי איז טאַקע גלייך פון סאַמסאָנאָוון אַוועקגעלאָפן צו אים, איצט איז דאָס שוין קלאָר. די גאַנצע אינטריגע, דער גאַנצער אָפּנאַרן איז איצט בריא כשמש“... אָט דאָס אַלץ איז געפלויגן, ווי אַ וויכר, אין דעם קאָפּ זיינעם. אויפן הויף צו מאַריאַ קאָנדראַטיעוונען איז ער ניט פאַרלאָפן: „מ׳דאַרף ניט, מ׳דאַרף בשום אופן ניט... עס זאָל קיין קלענסטער טומל ניט זיין... מ׳וועט גלייך איבערגעבן און איבערדערציילן... קלאָר, אַז מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ איז אויך אין דער פאַרשווערונג, סמערדיאַקאָוו אויך, אויך, אַלע זיינען אונטערגעקויפט!“ בא אים איז געבאָרן געוואָרן אַן אַנדער געדאַנק: ער איז אַריבערגעלאָפן מיט אַ גרויסן אַרום, דורכן געסל, פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס הויז, איז אַ דורכ־געלאָפן די דמיטראָווער גאַס, האָט אַריבערגעטאַנצט דערנאָך דעם בריקל און איז גלייך אַריינגעפלויגן אין אַן אָפּגעזונדערט געסל, פון הינטער די הויפן, אַ פּוסטער און אַ ניט קיין באַוואוינטער וואָס איז אָפּ־

געצאמט פון איין זייט מיט א פלויט פון א דערבײ־איקן גארטן, און פון דער אנדער זייט מיט א הויכן שטארקן פארקאן, וואס האט זיך געצויגן ארום און ארום איבער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס סאד. דא האט ער אויסגעקליבן אן ארט און, דאכט זיך, דעם זעלביקן, וואו עס איז אמאל אריבערגעקראכן דעם פארקאן ליזאַוועטאַ די שטינקעדיקע, לויט דער מסורה, וואס איז אים געווען באקענט. "אויב זי האט שוין געקאנט אריבערקריכן," האט גאט ווייס פארוואס א בליץ געטאן בא אים אין רעיון, — "איז וועל איך דאס ניט אריבערקריכן?". און האט טאקע, באמת, געגעבן א שפרונג־אונטער און גלייך האט זיך אים איינגעגעבן אנצוכאפן זיך מיטן האנט אָן דעם שפיץ פון פארקאן, דערנאך האט ער זיך ענערגיש געגעבן א הייב, מיטאמאל ארויפגעקלעטערט און געזעצט זיך אפן פארקאן רייטנדיק. דאָ דערבײ אין סאד איז געשטאנען די בעדל, נאר מ'האט פון פארקאן געזען אויך די באלויכטענע פענצטער פון שטוב. "אזוי איז דאס, ביים אלטן אין שלאפצימער איז ליכטיק, זי איז דארטן!" און ער איז אראפגעשפרונגען פון פארקאן אין סאד אריין. כאטש אפילו ער האט געוואוסט, אז גריגאָרי איז ניט געזונט, און אפשר איז סמערדיאַקאָוו טאקע באמת קראנק, און אז דערהערן אים קאן קיינער ניט, האט ער אבער אינסטינקטיוו איינגעהאלטן דעם אטעם, איז פארגליווערט געווארן אף אן ארט און האט אנגעהויבן צוצוהערן זיך. נאר אומעטום איז געווען א טויטקייט, און, ווי אף להכעיס, א פולשטענדיקע שטילקייט פון וועטער, קיין קלענסטער ווינטעלע נישט.

"און עס לוספערט נאר די שטילקייט," האט א בליץ געטאן סתם־עפעס דער דאזיקער פערז בא אים אין מוח, — "עס וואלט נאר קיינער ניט דערהערט, ווי כ'בין אריבערגעשפרונגען; דאכט זיך, אז ניט". געשטאנען א ווײלע, איז ער שטילינקערהייט אוועק איבערן סאד, איבערן גראז; ארומגייענדיק פארבײ די ביימער און די קוסטעס, געגאנגען איז ער א לאנגע צייט, גנבענענדיק יעדן טראט, צוהערנדיק זיך אליין צו איטלאכן טראט זיינעם. בא א מינוט פינף האט ער זיך געקליבן צו דעם באלויכטענעם פענצטער. ער האט גע־דיינקט, אז דארטן האַרט אונטער די פענצטער זיינען פאראן עטלאכע

גרויסע, הויכע, געדיכטע קוסטעס בוזינעס און קאַלינעס. די ארויס־גאנג־טיר פון שטוב אין סאד פון דער לינקער זייט פון פּאַסאַד איז געווען פארמאכט, און פארבייגיגייענדיק, האט ער דאס מיט א כיוון און זעער געגנוי נאכגעזען. ענדלאך, האט ער אויך דערגרייכט די קוסטעס און האט זיך באהאלטן הינטער זיי. ער האט נישט געעטעמט. „איצטער דארף מען איבערווארטן," האט ער א טראכט געטאן. „טאמער האבן זיי געהערט מיינע טריט און זיי הערן זיך איצט צו, טאָ זאלן זיי זיך בארואיקן ... כאטש נאר ניט א הוסט טאן, חלילה, ניט געבן קיין נאָס" ...

ער האט איבערגעווארט א מינוט צווי. נאר דאס הארץ זיינע האט מוראדיק געקלאפט, און ווילע־ווייז האט ער כמעט ווי פארלארן דעמא טעם. „ניין, דאס קלאפן פון הארץ וועט ניט אויפהערן" האט ער א טראכט געטאן, „איך קאן מער ניטווארטן". ער איז געשטאנען הינטערן קוסט אין שאטן; די פאדערשטע העלפט פון קוסט איז געווען באלויכטן פון פענצטער. „קאַלינעס, יאַגידעס, ס׳ארא רויטע!" ט׳ער א שעפטשע געטאן, ניט וויסנדיק פארוואס. שטיל, מיט איינציקע, פאמעלאכע טריט איז ער צוגעגאנגען צום פענצטער און ט׳זיך אויפגעהויבן אף די שפּיץ פינגער. דאס גאנצע שלאפצימערל פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס האט זיך אים פארגעשטעלט, ווי אף דער דלאָניע. דאס איז געווען א נישט קיין גרויס צימערל, דאס גאנצע אפגעצאמט אין דער ברייט מיט א רויטן פארהאנגל, מיט א „כינעזישן" ווי פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האט אים גערופן. „אַ כינעזישער" האט זיך אדורכגעטראגן אין מיטיעס געדאנק, „און הינטערן פארהאנג איז גרושענקאַ". ער האט אנגעהויבן באטראכטן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן. ער איז געווען אנגעטאן אין זיין נייעם געשטרייפטן זיידענעם כאלאטל, וואס מיטיאַ האט נאך קיינמאל נישט געזען אף אים, אונטערגעגארטלט מיט א זיידן שנירל מיט פרענזי. פון אונטערן קאלנער פון כאלאט האט זיך ארויסגעזען זויבערע עלעגאנטע וועש, א דינע האָלענדער העמד מיט גילדענע שפאנגעס. אפן קאפ האט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש געטראגן די זעלביקע רויטע טיכל, וואס אַליאָשאַ האט געזען אף אים. „ט׳זיך אויסגעפוצט" האט

א טראכט געטאן מיטיאַ. פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש איז געשטאַנען לעבן פענצטער, אפּנים, פּארקלערט. מיטאמאל ט׳ער געגעבן א הייב־אויף דעם קאפּ, צוגעהערט זיך אַ ווײַלע און, קיין זאך ניט דערהערנדיק, איז ער צוגעגאנגען צום טיש, האט אנגעגאסן פון גראַפין א האלבע גלעזעלע קאניאק און האָט אויסגעטרונקען. דערנאך האט ער געגעבן אן עטעם־אפּ מיט דער גאנצער ברוסט, איז ווייטער געשטאַנען א ווײַלע, איז צעשטרויטערהייט צוגעגאַנגען צום שפּיגל ביים צווישנ־ווענטל, האט מיט דער רעכטער האנט ארויפגעקאשערט א ביסל דאס רויטע טיכל פון שטערן און אנגעהויבן באטראכטן זײַנע בלויע צייכנס און די בײַלן, וואס זײַנען נאך ניט אריבער. „ער איז אליין," האט א טראכט געטאן מיטיאַ, „לויט אלע סימנים נאך איז ער אליין". פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש איז אפּגעטראטן פון שפּיגל, האט מיטאמאל א קער געטאן זיך צום פענצטער און א קוק געטאן. מיטיאַ האט אין א כהרף עין אפּגעשפּרונגען אין שאטן אריין.

„זי איז אפשר הינטערן פאַרהאַנג בא אים, אפשר שלאפט זי שוין," האט אים א שטאך געטאן אין הארצן. פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש איז אפּגעטראטן פון פענצטער. „דאס האט ער ארויסגעקוקט אף איר אין פענצטער, הייסט דאס, אַז זי איז ניטא: וואס האט ער דען צו קוקן אין דער פינצטער?... אלא וואס דען, די אומגעדולד פּטרט אים אוועק"... מיטיאַ האט די־שטעל געגעבן א טאַנץ און ווייטער גענומען קוקן אין פענצטער. דער אלטער איז שוין געזעסן ביים טישל, קענטיק פאַרמרה-שחורהט. צום סוף האט ער אראפּ־געהאנגען דעם קאפּ און צוגעשפּארט די רעכטע דלאָניע צום באַק. מיטיאַ האט זיך אין אים איינגעגעסן מיט די אויגן.

„ער איז אליין ער איז אליין!" האט ער ווייטער איבערגעחזרט. „אַז זי וואלט דא געווען, וואלט ער געהאט אן אנדער פּנים". א מאָדנע זאך: אין זײַן הארץ האט מיטאמאל אויפגעקאכט עפּעס אן אומ־זיניקער און וואונדערלאַכער פארדרוס, נאַכסאָל זי איז דא ניטא. „ניין, ניט נאַכסאָל זי איז דא ניטא," האט מיטיאַ באטראכט און זיך אליין געענטפערט די רגע, — „נאר וואס איך קאן בשום אופן ניט דערוויסן זאך אף זיכער, צי זי איז דא צי ניט". מיטיאַ פלעגט שפּעטער

אליין דערמאנען, אז דער קאפּ זיינער איז אין יענער ווילע געווען אויסערגעוויינלאך קלאר און אז ער האט אלצדינג משיג געווען ביז צו דער קלענסטער האָר, האט אויפגענומען יעדן שטריכעלע אבער א נאגעניש, א נאגעניש פון דעם ניט־ווּיסן און פון דער אומ־באשטימטקייט איז געוואקסן אין דעם הארץ זיינעם מיט א האסטיקייט, וואס האט קיין ברעג ניט געהאט. „דא איז זי, סוף כל סוף, צי ניט?" האט מיט רציחה אויפגעקאכט בא אים אין הארץ. און ער האט זיך מיטאמאל אנטשלאסן, ט׳אויסגעצויגן די האנט און שטילינקערהייט אנגעקלאפּט אין ראַם פון פענצטער. ער האט אפּגעקלאפּט דעם אלטנס אפגעמאכטן סימן מיט סמערדיאַקאָוון: די ערשטע צוויי מאל פּאמעלאך, און דערנאך דריי מאל אף־גיך: טוק־טוק־טוק, — דער סימן, וואס האט באטייט, אז „גרושענקאַ איז געקומען". דער אלטער האט זיך א צאפּל געטאן, ט׳געגעבן א הייב־אויף דעם קאפּ, האסטיק א שפּרונג געטאן און א ווארף געטאן זיך צום פענצטער. מיטיאַ איז אפּגעשפּרונגען אין שאטן אַריין. פיאָדאָר פּאָוולאָוויטש האט אויפ־געעפנט דעם פענצטער און האט ארויסגערוקט דעם גאנצן קאפּ זיינעם.

— גרושענקאַ, דו ביזט דאס? דו, וואס? — האט ער ציטערדיק ארויסגערעדט עפּעס האלב שעפּטשענדיק, — וואו ביזטו, מאמינקע, מלאכל, וואו ביזטו? — ער איז געווען אין א גוואלטיקער אויפרעגונג, עס האט אים אטעם געפעלט.

„ער איז אליין!" האט באשלאסן מיטיאַ.

— וואו זשע ביזטו? — האט ווייטער א רוף געטאן דער אלטער און האט נאך מער ארויסגערוקט דעם קאפּ, ארויסגערוקט אים העכער פון די אקסלען, און זיך ארומגעקוקט אף אלע זייטן, אף רעכטס און אף לינקס; — קום אהער, כ׳האב צוגעגרייט א מתנהלע, קום, איכ׳ל דיר ווייזן!...

„דאס מיינט ער דעם פּאקעט מיט די דריי טויזנט רובל," האט א בליץ געטאן בא מיטיען.

— וואו זשע ביזטו אבער?... ביים טיר מסתמא? איך עפן גלייך...

און איינקוקנדיק זיך אף רעכטס, צו דער זייט־צו, וואו ס׳איז

געווען די טיר אין סאָד, און באמיענדיק זיך פאנאנדערצוקלייבן אין דער פינצטער, איז דער אלטער שיר ניט ארויסגעפאלן פון פענצטער. אין א רגע ארום וואלט ער געוויס א לאף געטאן אויפעפענען די טיר, ניט דערווארטנדיק זיך אף גרושענקעס ענטפער. מיטיאַ האט געקוקט פון דער זייט און האט זיך נישט באוועגט פון אָרט. דער גאנצער פראפיל פון דעם אלטן, וואס איז אים געווען אזוי פארהאסט, דער גאנצער אראפהענגענדיקער גיידערל זיינער, דער פארריסענער נעזל, וואס האט געקוואלן פון א זיסן ווארטן, די ליפן זיינע, דאס אלצדינג איז געווען העל באלויכטן מיטן קרומען ליכט פון דעם לאמפ פון דער לינקער זייט פון צימער, א מוראדיקער, ווילדער כעס האט אויפגעקאכט מיטאמאל אין מיטיעס הארץ: „אט איז ער, זיין שטן, זיין פייניקער, דער פייניקער פון זיין לעבן!" דאס איז געווען א צושטראם אט פון יענעם פלוצלונגדיקן, נאך נקמה דורשטיקן און ווילדן כעס, פון וועלכן ער האט, אזוי ווי שפירנדיק אים פאָרויס, געזאגט אַליאָשען, מיט פיר טעג צוריק ביים שמועס מיט אים איןביידל, בשעת ער האט געענטפערט אף אַליאָשעס פראגע: „ווי אזוי קאנסטו גאר זאגן, אז דו וועסט דערהרגענען דעם טאטן?"

„איך ווייס דאך נישט, איך ווייס נישט," האט ער געענטפערט דעמאלט: „עס קאן געמאָלט זיין, אז איך וועל נישט דערהרגענען, און אפשר וועל איך יע דערהרגענען. איך האב מורא, אז ער קאָן מיר גראָד אין יענער מינוט ווערן מיטאַמאָל אָפּשטויסנדיק מיט דעם פנים זיינעם. איך האַס דעם גיידערל זיינעם, די נאָז זיינע, דעם חוצפהדיקן געלעכ־טערל זיינעם. א פערזענלאַכן עקל שפיר איך. אָט פאַר דאָס האָב איך מורא. עס קאָן גריילאַך געמאָלט זיין, אז איך זאָל זיך ניט איינהאַלטן"...

דער פערזענלאכער עקל איז געוואקסן אומדערטרעגלאך. מיטיאַ האט זיך גופא שוין נישט געדיינקט און האט מיטאמאל ארויסגעכאפט דעם מעסענעם טויקאצל פון קעשענע...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„דער אויבערשטער האט מיך דעמאלט באהיט," ווי מיטיאַ אליין האט דערנאך געזאגט. פונקט אין דער זעלביקער צייט האט זיך

אויפגעכאפּט אף דעם געלעגער זיינעם דער קראנקער גריגאָרי וואַסיליעוויטש. דעם זעלביקן אוונט האט ער גענומען די באַוואוסטע רפואה, פון וועלכער סמערדיאַקאָוו האט דערציילט איוואַן פיאָדאָראָוויטשן, דאס הייסט ער האט זיך דער גאנצער איינגעריבן מיט דער ווייבס הילף מיט עפּעס אזא סודות־פולער זעער שטארקער „נאַסטאָיקע“ פון בראנפן, און די איבעריקע האט ער אויסגעטרונקען „מיט עפּעס א ברכה“ וואס די ווייב האט אפּגעשעפּטשעט פאר אים, און זיך געלייגט שלאפן. מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ גופא האט אויך ברכה געמאכט און, היות ווי זי איז ניט געווען קיין טרינקערקע, האט זי איינגעשלאפן לעבן מאן אף טויט. נאר אט גאר אומגעריכטערהייט האט זיך גריגאָרי מיטאמאל אויפגעכאפּט ביינאכט, האט א טראכט געטאן א ווײַלינקע און כאטש אפילו ער האט גלייך ווידער דערשפּירט א שארפן ווייטאק אין קרייץ, האט ער זיך אבער אנידערגעזעצט אפן בעט. דערנאך האט ער ווידער עפּעס באקלערט, איז אויפגעשטאנען און אף־גיך אנגעטאן זיך. עס קאן גריילאך זיין, אז עס האט אים א שטאך געטאן דער געוויסן־ביסן, וואס ער שלאפט דא, און די שטוב איז אינגאנצן אליין „אין אזא צייט פון סכנה“. סמערדיאַקאָוו, דער געגנהרגעטער פון דער פאליקע, איז געלעגן אין דעם צווייטן קעמערל אָן באוועגונג. מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ האט זיך גערירט אפן בעט: „איז שוואך מיין אלטע“ האט א קוקטאנדיק אף איר, אַ טראכט געטאן גריגאָרי וואַסיליעוויטש און איז קרעכצענדיק ארויס אפן גאניקל. אוודאי האט ער געוואלט מער ניט ווי א קוק טאן פון גאניקל, ווארים גיין האט ער קיין כוח ניט געהאט, דער ווייטאק אין קרייץ און אין דער רעכטער פוס איז געווען אומדערטרעגלאך. ער האט זיך אבער גראד מיטאמאל דערמאנט, אז ער האט פון אוונט ניט פארשלאסן די טירל פון סאָד. דאס איז געווען א מענטש א פּינקטלאכער שבפּינקטלאכער, א מענטש פון אן איינמאל פאר אלע מאל איינגעשטעלטן סדר און פון לאנגיאריקע רגילותן. הינקענדיק און קארטשענדיק זיך פון ווייטאק, איז ער אראפּגעגאנגען פון גאניקל און איז אוועק צום סאָדצו. אוודאי איז געווען די טירל נאַסטעזש־אָפן. מעכאניש האט ער

א טראט געטאָן אין סאָד אריין: אפשרי האט זיך אים עפּעס אָפּגעדאכט, אפשרי האט ער דערהערט עפּעס א קלאנג, נאר, געבנדיק א קוק אף לינקס, האט ער דערזען אן אפענעם פענצטער ביים פריץ, שוין א פוסטן פענצטער, קיינער האט שוין פון אים ניט ארויסגעקוקט. „פארוואס איז עפּעס אָפן דער פענצטער, איצטער איז דאך ניט זומער!" האט א טראכט געטאָן גריגאָרי און מיטאמאל, גראד אין דער זעלביקער רגע, האט גלייך אנטקעגן אים אין סאָד א שוועב געטאָן עפּעס אזוינס אויסערגעוויינלאכעס. בא אַ טריט פערציק פון אים איז עפּעס ווי דורכגעלאפן אין דער פינצטער א מענטש, זעער געשווינט האט זיך באוועגט עפּעס א שאטן. „פאטער אין הימל", האט א זאג געטאָן גריגאָרי און, זיך גופא נישט געדיינקענדיק, פארגעסן אָן זיין ווייטאק אין קרייץ, האט ער זיך געלאזן איבערשניידן דעם וועג אט דעם, וואָס איז געלאפן, ער, גריגאָרי, איז געלאפן דורך א קירצערן וועג, דעם סאָד האט ער אפנים בעסער געקענט, פאר דעם, וואס איז אנטלאפן; יענער ווידער האט זיך געלאזן צו דער זייט פון באָד־צו, איז דורכגעלאפן הינטערן באָד, זיך א כאפּ געטאָן צום וואנט... גריגאָרי האט געקוקט נאך אים, ניט אפּגעלאזן אים פון אויג, או איז געלאפן זיך אליין נישט געדיינקענדיק. ער איז צוגעלאפן צום פּאַרקאַן פונקט אין דער מינוט, בעת דער אנטלויפער האט שוין געהאלטן ביים אריבערקריכן דעם פּארקאן. אויסער זיך האט גריגאָרי גענומען ברילן, האט זיך א ווארף געטאָן און איינגעקלאמערט זיך מיטביידע הענט אָן זיין פוס.

אוודאי אזוי: דאס געפיל האט אים ניט אפּגענארט: ער האט אים דערקענט, דאס איז געווען ער, דער „אכזרי, דער בן סורר ומורה".

— בן סורר ומורה! — האט א געשריי געטאָן דער אלטער אפן גאנצן ארום, האט אבער טאקע מער ניט ווי דאס באוויזן א געשריי צו טאָן; ער איז מיטאמאל אנידערגעפאלן, ווי פון א דונער געטראפן. מיטיא האט ווידער אראפּגעטאנצט אין סאד און האט זיך אנגעבויגן איבער דעם אנידערגעפאלענעם. בא מיטיען אין האנט איז געווען דער מעסענער טויקאַצל, און ער האט אים מעכאניש געגעבן

א ווארף אין די גראז. דער טויקאַצל איז אראפּגעפאלן בא א צוויי־טריט פון גריגאריען, אבער ניט אפן גראז, נאר אפן סטעזשקע, אף א סאמן קענטיקן ארט. א קורצע ווײלע האט ער באטראכט דעם אנידערגעפאלענעם. דער קאפּ פון דעם אלטן איז געווען אינגאנצן אין בלוט; מיטיא האט אויסגעצויגן די האנט און אנגעהויבן אים ארומטאפּן. ער האט זיך שפּעטער זעער קלאָר דערמאנט, אז אין יענער ווײלע האט זיך אים שטארק פארוואלט „לחלוטין צו איבערצייגן זיך", צי ער האט געפּלעט דעם אלטן דעם שארבן אדער נאר „באטויבט" אים מיטן טויקאצל איבערן מוח? אבער בלוט האט געגאסן, געגאסן שרעקלאך און אין א רגע באגאסן מיט א רויטן שטראם מיטיעס ציטערדיקע הענט. ער האט געדיינקט, אז ער'ט ארויסגעכאפּט פון קעשענע זיין ווייסע נייע טאשן־טיכל, וואס ער האט זיך אנגעגרייט, גייענדיק צו כאָכלאַקאָווען, און האט צוגעלייגט דעם אלטן צום קאפּ, פלייסנדיק זיך אָן א זינען אפּצווישן די בלוט פון שטערן און פון פּנים. נאר דאס טיכל איז אין א רגע אויך דורכגעווייקט געווארן פון בלוט. „גאט מיינער, צוליב וואס טו איך דאס?" איז מיטיא מיטאמאל געקומען צו זיך. „האב איך אים יע געפּלעט דעם מוח, איז ווי זאל מען דאס איצט דערגיין... און צי איז דאס איצט גלאט ניט אלץ איינס!" האט ער צוגעגעבן מיט־אמאל אָן א האפענונג, — „דערהרגעט, איז דערהרגעט . . . האסט זיך אנגעריסן, אלטער, טא ליג!" האט ער א זאג געטאָן אפן קול, און זיך מיטאמאל א ווארף געטאָן אפן פּארקאַן, איז אריבערגעשפּרונגען אין געסל אריין און גענומען לויפן. דאס פון בלוט דורכגעווייקטע טיכל האט ער געהאלטן צונויפגעדרייט אין דער רעכטער פויסט, און לויפנדיק האט ער זי ארייגעשפּארט אין דער הינטער־קעשענע פון סורדוט. ער איז געלאָפן ווי אָן א קאפּ, און אייניגע פארבייגייער, וואס ער האט אנגעטראָפן אין דער פינצטער, אף די גאסן פון שטאט, האבן דערנאך געדיינקט, ווי זיי האבן יענע נאכט באגעגנט א מענטשן, וואס איז געלאָפן ווי אַ ווילדער. געפלויגן איז ער ווי־דער צו מאַראָזאָוואַן אין הויז. פריער, גלייך נאך דעם אוועקגיין זיינעם, האט פעניא א ווארף געטאָן זיך צום עלטערן סטרוזש, נאַזאַר

איוואנאוויטשן און גענומען בעטן זיך רחמים, „ווי גאָט איז אים ליב״, אז ער „זאל שוין מער ניט אריינלאזן דעם קאפיטאן ניט היינט, און ניט מארגן״. אויסהערנדיק אט דאס, איז נאַזאַר איוואנאוויטש איינגעגאנגען אף דעם, נאר ער איז ווי אף להכעיס ארויף אף אויבן צו דער פריצטע, וואוהין מ׳האט אים פלוצלונג א רוף געטאן, און באגעגענענדיק אפן גאנג דעם פלימעניק זיינעם, א בחור פון א יאר צוואנציק, וואס איז ערשט ניט לאנג געקומען פון דארף, האט ער אים געהייסן זיין א ווילע אפן הויף, האט אבער פארגעסן זיך אנזאגן וועגן דעם קאפיטאן. צוגעלאפן צום טויער, האט מיטיאַ אנגעקלאפט. דער בחור האט אים תיכף דערקענט: מיטיא האט אים שוין ניט איינמאל געגעבן טיי־געלט. האט ער אים טאקע די רגע אויפגעעפנט דאס טירל, אריינגעלאזן אים און האט, מיט א לוסטיקן שמייכעלע, געזען גלייך מודיע צו זיין, אז „אגראפענא אלעקסאנדראוונא איז דאך גאר איצטער ניטא אינדערהיים״.

— וואו דען איז זי, פראָכאָר? — איז מיטאמאל געבליבן שטיין מיטיא.

— איז פריער מיט א שעה צוויי צוריק, אוועקגעפארן, מיט טימאָפייען, קיין מאָקראָיע.

— נאך וואס? — האט א געשריי געטאן מיטיא.

— דאס ווייס איך שוין ניט, דאכט זיך צו אן אפיצער עפעס. עמיצער האט זיי ארויסגערופן, מ׳האט פון דארטן געשיקט א פור אויך . . .

מיטיא האט אים געלאזן און איז, ווי א צעמישטער, אריינגעלאפן צו פעניען.

## V

## דער פלוצלונגדיקער אַנטשלוס

פעניא איז געזעסן אין קיך מיט איר באבען, ביידע האבן זיי זיך געקליבן גיין שלאפן. האפנדיק אף נאזאר איוואנאוויטשן, האבן זיי פון אינוויינציק ווידער־טאקע ניט פארשלאסן די טיר. מיטיא איז

אריינגעפלויגן, זיך אווארף געטאן אף פעניען און פעסט אנגעכאפט זי פארן האלז.

— זאג תיכף, וואו איז זי, מיט וועמען איז זי איצט אין מאָקראָיע? — האט ער ווילד געברילט.

ביידע פרויען האבן א קוויטש געטאן.

— אַי איכ׳ל זאגן, אַי, ליבינקער דמיטרי פיאָדאראָוויטש, איך וועל אייך אלצדינג זאגן, וועל קיין זאַך ניט לייקענען, — האט גע־שריען שלינגענדיק די ווערטער פעניא, וואס איז געווען אף טויט דערשראקן: — זי איז אוועקגעפארן צום אפיצער קיין מאָקראיע.

— צו וועלכן אפיצער? — האט געברילט מיטיא.

— צו דעם פריערדיקן אפיצער, אָט צו דעם זעלביקן, אָט צו דעם פריערדיקן אפיצער, וואס זי האט געהאט פאר פינף יארן, וואס האט זי געוואָרפן און איז אוועקגעפארן, — האט ווידער פונקט אזוי שלינגענדיק די ווערטער פעניא אפגעקנאקט.

דמיטרי פיאָדאראָוויטש האט אוועקגענומען די הענט, מיט וועלכע ער האט איר געשטיקט די האלז. ער איז געשטאנען לעבן איר א בלייכער, ווי א מת, א שטומער, אבער אָן די אויגן זיינע איז קענטיק געווען, אז ער האט אלצדינג מיטאמאל פארשטאנען, פון א האלבן ווארט אלצדינג, אלצדינג מיטאמאל פארשטאנען ביז א האָר און האט זיך אף אלץ אנגעשטויסן. אוודאי, איז ניט פעניען נעבאך געלעגן אין קאפ, צו באאבאכטן אין יענער ווײַלע, צי ער האט פארשטאנען, צי ניט. ווי זי איז געזעסן אפן קאסטן, בשעת ער איז אריינגעפלויגן, אזוי איז זי טאקע געבליבן זיצן, די גאנצע צאפלענדיק זיך און אויסגעשטעלט די הענט פאר זיך, ווי זי וואלט געוואלט פארטיידיקן זיך, איז געבליבן פארגליווערט געווארן אין אט דער דאזיקער לאגע. מיט דערשראקענע און פון פחד ברייט געווארענע שווארצאפלען פון די אויגן האט זי זיך איינגעגעסן אין אים נישט באוועגנדיק זיך פון ארט. און בא אים זיינען נאך דער־צו גראד געווען די הענט איינגעריכט אין בלוט. אונטערוועגס, בעת ער איז געפלויגן, האט ער זיך, אפנים, צוגערירט מיט זיי אָן דעם

שטערן אויך, אפּווישנדיק דעם שווייס פון פּנים, אזוי אַז אפן שטערן און אַף דער רעכטער באַק זיינען געבליבן רויטע פלעקן פון פאנאנדערגעשמירטע בלוט. בא פּעניען האט זיך גלייך געקאנט אנהייבן א היסטעריקע, די אלטע ווידער, די קעכן, איז אראפּגעשפּרונגען און גענומען קוקן ווי א צעמישטע, פארלירנדיק כמעט דעם זינען. דמיטרי פּיאדראַוויטש איז געשטאנען בא א מינוט און האט זיך מיטאמאל מעכאניש אראפּגעלאזן אפן שטול לעבן פּעניען.

ער איז געזעסן און ניט וואס מ'זאל זאגן ער זאל האבן געטראַכט. נאר ער האט זיך געפונען אזוי ווי אין שרעק, פּונקט ווי געליימט. אבער אלצדינג איז געווען קלאר, ווי דער טאג: דער אפּיצער — ער האט געוואוסט פון אים, ער האט דאך אלצדינג געוואוסט זעער גוט, האט געוואוסט טאקע פון גרושענקען גופא, האט געוואוסט, אז מיט א חודש צוריק האט ער געשיקט א בריוו, הייסט דאס, א חודש צייט, א גאנצן חודש האט מען געפירט די דאזיקע זאך בסוד סודות פון אים ביז דעם סאמן איצטיקן קומען פון אט דעם נייעם מענטשן, און ער האט דאס גאר אפילו ניט געטראַכט פון אים! ווי אזוי אבער, ווי אזוי האט ער דאס גאָר געקאנט ניט טראכטן פון אים? ווי אזוי האט ער זיך דאס אינגאנצן פארגעסן דעמאלט אָן דעם דאזיקן אפּיצער, פארגעסן זיך אפן־שטעל, ווי נאר ער האט זיך דערוואוסט פון אים? אט דאס איז די פראגע, וואס איז געשטאנען פאר אים, ווי עפּעס א מין אימהדיקע זאך און ער האט באמת, באטראַכט אט די דאזיקע אימה מיט שרעק, ס'איז אים קאלט געווארן פאר שרעק.

נאר מיטאמאל האט ער שטיל און צארט, ווי א שטיל צארט קינד, אנגעהויבן רעדן מיט פּעניען, פּונקט ווי אינגאנצן פארגעסן, אז אקארשט האט ער זי אזוי איבערגעשראקן, אזוי באליידיקט און אויסגעמאַטערט, מיט אן אויסערגעוויינלאכער, און פאר זיין צושטאנד אפילו מערקווערדיקער גענויקייט, האט ער מיטאמאל גענומען פאנאנדערפרעגן זיך בא פּעניען. און כאטש אפילו פּעניא האט געקוקט ווילד אַף די פארבלוטיקטע הענט זיינע, האט זי אבער אויך מיט א מערקווערדיקער גרייטקייט און איילעניש גענומען ענט־

פערן אים אף איטלאכער פראגע. עפעס ווי זי וואלט זיך געאיילט אפילו ארויסגעבן אים דעם „הײלן אמת". ביסלאכווייז האט זי אפילו אנגעהויבן מיט עפעס א מין פרייד צו דערציילן אים אלע איינצלהייטן, און גארניט כדי צו פייניקן אים, נאר עפעס ווי זי וואלט געוואָלט מיט די גאנצע כוחות צו דינען אים פון הארצן. ביז צו דער קלענסטער קלייניקייט האט זי אים דערציילט אויך פון דעם היינטיקן טאג, פון ראקיטינס און אליאשעס באזוך, ווי זי, פעניא, איז געשטאנען אף דער וואך, ווי די פריצטע איז אוועקגעפארן און ווי זי האט ארויסגעשריען דורכן פענצטער צו אליאשען א גערוס פאר אים, פאר מיטיענקען, און אז „ער זאל אויביק געדיינקען, ווי זי האט אים ליב געהאט א שעהלע". אויסגעהערט דעם דאזיקן גע־רוס, האט מיטיא מיטאמאל א שמייכל געטאן און אף די בלייכע באקן זיינע האט אויפגעפלאמט א רויטע פארב. פעניא האט אין דער זעלביקער רגע אנגערופן זיך צו אים, שוין קיין האָר ניט מורא האבנדיק פאר איר נייגעריקייט:

— די הענט זיינען דאך בא אייך עפעס, דמיטרי פיאדאראוויטש, אינגאנצן אין בלוט!

— יע, — האט אפגעענטפערט מיטיא מעכאניש, האט צעטראָ־גענערהייט א קוק געטאן אף זיינע הענט און האט אפן־שטעל פאר־געסן אי אָן זיי אי אָן פעניעס פראגע. ער האט זיך ווידער איינ־געגראבן אין א שווייגעניש. זינט ער איז ארייגעלאפן איז שוין אוועק א מינוט צוואנציק. דער פריערדיקער שרעק זיינער איז פאר־שוואונדען, נאר, קענטיק, אז עס האט אים שוין אנגעהויבן צו באַ־הערשן אינגאנצן עפעס א נייער און פעסטער אנטשלוס. ער׳ט זיך אויפגעהויבן מיטאמאל פון ארט און פארטראכטערהייט א שמייכל געטאן.

— פריץ, וואס איז דאס מיט אייך אזוינס געוועזן? — האט א זאג געטאן פעניא, באווייזנדיק אים ווידער אף די הענט, — האט א זאג געטאן מיט מיטלייד, עפעס ווי זי וואלט איצט געוועזן פאר אים דער סאמער נאהענטסטער מענטש אין דעם צער זיינעם.

מיטיא האט ווידער א קוק געטאן אף זיינע הענט.

— ס׳איז בלוט, פעניא, —, האט ער א זאג געטאן, קוקנדיק אף איר מיט א מאדנעם אויסדרוק, — ס׳איז בלוט פון א מענטשן און, גאט מיינער, צו וואס איז זי פארגאסן געווארן! אבער ··· פעניא ··· עס שטייט א פארקאן (ער׳ט געקוקט אף איר עפעס אַזוי, ווי ער וואלט איר פארגעבן א רעטעניש), א היכער פארקאן, א מוראדיקער אזא, נאר ··· מארגן באגינען, אז "די זון וועט ארויפפליען" וועט מיטיענקא אריבערשפרינגען איבער אט דעם דאָזיקן פארקאן ··· פארשטייסט ניט, פעניא, וואס פאר א פארקאן, ס׳ א דאגה ··· אלץ איינס, וועסט מארגן דערהערן און וועסט אלצדינג פארשטיין ··· איצטער אבער א גוטן! איך וועל ניט שטערן און איכ׳ל זיך אפטראגן, איך וועל זיך קאנען אפטראגן, הוליע, מיין טרייסט ··· האסט מיך ליב געהאט א שעהלע, טאָ געדיינק אף אויביק מיטיענקא קאראמאזאוו ··· זי פלעגט דאך מיך תמיד רופן מיטיענקא, געדיינקסט?

און מיט אט־אָ די ווערטער איז ער מיטאמאל ארויס פון קיך, און פעניא האט פאר אט דעם דאזיקן ארויסגיין דערשראקן זיך נאך כמעט מער, ווי ער איז פריער ארייינגעלאפן און האט זיך א ווארף געטאן אף איר.

פונקט אין צען מינוט ארום איז דמיטרי פיאדאראוויטש אריין צו אט דעם יונגן באאמטן, פיאטר איליטש פערכאָטין, בא וועמען ער האט פריער פארמשכונט די פיסטאָלעטן. ס׳איז שוין געווען האלב ניין דער זייגער, און פיאָטר איליטש, אפגעטרונקען אינדער־היים טיי, האט נאר־וואס ווידער געהאט אנגעטאן דעם סורדוט, אף אוועקצוגיין אין שיינק "סטאָליטשני גאָראָד" שפילן ביליארד. מיטיא האט אים אנגעטראפן ביים ארויסגיין. פערכאָטין, דערזעענדיק אים און זיין איינגעריכטן פנים אין בלוט, האט געגעבן א געשריי:

— גאט מיינער! וואס איז דאס מיט אייך?

— קיין זאך ניט, — האט האסטיק מיטיא א זאג געטאן, — איך בין געקומען אפנעמען מיינע פיסטאָלעטן און געבראכט אייך די געלט. מיט א דאנק. איך אייל זיך, פיאטר איליטש, זייט מוחל, מאכט דאס גיכער.

פיאטר איליטש האט זיך געוואונדערט אלץ מער און מער:
בא מיטיען אין האנט האט ער מיטאמאל דערזען א גאנצן פאק מיט
געלט, און, דאס וויכטיקסטע, ער האט געהאלטן אט דעם דאזיקן
פאק, און איז אריין מיט אים אזוי, ווי קיין מענטש האַלט ניט קיין
געלט, און ווי קיינער גייט מיט קיין געלט ניט אריין: גאר די
פאפירלאך האט ער געטראגן אין דער רעכטער האנט, עפּעס ווי אף
צו באווייזן, ממש האלטנדיק אויסגעשטעלט די האנט. דער אינגל,
דעם באאמטנס דינער, וואס האט אויפגענומען מיטיען אין פיר-הויז,
האט דערנאך דערציילט, אז אזוי איז ער אריין אין פיר־הויז אויך
מיט די געלט אין האנט, הייסט דאס, אז אין גאס האט ער אויך גע־
טראגן אויסגעשטעלט די געלט אין דער רעכטער האנט. די פאפיר־
לאך זיינען אלע געווען הונדערטרובלדיקע, קנאקעדיקע, און צוגעהאלטן
האט ער זיי מיט די פארבלוטיקטע פינגער. אף די שפּעטערדיקע
פראגעס פון פערזאנען, וואס האבן זיך אינטערעסירט: וויפל עס
איז געווען געלט? האט פיאטר איליטש געזאגט, אז אפן קוק איז
שווער געווען דעמאלט איבערצוציילן; עס קאן זיין, אז צוויי טויזנט,
עס קאן זיין, אז דריי, נאר א פעקל איז געווען א גרויסער
א „נישקשהדיקער". וואס איז שייַך דמיטרי פיאדאראוויטש גופא, ווי ער
האט אויך דערנאך איבערגעגעבן, „איז ער געווען ווי אינגאנצן ניט
ביי־זיך, אבער ניט שיכּור, נאר עפּעס ווי אין א מין התפעלות, זייער
צושטרויט, און אין דער זעלביקער צייט עפּעס אזוי ווי אויך קאנ־
צענטרירט, האט ווי געטראכט וועגן עפּעס, געשלאגן זיך אין דער
דעה, און זיך ניט געקאנט אנטשליסן. איז געווען שטארק צוטראגן,
געענטפערט שארף, זייער מאדנע, ווײַלע־ווייז ווידער איז ער געווען
עפּעס ווי גארניט באטריבט, נאר ווי פריילאך אפילו".

— וואס איז דאס אבער מיט אייך, וואס איז דאס איצט מיט
אייך? — האט ווידער אויסגערופן פיאטר איליטש, ווילד באטראכטנ־
דיק דעם גאסט. — ווי האט איר זיך דאס אזוי צעבלוטיקט, געפאלן
מסתמא, גיט א קוק!

ער האט אים א כאפּ געטאן פארן עלנבויגן און א שטעל
געטאן אים פארן שפּיגל. מיטיא, דערזען זיין איינגעריכטן פּנים

אין בלוט, האט זיך א צאפל געטאן און א ברוגזער אנגעכמורעט זיך.

— יע, צו אלדי רוחות! דאס האט נאך געפעלט, — האט ער א מורמל געטאן מיט כעס, האט האסטיק אריבערגעלייגט די פאפירלאך פון דער רעכטער האנט אין דער לינקער און אין א קראמף געגעבן א ריס־ארויס דאס טיכל פון קעשענע. נאר דאס טיכל איז אויך געווען איינגאנצן אין בלוט (מיט דעם זעלביקן טיכל האט ער דאס געווישט גריגאריען דעם קאפ און דעם פנים): קיין איין שפריינקעלע איז כמעט ניט געווען קיין ווייסער, און ניט וואס מ'זאל זאגן, אז דאס טיכל האט זיך געהאט אנגעהויבן צו פארטריקענען, נאר איז עפעס ווי פארקווארט געווארן אין א קויל און זיך נישט געוואלט פאנאנדערנעמען. מיטיא האט מיט כעס געגעבן א שליידער דאס טיכל אן דר'ערד.

— ע, צו אלדי רוחות? איר האָט אפשר עפעס א שטיקל טיכל . . . כאָטש אָפווישן זיך . . .

— זײַט איר מער ניט ווי איינגעריכט, ניט פארוואונדעט געוואָרן? טאָ וואַשט זיך שוין בעסער איין, — האט געענטפערט פיאָטר איליטש, — אָט איז אַ האַנט־פאַס, איכ'ל אייך אויפגיסן.

— אַ האַנט־פאַס? אַ טייערע זאַך . . . נאר וואוהין זאל איך דאָס אַהינטון? — האָט ער שוין עפעס גאָר אין אַ מאדנער פאַרלעגנהייט אָנגעוויזן פיאָטר איליטשן אף זיין פעקל הונדערטרובלדיקע, קוקנדיק אַף אים מיט אַ פראַגע, פונקט ווי יענער האָט געדאַרפט וויסן, וואוהין ער זאָל אַהינטאָן זיינע אייגענע געלט.

— לייגט אריין אין קעשענע, אָדער לייגט אַוועק אָט דאָ אַפן טיש, ס'וועט ניט פאַרפאַלן ווערן.

— אין קעשענע? אמת, אין קעשענע. אַ טייערע זאַך . . . ניין, איר פאַרשטייט, דאָס איז אַלץ אַ שטות! — האָט ער אויסגעשריגן, ווי ער וואָלט אַרויס מיטאַמאָל פון צושטרויטקייט. — איר פארשטייט: מיר וועלן פריער פאַרענדיקן אָט דעם ענין, מיט די פיסטאָלעטן הייסט דאָס, גיט זיי מיר אהער, און אָט האָט איר אייער געלט . . . וואָרים איך דאַרף זיי האָבן זייער, זייער נויטיק . . . און קיין צייט, קיין צייט האָב איך קיין האָר ניט . . .

און אַראָפּגענומען פון פּעקל דעם אויבערשטן הונדערטרובלדיקן האָט ער אים דערלאַנגט דעם באַאַמטן.

— איך וועל גאָר ניט האָבן קיין אויסגאָב אפילו, — האט ער אָנגערופן זיך: — קיין קלענערע האָט איר ניט?

— ניין, — האט געזאָגט מיטיאַ, אַ קוקטאָנדיק פונדאָסניי אַפן פּעקל, און עפּעס, ווי ניט זייענדיק זיכער און די רייד זיינע, האָט ער אַ פּרווו געטאָן אַ צוויי־דריי פּאַפּירלאַך פון אויבן, — ניין, אַלץ אַזוינע, — האט ער צוגעגעבן און ווידער מיט אַ פרעגנדיקן בליק אַ קוק געטאָן אף פּיאָטר איליטשן.

— פון וואַנען זייט איר דאָס אָבער אַזוי רײַך געוואָרן? — האָט אַ פרעג געטאָן דער באַאַמטער. — וואַרט אַ ווײַלע, איכ׳ל הייסן מיין אינגל אַ לאָף טאָן צו פּלאָטניקאָווס. זיי פאַרמאַכן שפּעט, — צי וועלן זיי ניט האָבן אויסצובייטן. עי, מישאַ! — האט ער אַ געשריי געטאָן אין פיר־הויז.

— צו פּלאָטניקאָווס אין קראָם — אַ גרויסאַרטיקער פּלאַן! — האָט מיטיאַ אויך אַ געשריי געטאָן, ווי באַפּליגלט פון עפּעס אַ נייעם געדאַנק, — מישאַ, — האט ער זיך אַ קער געטאָן צו דעם אינגל, וואָס איז אַרייַנגעקומען, — פאַרשטייסט, לויף צו פּלאָטניקאָווס און זאָג, אַז דמיטרי פיאָדאָראָוויטש האָט געלאָזט גריסן און באַלד וועט ער אַליין זיין... הער נאָר: מ׳זאל אָנגרייטן צו זיין קומען שאַמפּאַניער, אַ מוץ דריי אַן ערך, און מ׳זאָל איינפּאַקן ווי דעמאָלט, בעת איך בין געפאָרן קיין מאָקראָיע... כ׳האָב דעמאָלט גענומען באַ זיי פיר טוץ (האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ קער געטאָן צו פּיאָטר איליטש), — זיי ווייסן שוין, האָב קיין מורא ניט, — הער נאָר: קעז זאל זיין, סטראַסבורגער געבעק, גערויכערטע שינקען, איקרע, אַ קיצור אַלצדינג, אַלצדינג וואָס זיי האָבן נאָר, אַף אַ רובל הונדערט אַן ערך אָדער אַף אַ הונדערט מיט צוואַנציק, ווי ס׳איז פריער געווען... הער נאָר: קיין גוטע־זאַכן זאָלן זיי ניט פאַרגעסן, קאָנפעקטן, בערנעס צוויי צי דריי אַרבוזן, אפשר פיר, — ניין טאַקע, אַרבוזן וועט זיין גענוג איינער אויך, אבער שאָקאָלאַד, צוקערקאַנדל, מאָנפּאַנסיע, שמאַנטבאָנבאָנס — אַ קיצור אַלצדינג, וואָס זיי האָבן מיר דעמאָלט

איינגעפּאַקט קיין מאָקראָיע, מיטן שאַמפּאַניער זאל זיין אַף אַ רובל דריי הונדערט . . . יע, זאָל איצטער אויך זיין פּונקט אַזוי, טאָ געדיינק זשע, מישאַ, אויב מ'רופט דיך, מישאַ . . . מ'רופט דאך אים מישאַ ? — האָט ער זיך ווידער אַ קער געטאָן צו פּיאָטר איליטש.

— לאזט געמאך, — האט אים איבערגעשלאגן פּיאָטר איליטש צוהערנדיק אים און באקוקנדיק אים מיט אַן אומרואיקייט, — איר וועט בעסער אליין אריבערגיין, און איר וועט דעמאלט באשטעלן, ווארים ער וועט אלץ איבערדרייען.

— וועט איבערדרייען, איך זע, אז ער'ט איבערדרייען! עך, מישאַ, און איך האב דאס דיך געוואלט א קוש טאָן פאר דער קאָמיסיע . . . אז דו וועסט ניט איבערדרייען, באקומסטו א צען-קארבנדיקע, א שפרונג אף גיך . . . שאַמפּאַניער, דער עיקר שאמ-פּאניער זאל זיין און קאָניאַק אויך, און ווין רויטן, און ווייסן, א קיצור אלצדינג, ווי דעמאלט. זיי ווייסן שוין, ווי ס'איז דע-מאלט געווען.

— הערט דאך אבער אויס! — האט פּיאָטר איליטש איבער-געשלאגן שוין אומגעדולדיקערהייט. — איך זאג אייך: זאל ער א לאף טאן נאר אויסבייטן, און זאל איבערגעבן, אז מ'זאל ניט פארמאכן, און איר וועט דאַן גיין און איר וועט אליין זאגן . . . ווייזט אייער הונדערטער. מאַרש, מישאַ, א פוס אהער, א פוס אהין! — פּיאָטר איליטש האט, דאכט זיך, מיט א כיוון אוועקגעטריבן אף גיך מישען, ווארים ווי ער האט זיך געהאט אוועקגעשטעלט אנטקעגן דעם גאסט, אויסגעגלאצטערהייט די אויגן אף זיין פארבלוטיקטן פּנים און די פארבלוטיקטע הענט מיטן פעקל געלט צווישן די ציטערדיקע פינגער, אזוי איז ער טאקע געשטאנען, אויפגעעפנט דעם מויל פאר פארוואונדערונג און שרעק און האט, קענטיק, קנאפּ וואס פארשטאנען פון דעם אלעמען, וואס מיטיאַ האט צו אים געזאגט.

— נו, איצטער קומט איינוואשן זיך, — האט פּיאָטר איליטש שטרענג געזאגט. — לייגט אוועק די געלט אפן טיש, אדער לייגט אריין אין קעשענע . . . אט אזוי, קומט. און טוט אויס דעם סורדוט.

און ער האט אים געגומען העלפן אויסצוטאן דעם סורדוט און האט מיטאמאל ווייטער געגעבן א געשריי־אויס:

— גיט א קוק, בא אייך איז דאך דער סורדוט אויך אין בלוט!

— דאס איז ... דאס איז ניט דער סורדוט, דאס איז נאר דא ביים ארבל אביסל ... און אָט־אָ דאס איז מער ניט ווי דאָ, וואו דאס טאשן־טיכל איז געלעגן, דורכגענומען דורכן קעשענע. דאס האב איך זיך בא פעניען געזעצט אפן טיכל, האט די בלוט דורכגענומען, — האט מיט עפעס א מערקווערדיקן צוטרוי מיטיאַ די־שטעל דערקלערט. פיאָטר איליטש האט אויסגעהערט אנגע־רונצלטערהייט.

— איר האט אבער געקראָגן א רעכטן חלק; צעהרגעט זיך מסתמא, מיט עמיצן, — האט ער א מורמל געטאן.

מ׳האט זיך אנגעהויבן וואשן. פיאָטר איליטש האט געהאלטן דעם קרוג און אויפגעגאסן. מיטיאַ האט זיך געאיילט און געהאט ניט גוט אנגעזייפט די הענט. (די הענט האבן בא אים געציטערט, ווי עס האט דערנאך איבערגעגעבן פיאָטר איליטש.) פיאָטר איליטש האט די רגע געהייסן אנזייפן מער און רייבן בעסער. ער האט אין אָט דער דאזיקער מינוט אזוי ווי גענומען זיך די שליטה איבער מיטיען, און וואס ווייטער אלץ מער און מער. מ׳דארף, אגב אורחא, באמערקן: געווען איז דער יונגער־מאן ניט קיין פחדן א מענטש.

— זעט, איר האט דאך ניט אפגעוואשן אונטער די נעגל; נו, איצטער רייבט די געזיכט, אָט־אָ דא: אף די שלייפן, לעבן אויער ... איר וועט דאס פאָרן אין אָט־אָ דער העמד? וואוהין פארט איר דאס? זעט, דער גאנצער מאַנזשעט פון דעם רעכטן ארבל איז אין בלוט.

— אמת טאקע, אין בלוט, — האט זיך אנגערופן מיטיאַ, בא־קוקנדיק דעם מאנזשעט פון העמד.

— טאָ בייט איבער די וועש.

— ניטא קיין צייט, איך וועל, אָט זעט איר ... — האט מיט דעם זעלביקן צוטרוי מיטיאַ צוגעגעבן, שוין אפווישנדיק

מיטן האנטאך דעם פנים און די הענט און אנטאנדיק דעם סור־דוט, — איכ׳ל פארבויגן אט־אָ דאָ דעם מאַנזשעט פון ארבל וועט מען אים גארניט זען אפילו אונטערן סורדוט ··· איר זעט!

— איצטער זאגט, וואו האט מען דאס אייך מכבד געווען? צעהרגעט זיך, מסתמא, מיט עמיצן? צי ניט אין שיינק אָקאָרשט! ווי דעמאלט? צי אקארשט ניט ווידער מיטן קאַפּיטאן, ווי דעמאלט, געשלאגן אים און געשלעפט פארן באַרד? — האט עפעס ווי מיט אן אויסרייד פיאָטר איליטש געזאגט. — ווען האט איר דאס נאך געהרגעט ··· אדער א מאל דערהרגעט א סברה?

— נארישקייט! — האט א זאג געטאן מיטיאַ.

— וואס נארישקייט?

— מ׳דארף ניט, — האט געזאגט מיטיאַ און האט מיטאמאל א שמייכל געטאן: — דאס האב איך איצטער אפן פלאץ דערשטיקט אן אלטעטשקע.

— דערשטיקט? אן אלטעטשקע?

— אן אלטן! — האט א געשריי געטאן מיטיאַ, קוקנדיק פיאָטר איליטשן גלייך אין פנים אריין, לאכנדיק און שרייענדיק צו אים ווי צו א טויבן.

— ע׳, צו אלדי רוחות, אן אלטן, אן אלטעטשקע ··· וואס, איר האט דערהרגעט עמיצן?

— מיר האבן שלום געמאכט, זיך צופאטשט א ביסל — און שלום געמאכט, דא אין אן ארט, מיר זיינען זיך צעגאנגען גוטע ברידער, איינער א שוטה ··· ער האט מיר מוחל געווען ·· איצט האט ער שוין געוויס מוחל געווען ··· אז ער וואלט אויפגע־שטאנען, וואלט ער ניט מוחל געווען, — האט מיטיאַ מיטאמאל געגעבן עפעס א ווּאונק אזא, — נאר איר ווייסט, כאפט אים דער רוח, איר הערט, פיאָטר איליטש, כאפט אים דער רוח, מ׳דארף ניט! אין אט דער מינוט וויל איך קיין זאך ניט רעדן! — האט שארף אפגע־שניטן מיטיא.

— איך מיין אנטקעגן דעם, וואס ס׳איז א בעלנות מיט יעדן איינציקן אָנצוהייבן זיך ··· ווי דעמאלט פון היילער שטות אט

מיט דעם שטאבס־קאפיטאן ··· זיך צופאטשט און פליט איצטער הוליען — דאס איז אייער טבע, דריי טוץ שאמפאניער, — צו וואס דארפט איר דאס אזוי פיל?

— בראַוואָ! גיט איצטער די פיסטאָלעטן, כ׳לעבן, ס׳איז ניטא קיין צייט. כ׳וואלט טאקע געוואלט זיך דורכרעדן מיט דיר, ליבינקער, נאר ס׳איז ניטא קיין צייט. און מ׳דארף גאר טאקע אויך ניט, ס׳איז שפעט צו רעדן. הא! וואו זשע איז די געלט, וואו האב איך זיי אהינגעטאן? — האט ער אויסגערופן און גענומען טאפן אין די קעשענעס.

— איר האט דאך אליין ··· אוועקגעלייגט אפן טיש ··· אָט ליגט דאס. איר׳ט פארגעסן? באַ אייך איז באמת געלט פונקט ווי מיסט אדער ווי וואסער. אט זייַנען אייערע פיסטאָלעטן. מאדנע־פריער א זייגער זעקס האט ער זיי פארמשכונט פאר צען רובל, און איצטער וויפל טויזנטער איר האט דאס. כ׳האב מורא צו זאגן, אַ צוויי צי דריי?

— א סברה טאקע, אז גאַנצע דריי, — האט מיטיא אנגעהויבן לאכן, אריינלייגנדיק די געלט אין דער זייטיקער קעשענע פון די הויזן.

— איר וועט פארלירן אזוי. איר האט מסתמא גאלד־גרובן?

— גאלד־גרובן? גאלד־גרובן! — האט מיטיא מיט די גאנ־צע כוחות אויסגעשריען און זיך געקייקלט פאר געלעכטער. — איר ווילט, פערכאָטין, אוועקפארן וואו די גאלד־גרובן זייַנען? וועט אייך תיכף איינע א היגע דאמע אפציילן דריי טויזנטער, אז איר זאלט נאר פארן! כאָכלאקאָוועץ קענט איר?

— באקענט בין איך ניט, נאר כ׳האב געהערט און געזען זי. נישיים זע האט זי דאס אייך געגעבן די דריי טויזנט רובל? גלייך טאקע אפגעציילט? — האט פּיאָטר איליטש געקוקט מיט אומצוטרוי.

— טא גייט מארגן, ווי די זון וועט אויפשייַנען, ווי דער אויביק יונגער פעבוס וועט זיך אויפהייבן, בענטשנדיק און לויבנ־דיק דעם בורא, טא גייט מארגן אוועק צו איר, צו כאָכלאקאָוועץ מיין איך, און גיט באַ איר אליין א פרעג: צי האט זי מיר אפ־געציילט דריי טויזנטער, צי ניט? דערגייט טאקע?

— איך ווייס נישט אייערע באציאונגען ··· אויב איר רעדט אזוי זיכער, האט זי, מסתמא, געגעבן ··· און איר האט זיך דאס איינגענומען די מטבעה אין יד אריין, און אנשטאט צו פארן קיין סיביר, לעבט איר אייך דא א גוטן טאג ··· וואוהין פארט איר דאס איצטער אין דער אמתן, הא?

— קיין מאָקראָיע.

— קיין מאָקראָיע? ס'איז דאך אבער נאכט!

— א שניצער און א מעלער, און קדחת אפן טעלער! — האט מיטיא מיטאמאל א זאג געטאן.

— וואס הייסט קדחת? האבנדיק אזוינע טויזנטער, און נאך קדחת אפן טעלער?

— איך מיין נים קיין טויזנטער. כאפט דער רוח די טויזנטער! איך מיין די הארץ פון די פרויען מיין איך ···

„און לייכט גלויבט דאס הארץ פון פרוי
מיט זינד און פאלשקייט איז עס פול".

איך בין מסכים מיט אדיסעוס, וואס ער זאגט.

— איך פארשטיי אייך ניט!

— שיכור, וואס?

— ניט שיכור, נאר ערגער נאך, ווי שיכור.

— איך בין גייסטיק שיכור, פיאָטר איליטש, גייסטיק שיכור, נאר גענוג, גענוג ···

— וואס טוט איר דאס, איר שטעלט אָן דעם פיסטאָלעט?

— איך שטעל אן דעם פיסטאלעט.

מיטיא האט באמת, אויפעפענענדיק די קעסטל מיט די פיסטאָלעטן, אויפגעמאכט דעם פולווער־האָרן און זארגעוודיק אריינגעשאטן פולווער און צוגעמאכט. דערנאך האט ער גענומען א קויל און, איידער ער האט זי אריינגעטאן, גענומען זי בא א צוויי פינגער פון זיך צום ליכט.

— וואס קוקט איר דאס אף דער קויל? — האט מיט אן אומרואיקער נייגעריקייט פיאָטר איליטש געפארשט.

— אזוי, די פאנטאזיע. אט אז דו וואלסט א טראכט געטאן

אריינפאקן זיך אט די דאזיקע קויל אין מוח אריין, איז, אנשטעלנ־דיק דעם פיסטאלעט, וואלסטו א קוק געטאן אף איר צי ניט?

— צוליב וואס קוקן אף איר?

— זי וועט דאך אין מיין מוח אריין, איז אינטערעסאנט אף איר א קוק צו טאן, אַ וועלכע זי איז . . . נאר, איבעריקנס, איז דאס א שטות, א מאמענטאלער שטות. אט איז א סוף, — האט ער צוגעגעבן, אריינטאגדיק די קויל און פארשטאפנדיק זי מיט דער וואטע, — פיאָטר איליטש, טייערער, ס׳איז א שטות, ס׳איז אלץ א שטות, און ווען דו וואלסט נאר געוואוסט, ס׳ארא מין גרויסער שטות! גיב זשע מיר איצטער א שטיקל פאפיר.

— אט איז פאפיר.

— ניין, א גלאטן, א ריינעם, אף וואס מ׳שרייבט. אט אזוי. און מיטיא, א כאפ געטאן פון טיש א פענע, האָט האסטיק אנגע־שריבן אפן פאפירל צוויי שורות, צונויפגעלייגט דאס פאפירל אינפירען און אריינגעשפארט אין דער קעשענע פון זשילעט. די פיסטאלעטן האט ער אריינגעלייגט אין קעסטל, פארשלאסן מיטן שליסעלע און גענומען די קעסטל אין האנט. דערנאך א קוק געטאן אף פיאָטר איליטש און האט לאנג א שמייכל געטאן פאר־טראכטערהייט.

— איצטער קומט, — האט ער געזאגט.

— וואוהין קומט? ניין, ווארט־אויף . . . דאס ווילט איר, א סברה, אַריינגעבן זי זיך גופא אין מוח, די קויל מיין איך . . . — האָט מיט מורא אָנגערופן זיך פיאָטר איליטש.

— די קויל איז א שטות! לעבן וויל איך, כ׳האָב דעם לעבן ליב! דאָס זײַ וויסן. איך האָב ליב דעם גאָלד־לאָקיקן פעבוס און דעם הייסן ליכט זיינעם . . . טייערער, פיאָטר איליטש, דו קאָנסט לאָזן דעם וועג?

— וואָס הייסט לאָזן דעם וועג?

— אָפּראַמען דעם וועג. אָפּראַמען דעם וועג פאַר א ליבן וועזן און פאַר א פאַרהאַסטן. און אַז דער פאַרהאַסטער זאָל אויך

ליב ווערן, אָט ווי איך מיין אָפּראַמען דעם וועג! און זאָגן צו זיי: זאָל דער אויבערשטער זײַן מיט אייך, גייט אַריבער, און איך, איך וועל ...

— און איר?

— געגוג, קומט.

— כ׳לעבן, איכ׳ל זאָגן עמיצן (האָט געקוקט אַף אים פּיאָטר איליטש), מ׳זאָל אַייך ניט לאָזן אַהינצו. וואָס דאַרפט איר איצטער אין מאָקראָיע?

— אַ פרוי איז דאָרטן, אַ פרוי, און זײַן גענוג פון דיינטוועגן, פּיאָטר איליטש, און אַן עק!

— איר הערט, כאָטש אַפילו איר זייט אַ ווילדער מענטש, נאָר איר זייט מיר עפּעס תּמיד געפעלן געווען ... איז אָט האָב איך מורא.

— אַ דאַנק דיר, ברודער. איך בין אַ ווילדער, זאָגסטו. די ווילדע, די ווילדע! איך האַלט טאַקע אין איין טענהן: די ווילדע! אַהאַ, אָט איז מישאַ אויך, און איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן אים.

מישאַ איז אַריינגעקומען אַ פאַרסאַפּעטער מיטן פּעקל אויסגע-ביטענע געלט און געבראַכט א ראַפּאַרט, אז בא פּלאָטניקאָווס "זיינען אלע אויף", און מ׳פּאַקט די פלאַשן, די פיש און די טיי — באלד וועט אלצדינג זיין פאַרטיק. מיטיאַ האט א כאַפּ געטאָן א צענרובל-דיקן און דערלאַנגט פּיאָטר איליטשן, און א צווייטן צענרובלדיקן א ווארף געטאָן מישען.

— איך הייס ניט! — האט א געשריי געטאָן פּיאָטר איליטש. — באַ מיר אין שטוב טאָר מען דאָס ניט, און מ׳פירט גאר דערמיט סתּם איבער א קינד. באַהאַלט אייערע געלט, לייגט אריין אָט־אָ־דאָ, וואס פאר א וואַרפן זיך מיט געלט, וואס? מארגן וועט דאך דאס צוניץ קומען, און איר וועט דאך אליין קומען צו מיר בעטן א צענרובלדיקע. וואס שפּארט איר דאס רק אין דער אויבערשטער קעשענע? איר׳ט זען, אז איר׳ט פאַרלירן!

— הער זיך איין, טייערער מענטש, מירן פאָרן ביידע קיין מאָקראָיע?

— וואָס האב איך דאָרטן וואָס צו טאָן?

— הער זיך איין, דו ווילסט וועל איך גלייך עפענען א פלעשל, מירן אויסטרינקן לכבוד דעם לעבן! מיר ווילט זיך אויסטרינקען, און מער פאר אלץ אויסטרינקען מיט דיר. כ׳האָב קיינמאָל ניט געטרונקען מיט דיר, האַ?

— איך מיין, אין שיינק קאָן מען אריין, לאָמיר גיין, איך קלייב זיך איצטער אליין אויך אַהינצו.

— ניטאָ וועו אין שיינק, אָבער באַ פלאָטניקאָווס אין קראָם, אין דעם הינטערשטן צימער, זעססטו, יע. דו ווילסט וועל איך דיר באַלד פארגעבן א רעטעניש.

— פאַרגיב.

מיטיאַ האט ארויסגענומען פון וועסטל דאָס פאפירל, האט אים פאנאנדערגענומען און באוויזן, מיט א דייטלאכן און גרויסן כתב איז געווען אף אים אָנגעשריבן:

״איך פארמשפט זיך אליין פארן גאנצן לעבן, דעם גאנצן לעבן מיינעם באַשטראָף איך!״

— באמת, איכ׳ל זאָגן עמיצן, איך גיי גלייך און איך זאָג, — האט זיך אָנגערופן פיאָטר איליטש איבערלייענענדיק דעם פאפיר.

— וועסט ניט באַוויזן, ליבינקער, קום און לאמיר אויסטרינקען, מארש!

פלאָטניקאָווס קראָם איז געווען כמעט נאָר איבער אַ הויז פון פיאָטר איליטשעס, אפן ראָג פון גאַס. דאָס איז געווען דער סאַמער גרעסטער באַקאַליי־געשעפט באַ אונז אין שטאָט, פון רייכע סוחרים, און טאקע דער געשעפט גופא אויך גאָר ניט קיין שלעכטער. ס׳איז געווען אלץ וואָס אין דעם שענסטן-בעסטן מאַגאַזין פון א הויפט־שטאָט, כל-ערליי דעליקאַטעסן: ווײַן ״ברידער יעליסייעווס״, פרוכטן, ציגארן, טיי, צוקער, קאַווע וכדומה. תמיד זיינען געווען דריי אָנגעשטעלטע און עס זיינען ארומגעלאָפן צוויי אינגלאַך אף פאסילקעס. כאטש אפילו אונזער קאַנט איז געווען אן אָרימער, די פריצים זיינען זיך צופאָרן, דער מסחר איז געוואָרן שטיל, אבער דער באַקאַליי־האַנדל האָט געבליט ווי פריער און וואס וויַיטער אפילו אלץ מער און מער מיט יעדן יאָר: אף אט די זאכן זיינען תמיד געווען קונים.

אף מיטיען האט מען געוואַרט אין קראָם מיט אומגעדולד׳ מ׳האָט צו־גוט געדיינקט׳ ווי ער האָט מיט א וואָכן דריי־פיר צוריק צוגענומען פונקט אזוי מיטאמאָל פארשיידענע סחורות און ווײַנען אַף עטלאַכע הונדערט קאַרבן מזומענע געלט (אף באָרג וואלט מען אים׳ פאַרשטייט זיך׳ קיין זאַך ניט געגעבן)׳ מ׳האָט געדיינקט׳ אז פונקט ווי איצטער האט באַ אים דעמאלט געשטעקט אין האנט א פעקל הונדערטער און ער האָט זיי געוואָרפן אומזיסט און אומנישט׳ ניט געדונגען זיך׳ און ניט געטראכט׳ און גאָרניט געוואלט טראכטן׳ אף וואָס דארף ער האבן אזוי פיל סחורה׳ ווײַן וכדומה? מ׳האָט אין גאַנץ שטאָט דערנאָך געהערט׳ אז בעת ער איז אוועקגעפלויגן מיט גרושענקען קיין מאָקראָיע האט ער דעמאָלט ״ארײַנגעבאקט אין איין נאַכט און אף מארגן געשוואָלענע דריי טויזנטער און איז שפעטער געקומען צוריק פון דעם הוליען אָן אַ גראָשן, אזוי ווי די מאמע האט אים געהאט״׳ האט צונויפגעשלעפט דעמאָלט אַ גאנצע סטאדע ציגיינער (וואָס האט זיך צו יענער צייט באזעצט בא אונז)׳ און זיי האָבן׳ הייסט דאָס׳ אין צוויי טעג ארויסגעצויגן באַ אים׳ באַ אַ שיכורן׳ אַ ים מיט געלט און אויסגעטרונקען אַ ים טײַערן ווײַן׳ מ׳האָט דערציילט, לאַכנדיק אין די הויפנס פון מיטיען׳ אז ער האָט אין מאָקראָיע אָנגעטרונקען מיט שאמפאניער די ״סיוואָלאַפּע״ מוזשיקעס און די מיידלאַך און די ווײַבער פון דאָרף אָנגעשטאָפּט מיט קאָנפעקטן און סטראַסבורגער געבעק׳ היינט האט מען נאָך אָפּגעלאַכט באַ אונז׳ אין שיינק דער עיקר׳ פון מיטיעס אייגענעם אָפנהאַרציקן מודה זיין זיך דעמאָלט פאר אלעמען (מ׳האט אָפּגעלאַכט, פארשטייט זיך, ניט אים אין די אויגן אָפּלאַכן אים אין די אויגן איז געווען א שטיקל סכנה)׳ אז פאר אט דער דאָזיקער גאנצער ״עסקאַפּאַדע״ האט ער פון גרושענקען מער ניט ווי באקומען דאָס׳ וואָס ״זי האט אים געלאזן א קוש טאָן איר פיסל, ווייטער אבער קיין זאך ניט״׳

אז מיטיא איז מיט פיאטר איליטשן צוגעגאנגען צום קראם׳ האבן זיי שוין ביים ארײַנגאנג געטראפן אן אנגעגרייטע טראיקע, אײַנגעשפאנט אין א וועגל׳ וואס איז געווען איבערגעדעקט מיט א דעקע מיט גלעקלאך און בראסקאלקעס׳ און דעם קוטשער אנדריי׳ וואס

האט געוואָרט אַף מיטיען. אין קראָם האָט מען שוין כּמעט איינ־
גאַנצן באַוויזן „אָפּצופּאַרטיקן" איין קעסטל מיט סחורה און מ׳האָט
נאָר געוואַרט אַף מיטיעס קומען, כּדי צו פאַרשלאָגן זי און איינפּאַקן
אין וואָגן. פּיאָטר איליטש האָט זיך פאַרוואונדערט.

— פון וואַנען האָט זיך דאָס שוין געגומען בא דיר די
טראַיקע! — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיטיען.

— לויפנדיק צו דיר, האָב איך אים אָנגעטראָפן, אַנדריייען,
און געהייסן ער זאָל גלייך קומען צו פאָרן אַהער צום קראָם. ס׳איז
ניטאָ וואָס צו פאַרלירן קיין צייט! יענעם מאָל בין איך געפאָרן
מיט טימאָפּייען, טימאָפּיי איז אָבער איצטער עט־טע־טע, איז פריער
פאַר מיר אַוועקגעפלויגן מיט דער צויבערן אַליין. אַנדריי, מירן
שטאַרק פאַרשפּעטיקן?

— מיט אַ שעה אפשר קאָנען זיי אַמאָל קומען פריער פאַר
אונדז, נאָר דאָס אויך ניט, זיי וועלן אונדז איינגאַנצן פאַרכאַפּן אין
אַ שעה! — האָט האַסטיק געענטפערט אַנדריי. — איך אַליין האָב
דאָך טימאָפּייען אויסגעריכט, איך ווייס, ווי זיי וועלן פאָרן. זייער
פאָרן איז ניט אונדזער פאָרן, דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש, ווי קומען זיי
צו אונדז. וועלן מיט קיין שעה ניט קומען פריער! — האָט מיט
היץ איבערגעשלאָגן אַנדריי, נאָך ניט קיין אַלטער קוטשער, אַ געלער־
דאַרער פויער אין אַ פּאַדיאָווקע און מיט אַ סערמיאַגע אַף דער
לינקער האַנט.

— פּופּציק רובל טרינק־געלט, אויב דו וועסט נאָר פאַר־
שפּעטיקן אַף אַ שעה.

— פאַר אַ שעה בין איך ערב, דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש, ווייס
איך וואָס, זיי וועלן מיט קיין האַלבער שעה ניט קומען פריער, ניט
וואָס מיט אַ שעה!

כאָטש אַפילו מיטיאַ איז געווען פאַרטאָן געבנדיק די פאַר־
אָרדענונגען, האָט ער אָבער גערעדט און געבאַלעבאַטעוועט עפּעס
מאָדנע אַזוי, צעוואָרפן, און ניט אין קיין סדר. האָט אָנגעהויבן איין
זאַך און זיך פאַרגעסן צו פאַרענדיקן. פּיאָטר איליטש האָט געפונען
פאַר נויטיק אַריינמישן זיך און צו העלפן אין דעם.

— אף פירהונדערט רובל, ניט ווייניקער, ווי אף פירהונדערט, עס זאל זיין פונקט אזוי, ווי דעמאלט, — האט מיטיא קאמאנדירט, — פיר טוץ שאמפאניער, קיין איין פלעשל ניט ווייניקער.

— אף וואס דארפסטו אזוי פיל, צו וואס איז דאס ? ווארט א ווײלע ! — האט א בריל געטאן פיאטר איליטש, — וואס איז דאס פאר א קאסטן ? מיט וואס איז דאס ? נישיים זע איז דא פאר פירהונדערט רובל ?

תיכף האבן אים דערקלערט די פארשמאיעטע פריקאזטשיקעס מיט א צוקערדיקן לשון, אז אין אט־א דער ערשטער קעסטל איז סך הכל דא מער ניט ווי א האלבע טוץ שאמפאניער און „דאס נויטיקסטע צו דער האנט" פון פארבייסנס, קאנפעקטן, מאנפאנסיע און אזוי ווייטער, נאר אז דער הויפט "באדארף" וועט ווערן איינגעפאקט און אװעקגעשיקט די־שטעל באזונדער, אט אזוי ווי יענעם מאל אף א באזונדער פור אויך א טראיקע און זי וועט אנקומען צו דער צייט, "אפשר אינגאנצן אף א שעה שפעטער פאר דמיטרי פיאדאראוויטשן וועט זי אנקומען אפן ארט".

— ניט מער ווי אף א שעה, ניט מער ווי אף א שעה, און פאקט איין וואס מער מאנפאנסיע און קאנדל־צוקער ; דאס האבן די מיידלאך דארטן האלט, — האט געטענהט מיטיא מיט היץ.

— קאנדל־צוקער — זאל זיין. צו וואס דארפסטו אבער פיר טוץ שאמפאניער ? ס'איז איין טוץ אויך גענוג, — איז שוין כמעט אין כעס געווארן פיאטר איליטש. ער האט זיך גענומען דינגען, ער האט פארלאנגט א חשבון, ער האט ניט געוואלט בארואיקן זיך. אפגעראטעוועט האט ער פונדעסטוועגן נאר איין הונדערטער. מ'איז מושווה געווארן, אז די גאנצע סחורה זאל באטרעפן ניט מער, ווי דרייהונדערט רובל.

— ווייטער, כאפט אייך דער רוח ! — האט אויסגערופן פיאטר איליטש, עפעס ווי באקלערנדיק זיך מיטאמאל, — וואס ארט דאס מיר ? ווארף דיינע געלט, אויב דו האסט זיי באקומען אומזיסט !

— אהער, עקאנאם, אהער, זיי ניט אין כעס, — האט אים אוועקגעשלעפט מיטיא אין דעם הינטערשטן צימער פון קראם, —

מ׳וועט אונז באלד דערלאנגען אהער א פלעשל, וועלן מיר ברכה מאכן. עך, פיאטר איליטש, לאמיר פארן צוזאמען, וואָרים דו ביזט א מענטש א טייערער, אזוינע האב איך ליב.

מיטיא האט זיך אוועקגעזעצט אף א געפלאכטענעם שטולכל לעבן דעם קליינינקן טישעלע, וואס איז געווען צוגעדעקט מיט א שמוציקן שבשמוציקן טישטאכל. פיאטר איליטש האט זיך צוגע־שפארט אנטקעגן אים, און די רגע האט מען דערלאנגט שאמפאניער. מ׳האט געפרעגט, צי ווילן ניט די הערן אויסטערן, ״גאר אן אויסנאם, וואס פאר א אויסטערן, פון דער סאמער לעצטער קבלה״.

— כאפט זיי דער רוח די אויסטערן, איך עס ניט, און מ׳דארף גאר גלאט קיין זאך ניט האבן, — האט מיט רוגזה א זאג געטאן פיאטר איליטש.

— ניטא קיין צייט אף אויסטערן, — האט זיך אנגערופן מיטיא, — און ס׳איז גאר קיין אפעטיט אויך ניטא. דו ווייסט, מיין פריינד, — האט ער א זאג געטאן מיטאמאל מיט הארץ, — כ׳האב קיינמאל ניט האלט געהאט אט די גאנצע אומארדענונג.

— און ווער האט זי יע האלט! א קלייניקייט, פיר טוץ שאמפאניער פאר מוזשיקעס, דאס קאן יעדערן ארויסברענגען פון געדולד.

— איך מיין ניט דאס. איך מיין די העכערע ארדענונג. ס׳איז קיין ארדענונג אין מיר ניטא, נאר צום טייוול! דער גאנצער לעבן מיינער איז געווען אן אן ארדענונג, און מ׳דארף מאכן אן ארדענונג. איך וויצל זיך, וואס?

— דו רעדסט פון היץ, ניט דו וויצלסט זיך.

געלויבט דער אויבערשטער אין הימלען,

געלויבט דער אויבערשטער אין מיר!

דער דאזיקער פערז האט זיך בא מיר פון נשמה ארויסגעריסן אמאל, ס׳איז ניט קיין פערז, נאר א טרער ... אליין פארפאסט ... אגב, ניט דעמאלט, ווען איך האב געשלעפט דעם שטאבס־קאפיטאן פארן בערדל . . .

— פארוואס רעדסטו דאס פלוצים פון אים?

— פארוואס איך רעד פלוצים פון אים? נארישקייט! אלץ האט א סוף, אלץ ווערט אויסגעגליכן, געמאכט א שטריך — און אונטערגעפירט דעם סך הכל.

— כ'לעבן, ווי די פיסטאלעטן דיינע ליגן מיר אלץ אין קאפ.

— און די פיסטאלעטן זיינען אויך א נארישקייט! טרינק און פאנטאזיר נישט. כ'האב דעם לעבן ליב, כ'האב שוין צו־שטארק ליב געקראגן דעם לעבן. איז שוין טאקע צו העסלאך. געגווג! לכבוד דעם לעבן, מיין טייערינקער, לכבוד דעם לעבן לאמיר אויסטרינקען, איך לייג פאר לכבוד דעם לעבן טרינקען א לחיים! פארוואס בין איך צופרידן מיט זיך? איך בין נידערטרעכטיק, אבער איך בין צופרידן מיט זיך. און פונדעסטוועגן פייניק איך זיך דערפון, וואס איך בין נידערטרעכטיק, אבער כ'בין צופרידן מיט זיך. איך בענטש דעם בריאת העולם, איך בין גרייט די־שטעל צו בענטשן דעם רבונו של עולם און זיין שאפן, אבער . . . מ'דארף אויסראטן איין שטינקעדיקע אונפלויט, עס זאל ניט ארומקריכן, ניט פארמיאוסן אנדערע דעם לעבן . . . לאמיר אויסטרינקען לכבוד דעם לעבן, טייערער ברודער! וואס קאן זיין טייערער ווי דער לעבן! קיין זאך ניט, קיין זאך ניט! לבכוד דעם לעבן און לכבוד איינער א מלכה פון די מלכות.

— לאמיר אויסטרינקען לכבוד דעם לעבן, און, אפשר, לכבוד דיין מלכה אויך.

מ'האט אויסגעטרונקען צו גלאז. כאטש אפילו מיטיא איז געווען ווי אין א התפעלות און אזוי ווי צעווארפן, איז ער אבער עפעס ווי באטריבט געווען. גלייך ווי עפעס א זארג א שווערע און א ניט בייצוקומענדיקע איז געשטאנען הינטער אים.

— מישא . . . דאס איז דיין מישא אריין? מישא, ליבינקער, מישא, קום אהער, טרינק מיר אויס אט די גלאז, לכבוד פעבוס דעם גאלד־לאקיקן, דעם פעבוס פון מארגן . . .

— צו וואס אבער גיסטו אים! — האט א געשריי געטאן פיאטר איליטש אויפגערעגטערהייט.

נו, לאז, אט אזוי, נו איך וויל.

— ע־עך!

מישא האט אויסגעטרונקען די גלאז, זיך פארנויגט און איז אוועקגעלאפן.

— וועט לייגגער געדיינקען, — האט זיך אנגערופן מיטיא. — א פרוי האב איך ליב! וואס איז א פרוי? די מלכה פון דער וועלט! באטריבט בין איך, פיאטר איליטש. באטריבט. געדיינקסט האמלעטן: „איך בין אזוי באטריבט, אזוי באטריבט, האראציא... אך, אומגליקלאכער יאריק!" דאס בין איך אפשר יאריק טאקע. אט איצט בין איך יאריק, און שפעטער וועל איך זיין דער שארבן זיינער.

פיאטר איליטש האט געהערט און געשוויגן, אנטשוויגן גע־ווארן איז אויך מיטיא.

— וואס פאר א הינטל איז דאס בא אייך? — האט ער א פרעג געטאן מיטאמאל דעם אנגעשטעלטן צעשטרויטערהייט, בא־מערקנדיק אין ווינקל קליינינקן שייניקן הינטעלע פון באלאנער מין מיט שווארצע אויגעלאך.

— דאס איז ווארווארא אלעקסייעוונאס, אונזער באלעבאסטעס באלאנקע, — האט געענטפערט דער אנגעשטעלטער, — זיי האבן אים פריער אליין געבראכט, און געלאזן אים בא אונז. מ׳וועט דארפן אפטראגן אף צוריק.

— איך האב געזען איינעם פונקט אזא... זייענדיק אין פאלק... — האט פארטראכטערהייט מיטיא אנגערופן זיך, — נאר בא יענעם איז דאס הינטערשטע פיסל געווען געבראכן... פיאטר איליטש, כ׳האב דיך געוואלט, בדרך אגב, פרעגן: האסט ווען עס איז אף דיין לעבן געגנבעט עפעס, צי ניט?

— וואס איז דאס פאר א פראגע?

— ניין׳ סתם אזוי. פארשטייסט, בא עמיצן פון קעשענע, פרעמדע? איך רעד ניט פון קיין מלוכה־געלטער, מלוכה־געלטער שלעפן אלע און דו, פארשטייט זיך, אויך...

— גיי צו אלדי רוחות.

— איך מיין פרעמדע: פשוט פון קעשענע, פון בייטל, הא?

— כ'האב געגנבעט איינמאל בא דער מאמען א צוואנציקקאפי־קענעם פון טיש, בין דעמאלט אלט געווען ניין יאר, גענומען שטילינקערהייט און באהאלטן אין האנט.

— נו, איז וואס?

— נו, גארנישט. דריי טעג באהאלטן, כ'האב אנגעהויבן שעמען זיך, זיך מודה געווען און אפגעגעבן.

— נו, איז וואס איז געווען?

— מ'האט, כדרך הטבע, אפגעשמיסן. וואס איז דאס אבער מיט דיר, צי האסטו אקארשט אליין ניט געגנבעט?

— געגנבעט. — האט מיטיא געגעבן א וואונק מיט די אויגלאך גנביש.

— וואס האסטו געגנבעט? — האט פיאטר איליטש אנגעהויבן נייגעריק צו ווערן.

— בא דער מאמען א צוואנציקקאפיקענעם, בין דעמאלט אלט געווען ניין יאר, און אין דריי טעג ארום אפגעגעבן. — אפגעזאגט אט־א דאס, האט זיך מיטיא מיטאמאל אויפגעהויבן פון ארט.

— דמיטרי פיאדאראוויטש, צי דארף מען זיך ניט צואיילן?

— האט מיטאמל א רוף געטאן לעבן טיר פון קראם אנדריי.

— ס'איז פארטיק? קום! — איז מיטיא געווארן צוטראגן. — נאך איין ווארט און . . . דערלאנגט אנדרייען א גלאז בראנפן אפן וועג, תיכף! און קאניאק זאל מיר פאר אים זיין אויסער די בראנפן! אט די קעסטל (מיט די פיסטאלעטן) שטעלט מיר אוועק אונטערן געזעס. זיי געזונט, פיאטר איליטש, דערמאן ניט צום בייזן.

— דו קומסט דאך מארגן צוריק?

— גאר קיין פראגע ניט.

— דעם רעכענונגל וועלן זיי איצטער אפפארטיקן? — איז אונטערגעשפרונגען דער אנגעשטעלטער.

— אהא, אוודאי, די רעכענונג! ניט אנדערש!

ער האט ווידער ארויסגעכאפט פון קעשענע זיין פעקל פא־פירלאך, ארויסגענומען דריי גאנצע הונדערטער, א ווארף געטאן אפן טיש און איז האסטיק ארויסגעגאנגען פון קראם. אלע זיינען

באכגעגאנגען נאך אים און, פארנויגנדיק זיך, באלייט אים מיט ווינטשעוואניעס און ברכות. אנדריי האט געגעבן א קרעכץ פון דעם גאר־וואס אויסגעטרונקענעם קאניאק און ארויפגעטאנצט אפן קאזלע. קוים אבער האט מיטיא אנגעהויבן זיך ארויפזעצן, ווי עס האט זיך פלוצים, לחלוטין אומגעריכטערהייט, באוויזן לעבן אים פעניא. זי איז געקומען צולויפן אינגאנצן אָן אָן אטעם, האט מיט אַן אויס־געשריי צונויפגעלייגט פאר אים די הענט און זיך אים געגעבן אַ ווארף צו די פיס.

— פּאַטערל, דמיטרי פּיאדראוויטש, ליבינקער, פטרט ניט אוועק די פריצטע! איך האב דאך דאס אייך אלצדינג דערציילט... פטרט אבער אים אויך ניט אוועק, ער איז דאך דער פריערדיקער, ער איז דאך זייערער! ער וועט איצט חתונה האבן מיט אגראפענא אלעקסאנדראוונען, דעריבער איז ער דאך געקומען צוריק פון סיביר . . . פאטערל, דמיטרי פיאדראוויטש, פטרט ניט אוועק קיין פרעמדן לעבן!

— טע־טע־טע, אזוי איז גאר די מעשה! נו, וועסטו דאס איצטער אנמאכן דארטן א רעכטע חתונה! — האט א מורמל געטאן אין־זיך פיאטר איליטש. — איצט איז אלץ קלאר, ווי זאל דאס איצטער ניט זיין קלאר. דמיטרי פיאדראוויטש, ווייז מיר אקארשט גלייך אהער צוריק די פיסטאַלעטן, אויב דו ווילסט זיין אַ מענטש, — האט ער א זאג געטאן הויך אפן קול צו מיטיען, — דו הערסט, דמיטרי?

— די פיסטאלעטן? ווארט, מיין טייערינקער, איכ׳ל זיי אפן וועג אריינווארפן אין אַ בלאטע, — האט געענטפערט מיטיא. — פעניאַ, שטיי אויף, ליג ניט פאר מיר. מיטיא וועט קיינעם ניט אוועקפטרן, איצט וועט שוין קיינעם ניט אוועקפטרן אט דער דאזיקער שוטה. יע, אט וואס כ׳האב געוואלט זאגן, פעניא, — האט ער א געשריי געטאן צו איר, שוין האבנדיק געזעצט זיך, — באליידיקט האב איך דיך פריער, טא פארגיב מיר און זײַ מוחל, זײַ מוחל א נידערטרעכטיקן . . . טאמער וועסטו אבער ניט מוחל זיין, איז אלץ איינס! ווארים איצט איז שוין אלץ איינס! געפארן, אנדריי, געפארן לעבעדיק!

אנדריי האט געגעבן א טריב; דער גלעקל האט א קלונג געטאן.

— זײַ געזונט, פּיאָטר איליטש! פאר דיר די לעצטע טרער!...

„איז, דאכט זיך, ניט שיכּור און ס'ארא שטות ער פּראוועט דאס!" האט גלייך ווי ער איז אוועקגעפארן א טראכט געטאן פּיאטר איליטש. ער'ט געהאט געקליבן זיך בלייבן אכטונג געבן, ווי מ'וועט אויס־ריכטן דעם וואגן (דאך אויך אף א טראַיקע) מיט די איבעריקע פּראָ־וויאנט און די ווייַנען, שפּירנדיק, אז מ'וועט אפּנארן און באַרייסן מיטיען, האט אבער מיטאמאל, ווערנדיק אף זיך אליין אין כּעס, גע־געבן א שפּיי און איז אוועק אין זיין שיינק, שפּילן ביליאַרד.

— א שוטה, כאָטש אפילו א וואוילער בחור... — האט ער געמורמלט אין זיך גייענדיק, — פון אט דעם דאזיקן אפיצער גרושענקעס דעם „אמאליקן" האב איך עפּעס יע געהערט. נו, אויב ער איז טאקע געקומען, איז... עך, די פּיסטאלעטן! נאר, צו אלדי רוחות, וואס בין איך זיינער א טאטע, וואס? ס'אַ דאגה! און ס'וועט גאר גלאט קיין זאך ניט זיין אויך. שרייער און ווייטער גארנישט. מ'וועט זיך אנטרינקען און צעררייסן זיך, מ'וועט זיך צו־רייסן און מ'וועט זיך איבערבעטן. וואָסי דאס זיינען א פּנים מענטשן פון ארבעט? וואס איז דאס פאר א ווערטער „לאזן דעם וועג", „איך פאר־משפּט זיך אליין" — עס וועט קיין זאך ניט זיין! האט טויזנט מאל געשריען מיט די זעלביקע ווערטער אין שיינק. אמת, איצטער איז ער ניט שיכּור. „איז גייסטיק שיכּור" — שיינע ווערטער האבן האָלט די אויסוואורפן. וואס בין איך א טאטע זיינער, וואס? האט זיך זיכער געמוזט צושלאגן מיט עמיצן, די גאנצע שנוקע איז אין בלוט. מיט וועמען קאן דאס זיין? כ'וועל זיך דערוויסן אין שיינק. היינט די טאשנטיכל איז אויך אין בלוט... פוי, צו אלדי רוחות, זי איז געבליבן ליגן בא מיר אף דער ערד... ס'איז ווערט א שפּיי!

געקומען אין שיינק איז ער אין דער סאמער ערגסטער שטי־מונג און האט אפן שטעל אנגעהויבן א קאָן. דאס שפּילן האט אים לעבעדיקער געמאכט. ער'ט אפּגעשפּילט א צווייטן קאָן און זיך מיט אמאל פאנאנדערגערעדט מיט איינעם פון די שפּילער, אז בא דמיטרי קאראמאזאוון האט זיך ווייטער באוויזן געלט, א טויזנטער דריי, ער

האט אליין געזען, און אז ער איז ווידער אוועקגעפלויגן קיין מאקראיע הוליען מיט גרושענקען. די צוהערער האבן דאס אויפגענומען מיט א כמעט אויסערגעוויינלאכן אינטערעס. אלע האבן זיי גענומען רעדן, ניט אפלאכנדיק, נאר עפעס מאדנע ערנסט. מ׳האט אפילו דאס שפילן איבערגעריסן.

— דריי טויזנט? פון וואנען קאן ער דאס האבן דריי טויזנט קארבן?

מ׳האט גענומען פאנאנדערפרעגן ווייטער. די מעשה מיט באכלאקאווען האט מען ניט שטארק געגלויבט.

— צי האט ער אקארשט ניט באגזלט דעם אלטן, אט וואס?

— דריי טויזנט קארבן! ס׳איז עפעס ניט גלאט.

— ער׳ט זיך דאך בארימט פאר אלעמען, אז ער וועט דער־הרגענען דעם טאטן, אלע האבן דא געהערט. האט טאקע גערעדט גראד פון דריי טויזנט רובל...

פיאטר איליטש האט צוגעהערט און מיטאמאל אנגעהויבן ענט־פערן אף די פראגן טרוקן און קארג. וועגן די בלוט, וואס ס׳איז געווען אף מיטיעס פנים און אף די הענט, האט ער קיין ווארט ניט דערמאנט, בעת ער איז אבער געגאנגען אהער, האט ער געהאט געוואלט יע דערציילן. מ׳האט אנגעהויבן א דריטן קאָן, און ביס־לאכווייז איז דער שמועס וועגן מיטיען שטיל געווארן; ענדיקנדיק אבער דעם דריטן קאָן, האט פיאָטר איליטש מער ניט געוואלט שפילן, האט אוועקגעלייגט דעם שטעקן און, ניט האבנדיק געגעסן קיין וועטשערע, ווי ער האט געהאט בדעה, איז ער ארויס פון שיינק. ארויסגעגאנגען אפן פלאץ, איז ער געבליבן אין א פארלעגנהייט און זיך אפילו געוואונדערט פון זיך אליין. ער האט זיך מיטאמאָל דער־מאנט, אז ער האט דאך געוואלט גלייך גיין צו פיאדאר פאַוולאוויטשן אין הויז, דערוויסן זיך, צי ס׳איז עפעס נישט פארגעקומען. "צוליב א נארישקייט, ווי דאס וועט זיך ארויסווייזן, וועל איך אויפוועקן א פרעמדע שטוב און אנמאכן א טומל. פוי, צום טייוול, א טאטע בין איך זייערער, וואס?"

אין דער סאמער ערגסטער שטימונג איז ער אוועק גלייך צו

זיך אהיים און מיטאמאל איז אים איינגעפאַלן פעניע: „ע׳ צו אלדי רוחות׳ ווען איך וואלט זיך דאס אבער פריער בא איר פאנאנדער־געפרעגט׳ האט ער א טראכט געטאן מיט פארדרוס׳ וואלט איך דאך אלצדינג געוואוסט״׳ און אזוי שטארק האט זיך אין אים אנגעצונדן מיטאמאל א סאמער אומגעדולדיקער און עקשנותדיקער פארלאנג זיך דורכצוריידן מיט איר און דערוויסן זיך׳ אז ער האט שוין פון האלב־וועג א קער געטאן אינדערקרים צו מאראזאוואס הויז׳ וואו גרושענקא האט געוואוינט׳ צוגעגאנגען צום טויער׳ האט ער אנגעקלאפט׳ און אין דער שטילקייט פון דער נאכט זיך דערטראגענער קלאפ האט אים ווי פונדאסניי מיטאמאל ניכטער געמאכט און אויפגערייצט׳ דערצו האט זיך נאך קיינער ניט אפגערופן׳ אלע אין שטוב האבן געשלאפן׳ „איך וועל נאר אנמאכן דא אויך א טומל!“ האט ער א טראכט געטאן שוין עפעס מיט א מין ווייטאק אין הארצן׳ נאר אנשטאט אוועקצוגיין האט ער גענומען מיטאמאל קלאפן ווידער מיט די גאנצע כּוחות׳ די קלעפּ האבן זיך גענומען טראגן איבער דער גאנ־צער גאס׳ „איך וועל זיך אבער פארט דערקלאפן׳ איכ׳ל זיך אבער פארט דערקלאפן!“ האט ער געברומט׳ ערגערנדיק זיך אף זיך גופא פון יעדן קלאפ ביז צו פארביסנקייט׳ האט אבער דערביי נאך שטאר־קער גענומען קלאפן אין טויער׳

## VI

## איך אליין פאָר!

און דמיטרי פיאָדאָראָוויטש איז געפלויגן איבערן וועג׳ קיין מאָקראָיע איז געווען צוואנציק וויאָרסט מיט עפעס׳ נאר די טראָיקע אַנדרייס האט זיך געטראגן אזוי׳ אז זי האט געקאנט באוויזן אין א שעה מיט א פערטל׳ דער האסטיקער פאָרן האט עפעס ווי מיט־אמאל אפגעפרישט מיטיען׳ די לופט איז געווען פריש און קיל׳ אפן קלאָרן הימל האבן געלויכטן גרויסע שטערן׳ דאס איז געווען די זעלביקע נאכט׳ און׳ ס׳קאן אפשר זיין׳ די זעלביקע שעה׳ בעת

אַליאָשאַ האט׳ אנידערפאלנדיק אף דר׳ערד׳ ״מיט א פארצוקטקייט געשווארן זיך זי ליב צו האבן אף אויביק״. אבער טונקל׳ זעער טונקל איז געווען אין מיטיעס נשמה׳ און הגם פיל זאכן האט איצט געמאטערט זיין זעל׳ אבער אין דער דאזיקער רגע האט דער גאנצער וועזן זיינער נישט-בייקומענדיק געריסן זיך נאר צו איר׳ צו זיין מלכּה, צו וועלכער ער איז געפלויגן׳ כּדי א קוק צו טאָן אף איר צום לעצטן מאל׳ איך וועל זאגן נאר׳ אז דאס הארץ זיינע איז אפילו קיין איין רגע אין קיין ספק מיט זיך ניט געוועןּ מ׳וועט מיר אפשר ניט גלויבן, ווען איך וועל זאגן׳ אז אט דער דאָ־זיקער אייפערזיכטיקער האט ניט געשפּירט צו אט דעם נייען מענטשן, צו דעם נייען אויסכאפּער׳ וואס איז ארויסגעשפּרונגען פון אונטער דער ערד, צו אט דעם דאזיקן ״אָפיצער״ די קלענסטע איי־פערזוכט׳ צו יעטוועדן אנדערן׳ ווען אזא וואלט זיך באוויזן׳ וואלט ער געווארן אייפערזיכטיק די רגע און וואלט׳ אפשר׳ ווידער איינ־געטונקט זיינע שרעקלאכע הענט אין בלוט׳ — נאר צו אָט־אָ־דעם׳ צו אָט דעם ״אמאליקן אירן״ האט ער ניט געשפּירט איצטער׳ פלי־ענדיק אף זיין טראָיקע׳ ניט נאר וואס מ׳זאל זאגן קיין אייפערזיכ־טיקן האס׳ נאר אפילו קיין געפיל פון שנאה ניט׳ — אמת׳ ער האט נאך דעם מענטשן ניט געזען׳ ,,דא קאן שוין ניט זיין קיין רייד, דא איז איר רעכט און זיין רעכט ; דא איז איר ערשטע ליבע, וואס זי האט אין פינף יאָר ניט פארגעסן : הייסט דאס׳ אז טאקע נאר אים האט זי אויך ליב געהאט אָט די גאנצע פינף יאָר, טאָ צו וואס האב איך, צו וואס האב איך זיך דא אונטערגערוקט ? טאָ וואס בין איך דאָ און צוליב וואס ? טרעט אָפּ, מיטיאַ, און ראַם אָפּ דעם וועג ! היינט גלאט׳ וואס בין איך איצטער ? אָן דעם אָפיצער אפילו איז שוין איצט אויך נאך אלעמען׳ ווען ער וואלט גאר ניט געקומען אפילו׳ וואלט אלץ אייגס געווען נאך אלעמען״ . . .

אָט אין וואס פאר א ווערטער וואלט ער אַן ערך געקאנט ארויסגעבן זיינע געפילן׳ ווען ער וואלט נאר געקאנט טראכטן׳ טראכטן אבער האט ער שוין דעמאלט ניט געקאנט׳ די גאנצע איצטיקע אַנטשלאסנקייט זיינע איז געבאָרן געווארן אָן ישוב־הדעתן,

אין א כהרף עין, ער האט זי דערשפירט מיטאמאל און אויפגענומען זי איינגאנצן מיט אלע פאָלגן נאך פריער׳ זייענדיק בא פעניען, בא די ערשטע ווערטער אירע· און פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אף דעם גאנצן פעסטן אנטשלוס׳ איז געווען טונקל אין דער נשמה זיינער, טונקל ביז צו ווייטאק: עס האט אויך די אנטשלאסנקייט קיין מנוחה ניט געגעבן· צו פיל איז געשטאנען הינטער אים און געפייניקט אים· און מאָדנע איז דאס אים געווען ווילע-ווייז: ער האט דאך שוין אנגעשריבן אליין דעם אורטייל איבער זיך מיטן פען אפן פאפיר: ״איך פארמשפט זיך אליין און איך באשטראף זיך״; און דאס דאזיקע פאפירל איז געלעגן אט דא׳ אין קעשענע בא אים, א צוגעגרייטע; ס׳איז דאך שוין אנגעלאדן דער פיסטאלעט האט ער דאך שוין באשלאסן, ווי ער וועט מקבל פנים זיין מאָרגן דעם ערשטן הייסן שטראל פון דעם „גאָלד־לאָקיקן פעבוס״, און דערביי איז מיט אל דאס פארגאנגענע, מיט אלץ׳ וואס ס׳איז געשטאנען הינטן און געפייניקט אים, פארט נישט מעגלאך געווען אפצורעכענען זיך, געשפירט האט ער דאס ביז צו פיינלאכקייט, און די מחשבה דערפון האט זיך ארייגעזאפט אין זיין נשמה מיט פארצווייפלונג· ס׳איז געווען איין רגע אזאַ פאָרנדיק, ווען ס׳האט זיך אים מיטאמאל פארוואלט הייסן אנדרייען בלייבן שטיין, ארויסשפרינגען פון וואגן, ארויסנעמען זיין אנגעלאדענעם פיסטאָלעט און מאכן א סוף מיט אלץ, ניט דערווארטנדיק אפילו דעם באגינען· נאר אט די דאזיקע רגע איז אדורכגעפלויגן, ווי א פונק· היינט גלאט׳ די טראָיקע איז געפלויגן, „שלינגענדיק די ווייטקייט״ און וואס ווייטער ער האט זיך דערנעהנטערט צום ציל, האט ווידער־טאקע דער געדאנק פון איר, פון איר אליין׳ אלץ שטארקער און שטארקער פארכאפט אים דעם אָטעם און אָפגעטריבן אלע איבעריקע שרעקלאכע געשפענסטער פון זיין הארץ· אָ, אים האט זיך אזוי געוואלט א קוק טאָן אף איר, כאָטש פארבייפליענדיק, כאָטש פון ווייטן! „זי איז איצטער מיט אים, נו וועל איך טאקע א קוק טאן, ווי זי איז דאס איצטער מיט אים, מיט איר אמאליקן געליבטן, און טאקע מער ניט ווי דאס דארף איך״· און קיינמאל האט זיך נאך

נישט געהויבן פון דער ברוסט זיינער אזוי פיל ליבע צו אט דער דאזיקער אין דעם שיקזאל זיינעם גורל־שווערער פרוי, אזוי פיל נייעם געפיל, וואס ער האט נאך קיינמאל ניט געשפירט, א געפיל אָן אומגעריכטער אפילו פאר אים אליין, א געפיל א צארטער ביז צו תפילה טאן, ביז צו פארשווינדן פאר איר. „און איך וועל פאר־שווינדן אויך!" האט ער מיטאמאל א זאָג געטאן אין א קראמף פון עפעס א היסטערישער התפעלות.

מ'איז געפלויגן שוין כמעט בא א שעה. מיטיא האט געשוויגן און אנדריי, כאָטש אפילו ער איז געווען א פויער אַ בעלן אף א שמועסן, האט נאך אויך ניט ארויסגערעדט קיין ווארט, פונקט ווי ער וואלט מורא געהאט אנהייבן צו רעדן און האט נאר מיט היץ אנגעטריבן זיינע „אדלערס", זיין בולאנע, מאגערע, אבער לעבעדיקע טראַיקע. ערשט מיטאמאל האט מיטיא אין א שרעקלאכער אומרואיקייט אויסגעשריען:

— אנדריי! און ווי איז אויב מ'שלאפט?

אים איז דאס מיטאמאל איינגעפאלן אין קאָפּ, און ביז איצטער האט ער וועגן דעם גאר ניט אַ קלער געטאן.

— מ'דארף רעכענען אז מ'האט זיך שוין געלייגט, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש.

מיטיא האט זיך קריינקלאך אנגערונצלט: אין דער אמתן וואס, ער'ט קומען צופליען... מיט אזוינע געפילן... און זיי שלאפן... זי שלאפט אויך אפשר דא טאקע... א בייזער געפיל האט אויפגעקאכט אין זיין הארץ.

— טרייב אָן, אַנדריי, פלי, אנדריי, לעבעדיק! — האט ער געשריען ווילד.

— און א מאל קאן זיין, אז מ'האט זיך נאך ניט געלייגט, — האט זיך באקלערט אנדריי, שווייגנדיק א ווייל. — פריער האט טימאפיי געזאגט, אז דארטן האָבן זיך אנגעקליבן זייער א סך עם...

— אפן סטאַנציע?

— ניט אפן סטאנציע, נאר בא פלאסטונאווס אין אכסניה, אין א פריוואַטער סטאנציע, הייסט עס.

— איך ווייס; טאָ ווי אזוי זשע זאגסטו, אז א סכען האבן זיך אָנגעקליבן? ווי אזוי זשע א סכען? ווער זיינען זיי דאס? — האט זיך ארויסגעוואָרפן מיטיא אין א שרעקלאכן ציטער, באקומענ־דיק די אומגעריכטע בשורה.

— טימאָפיי האט געזאגט, אז דאס זיינען אלץ גרעסערע לייט. צווייען פון שטאָט, ווער דאס זיינען אזוינע — ווייס איך ניט. נאָר, טימאָפיי האָט געזאָגט, אז צוויי זיינען היגע, און יענע צווייען, עפּעס ווי אָנגעפאָרענע, און אפשר איז עמיצער נאָך דאָ, כ'האָב גאר גוט ניט געפרעגט. האבן אנגעהויבן, האָט ער געזאגט, שפּילן אין קאָרטן.

— אין קאָרטן?

— קאָן טאַקי זיין, אז מ'שלאָפט ניט, אויב מ'האט אנגעהויבן שפּילן אין קאָרטן. מ'דארף רעכענען, אז איצטער קאָן סך הכּל זיין עלף דער זייגער, ניט מער.

— טרייב אָן, אַנדריי, טרייב אָן! — האט ווידער אויסגעשריען מיטיאַ נערוועז.

— וואס האב איך אייך פרעגן, געוואלט פרעגן, — האָט שווייגנדיק אביסל אנגעהויבן פונדאסניי אנדריי, — איך זאָל אייך נאר ניט ארייננברענגען אין כּעס, איך האב מורא, פרעגן.

— וואס ווילסטו?

— פריער האט זיך פעאָדאסיאַ מאַרקאָווּנא א וואָרף געטאָן אייך צו די פיס, האט זיך געבעטן רחמים, איר זאָלט ניט אוועקפטרן די פריצטע און נאך עמיצן ... איז אט, איך מיין דאס אנטקעגן דעם, פריץ, וואס איך פיר אייך אהינצו ... זייט מיר מוחל, פריץ, ס'איז אזוי, דער געוויסן, אפשר איז א נארישקייט וואס כ'האב געזאגט.

מיטיאַ האָט אים מיטאמאל געגעבן א כאפּ פון הינטן פארן פלייצע.

ביזט א פורמאן? ביזט א פורמאן? — האָט ער אנגעהויבן ווילד.

— יע ...

— איז ווייסטו, אז מ'דארף לאזן דעם וועג? אז דו ביזט א פורמאן, דארף מען שוין דאס קיינעם ניט לאזן דעם וועג,

געוואָרגן, הייסט עס, ווארים איך פאָר! ניין, פורמאַן, ווערג ניט! מ׳טאָר ניט ווערגן קיין מענטשן, מ׳טאר ניט פטרן מענטשן קיין לעבן; און האסטו געפטרט א לעבן — טאָ באַשטראָף זיך אליין... אויב דו האסט נאר געפטרט, אויב דו האסט נאר געמאכט א תל פון עמיצנס לעבן — פארמשפט זיך אליין און גיי אוועק.

אט דאס אלץ האט זיך ארויסגעריסן באַ מיטיען עפעס ווי אין א פולקומער היסטעריקע. כאָטש אפילו אנדריי האט זיך געוואונדערט פון דעם פריץ, האט ער אבער דעם שמועס ממשיך געווען.

— ס׳איז אמת, פאטערל, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, דאס זייט איר גערעכט, אז מ׳טאָר ניט ווערגן קיין מענטשן, און מוטשען אויך ניט, און פונקט אזוי איטלאכע באַשעפעניש, ווארים איטלאכע באשעפעניש — איז א באַשעפעניש, וואס ס׳איז באשאפן געווארן, אט כאטש־בי? דער פערד, ווארים אַן אנדערער פטרט אים אומזיסט אוועק, אט איך מיין טאַקע אונזערער א פורמאן... ווי א משוגענער יאגט ער, טאַקע פראָסט ער יאגט.

— אין גיהינום אריין? — האט מיטאמאל איבערגעשלאגן מיטיא און זיך צוקייכט מיט זיין אומגעריכטן קורצן געלעכטער. — אנדריי, דו פשוטע נשמה, — האט ער אים ווידער געגעבן א כאפ פארן פלייצע, — זאג: דמיטרי פיאדאראוויטש קאַראַמאַזאָוו וועט אריינפאלן אין גיהינום אריין, צי ניט, ווי מיינסטו?

— איך ווייס ניט, ליבינקער, עס ווענדט זיך אָן אייך, ווארים איר זייט בא אונז... דו פארשטייסט, פריץ, בשעת מ׳האט געקרייציקט גאטס זון און ער איז געשטארבן, איז ער אראפגעגאנגען פון קרייץ גלייך אין גיהנום און ארויסגעלאזן אלע רשעים, וואס זיינען אפגעקומען. האט אנגעהויבן זיפצן דער גיהינום דעריבער, וואס מער, וועט שוין קיינער ניט קומען צו אים, קיין רשעים הייסט דאס. האט זיך אנגערופן דעמאלט דער אויבערשטער צום גיהינום: „זיפץ ניט, גיהינום, ווארים עס וועלן פון היינט אָן קומען צו דיר כל־ערליי פירסטן, הארן, די גרעסטע שופטים און אדירים, און דו וועסט זיין פול פונקט אזוי, ווי פון ששת ימי

בראשית אן׳ ביז איך וועל ווייטער קומען״. דאס איז אמת׳ ס׳איז געוועז אזוי . . .

— א פאלקס־לעגענדע׳ אן אנטיק! גיב א שמיץ דעם לינקן׳ אנדריי!

— איז אט׳ פריץ׳ פאר וועמען עס איז דער גיהינום׳ — האט אנדריי א שמיץ געגעבן דעם לינקן פערדל׳ — איר אבער זייט בא אונז׳ פריץ׳ אלץ איינס׳ ווי א קליין קינד . . . אזוי האלטן מיר אייך . . . און כאטש א בעל־כעסן זייט איר׳ פריץ׳ דאס איז אמת׳ אבער פאר דער תמימות אייערער וועט אייך דער אויבערשטער מוחל זיין.

— און דו׳ דו וועסט מיר מוחל זיין׳ אנדריי?

— וואס האב איך אייך מוחל צו זיין׳ איר האט מיר קיין זאך ניט געטאן׳

— ניין׳ פאר אלעמען׳ דו אליין זאלסט מוחל זיין פאר אלעמען׳ אט איצטער־אָ׳ גלייך׳ אט־אָ־דאָ׳ אפן וועג׳ וועסטו׳ מיר מוחל זיין פאר אלעמען? רעד׳ דו נשמה פונ׳ם פשוטן פאלקס־מענטש!

— אך׳ פריץ! ס׳איז א מורא גאר צו פירן אייך׳ מאדנע אזוינע זיינען אייערע רייד . . .

אבער מיטיא האט נישט דערהערט׳ ער האט אין א פאר־צוקטקייט תפילה געטאן און ווילד געשעפטשעט אין זיך:

— פאטער אין הימל׳ נעם מיך צו אין דער גאנצער אומ־גערעכטיקייט מיינער׳ אבער ניט משפט מיך׳ לאז מיך דורכגיין אָן דעם משפט דיינעם . . . משפט ניט׳ ווארים איך אליין האב זיך פארמשפט; משפט ניט׳ ווארים איך האב דיך ליב׳ גאטעניו! איך אליין בין אן אומווערדיקער׳ אבער איך האב דיך ליב: וועסט מיך אין גיהינום שיקן׳ וועל איך דיך דארטן אויך ליב האבן׳ וועל איך פון דארטן אויך רופן׳ אז איך האב דיך ליב אף אויביק . . . אבער לאז מיר אויך דערענדיקן ליב צו האבן . . . אט־א דא׳ אט איצט דערענדיקן ליב צו האבן׳ סך הכל פינף שעה ביז צו דעם הייסן שטראל דיינעם . . . ווארים איך האב ליב די מלכה פון דער נשמה מיינער׳ איך האב זי ליב און קאן זי ניט ניט ליב

האבן, דו זעסט מיך אליין דעם גאנצן, כ׳וועל קומען צופליען, איך וועל זיך אנידערוואַרפן פאר איר: דו ביזט גערעכט, וואס דו ביזט דורכגעגאנגען פארביי מיר . . . זײַ געזונט און פארגעס אָן דיין קרבן, האב קיינמאל ניט קיין טענות צו זיך!

— מאקראיע! — האט א געשריי געטאן אנדריי, באוויזנדיק פארויס מיטן בייטש.

דורך דער בלייכער פינצטערקייט פון דער נאכט האט זיך ארויסגעשווארצט מיטאמאל א שווערע מאסע פון געביידן, צעוואר־פענע אף א גרויסן שטח. דער דארף מאקראיע האט געהאט צוויי טויזנט נפשות, איצטער אבער האט ער שוין אינגאנצן געשלאָפן, נאר וואו־ניט־וואו האבן פון דער פינצטערקייט ארויס נאך געטונקט זיך פאראיינצלטע פייערלאך.

— טרייב, טרייב, אנדריי, איך פאָר! — האט אויסגערופן ווי אין היץ מיטיא.

— מ׳שלאפט ניט! — האט אנדריי ווייטער א זאג געטאן, באוויזנדיק מיטן בייטש אף פלאַסטונאָווס אכסניה, וואס האט זיך געפונען גלייך־טאקע ביים אריינפאָר, און וואו אלע זעקס פענצטער פון גאס זיינען געווען העל באלויכטן.

— מ׳שלאפט ניט! — האט אונטערגעכאפט מיט פרייד מיטיא. — פלי, אנדריי, טרייב גאלאָפ, קלינג, פאָר צו מיט א קנאַק, אז אלע זאלן וויסן, ווער ס׳איז געקומען! איך פאָר! איך אַליין פאָר! — האט אין התפעלות ווילד אויסגערופן מיטיא.

אנדריי האט געלאזט זיין אויסגעמוטשעטע טרויקע גאלאפירן און איז, באמת, צוגעפארן מיט א קנאַק צום הויכן גאניקל און גע־געבן א שטעל־אפ די האלבגעפגרטע פערד זיינע, פון וועלכע ס׳איז געגאנגען א פּארע. מיטיא איז אראָפּגעשפרונגען פון וואגן, און גראד איז דער בעל אכסניה, וואס איז שוין, אמת, געגאנגען שלאפן, ניי־געריק געווארן א קוק טאן פון גאניקל, ווער האט זיך דאס אזוי אראפגעלאָזן.

— טריפאן באריסיטש, דו ביזט דאס?

דער באלעבאס האט זיך אנגעבויגן, איינגעקוקט זיך, איז

האסטיק אראפגעפלויגן פון גאניקל און האט זיך מיט א חניפהדיקער התפעלות א ווארף געטאן צום גאסט·

— פאטערל· דמיטרי פיאדאראוויטש! אייך זעען מיר דאס ווידער?

דער דאזיקער טריפאן באריסיטש איז געווען א פעסטער און געזונטער פויער· פון מיטעלן וואוקס· מיט א ביסל א דיקלאכן פנים· אפן אנבליק א שטרענגער און א הארטער· בנוגע די מוזשיקעס פון מאקראיע דערהויפט· וואס האט אבער געהאט דעם טאלענט אין א רגע בייטן דעם אויסדרוק אף א סאמן חניפותדיקן· בעת ער האט געשפירט· אז מ׳קאן אפלעקן א ביינדל· געגאנגען אנגעטאן מעשה־רוס· אין א העמד א קאָסאָוואָראָטקע און אין א פאדראָווקע· איז געווען גאר נישקשה אין מעמד· האט אבער ניט אויפגעהערט צו חלומען אויך פון א העכערער ראל· מער ווי א העלפט פויערים האט ער געהאט אין זיינע נעגל· אלע ארום און ארום זיינען אים געווען איינגעטונקט אין חובות· ער פלעגט נעמען בא פריצים ערד אין ארענדע· פלעגט קויפן ערד אליין אויך· און באארבעטן פלעגן אים אט די ערד די דאזיקע מוזשיקעס פארן חוב· פון וועלכן זיי פלעגן קיינמאל ניט קאנען ארויסקריכן· געווען איז ער אן אלמן און געהאט פיר דערוואקסענע טעכטער; איינע איז שוין אויך געווען אן אלמנה און געלעבט בא אים מיט צוויי עופהלאך· זיינע אייניקלאך· און געהארעוועט אף אים ווי אן אייזל· די צווייטע טאכטער א פויערטע איז געווען אויסגעגעבן פאר א באאמטן· פאר עפעס אן אויסגעדינטן שרייבערל· און אין איינעם פון די חדרים פון דער אכסניה האט מען טאקע געקאנט זען אפן ווענטל צווישן די מיניאטור־פאטאגראפיעס פון דער משפחה אויך די פאטאגראפיע פון אָט דעם דאזיקן טשינאווניקל אין זיין אוניפארם מיט די עפאלעטן· די ביידע אינגערע טעכטער פלעגן אין א חגא· אדער אז זיי פלעגן גיין ערגעץ צו גאסט· אנטאן בליינקיטענע אדער גרינע קליידער· גענייט נאך דער מאדע נאך· פארצויגן פון הינטן, און מיט אן עק פון אן ארשין די לייניג· נאר אף מארגן אינדערפרי פלעגט מען· ווי תמיד· אויפשטיין פינף וואכן פארטאג און מיט בעראָזאָווע בעזימס אין די הענט נעמען קערן די־

חדרים, ארויסטראגן די עמערס און צוקלייבן דעם שמוץ פון די אורחים ניט קוקנדיק, וואָס ער איז שוין געווען אַ בעל־מטופל פון שיינע טויזנטער, האָט טריפאָן באָריסיטש שטארק האַלט געהאט ניט צוצו־לייגן צו אַן אורח, אַן אויסברענגער, און אזוי ווי ער האָט געדיינקט, אז ס'איז נאך ניט אוועק קיין חודש צייט, ווי ער האָט אין איין מעת לעת אָפּגעלעקט אַ ביינדל פון דמיטרי פּיאָדאָראָוויטשן, בעת דעם הוליען זיינעם מיט גרושענקען, צוויי הונדערט קאַרבן געשוואָ־לענע, אויב טאַקע ניט די גאַנצע דריי, האָט ער אים איצט אויך מקבל פּנים געווען מיט פרייד און מיט אימפּעט, שוין נאָך דעם אליין, ווי מיטיאַ איז צוגעפאָרן מיט אזא קנאק צו דעם גאַניק זיינעם, אזוי אז ער האָט ווידער דערשמעקט אַן אַפּותיקה.

— פּאָטערל, דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש, איך זעען מיר דאָס ווידער?

— וואַרט א ווײַלע, טריפאָן באָריסיטש, — האָט אָנגעהויבן מיטיאַ, — קודם כל דאָס סאַמע וויכטיקסטע: וואו איז זי?

— אַגראַפּענאַ אלעקסאַנדראָוונאַ? — האָט תּיכּף פאַרשטאַנען דער באַלעבאָס, שאַרף אַרײַנקוקנדיק מיטיען אין פּנים, — אַוודאי... געפינט זי זיך אויך דאָ...

— מיט וועמען, מיט וועמען איז זי?

— מיט אָנגעפאָרענע געסט... איינער איז אַ טשינאָווניק, משמעות, אַ פּאָליאַק, נאָכן רעדען נאָך, ער האָט דאָס טאַקע געשיקט נאָך איר די פּערד פון דאַנעט־אָ; און דער צווייטער, וואָס איז מיט אים, איז זיינער אַ חבר, צי אַ מיטפאָרער, ווער קאָן זיך פאַנאַנדערקלייבן; אָנגעטאָן זײַנען זיי אין ציוויל־קליידער...

— וואָס, מ'הוליעט? זיי זיינען רייך?

— וואָס פאַר אַ הוליען? קנאַפּע גבירים, דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש.

— קנאַפּע? נו, און די איבעריקע?

— די איבעריקע זיינען פון שטאָט, צוויי הערן... זיינען גע־פאָרען צוריק פון טשערני, און זיך אָפּגעשטעלט. איינער, דער יונגער מיין איך, איז, דאַכט זיך, מיאַוסאָווס אַ קרובֿ, כ'האָב זיך אָט

נאָר פֿאַרגעסן ווי מ׳רופֿט אים··· און דעם אַנדערן, מוזט איר מסמא אויך קענען: דאָס איז דער פּריץ מאַקסימאָווי, ער איז געפּארען, זאָגט ער, אין אייער מאָנאַסטיר, און איצט פֿאָרט ער דאָס אַרום מיט דעם יונגן קרוב הער מיאַוסאָווס···

— און מער קיינער ניט?

— קיינער ניט.

— וואַרט אַ ווײַלע, שווײַג, טריפֿאָן באַריסאָוויטש, רעד איצטער דאָס סאַמע וויכטיקסטע: וואָס איז זי, ווי איז זי?

— איז אָט געקומען פֿריער און זיצט מיט זיי.

— זי איז פֿריילאַך? זי לאַכט?

— ניין, דאַכט זיך, זי לאַכט ניט פֿון גאַנצן הארצן··· זיצט גאָר אַן אומעטיקע אַפֿילו, האָט געקעמט פֿריער דעם יונגען מאַן די האָר.

— דעם פּאָליאַק הייסט דאָס, דעם אָפֿיצער?

— ווי קומט ער צו זײַן אַ יונגער, ער איז גאָר היינט קיין אָפֿיצער אויך ניט; ניין פּריץ, איך מיין ניט אים, נאָר מיאַוסאָווס פּלימעניק, אָט דעם יונגן מאַן··· כ׳האָב זיך אָט פֿאַרגעסן ווי מ׳רופֿט אים.

— קאַלגאַנאָוו?

— אַוודאי קאַלגאַנאָוו.

— גוט, איך וועל שוין אַליין זען, מ׳שפּילט אין קאָרטן?

— מ׳האָט געשפּילט, נאָר מ׳האָט אויפֿגעהערט, מ׳האָט געטרונקען טיי, דער טשינאָווניק האָט באַשטעלט „נאַליווקע״.

— וואַרט אַ ווײַלע, טריפֿאָן באָריסיטש, וואַרט א ווײַלע, האַרץ מײַנע, איכ׳ל אַליין זען. איצטער זאָג מיר דאָס סאַמע וויכטיקסטע: קיין ציגײַנער זײַנען ניטאָ?

— פֿון קיין ציגײַנער הערט מען איצט אינגאַנצן ניט, דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטש, די נאַטשאַלסטווע האָט פֿאַרטריבן, נאָר זשידעס זײַנען יע דאָ, שפּילן אָף צימבלען און אף פֿידלען, אין ראָזשדעסטווענסק זײַנען זיי, וואָלט מען געקאָנט, זעט איר, כאָטש איצטער אַפֿילו שיקן נאָך זיי. זיי וועלן קומען.

— שיקן, למען השם שיקן! — האָט מיטיאַ אויסגעשריען. —

און מיידלאַך קאָן מען צונויפֿרופֿן, ווי דעמאָלט, מאַריען דער עיקר סטעפּאַנידען אויך, אַרינען. צוויי הונדערט קאַרבן פֿאַרן כאָר!

— פֿאַר אַזוינע געלט וועל איך דיר דעם גאַנצן דאָרף ברענגען צושלעפּען, כאָטש מ׳האָט זיך שוין געלייגט אַפֿילו פּאָפּן. און צי זיינען גאָר גלאָט ווערט, פּאָטערל דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש, די היגע מוזשיקעס אַזאַ גוטסקייט, צי אַפֿילו די מיידלאַך? פֿאַר אַזוינע דְבָר־אַחֵרים און גראָבע זאַכן אויסגעבן אזא אוצר! ווי קומט ער, דער מוזשיק אונזערער ציגאַרן צו רויכערן, און דו האסט זיי געגעבן. עס עיפּושט דאָך פֿון אים, פֿון דעם רוצח. היינט די מיידלאַך אַלע, וויפֿל זיי זיינען פֿאַראַן, זיינען איינע לייַז. איכ׳ל דירגעבן מיינע טעכטער אומזיסט ניט וואָס פֿאַר אַזאַ סומע, זיי האָבן זיך נאָר געלייגט שלאָפֿן איצטער וועל איך זיי מכבד זיין מיטן פֿוס אין רוקן און הייסן זינגען פֿאַר דיר. איר האָט אַנוסטן אָנגעטרונקען די מוזשיקעס מיט שאַמפּאַניער־ע־ען!

טריפֿאָן באָריסיטש האָט אומזיסט רחמנות געהאַט אף מיטיען: ער גופא האָט דעמאָלט פֿון אַ האַלבע טוץ פֿלאַשן שאַמפּאַניער זיינע זיך געמאַכט כּי לא ידע, און אויפֿגעהויבן פֿון אונטערן טיש אַ הונדערטרובלדיקן פּאַפּירל און פֿאַרקוועטשט אין האַנט. און דער הונדערטער איז טאַקע נעבאַך געבליבן באַ אים אין פֿויסט.

— טריפֿאָן באָריסיטש, איך האָב דאָ דעמאָלט געפּטרט ניט קיין איין טויזנטער, דו געדיינקסט?

— געפּטרט, ליבינקער, ווי זאָל מען דאָס ניט געדיינקען, דריי טויזנטער האָט איר באַ אונז, אַוודאי, אויסגעגעבן.

— נו, איז בין איך איצט אויך מיט אָט דעם געקומען, פֿאַרשטייסטו מיך.

און ער האָט אַרויסגענומען און צוגערוקט צום באַלעבאָס סאַמע נאָז דעם פּעקל הונדערטער.

— איצט הער אויס און פֿאַרשטיי: אין אַשעה אַרום וועט אָנקומען וויַין, פֿאַרבייסנס, געבעק און קאָנפֿעקטען — איז אַלצדינג זאָל תּיכּף ווערן אַרויפֿגעטראָגן אף אויבן. אָט די קעסטל, וואָס באַ אַנדרייען, אויך די רגע אַרויפֿשיקן אף אויבן, אויפֿמאַכן און גלייך

דערלאַנגעגן שאַמפּאַניער... אָבער דער עיקר, — מיידלאַך, מיידלאַך זאָלן זיין, און מאַריע למען השם...

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום וואָגן און אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן געזעס די קעסטל מיט די פּיסטאָלעטן.

— נעם פאַר דער פור אַנדריי! דאָ האָסטו פופצן רובל פאַר דער טראָיקע, און פופציק רובל טרינק־געלט... פאַר דיין גרייטקייט, פאַר דיין ליבקייט . . . געדיינק דעם פריץ קאַראַמאַזאָוו.

— איך האָב מורא, פריץ... — האָט זיך אַנדריי אָנגעהויבן וואַקלען, — פינף רובל טרינק־געלט מאַכטייסע, מער אָבער וועל איך ניט נעמען. טריפאָן באָריסיטש איז אַן עדות. זייט מיר טאַקע מוחל מיינע נאַרישע רייד...

— וואָס האָסטו מורא? — האָט אים מיטיאַ שאַרף אָנגעקוקט — היינט ווייטער, נעם דיך דער רוח אויב אַזוי! ט'ער אַ געשריי געטאָן, אַוואָרפטאָנדיק אים פינף רובל. — איצטער טריפאָן באָריסיטש פיר מיר דורך שטילערהייט און לאָז מיר קודם כל אַ קוק טאָן אף זיי אף אַלעמען מיט איין אויג, אַזוי, אַז זיי זאָלן מיך ניט באַמערקן וואו זיצן זיי דאָרטן, אין דעם בלויען צימער?

טריפאָן באָריסיטש האָט מיט מורא אַ קוק געטאָן אף מיטיען, האָט אָבער תיכף דערפילט טריי, וואָס מ'האָט פאַרלאַנגט: פאָרזיכטיק האָט ער אים אדורכגעפירט אין פירהויז, ער גופא איז אַריין אין דער ערשטער גרויסער קאַמער, אין דער דערבייאיקער, וואו די געסט זיינען געזעסן, און האָט אַרויסגעטראָגן פון דארטן אַ ליכט. דערנאָך האָט ער שטילינקערהייט אַריינגעפירט מיטיען און אַוועקגעשטעלט אים אין אַ ווינקל, אין דער פינצטער, פון וואַנען ער זאָל קאָנען פריי באַקוקן די געסט, וואָס זעען אים ניט. אָבער מיטיאַ האָט ניט לאנג געקוקט, און ער האָט גאָר גלאַט ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן: ער האָט דערזען זי, און דאָס הארץ זיינע האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, אין די אויגן איז מוטנע געוואָרן. זי איז געזעסן ביים טיש אָן אַ זייט, אף אַלען־שטול, און דערביי לעבן איר, אַפן זאָפע איז געזעסן דער שיינינקער און נאָך גאָר יונגינקער קאַלגאַנאָוו; זי האָט אים געהאַלטן פאַרן האַנט און דאַכט זיך געלאַכט, און ער האָט, ניט צו קוקן אויף איר, עפּעס

געטענהט, אַזוי ווי מיט פּאַרדרוס, צו מאַקסימאָוון, וואָס איז גע־
זעסן אַף דער אַנדער זייט טיש אַנטקעגן גרושענקען. מאַקסימאָוו
ווידער האָט געלאַכט אפן קול. אַפן זאָפע איז געזעסן ע ר, און
לעבן זאָפע אף אַ שטול, ביים וואַנט, נאך עפּעס אַן אומבאַקאַנטער. אַט
דער, וואָס איז געזעסן אַפן דיוואַן אויסגעצויגענערהייט, האָט געררוי־
כערט אַ ציביק, און פאַר מיטיען האָט נאָר פאַרבייגעשוועבט, אַז דאָס
איז עפּעס אַ גראָבלאַכער מענטשל, מיט אַ ברייטן פּנים, קענטיק, פון
ניט קיין הויכן וואוקס, און ווי ער וואָלט זיך געבלאָזן אַף
עפּעס. אַ קעגן־זשע דער חבר זיינער, דער צווייטער גאַסט, האָט
אויסגעוויזן מיטיען שוין עפּעס גאָר־גאָר הויכער; וויַיטער אבער האָט ער
קיין זאַך ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן. דער אָטעם האָט אים פארכאפּט.
און קיין מינוט ניט קאָנענדיק איינשטיין, האָט ער אוועקגעשטעלט די
קעסטל אַפן קאָמאָד און האָט זיך גלייך מיט א פארצאַפּלט האַרץ, גע־
געבן אַ לאָז אין דעם בלויען צימער אַריין צו דעם עולם.

— אַי! — האָט אַ קוויטשע געטאָן אין שרעק גרושענקאַ,
דערזעענדיק אים די ערשטע.

# VII

## דער אמאליקער דער בעל חזקה

מיטיאַ איז מיט די האַסטיקע און די לאַנגע טריט זיינע צוגע־
גאַנגען האַרט צום טיש.

— מיינע הערן, — האָט ער אָנגעהויבן אַפן קול, שרייענדיק
כּמעט, נאָר עפּעס ווי שטאַמלענדיק מיט יעדן וואָרט, איך וועל...
איכ׳ל קיין זאַך ניט טאָן! האָט קיין מורא ניט, — האָט ער אויס־
געררופן, — איכ׳ל דאָך קיין זאַך, קיין זאַך נישט טאָן, — האט ער
זיך א קער געטאָן מיטאַמאָל צו גרושענקען, וואָס האָט זיך געגעבן
אַ דריי אַפן שטול צו קאַלגאַנאָווס זייט־צו און זיך שטאַרק אָנגע־
קלאַמערט אָן זיין האנט. — איך פאָר דאָס אויך... איך בין אויך
אונטערוועגס. איך וויל דא בלייבן ביז אינדערפרי. מיַינע הערן,

אַ דורכפאָררעדי··· קאָן בלייבן מיט אייך ביז אינדערפריז מער ניט ווי ביז אינדערפרי, צום לעצטן מאָל, אין אָט דעם זעלביקן צימער?

דאָס האָט ער שוין פאַרענדיקט, זיך ווענדנדיק צום גראָבינקן מענטשעלע, וואָס איז געזעסן אפן זאפע מיטן ציביק. יענער האָט זעער וויכטיק אַוועקגענומען פון די ליפּען דעם ציביק און שטרענג אָנגערופן זיך:

— פּאַניע, מיר זיינען דאָ פּריוואַט, עס זייַנען פאַראַן אַנדערע פּאָקאָיעס.

— דאָס זייט איר, דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש, איז וואָס זשע איז דאָס מיט אייך? — האָט זיך אָפּגערופן מיטאַמאָל קאַלגאַנאָוו, — זעצט זיך דאָך אַוועק מיט אונז, גוטן אָוונט!

— גוטן אָוונט, טייערער, האַרציקער מענטש! ··· איך האָב אייך תמיד געאַכט··· האָט פּריילאַך און האַסטיק מיטיאַ אָפּגערופן זיך, דערלאַנגענדיק אים גלייך די האַנט איבערן טיש.

— אַי! ס'אַרא דריק איר האָט געגעבן צעבראָכען אינגאַנצען די פינגער, — האָט קאַלגאַנאָוו אָנגעהויבן לאַכן.

— אָט שטענדיק דריקט ער דאָס אַזוי, שטענדיק אזוי! — האָט זיך אָפּגערופן לוסטיק נאָך שמייכלענדיק מיט אַ ציטער, גרוּ-שענקאַ, וואָס האָט זיך, קענטיק מיטאַמאָל איבערגעצייגט זיך לגמרי ניט געריכט קוקנדיק אף מיטיען, אַז ער וועט ניט ווילדעווען, און האָט מיט אַ גוואַלטיקער גייגעריקייט, אָבער נאָך אַלץ מיט אַן מורא, איינגעקוקט זיך אין אים. ס'איז געווען עפּעס אין אים אזוינס, וואָס האָט זי אויסער-געוויינלאַך ערשטוינט, און זי האט גאר גלאַט זיך לגמרי ניט געריכט פון אים, אז אין אַזאַ מינוט וועט ער אַזוי אַריינגיין און וועט אַזוי אָנהויבן רעדן.

— אַ גוטן אָוונט, — האָט צוקערדיק אָפּגערופן זיך פון לינקס דער פּריץ מאַקסימאָוו אויך. מיטיאַ האט זיך צו אים אויך אַ וואָרף געטאָן.

— גוטן אָוונט, איר זייט אויך דאָ, ווי איך בין צופרידן, וואָס איר זייט אויך דאָ! מיינע הערן, איך בין··· (ער האט זיך ווידער אַ קער געטאָן צו דעם פּאַן וואס מיטן ציביק, משמעות האלטנדיק אים פאַר דער הויפּט-פּערזאָן אָט-אָ דאָ). איך בין

געפֿלויגן ··· איך האָבֿ געוואָלט דעם לעצטן טאָג און די לעצטע שעה מײַנע פֿאַרבֿרענגען אין אָט דעם צימער, אין אָט דעם זעלבֿיקן צימער ··· וואו איך האב אויך פֿאַרגעטערט ··· מײַן מלכּה! ·· זײַ מוחל, פֿאַניע! — האט ער אויסגערופֿן אין ווילדקייט, — איך בֿין געפֿלויגן און איך האבֿ געגעבֿן אַ שבֿועה ··· אָ, האט קיין מורא ניט, ס'איז די לעצטע נאַכט מײַנע! לאָמיר אויסטרינקען, פֿאַניע, אַ שלום־כּוס! באַלד וועט מען דערלאַנגען ווײַן ··· איך האָבֿ געבֿראַכט צופֿירן מיט זיך אָט־אָ־דאָס. (ער'ט מיטאַמאָל סתם־אַזוי אַרויסגעשלעפּט דעם פּעקל הונדערטער)·—לאַז, פֿאַניע! איך וויל עס זאָל זײַן מוזיק אַ ליאַרם, עס זאָל דונערן, אַלצדינג וואָס דעמאָלט איז געווען ··· אָבֿער דער וואָרעם, אָט דער ניט־נויטיקער וואָרעם וועט אריבֿערפֿויזען איבֿער דער ערד, און ער וועט ניט ווערן! דעם טאָג פֿון מײַן פֿרייד וועל איך דערמאָנען אין דער לעצטער נאַכט מײַנער! ··

דער אָטעם ט'אים כמעט פֿאַרכאַפּט; ער האָט נאָך אַסך, אַסך וואס געוואָלט זאָגן, אָבֿער עס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען מער ניט ווי לוי־טער מאָדנא אויסרופֿן. דער פֿאַן האָט אומבאַוועגטערהייט געקוקט אף אים, אף דעם פּעקל געלט זײַנעם, געקוקט אף גרושענקען און האָט זיך געפֿונען אין אַ בֿולטער פֿאַרלעגנהייט.

— יעזשעלי, פּאָוואָליט מאָיאַ קרולעוואַ (אויבֿ די קיניגן מײַנע וועט רערלויבֿן) ··· — האָט ער געהאַט אָנגעהויבֿן.

— וואָס פֿאַר אַ קרולעוואַ, דאָס מײַנסטו קאָראָלעווע, מסתּמא?

— האט גרושענקאַ איבֿערגעשלאָגן מיטאַמאָל. — אַ געלעכטער נעמט מיך אָן, ווי איר רעדט דאָס אַלע. זעץ זיך אַוועק, מיטיאַ, און וואָס רעדסטו דאָס? שרעק ניט, איך בעט דיך. וועסט ניט שרעקן, האַ? אַז דוא וועסט ניט שרעקן, בֿין איך צופֿרידן מיט דיר ···

— איך, איך וועל שרעקן? — האָט אויסגעשריען מיטאַמאָל מיטיאַ, אַ וואָרפֿטאָנדיק אַף דער בֿרוסט די הענט זײַנע. — אָ, גייט פֿאַרבײַ, גייט אַריבֿער, איך וועל ניט שטערן! ·· — און, אינגאַנצן אומגעריכט פֿאַר אַלעמען, און נאָך מער פֿאַר זיך גופֿא, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אָפֿן שטול און זיך באַגאָסן מיט טרערן, אָפּקערנדיק צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט דעם

קאַפּ, און אָנגעכאַפּט שטאַרק מיט די הענט די ווענטל פון שטול, פונקט ווי ער וואָלט זי אַרומגענומען.

— נו, זע נאַר, זע נאַר, וואָס דו ביזט! — האָט מיט אַ פאַר־וואורף אויסגערופן גרושענקאַ, — אָט פונקט אַזאַ פלעגט ער גיין צו מיר, — פלעגט נעמען רעדן מיטאַמאָל, און איך פלעג קיין זאַך ניט פאַרשטיין, און איין מאָל האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויך, און איצט איז דאָס אָט צום צווייטן מאל — ס'אַראַ בזיון! פאַר וואָס וויינסטו דאָס? עס וואָלט נאָך געווען פאַר וואָס? — האָט זי סודות־פול צוגעגעבן מיטאַמאָל און מיט עפּעס אַ מין אויפ־רייצונג באַטאָנענדיק אירע ווערטער.

— איך . . . וויין ניט . . . נו, וואָס הערט זיך! —

האָט ער זיך אין אַ כהרף ען אַ קער געטאָן אפן שטול, און זיך מיטאַמאָל צולאַכט, אָבער ניט מיט זיין הילצערנעם אָפּגעהאַקטן געלעכטער, נאָר עפּעס מיט אַזאַ שטילן מוראדיק לאנגן, נערוועזן און אויפטרייסלענדיקן געלעכטער.

— נו, שוין ווידער . . . נו, זייַ לוסטיק! — האָט אים גרו־שענקאַ איינגערעדט. — איך בין זעער צופרידן, וואָס דו ביזט געקו־מען, איך בין זעער צופרידן, מיטיאַ, הערסטו, אַז איך בין זעער צופרידן? איך וויל, אַז ער זאָל זיצן אָט דאָ מיט אונז, — האָט זי באַפעלנדיק געווענדט זיך אַזוי ווי צו אַלעמען, הגם די ווערטער אירע זיינען קענטיק געווען נוגע דעם, וואָס איז געזעסן אפן זאָפע. — איך וויל, איך וויל! און אויב ער וועט אַוועקגיין, וועל איך אויך אַוועק־גיין, אָט וואָס! — האָט זי צוגעגעבן, און די אויגן אירע האָבן זיך אָנגעצונדן מיטאַמאָל.

— וואָס עס פאַרלאַנגט מיין קיסרינע — דאָס איז פאַר מיר הייליק. — האָט זיך אָנגערופן דער פּאַן, געבנדיק אַ קוש גאַלאַנט גרושענקעס הענ־טעלע. — איך בעט דעם פּאַן זעצן זיך צו אונזער קאָמפּאַניע! — האָט ער זיך געווענדט פריינדלאַך צו מיטיען. מיטיא האָט זיך ווידער געהאַטגעגעבן אַ הייב מיט אַ באַשיינפערלאַכער כוונה נאָך אַ מאָל אויסצוגיסן זיך מיט אַ טיראַדע, נאָר אַרויסגעקומען איז אָבער עפּעס אַנדערש:

— לאָמיר אויסטרינקען, פאַניע! — האט ער אפגעהאַקט מיט־אַמאָל אנשטאָט א רעדע. אלע האבן זיך צולאכט.

— גאָט מיינער! אַבי איך האב געמיינט, אז ער וויל דאס ווייטער רעדן, — האט נערוועז אויסגערופן גרושענקאַ. — דו הערסט מיטיאַ, — האט זי צוגעגעבן באַטאָנענדיק, — מער זאלסטו מיר ניט אויפשפרינגען, — דאס אבער, וואס דו האסט געבראַכט שאַמפּאַניער, אסטו געטאן. איך וועל אליין אויך טרינקען, נאַליווקע אבער קאן איך פשוט ניט ליידן. נאר בעסער פאר אלץ איז דאס, וואס דו ביזט אליין געקומען, א ניט איז דאס אן אומעט אוועקצושטארבן.. ביזט דאס ווייטער געקומען הוליען, האַ? באַהאַלט דאָך אבער די געלט אין קעשענע! וואו האסטו דאס געקראָגן אזוי פיל געלט?

מיטיאַ, וואָס האט נאך אלץ געהאלטן צונויפגעדרייט אין האנט די הונדערטער, וואס אלע, דער עיקר אבער די פּאַנעס, האבן זעער גוט באַמערקט, האט זיי געשווינט און פארשעמטערהייט ארייגעשטופּט אין קעשענע. ער איז רויט געוואָרן. אין דער זעלביקער ווײלע האט דער באלעבאָס געבראכט אף א טאַץ אן אויפגעמאכטע פלעשל שאַמפּאַניער און גלעזער. מיטיאַ האט געהאַט אַ כאַפּ געטאָן די פלעשל, האט זיך אבער אזוי פארלאָרן, אז ער׳ט פאַרגעסן, וואס מ׳דאַרף טאָן מיט איר. צוגענומען האט זי שוין באַ אים קאַלגאַנאָוו און אנגעגאָסן אנשטאט אים דעם וויין.

— אבער נאך, נאך א פלעשל! — האט מיטיאַ גענומען שרייען צום באַלעבאָס, און פאַרגעסנדיק א בוק טאָן זיין גלאָז מיטן פּאַנס, וועמען ער האָט אזוי פייערלאַך פאַרבעטן אויסטרינקען מיט אים א שלום־כוס, האט ער מיטאַמאָל אויסגעטרונקען די גאנצע גלאָז זיינע איינער אליין, ניט וואַרטנדיק אף קיינעם. דאס גאַנצע געזיכט זיינע איז מיטאמאל פאַרענדערט געוואָרן. אַנשטאָט דעם פייערלאַכן און טראַגישן אויסדרוק, מיט וועלכן ער איז אריינגעגאנגען, האט זיך עפּעס אזוינס ווי קינדערשעס באַוויזן אף אים. ער איז עפּעס מיטאמאל אזוי ווי דער גאַנצער נכנע געוואָרן און קלענער. ער האָט געקוקט אף אלעמען שעמעוודיק און פריילאך, אָפּט עפּעס אויך לאכנדיק נערוועז, מיט א דאנקבאַרן אויסדרוק פון א שולדיקן הינטל.

וועלכן מ׳האָט ווידער געגומען צערטלען און ווידער אַריינגעלאָזן׳
ער האָט עפּעס ווי אָן אלצדינג פֿאַרגעסן און ט׳באַקוקט אלעמען מיט
התפעלות׳ מיט א קינדערשן שמייכעלע אזא׳ אַף גרושענקען האט
ער די גאַנצע צייט געקוקט קוועלנדיק און צוגערוקט זיין שטול
האַרט צו אירן׳ ביסלאכווייז האָט ער אויך באַקוקט דיביידע פּאַנעס׳
הגם נאך ווייניק באַנומען ווער זיי זיינען׳ דער פּאַן פון זאָפּע
האט אים ערשטוינט מיט זיין האַלטן זיך׳ מיטן פוילישן אקצענט׳
און דער עיקר — מיטן ציביק׳ „נו׳ איז וואס איז דאָרטן׳ נו ס׳איז
טאַקע גוט׳ וואס ער רויכערט אַ ציביק״׳ האט מיטיאַ אין-זיך גערעדט׳
דאס כמעט פערציק יאָריקע׳ עטוואָס אנגעדראָלענע געזיכט פון דעם
פּאַן מיט דעם זעער קליינינקן נעזעלע׳ פון אונטער וועלכן עס האָבן
ארויסגעקוקט צוויי דינינקע וואָנצקעלאַך׳ אנגעשטעלטע אזוינע
און חוצפּהדיקע׳ האבן נאך לעת עתה אויך נישט דערוועקט באַ מיטיען
קיין קלענסטע פראַגע׳ אפילו דער גאר פּאַסקודנינקער פּאַריקל דעם
פּאַנס׳ וואס ער׳ט זיך געמאַכט אין סיביר׳ מיט די אַף־פּאָרנט אומגע־
לומפּערט פֿאַרקעמטע לעקעלאַך׳ האט ניט ערשטוינט באזונדערס מיטיען:
„הייסט עס׳ אז מ׳דארף טאַקע אזוי׳ אויב יע א פּאַריק״׳ האט ער
מיט יראת־הכבוד ווידער אין זיך גערעדט׳ דער אנדער פּריץ ווידער׳
וואס איז געזעסן ביים וואנט׳ אסך אינגער׳ ווי דער פּאַן אפן זאָפּע׳
און וואס געקוקט אַף דער גאנצער קאָמפּאַניע מיט חוצפּה און עזות און
מיט א שווייגענדיקער פֿאַראכטונג צוגעהערט דעם אלגעמיינעם שמועס׳
האט ווידער־טאַקע פארגאַפּט מיטיען מער ניט ווי מיט דעם זעער
הויכן וואוקס זיינעם׳ דעם גוואַלטיק ניט פּראָפּאָרציאָנעלן מיטן
פּאַנס׳ וואָס איז געזעסן אפן זאָפּע׳ „אז ער זאָל זיך שטעלן
קאָן ער זיין ווי עוג מלך הבשן״׳ האט א בליץ געטאָן באַ מיטיען
אין קאָפּ׳ אַ בליץ געטאָן האט באַ אים אויך׳ אז אט דער דאזיקער
הויכער פּאַן איז׳ מסתמא׳ א פריינד און א משרת פון דעם פּאַן׳ וואס
אפן זאפע׳ עפּעס אזוי ווי די „לייב־וואַך זיינע״ און אז דער קליי־
נינקער פּאַן מיטן ציביק קאָמאַנדירט געוויס איבער דעם הויכן׳ אבער
אויך דאס האט אויסגעזען מיטיען גוואַלדיק ווי גוט און זעלבסטפאר־
שטענדלאך׳ אין דעם קליינינקן הינטל איז אפגעשטארבן איטלאך

געפיל פון שטעלן זיך גלייך· אין גרושענקען און אין דעם סודוס־פולן טאָן פון די עטלאכע ווערטער אירע האט ער נאָך קיין זאַך ניט פארשטאַנען, האט פארשטאנען מער ניט, ציטערנדיק מיט דעם גאַנצן האַרצן זיינעם, אז זי איז צוגעלאָזט צו אים; אז זי האט אים „מוחל געווען”, און אוועקגעזעצט לעבן זיך. ער איז געווען אויסער זיך פאר התפעלות, דערזעענדיק, ווי זי האט אויסטרינקען מיטאמאָל דעם וויין פון גלאָז· דאס שווייגן פון דער קאָמפּאַניע אבער האט אים פונדעסטוועגן אזוי ווי ערשטוינט, און ער האט אנגעהויבן באַקוקן אלעמען מיט עפּעס א וואַרטנדיקן בליק: „איז וואס זשע זיצן מיר דאס, פארוואס הייבט איר דאס קיין זאַך ניט אָן, מיינע הערן?” האט ווי גערעדט דער פאַרסקאלעטער בליק זיינער.

— אָט ער האַלט דאס אלץ אין איין פראווען ליגנס, און מיר האבן די גאנצע צייט געלאַכט, — האט מיטאַמאָל אנגעהויבן קאַלגאנאָוו, גראָד ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען זיין מחשבה און אנגעוויזן אף מאַקסימאָוון.

מיטיאַ האט האַסטיק אנגעשטעלט די אויגן אף קאַלגאַנאָוון און דערנאך תיכּף אף מאַקסימאָוון.

— פראַוועט ליגנס? — האט ער זיך צולאכט מיט זיין קורצן הילצערנעם געלעכטער, די־שטעל ווערנדיק פריילאַך פון עפּעס, — כאַ־כאַ!

— אוודאי. שטעלט זיך פאר, ער זאָגט, אז אונזער גאַנצע קאַוואלעריע האט אין די צוואַנציקער יארן כּלומרשט ווי איין מענטש חתונה געהאַט מיט פוילישע מיידלאַך; דאס איז אבער א גרויסער שטות, ניט אמת דען?

— מיט פוילישע מיידלאך — האט ווייטער אונטערגעכאפּט מיטיאַ שוין לגמרי אין התפעלות.

קאַלגאנאָוו האט זעער גוט פארשטאנען מיטיעס באַציאונגען צו גרושענקען, האט זיך אנגעשטויסן אויך אף דעם פּאַן, דאָס האט אים אבער אלץ ניט אזוי אינטערעסירט, עס קאָן אפילו גריילאך זיין, אז גאָר אינגאנצן ניט אינטערעסירט, נאר אז אינטערעסירט האט אים מער פאר אלץ מאַקסימאָווו. ארייגעפאלן איז ער אַהער מיט מאַקסימאָוון צו־פעליק און די פּאַנעס האט ער געטראָפן דא אפן אכסניה צום

ערשטן מאל אין לעבן. גרושענקען ווידער האט ער געקענט פון פריער און איינמאל איז ער אפילו געווען בא איר עפּעס מיט עמיצן; דעמאלט איז ער איר ניט געפעלן געוואָרן. דא אבער האט זי גע־ווארפן אף אים זעער ליבע בליקן. ביז מיטיעס קומען אפילו געצערטלט אים, נאר ער איז עפּעס געבליבן קאַלט. דאס איז געווען א יונגער מאן, ניט מער פון א יאר צוואַנציק, עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט א זעער ליבן ווייסינקן פנימל און מיט זעער שיינע געדיכטע בלאָנדע האָר. אבער אף אט דעם דאזיקן ווייסינקן פנימל זיינען געווען פרעכטיקע העל־בלויע אויגן, מיט א קלוגן, און אפטמאל אויך מיט אַ טיפן אויסדרוק, וואס איז געווען ניט נאכן עלטער נאך אפילו, ניט קוקנדיק וואס דער יונגער מאן פלעגט אָפטמאָל רעדן און אויסזען אינגאנצן ווי א קינד און פלעגט זיך שעמען מיט דעם, אפילו מודה זייענדיק דאס אליין. בכלל איז ער געווען א זעער אייגנארטיקער, קאַפּריז אפילו, כאטש שטענדיק פריינדלאך. אפטמאל פלעגט זיך אין דעם אויסדרוק פון דעם פנים זיינעם באַווייזן עפּעס אומבאַוועג־לאכעס און עקשנותדיקס אַזוינס: ער פלעגט קוקן אף אייך, צוהערן וואס איר זאָגט, אבער אליין ווי עקשנותדיק טראַכטן פון עפּעס זיינס. דאס פלעגט ער ווערן צוקראָכן און פויל, דאס פלעגט ער אנהויבן פלוצים צו טומלען, קענטיק פון עפּעס גאר א נאַרישקייט.

— שטעלט זיך פאָר, איך פיר שוין אים ארום מיט זיך פיר טעג, — האט ער צוגעגעבן, אזוי ווי אויסציענדיק אביסל פויל די ווערטער, אבער נישט אנהייבנדיק צו מאכן־זיך, גאר גאנץ נאַטיר־לאַך. — איר געדיינקט, פון דעמאלט אָן, בעת דער ברודער אייערער האט אים א שטויס געטאָן פון וועגל און ער איז שיר ניט געפאַלן אף הינטן. דעמאלט האט ער מיך זעער שטארק פאראינטערעסירט מיט דעם, און איך האב אים גענומען מיט זיך אין דארף, איז האַלט ער דאס איצטער אין איין לייגן, אזוי אז ס'איז א שאַנדע אפילו צו זיין מיט אים. איך פיר דאס אים אף צוריק . . .

— פאַן פאָלסקאָי פאני ניע ווידזעל אי מווי טשטאָ ביט ניע מאָגלאָ (דער פאַן האט קיין פוילישע פאַניע אין די אויגן ניט געזען און

זאגט, אז עס האט ניט געקאנט געמאָלט זיין), — האט זיך אנגערופן דער פאַן מיטן ציביק צו מאקסימאָוון.

דער פאַן מיטן ציביק האט גערעדט רוסיש גאַנץ גוט, על כּל פּנים, אסך בעסער, ווי ער האט זיך געמאכט. רוסישע ווערטער, ווען ער פלעגט זיי שוין יע אויסרעדן פלעגט ער ברעכן אפן פּוילישן שטייגער.

— איך האב דאך אבער אליין אויך חתונה געהאַט מיט א פּוי־לישער פּאַניע, — האט אפגעהירזעט מאַקסימאָוו ענטפערנדיק אים. נו, האט איר דען געדינט אין דער קאַוואַלעריע? איר האט דאך דאס נאר גערעדט פון דער קאַוואלעריע. זייט איר דען א קאַוואלעריסט? — האט זיך תּיכּף אריינגעמישט קאַלגאנאָוו.

— אוודאי, וואָסי ער איז דען א קאַוואַלעריסט? כּאַ־כּאַ! — האט מיטיאַ אויסגעשריען, וואס האט זיך מיט גרויס נייגע־ריקייט צוגעהערט און האַסטיק אריבערגעפירט זיין פרעגנדיקן בליק אף יעדן איינציקן, וואס פלעגט אנהייבן רעדן, פּונקט ווי גאָט ווייס וואָס אזוינס ער האט געוואַרט צו דערהערן פון אים.

— ניין, איר פּאַרשטייט, — האט זיך א קער געטאָן צו אים מאַקסימאָוו, — איך מיין אנטקעגן דעם, ווי אט־אָ די פּאַנענקעס... די שייניניקע... ווי זי פלעגט נאר אפטאַנצן מיט אונזער אַן אולאַן אַ מאַזורקע... ווי א פּאַנענקע פלעגט אפטאַנצן מיט אים א מאזורקע, פלעגט זי גלייך א שפרונג טאן צו אים אף די קני, ווי א קעצעלע... א ווייסינקע... און דער "פּאַן אָיץ" און די "פּאַני־מאַטקאַ" פלעגן זעען און לאזן דאס... און לאָזן דאס... און דער אולאַן פלעגט טאַקע אף מאָרגן אוועק און פּאָרלייגן די האנט... איז אט... לייגט ער טאַקע פּאָרלייגן די האנט, כּי־כּי! — האט א כיכיקע געטאָן מאַקסימאָוו פארענדיקנדיק.

— פּאַן לײַדאק! — האט א ברום געטאָן מיטאַמאל דער הויכער פּאַן אפן שטול און אריבערגעלייגט א פוס אף א פוס. מיטיען האט זיך נאר א וואָרף געטאָן אין די אויגן דער גוואַלדיק גרויסער אײַנ־געריכטער שטיוול זיינער מיט דער דיקער און שמוציקער פּאָדעשווע. און די ביידע פּאַנעס זיינען טאַקע גלאַט געווען אָנגעטאָן גאָר נישקשה־דיק שמוציק.

— נו׳ שוין גאר ליידאַק! וואס זידלט ער זיך? — איז מיטאַמאָל אין כעס געוואָרן גרושענקאַ׳

— פאני אַגריפינאַ׳ פאן ווידזיעל וו׳פאָלסקאם קראַיו כלאָפּאָק׳ אַ ניע שליאַכעטניך פאַניי (··· דער פאן האט געזען אין פוילן פויער־טעס׳ אבער ניט קיין לײַטישע טעכטער)׳ — האט זיך אנגערופן דער פאַן מיטן ציביק צו גרושענקען.

מאָזעש נאַ־טאָ ראַכאָוואַץ! (אויך א מענטש) — האָט מיט פאַראכטונג אפגעהאַקט דער הויכער פאַן אפן שטול׳

— נאך עפּעס! לאָזט דאָך אים רעדן; מענטשן רעדן׳ פארוואס זאָל מען שטערן? ס׳איז פריילאך מיט אים׳ — איז גרו־שענקאַ אין כעס געוואָרן׳

— איך שטער ניט׳ פאַני׳ — האט א זאָג געטאָן דער פאַן מיטן פאריקל מיט באַדייטונג צו גרושענקען׳ געבנדיק א לאַנגן קוק אף איר און׳ שווייגנדיק מיט וויכטיקייט׳ האט ער ווידער אנגעהויבן סמאָקטשען דעם ציביק׳

— גאר א נייס׳ ניין ניין׳ דאס האט דער פאן איצטער ריכטיק געזאָגט׳ — איז ווידער געווארן היציק קאַלגאנאָווו׳ פונקט ווי גאט ווייס וועגן וואס עס האט זיך געהאנדלט׳ — ער איז דאך אין פוילן ניט געוועזן׳ טאָ ווי אזוי רעדט ער פון פוילן? איר האט דאך חתונה געהאט ניט אין פוילן׳ אמת האַ?

— ניין׳ אין סמאָלענסקער גובערניע׳ נאר מער ניט אַן אולאַן האט זי נאך פריער פאר דעם אוועקגעפירט׳ דאס הייסט די ווייב מיינע׳ די קינפטיקע׳ און די פאני־מאטקע אירע אויך׳ און אַ טאַנטע אויך׳ און עפּעס נאך א קרובה מיט א דערוואַקסענעם זון׳ ער האט זיי אוועקגעפירט טאַקע פון פוילן גופא׳ גופא פון פוילן ··· און האט זי דערנאך אפגעלאָזן מיר׳ דאס איז אונזערער א פּאָרוטשיק׳ א זעער וואוילער יונגער מאן׳ פריער האט ער אליין געוואלט חתונה האָבן מיט איר׳ נאר האט פונדעסטוועגן ניט חתונה געהאט׳ וואָרים ס׳האט זיך ארויסגעוויזן׳ אז זי איז א הינקעדיקע ···

— האט איר חתונה געהאַט מיט א הינקעדיקער? — האט אויס־געדופן קאַלגאַנאווו׳

— מיט א הינקעדיקער, יאָ. דאס האבן זיי שוין מיךביידע דעמאלט א ביסעלע אָפּגענארט און מיך פארפירט. איך האב געמיינט, אז זי שפרינגט דאס נאר אונטער . . . זי פלעגט רק אונטער־שפרינגען, האב איך געמיינט, אז זי שפרינגט דאס פון שמחה . . .

— פון שמחה וואס זי נעמט אייך? — האט קאַלגאנאָוו א ברום געטאָן מיט עפּעס א קינדיש־הילכיקן קול.

— יע, אוודאי, פון שמחה. ערשט ס'איז ארויסגעקומען, אז ס'איז גאר פון עפּעס אנדערש. שפּעטער נאך דער חתונה, דעם זעלביקן טאָג טאַקע, האט זי זיך מודה געווען פאר מיר, און זיך געבעטן מיט רחמים איך זאָל איר מוחל זיין, זי איז, זאָגט זי, נאך אין די יונגע יארן אריבערגעשפּרונגען איין מאל איבער א בלאָטע אין זיך געשעדיקט מיט דעם די פיסעלע, כי־כי־כי! . . .

איז האט זיך טאַקע קאַלגאנאָוו גענומען קייַקלען מיט א סאַמען קינדערשן געלעכטער און איז כמעט אנידערגעפאלן אפן דיוואַן, פאנאנדערגעלאַכט האט זיך אויך גרושענקאַ. היינט ווער רעדט מיטיא איז געווען אפן זיבעטן הימל.

— איר ווייסט, איר ווייסט, איצט זאגט ער דאס שוין אף אן אמת, ער לייַגט שוין דאס איצטער ניט! — האט אויסגערופן, ווענדנ־דיק זיך צו מיטיען, קאַלגאַנאָוו. — און איר ווייסט, ער האט דאך צוויימאל חתונה געהאט, — דאס רעדט ער פון דער ערשטער ווייב — און די צווייטע ווייב זיינע, פארשטייט איר מיך, איז אנטלאָפן און לעבט נאך ביז היינט, ווייסט איר דאס?

— אן אמת? — האט זיך האסטיק א קער געטאָן צו מאַקסימאָוון מיטיא, אויסדריקנדיק אן אומגעוויינלאכע ערשטוינוג אין געזיכט.

— יאָ, אנטלאָפן, אט די דאזיקע אומאָנגענעמע מעשה האט זיך באַ מיר געטראפן — האט באַשיידן באשטעטיקט מאַקסימאָוו. — אנטלאָפן מיט איינעם אַ מוסיע. די ערשטע זאַך אבער האט זי איבערגעשריבן באַצייטנס דעם גאנצן דערפל נאר אף איר נאמען. דו ביזט, זאָגט זי, א מענטש א געבילדעטער, וועסט אליין אויך דיין שטעטל באַשטיין. און מיט דעם האט זיך די מעשה

געענדיקט. האט מיר טאַקע איינמאל א חשובער ארכיערײַ געזאָגט: „די ערשטע ווייב דײַנע איז געווען שווער אף די פיס, די צווייטע אבער שוין צו לײַכט" כי־כי!

— הערט נאר, הערט נאר! — האט זיך קאַלגאַנאָוו ממש געקאָכט, — אויב ער לײַגט אפילו, — און לײַגן לײַגט ער דאך אפט, — לײַגט נאר צוליב דעם, כדי צו פאַרשאַפן אלעמען פאַרגעניגן: דאס איז דאך ניט מיאוס, האַ? איר ווייסט, אפטמאל האב איך אים האָלט. ער איז טאַקע זעער נידערטרעכטיק, אבער באַטירלאך ניטדערטרעכטיק, האַ? ווי מיינט איר? אן אנדערער באַגייט זיך אזוי מיט א מיין, כדי צו האבן עפעס א נוץ, ער אבער טוט דאס פשוט, ער איז פון נאטור אזוי... שטעלט זיך פאָר, ער פרעטענדירט, למשל (האט געכטן דעם גאנצן וועג געטענהט דערפון), אז גאָגאָל האט אין די „טויטע נפשות" דאס געמיינט אים. איר געדיינקט, דארטן איז דא א פריץ מאַקסימאָווי, וואס נאָזדריאָוו האט אים אפגעשמיסן און מ'האט אים איבערגעגעבן צום געריכט: „פאר דער פערזענלאכער באַליידיקונג שפורערהייט מיט ריטער דעם פריץ מאַקסימאָוון". — נו, איר געדיינקט? נו, איז וואס מיינט איר, ער טענהט, אז ער איז דאס טאַקע געווען, און אז אים האט מען דאס אפגעשמיסן! נו, קאן דען דאס געמאלט זײַן? טשיטשיקאָוו איז ארומגעפארן, אזש שפעט, אין די צוואַנציקער יאָרן, אין אנהייב פון די צוואַנציקער יארן, אזוי אז די יאָרן שטימען גאר ניט. האט מען דאך אים דעמאלט ניט געקאָנט שמייסן, מ'האט דאך ניט געקאָנט, ניט געקאָנט?

ס'איז שווער געווען צו זאָגן צוליב וואָס קאַלגאַנאָוו האט זיך אזוי געקאָכט נאר געקאָכט האט ער זיך אויפריכטיק. מיטיאַ האט זיך לגמרי איבערגעגעבן מאַקסימאָווס אינטערעסן.

— נו, און אויב מ'האט יע אפגעשמיסן! — ט'ער א געשריי געטאָן קייכנדיק זיך.

— ניט וואס אפגעשמיסן, נאר אזוי זיך, — האט מיטאמאל צוגעגעבן מאַקסימאָווו.

— וואס אזוי זיך? מ'האט געשמיסן צי ניט?

— קטוראַ גאָדזינאַ, פּאַניע? (וויפל איז דער זייגער?) — האָט זיך אַ קער געטאָן מיט אַ לאַנגווײַליקן פּנים דער פּאַן מיטן ציביק צום הויכן פּאַן אָפּן שטול. יענער האָט אַלס ענטפער אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס: קיין זייגער האָבן זיי ביידע ניט געהאַט.

— פאַרוואָס זאָל מען זיך ניט דורכרעדן? לאָזט די אנדערע אויך רעדן. אַז איר זייט אומעטיק, טאָר שוין דער אַנדערער אויך ניט רעדן! — האָט זיך ווידער אַרויפגעוואָרפן גרושענקאַ, קענטיק מיט אַ כּיוון זוכנדיק אַ גרונט. באַ מיטיען האָט אַזוי ווי צום ערשטן מאָל עפּעס אַ בליץ געטאָן אין רעיון. דאָס מאָל האָט שוין דער פּאַן געענטפערט מיט אַ בולטער אויפגערייצטקייט.

— פּאַני, יאַ ניץ ניע מוווען פּראָטיוו, ניץ ניע פּאָוויעדזיאַלעם. (איך זאָג קיין זאַך ניט, איך האָב קיין זאַך ניט געזאָגט).

— נו איז גוט, און דו דערצייל, — האָט גרושענקאַ אויסגע־רופן צו מאַקסימאָוון. — וואָס זייט איר דאָס אַלע אַנטשוויגן געוואָרן?

— אַז ס׳איז גאר גלאַט קיין זאַך ניטאָ וואָס צו דערציילן, וואָרים דאָס איז אַלץ היילע נאַרישקייט, — האָט די רגע אונטער־געכאַפּט מאַקסימאָוו מיט אַ באַשיינפּערלאַכער הנאה און מאכנדיק אַ ביסל פּוריע — אַז באַ גאָגאָלן איז דאָס אלץ אויך מער ניט ווי אַן אַלעגאָריע, וואָרים אלע נעמען האָט ער אויך געגעבן אַלעגאָרישע: נאָזדראָוו האָט דאך געהייסן ניט נאָזדראָוו, נאָר נאָסאָוו, היינט קווּשיניקאָוו — איז שוין גאָרניט ענלאַך אַפילו, וואָרים ער האָט געהייסן שקוואָרניאָוו. אָבער פענאַרדי האָט טאַקע געהייסן פענארדי, נאָר ער איז געווען ניט קיין איטאַליענער, נאָר אַ רוס, פּעטראָוו האָט ער געהייסן, און מאַמזעל פענאַרדי איז געווען אַ שײנינקע, — די פּיסעלאַך אין טריקאָ, שײנינקע, אַ קליידעלע אַ קורצינקע מיט פליטערגאָלד, און דאָס האָט זי געטאַנצט, אָבער ניט קיין פיר שעה, נאָר אינגאַנצן מער ניט ווי פיר מינוט ... און האָט אַלעמען באַצויבערט ...

— פאַר וואָס אָבער האָט מען געשמיסן, געשמיסן האט מען דיך פאַר וואָס? — האָט געברומט קאַלגאַנאָוו.

— פאַר פּיראָנען, — האָט געענטפערט מאַקסימאָוו.

— פאַר וואָס פאַר אַ פּיראָנען? — האָט אַ געשריי געטאָן מיטיאַ.

— פאַר דעם פראַנצויזישן באַרימטן שרייבער, פּיראָן. מיר האָבן דעמאָלט אַלע געטרונקען וויַין צווישן אַ גרויסן עולם, אין אַ שיינק, טאַקע אפן זעלביקן ירידי. האָבן זיי מיך פאַרבעטן, און איך האָב, פריער פאַר אַלץ, גענומען זאָגן עפּיגראַמעס: "דו ביזט דאָס, בואַלאָ, ס'אַראַ משונהדיקע קליידער!" און בואַלאָ ענטפערט, אַז ער קלייבט זיך אין מאַסקאַראַד, דאָס הייסט אין באָד־אַריין, כי־כי. האָבן זיי דאָס אָנגענומען אף זייער חשבון. איך האָב אבער גלייַך גענומען און אָפּגעזאָגט אף־גיך אַ צווייטן עפּיגראַם, וואָס אַלע געבילדעטע מענטשן קענען אים זייער גוט, אַ בייסיקן:

דו ביזט סאַפאָ, און איך פאַאָן
איך שטרייט גאָרניט דעריבער,
נאָר דעם וועג צום ים
ווייסטו ניט, מיין ליבער.

האָבן זיי זיך נאָך מער באַליידיקט און האָבן מיך אָנגעהויבן אף ניט קיין אָנשטענדיקן אופן צו זידלען דערפאַר. האָב איך געוואָלט פאַרריכטן די לאַגע און זיי דערציילט צו אַלדי צרות דעם זייער געבילדעטן אַנעקדאָט מיט פּיראָנען, ווי מ'האָט אים ניט אָנגענומען אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, און ווי ער האָט, כדי צו נעמען נקמה, אָנגעשריבן אָט די דאָזיקע עפּיטאַפיע פאַר זיין מצבה:

Ci-gît Piron qui ne fut rien,
Pas même académicien.

האָבן זיי גענומען און אָפּגעשמיסן מיך.

— פאַר וואָס אָבער, פאַר וואָס?

— פאַר דער בילדונג מיינער. ס'איז דען עפּעס אַ נייס, פאַר וואָס מענטשן קאָנען אָפּשמייסן אַ מענטשן, — האָט צאַרט און מעשה־רבי פאַרענדיקט מאַקסימאָוו.

— ע, זאָל זיין גענוג, ס'איז נודנע דאָס אַלץ, איך וויל ניט הערן, איך האָב געמיינט, אַז עס וועט זיין עפּעס פריילאַכס, — האָט אָפּגעהאַקט מיטאַמאָל גרושענקאַ. מיטיאַ האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ און האָט תיכף אויפגעהערט צו לאַכן. דער הויכער פאַן האָט זיך

אויפגעהויבן פון אָרט און מיט אַ גדלותדיקער מינע פון אַ מענטשן, וועמן ס'איז לאַנגווייליק ניט אין זיין סביבה, אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער פון איין עק אין דעם אַנדערן, פאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטן.

— האָט דאָס געגומען שפּרייזן אַביסל! — האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן אויף אים גרושענקאַ. מיטיאַ האָט גענומען ציטערן, צו דערצו האָט ער נאָך באַמערקט, אַז דער פאַן וואָס אַפּן זאָפע קוקט אויף אים מיט אַן אויפגערייצטער מינע.

— פאַן, — האָט אַ געשריי געטאָן מיטיאַ, — לאָמיר אויס־טרינקען, פאַניע! און מיטן אַנדער פאַן אויך: לאָמיר אויסטרינקען פאַנאָוויע! — ער האָט די רגע צונויפגערוקט דריי גלעזער און זיי אָנגעגאָסן מיט שאַמפּאַניער.

— פאַר פּוילן, פאַנאָוויע, איך טרינק פאַר אייער פּוילן, פאַרן פּוילישן לאַנד! — האָט אויסגערופן מיטיאַ.

— באַרדזאָ מי טאָ מילאָ, פאַניע, וויפּיעם (דאָס איז מיר זייער צום האַרצן, פאַניע, לאָמיר אויסטרינקען), — האָט וויכטיק און זייענדיק גוטה דערצו אַ זאָג געטאָן דער פאַן פון זאָפע און גענומען זיין גלאָז.

— דער אַנדער פאַן אויך, ווי הייסט ער, ע' יאַסנע־וועל־מאזשני, נעם די גלאָז! — האָט זיך מיטיאַ געקאָכט.

— פאַן ווּרובלעווסקי, — האָט אים אונטערגעזאָגט דער פאַן וואָס אַפּן זאָפע.

פאַן ווּרובלעווסקי איז, וויגנדיק זיך, צוגעגאַנגען צום טיש און, שטייענדיק, גענומען זיין גלאָז.

— פאַר פּוילן, פאַנאָוויע, הוראַ! — האָט מיטיאַ אויסגערופן אויפהייבנדיק דעם כוס.

אַלע דרייען האָבן אויסגעטרונקען. מיטיאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן די פלאַש און גלייך אָנגעגאָסן נאָך דריי גלעזער.

— איצט פאַר רוסלאַנד, פאַנאָוועס, און לאָמיר ווערן גוטע ברידער!

— גיס אונדז אויך אָן, — האָט געזאָגט גרושענקאַ, — פאַר רוסלאַנד וויל איך אויך טרינקען.

— איך אויך, — האָט זיך אָנגערופן קאַלגאַנאָוו, און איך

וואָלט אויך געוואָלט ··· פאַר ראָססייאושקע, פאַר דער אַלטער באַבוסענקע, — האָט צוגעכיכיקעט מאַקסימאָווי.

— אַלע, אַלע! — האָט מיטיאַ אויסגערופן אין התפּעלות — באַלעבאָס, דערלאַנג נאָך פלאשן!

מ׳האָט אַריינגעטראָגן אַלע דריי פלאַשן, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון די, וואָס מיטיאַ האָט געבראַכט. מיטיאַ האָט אָנגעגאָסן.

— פאַר רוסלאַנד, הוראַ! — האָט ער אויסגערופן פונדאָסניי. אַלע, אויסער די פּאַנעס, האָבן אויסגעטרונקען, און גרושענקאַ האָט אויסגעטרונקען מיט איין מאָל איר גאַנצע גלאָז. די פּאַנאָווס ווידער האָבן זיך אַפילו ניט צוגערירט צו זייערע גלעזער.

— וואָס זשע איז דאָס, פּאַנאָוועו? — האָט אויסגערופן מיטיאַ. — אָט ווי איר זייט דאָס?

פּאַן ווראָבלעווסקי האָט גענומען דעם כּוס, אויפגעהויבן אים און מיט אַ הילכיקן קול אַ זאָג געטאָן:

— פאַר רוסלאַנד אין די גרעניצן ביז צום זיבן הונדערט צוויי און זיבעציקסטן יאָר!

— אָטאָ באַרדזאָ פּענקניע! (אויסגעצייכנט!), — האָט אויסגערופן דער צווייטער פּאַן, און ביידע האָבן מיטאַמאָל אויסגעליידיקט זייערע גלעזער.

— גלאָמפּן זייט איר, פּאַנאָוויע! — האָט זיך אַרויסגעריסן מיטאַמאָל באַ מיטיען.

— פּאַאַניע!! — האָבן אויסגעשריען ביידע פּאַנעס דראָענדיק, און אָנגעשטעלט זיך אף מיטיען, ווי העגער. דערהויפּט האָט זיך אויפגעקאָכט פּאַן ווראָבלעווסקי.

— אַליע ניע מאָזשנאָ ניע מיעץ סלאַבאָסטי דאָ סוואָיעגאָ קראַיו? (מ׳טאָר דען ניט ליב האָבן דאָס אייגענע לאַנד?) — האָט ער אויסגערופן.

— שטיל! נישט געקריגט זיך! מ׳זאָל זיך מיר מער נישט קריגן! — האָט באַפעלנדיק אַ געשריי געטאָן גרושענקאַ און אַ טופּע געטאָן מיטן פיסל אָן דער ערד. איר געזיכט האָט זיך אָנגעצונדן, די אויגן אָנגעהויבן צו פינקלען. דאָס נאָר וואָס אויסגעטרונקענע

גלאָז שאַמפּאַניער האָט זיך געלאָזט מערקן. מיטיא האָט זיך מוראדיק דערשראָקן.

— פּאַנאָוויע, זייט מוחל! דאָס בין איך שולדיק. מער וועל איך ניט שטערן. ווראָבלעווסקי, פּאַן ווראָבלעווסקי, איך וועל מער ניט שטערן!...

— שווייג דו כאָטש אָבער, זעץ זיך אַנידער, ס׳אַראַ נאַר! — איז מיט בייזן פּאַרדרוס אַרויסגעפּאַלן אַף אים גרושענקאַ.

אַלע האָבן זיך אַנידערגעזעצט, אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, אַלע האָבן געקוקט איינער אַפן צווייטן.

— מיינע הערן, איך בין שולדיק אין אַלץ! — האָט ווייטער אָנגעהויבן מיטיא, וואָס האָט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען אין גרושענקעס רוגזן זיך: — נו, וואָס זשע זיצן מיר? נו, ווי זשע זאָלן מיר פאַר־ברענגען... אַז עס זאָל זיין פריילאַך, ווייטער פריילאַך?

— אַך, ס׳איז טאַקע אין אמתן שרעקלאַך אומעטיק, — האָט פויל אַרויסגערעדט קאַלגאַנאָוו.

— אפשר געדאַרפט שפּילן אין אַ בענקל, ווי פריער... האָט מיטאַמאָל אַרויסגעכיכיקעט מאַקסימאָוו.

— אין אַ באַנק? גרויסאַרטיק! — האָט אונטערגעכאַפּט מיטיאַ, — אויב נאָר די פּאַנאָוויע...

— פּוזנאָ, פּאַניע! — האָט אַזוי ווי ניט ווילנדיק אָפּגערופן זיך דער פּאַן, וואָס אַפן זאָפע...

— אַוודאי, — האָט צוגעבאַמקעט פּאַן ווראָבלעווסקי אויך.

— פּוזנאָ? וואָס איז דאָס אַזוינס פּוזנאָ? — האָט גרושענקאַ אַ פרעג געטאָן.

— דאָס הייסט ס׳איז שפּעט, פּאַני, ס׳איז שפּעט, ס׳איז שפּעט אין דער נאַכט, — האָט דערקלערט דער פּאַן, וואָס אַפן זאָפע.

— אַלץ אָבער איז זיי שפּעט, און אַלץ טאָרן זיי ניט! — האָט כמעט אַ קוויטשע געטאָן גרושענקאַ מיט פאַרדרוס. — אַליין זיצט מען דאָס און מ׳נודעט, טאָ זאָלן די אַנדערע אויך נודען. איידער דו ביזט געקומען, מיטיאַ, האָבן זיי אויך פּונקט אָט אַזוי געשוויגן און געבלאָזן זיך אַף מיר...

— גוטן מאָרגן! — האָט אויסגערופן דער פּאַן, פֿון זאָפֿע — צאָ מאָזש, טאָ סען סטאַניע, ווידזען ניעלאַסקען, אי יעסטעם סמוטני.

(וואָס דו׳סט אַרויסרעדן, וועט ווערן די רגע, איך זע, דו ביזט ניט אויפֿגעלייגט, בין איך באַטריבט). יעסטעם גאָטוו, פּאַניע, (איך בין גרייט, פּאַניע), — האט ער פֿאַרענדיקט, וועגדנדיק זיך צו מיטיען.

— הייב אָן, פּאַניע! — האָט אונטערגעכאַפּט מיטיע, און אַרויסגעשלעפּט פֿון קעשענע דעם פּעקל געלט און אַרויפֿגעלייגט צוויי הונדערטער אפֿן טיש.

— איך וויל, פּאַן, אַסך פֿאַרשפּילן בײַ דיר. נעם קאָרטן און שטעל אַ באַנק!

— די קאָרטן, פּאַניע, זאָלן זיין דעם באַלעבאָס, — האָט זיך אָנגערופֿן באַטאָנענדיק און ערנסט דער קלייניקער פּאַן.

— טאָ נאַילעפּשי ספּאָסוב (דאָס איז דער בעסטער אופֿן), — האָט צוגעשטימט פּאַן ווורובלעווסקי.

— דעם באַלעבאָס? גוט, איך פֿאַרשטיי, זאָל זיין דעם באַלעבאָס. דאָס זייט איר גערעכט, פּאַנאָוויע! קאָרטן! — האָט אַ באַפֿעל געטאָן מיטיאַ דעם באַלעבאָס.

דער באַלעבאָס האָט אַרייַנגעטראָגן אַ ניט קיין פֿאַנאַנדערגעחתמעטן טעסל קאָרטן און געגעבן צו וויסן מיטיען, אַז עס קלייבן זיך שוין צונויף די מיידלאַך, און די זשידקעס מיט די צימבלען וועלן מסתמא אויך באַלד קומען, אָבער די טראָיקע מיטן פּראָוויאַנט איז נאָך ניטאָ. מיטיא איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון טיש און איז אַוועקגעלאָפֿן אין דעם דערבייאיקן צימער געבן תיכף פֿאַראָרדענונגען. נאָר מיידלאַך זיינען געקומען סך הכל דריי, און מאַריע איז נאָך אויך ניט געווען. היינט גלאַט ער האָט אַליין אויך ניט געוואוסט, וואָס און ווי זאָל ער באַפֿעלן און נאָך וואָס ער איז אַרויסגעלאָפֿן: האָט נאָר מער ניט ווי געהייסן אַרויסנעמען פֿון קעסטל מתּנות, צוקערקעס און טערטלאַך, און צוטיילן די מיידלאַך. — "יע, געבן בראַנפֿן אַנדרייען, בראַנפֿן אַנדרייען! — האָט ער אַף־גיך פֿאַרזאָגט, — איך האָב באַעוולט אַנדרייען!" דאָ האָט אים מיטאַמאָל געגעבן אַ שלעפּ פֿאַרן אַרבל מאַקסימאָווו, וואָס איז געקומען צולויפֿן תיכף נאָך אים.

— גיט מיר פינף רובל, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו מיטיען, — איך וואָלט אויך ריזיקירט אין אַ בענקל, כי־כי!

— גרויסאַרטיק, אויסגעצייכנט! נעמט צען, נאַט אייך צען! — ער האָט ווידער אַרויסגעשלעפּט גאָר די אַסיגנאַציעס פון קעשענע און אַרויסגעזוכט צען רובל. — און אַז דו וועסט פאַרשפּילן, זאָלסטו ווידער קומען, קום ווידער ...

— גוט, גוט, — האָט פרייליאַך אַ שעפּטשע געטאָן מאַקסימאָוו און איז אַוועקגעלאָפן אין זאַל. מיטיאַ איז אויך גלייך געקומען צוריק און אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער האָט געלאָזט וואַרטן אף זיך. די פּאַנעס זיינען שוין געווען געזעסן און אויפגעעפנט דעם טעסל קאָרטן. זיי האָבן שוין געקוקט אַסך פריינדלאַכער, ליבלאַך כמעט. דער פּאַן פון זאָפּע האָט פאַררויכערט אַ נייעם ציביק און געקליבן זיך אָנהייבן צו טאַסן; אף דעם פּנים זיינעם האָט זיך אויסגעדריקט אַ געוויסע פייערלאַכקייט אַפילו.

— נאַ מעיסצאַ, פּאַנאָוויע! (זעצן זיך אף די ערטער) — האָט אויסגערופן פּאַן ווּרובלעווסקי.

— ניין, איך וועל מער ניט שפּילן, — האָט זיך אָנגערופן קאַלגאַנאָוו, — איך האָב שוין פריער פאַרשפּילט באַ זיי פופציק רובל.

— דער פּאַן האָט פריער קיין גליק ניט געהאַט, איצטער אָבער קאָן דער פּאַן יע האָבן גליק, — האָט זיך אָנגערופן צו אים דער פּאַן פון זאָפּע.

— וויפל איז אין באַנק? וואַ־באַנק? — האָט זיך מיטיאַ געהיצט.

— גוט, פּאַניע, עס קאָן זיין הונדערט, עס קאָן זיין צווייהונדערט, וויפל דו וועסט שטעלן.

— אַ מיליאָן! — האָט זיך צולאַכט מיטיאַ.

— דער פּאַן קאַפּיטאַן האָט אפשר געהערט פון דעם פּאַן פּאָדוויסאָצקי?

— וואָס פאַר אַ פּאָדוויסאָצקי?

— אין וואַרשע שטעלט מען דעם באַנק, ווער עס רייט עס דערגייט. עס קומט אַריין פּאָדוויסאָצקי און ער זעט טויזנט גולדן,

שטעלט ער: וואַ־באַנק· פרעגט דער באַנקיר: „פאַן פּאָדוויסאָצקי· דו שטעלסט גרייטע געלט· צי אַף האָנער?״ — „אַף האָנער· פאַניע״ ענטפערט פּאָדוויסאָצקי· „איז נאָך בעסער· פאַניע״· דער באַנקיר דעקט אויף די קאָרט און פּאָדוויסאָצקי נעמט צו די טויזנט גולדן· — „וואַרט אַ ווײַלע· פאַניע״ זאָגט דער באַנקיר· און נעמט אַרויס די קעסטל און דערלאַנגט אים אַ מיליאָן: „נעם· פאַניע· אָט דאָס איז דײַן ראַכונעק (אָט דאָס קומט דיר!)· דער באַנק איז געווען פון אַ מיליאָן.״ — „איך האָב דאָס ניט געוואוסט· זאָגט פּאָדוויסאָצקי.״ — „פאַניע פּאָדוויסאָצקי· — ענטפערט דער באַנקיר· — דו האָסט געשפּילט אַף האָנער· און מיר שפּילן אויך אַף האָנער״· און פּאָדוויסאָצקי האָט צוגענומען דעם מיליאָן·

— דאָס איז כּיזוב ושקר· — האָט זיך אָנגערופן קאַלגאַנאָווי·

— פאַניע קאַלגאַנאָווי וו׳שלאַכעטנאַי קאַמפּאַני טאַק מוויץ ניע פּרזשיסטאָאי צווישן אַן אנטשטענדיקן עולם רעדט מען ניט אַזוי)·

— אָט באַלד טאַקע וועט כאַפּן אַ פּוילישער קאָרטן־שפּילער און דערלאַנגען דיר אַ מיליאָן! — האָט אויסגערופן מיטיאַ· נאָר ער האָט זיך אָבער די רגע געכאַפּט: — האָב קיין פּאַראיבל ניט· פאַניע· איך בין שולדיק· איך בין ווידער שולדיק· ער וועט אָפּגעבן· אוודאי וועט ער אָפּגעבן אַ מיליאָן· אַף האָנער· אַף פּוילישער ערע! דו זעסט· איך ווייס שוין· וואָס האָנער איז· כאַ־כאַ! אָט שטעל איך צען רובל· — אַפּן אונטער·

— און איך שטעל אַ קערבל אַף דער מיידעלע· אַף דער מיידעלע סערל· אַף דער שײַנינקער· אַף דער פאַניענקעלע· כי־כי! — האָט אָפּגעכיכיקעט מאַקסימאָוו און אַרויסגערוקט זײַן מיידל סערל· און ווי ווײַלנדיק באַהאַלטן זיך פון אַלעמען· האָט ער זיך צוגערוקט האַרט צום טיש און האָט זיך אַף גיך איבערגעצלמט· מיטיאַ האָט געוואונען· געוואונען האָט אויך דער קערבל·

— ווינקל! — האט אויסגערופן מיטיאַ·

— און איך שטעל ווידער אַ קערבל· איך שפּיל מיר קליין גאָר· גאָר קליין· — האָט גליקלאך געפּלאַפּלט מאַקסימאָוו מוראדיק צופרידן· וואָס ער האָט געוואונען דעם קערבל·

— פארשפילט! — האט אויסגערופן מיטיאַ — א זיבעטל אַף פע. מע האט געשלאגן „פע” אויך.

— הערט אויף, — האט מיטאַמאָל אנגערופן זיך קאַלגאַנאָוו.

— אף פע, אף פע — האט מיטיאַ פארטאָפּלט די סומע, און וויפל ער האט ניט געשטעלט אף „פע” — האט ער אלץ פאר־שפילט. און די קערבעלאך האבן כסדר געוואונען.

— אף פע! — האט אנגעצונדן א בריל געטאן מיטיאַ.

— דוויעסציע (צוויי הונדערט) פארשפילט, פאניע. דו שטעלסט נאך צוויי הונדערט? — האָט געפרעגט דער פאַן, וואס אפן זאָפע.

— ווי, צוויי הונדערט שוין פארשפילט? איז נאך צוויי הונדערט! די גאנצע צוויי הונדערט אף פע! — און ארויסגעכאפט פון קעשענע געלט, האט מיטיאַ געהאט א ווארף געטאן צוויי הונדערט רובל אף דער דאַמע, ווי פלוצלונג האט קאַלאַגאַנאָוו זי צוגעדעקט מיטן האנט:

— גענוג! — האט ער א געשריי געטאן מיט זיין הילכי־קער שטים.

וואס איז מיט אייך? — האט אים מיטיאַ שארף אנגעקוקט.

— גענוג, איך וויל ניט! מער וועט איר ניט שפילן.

— פארוואס?

— אָט דערפאר. גיט אַ שפיי און הערט אויף, אט פארוואס. איך וועל ניט לאזן מער שפילן.

מיטיאַ האט געקוקט אף אים אַ געפלעפטער.

— הער אויף, מיטיאַ, ער איז טאקע אפשר גערעכט, האסט אזוי אויך אסך פארשפילט, — האט מיט א מאדנעם טאן אין דער שטים אנגערופן זיך גרושענקא אויך.ביידע פאַנעס זיינען מיטאמאל אויפ־געשטאנען פון די ערטער מיט א שרעקלאך באליידיקטן פנים.

— זשאַרטויעש (דו מאכסט חוזק), פאַניע? — האט א זאָג געטאָן דער קליינינקער פאַן, באקוקנדיק שטרענג קאַלאַגאַנאָוון.

— יאַק סען פּאָוואַזשאַש טאָ ראָביץ, פאַניע! (ווי דערוועגט איר זיך דאס צו טאן!) — האט זיך געקאכט אף קאַלאַגאַנאָוון פאַן ווּרובליעווסקי אויך.

— איר זאלט זיך נישט דערוועגן, איר זאלט זיך מיר נישט דערוועגן צו שרייען! — האט אויסגערופן גרושענקאַ — אָך, ס׳אַראַ אנגעבלאזענע הענער!

מיטיאַ האט געקוקט אף זיי אף אלעמען, דאס אף איינעם, דאַ אף דעם אנדערן; נאָר פלוצים האט אים עפעס אזוינס ער־שטוינט אין גרושענקעס געזיכט און אין דער זעלביקער רגע האט עפעס גאר נייעס אזוינס א בליץ געטאן אין דעם רעיון זיינעם, — א מאדנער נייער געדאנק!

— פּאַני אַגריפּינאַ! — האט אנגעהויבן דער קליינינקער פּאַן, דער גאנצער רויט פון אויפגעבראכטקייט, ערשט מיטאמאל איז מיטיאַ צוגעגאנגען צו אים און אים א קלאַפּ געטאן איבערן פּלייצע.

— יאַסנאָוועלמאָזשני, אף צוויי ווערטער.

— טשעגאָ כצעש, פּאַניע? (וואס ווילסטו?)

— קום אין יענעם צימער, אין יענעם פּאָקאָי, איך וועל דיר זאָגן צוויי גוטע ווערטער, גאר גוטע, וועסט בלייבן צופרידן.

דער קליינינקער פּאַן האט זיך פארוואונדערט און אומזיכער א קוק געטאן אף מיטיען. איז אבער פונדעסטוועגן גלייך מסכים געווען, נאר בתנאי, אז פּאַן ווראבליעווסקי זאל אויך מיטגיין.

— די לייב־וואַך הייסט דאס? — זאל ער אויך זיין, מ׳דארף אים אויך! מ׳דארף אים אפילו ניט אנדערש! — האט אויסגערופן מיטיאַ. — מאַרש, פּאַנאָוויע!

— וואוהין איז דאס? — האט גרושענקאַ אומרואיק א פרעג געטאן.

— מיר קומען די רגע צוריק, — האט געענטפערט מיטיאַ. עפעס א מין דרייסטקייט, עפעס א מין אומגעריכטער מוט האט א פינקל געטאן אף דעם געזיכט זיינעם; גאר ניט מיט דעם פנים איז ער אריין מיט א שעה צוריק אין אט דעם דאזיקן צימער. ער האט אריינגעפירט די פּאַנעס אין דעם צימער וואס אף רעכטס, ניט אין דעם גרויסן, וואו דער כאָר פון די מיידלאך האט זיך צונויפגעקליבן און מ׳האט געגרייט דעם טיש, נאר אין שלאפצימער, וואו עס זיינען געשטאנען גרויסע קופּערטן, און קערעב און צוויי גרויסע בעטן מיט ציצענע קיסנס, יעדע בעט ביז צום באלקן, אף א קליינינקן ווייסן הילצערנעם

טישעלע, אין סאַמן ווינקל, האט געברענט א ליכטל. דער פֿאַן און מיטיאַ האבן זיך אוועקגעזעצט בא אָט דעם דאזיקן טישעלע איינער אנטקעגן דעם אנדערן, און דער לאנגער פֿאַן ווּרובליעווסקע לעבן זיי פון זייט, פֿארלייגנדיק די הענט אף הינטן. די פֿאַנעס האבן געקוקט שטרענג, אבער מיט א בולטער נייַגעריקייט.

— טשיעם מאָגעם סלוזשיץ פֿאַנו? — האט ארויסגעשאטן דער קלײנינקער פֿאַן.

— אט מיט וואס, פֿאַניע, איך וועל קיין סך ניט רעדן: נאַ דיר געלט, — ער האט ארויסגעשלעפט זיינע אַסיגנאַציעס, — ווילסט האבן דריי טויזנט רובל, נעם און פֿאָר אַוועק, וואוהין דו ווילסט.

דער פֿאַן האט געקוקט פֿאָרשנדיק מיט די אויסגעשטעלטע אויגן, האט זיך פשוט איינגעגעסן מיטן בליק אין מיטיעס פנים.

— טרזשי טיסיאָנצי, פֿאַניע? (דריי טויזנט?) — ער האט זיך דורכגעקוקט מיט ווּרובליעווסקען.

— טרזשי, פֿאַנאָווע, טרזשי! הער אויס פֿאַניע, איך זע, אז דו ביזט א מענטש ניט קיין נאַר. נעם די דריי טויזנט רובל און גיי זיך אוועק צו אלדי רוחות, אבער ווּרובליעווסקען נעם אויך מיט זיך — דו הערסט? אבער תּיכּף, די רגע, נאר שוין אף אויביק, דו פֿארשטייסט, פֿאַניע, אף אויביק אט טאקע פון אָט־אַ דער טיר ארויס. וואס האסטו דארטן: אַ מאַנטל, אַ פוטער? איכ'ל דיר ארויסטראגן. אָט די רגע וועט מען דיר איינשפּאַנען אַ טראָיקע און — דאָ ווידזיעניאַ פֿאַניע! האַ!

מיטיאַ האָט מיט זיכערקייט געוואַרט אף אַן ענטפֿער. ער האט ניט געצווייפלט. עפּעס אויסערגעוויינלאַך אַנטשלאָסענעס אַזוינס האָט אַ בליץ געטאָן אַפן פֿאַנס פנים.

— און די געלט, פֿאַניע?

— מיט די געלט איז אָט ווי, פֿאַניע: פינף הונדערט רובל באַקומסטו תּיכּף אַף אַ פור און אַלס אויפגאָבּ, און צוויי טויזנט פינף הונדערט מאָרגן אין שטאָט — איך שווער דיר אַף מיין הן, אַז עס וועט זיין, איך וועל אַרויסקריגן פון אונטער דער ערד! — האָט אויסגערופן מיטיאַ.

די פּאָליאַקן האָבן זיך ווידער דורכגעקוקט. דעם פּאַנס פּנים האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן אַף ערגער.

— זיבן, זיבן הונדערט, ניט קיין פינף הונדערט, אָט איצט, תיכּף אין האַנט! — האָט מיטיאַ דערלייגט, דערשפּירנדיק עפּעס ניט קיין גוטס. — וואָס איז, פּאַן? דו גלויבסט ניט? מ׳קאָן דאָך דיר ניט געבן די גאַנצע דריי טויזנט מיטאַמאָל. איכ׳ל דיר געבן, און דו וועסט נאָך מאָרגן קומען צוריק צו איר... און איך האָב גאָר גלאַט איצט ניט די גאַנצע דריי טויזנט, עס ליגט בײַ מיר אינדערהיים אין שטאָט — האָט מיטיאַ געפּלאַפּלט, ציטערנדיק און ווערנדיק אָפּ־העניטיק בײַ יעדן וואָרט זײַנעם, — כ׳לעבן ווי עס ליגט, באַהאַלטן...

אין איין רגע האָט אַ געפיל פון אומגעוויינלאַכער זעלבסט־חשיבות אַ לויכט געטאָן אַפן קליינינקן פּאַנס פּנים:

— טשי ניע פּאָטשעבויעש יעשטשע טשעגאָ? — (דאַרפסט אפשר נאָך עפּעס?). האט ער א פרעג געטאן מיט אן איראָניע — פּע! אַ פּע! (אַ חרפּה, א שאַנדע!). — און ער׳ט אַ שפּיי געטאָן. אַ שפּיי געטאָן האָט אויך פּאַן ווראַבליעווסקי.

— דאָס שפּייסטו דעריבער, פּאַניע, — האָט אַ זאָג געטאָן מיטיאַ, ווי אַ פאַרצווייפלטער, פאַרשטייענדיק, אַז אַלצדינג האָט זיך געענדיקט, — דו שפּייסט דעריבער, ווייל דו רעכנסט בײַ גרושענקען מער קריגן. קאַפּלונעס זייט איר ביידע, אָט וואָס!

— יעסטעם דאָ זשיווּעגאָ דאָטקנענטים! (כ׳בין באַליידיקט ביז דער העכסטער מדרגה!) — איז מיטאַמאָל אַזש רויט געוואָרן דער קליינינקער פּאַן, ווי אַ ראַק, און, ווי ניט וועלנדיק מער קיין זאַך צו הערן, איז ער האַסטיק, שרעקלאַך אויפגערעגט, אַרויס פון צימער. נאָך אים איז, וויגנדיק זיך, אַוועק אויך פּאַן ווראַבליעווסקי, און נאָך זיי ביידן שוין מיטיאַ אויך, אַ פאַרשעמטער און אַ מבולבלדיקער. ער האָט מורא געהאַט פאַר גרושענקען, ער האָט געשפּירט, אַז דער פּאַן וועט באַלד מאַכן סקאַנדאַל. אַזוי איז טאַקע געווען. דער פּאַן איז אַריין אין זאַל און האָט זיך טעאַטראַליש אַוועקגעשטעלט פאַר גרושענקען.

— פּאַני אַגריפּינאַ, יעסטעם דאָ זשיווּעגאָ דאָטקנענטים!

—האָט ער געהאַט אויסגערופן, נאר גרושענקאַ האט ווי מיטאַמאָל פארלאָרן יעטווידע גערולד, עפּעס ווי מ׳וואלט זי אָנגעריִרט אָן דעם סאַמן ווייטאָקדיקסטן אָרט.

— רוסיש, רעד רוסיש, עס זאל מיר קיין איין ווארט פּויליש ניט זיין! — האט זי אָנגעהויבן שרײַען אף אים. — האסט דאך גערעדט אַמאָל רוסיש, נישיים זע האסט זיך פארגעסן אין פינף יאָר! — זי איז די גאַנצע רויט געוואָרן פאַר כעס.

— פּאַני אַגריפּינאַ...

— איך הייס — אַגראַפענאַ, איך הייס — גרושענקאַ, רעד רוסיש, אַניט וועל איך ניט הערן אפילו! — דער פּאַן האָט צוליב זיין האָנער שיר געשלונגן די ווערטער און האָט אַף־גיך און מיט פוריע אַ זאָג געטאָן:

— פּאַני אַגראַפענאַ, יאַ פשייעכאַל (איך בין געקומען צופאָרן) אַף צו פאַרגעסן דאָס אַלטע און מוחל צו זיין, פאַרגעסן אָן אַלץ, וואָס ס׳איז ביז היינט געווען...

— וואָס מוחל זיין? דאָס ביזטו, הייסט דאָס, געקומען מיר מוחל זיין? — האָט איבערגעשלאָגן גרושענקאַ און איז אויפגעשפרונגען פון אָרט.

— יע, פּאַני, יע, מיר זיינען ניט קליינ־מוטיק, נאָר גרויס־מוטיק. נאָ יאַ בילעם זדזיוויאָני (איך בין אָבער געווען פאַרוואונדערט), אַז איך האָב דערזען דיינע ליובאָווניקעס. פּאַן מיטיאַ האָט מיר געגעבן אין יענעם פּאָקאָי דריי טויזנט רובל, אַז איך זאָל אַוועקגיין. איך האָב אַ שפּיי געטאָן דעם פּאַן אין פיזיאָנאָמיע.

— וואָס? ער האָט דיר געגעבן געלט פאַר מיר? — האָט היסטעריש אויסגעשריען גרושענקאַ. — ס׳איז אמת, מיטיאַ? ווי האָסטו זיך דאָס דערוועגט? איך בין דען אַ גאַסן־פרוי?

— פּאַניע, פּאַניע, — האט מיטיא אַ ברום געטאָן, — זי איז ריין און לויטער, און איך בין קיינמאל ניט געווען איר ליובאָווניק! דו האסט געלײַגט...

— ווי דערוועגסטו זיך צו פאַרטיידיקן מיך פאר אים? — האט גרושענקאַ געשריען. — ניט אויס מעשים טובים בין איך געווען ריין

און ניט דערפֿאַר, וואס איך האב מורא געהאט פֿאַר קוזמאַ, נאר כּדי צו זיין אנטקעגן אים שטאָלץ, און כּדי האבן דאס רעכט אים, דעם אויסוואורף, צו זאָגן א מאָל, אז איך וועל אים טרעפֿן, נישיים זע אָבער האט ער פֿון דיר ניט גענומען קיין געלט?

— האט גענומען, אוודאי גענומען! — האט אויסגערופֿן מיטיאַ, — האט נאר געוואָלט די גאַנצע דריי טויזנט פֿאר א מאָל, און איך האב נאר געגעבן זיבן הונדערט אַן אויפֿגאָבּ,

— נו, אוודאי: האט דערשמעקט, אז איך האב געלט, איז ער דאָס דעריבער געקומען חתונה האָבן!

— פֿאַני אגריפֿינאַ, — האט אנגעהויבן שרייען דער פּאַן, — איך בין א ריטער, איך בין — א שלאכטיטש, און ניט קיין ליידאַק! איך בין געקומען — נעמען דיך פֿאר א ווייב, און איך זע א נייע פּאַניע, ניט יענע וואס אמאל, נאר אן עקשנטע און אָן בושה.

— טאָ טראָג זיך טאַקע אפּ אַהין, פֿון וואנען דו ביזט געקומען! די רגע הייס איך דיך ארויסוואַרפֿן און מ׳וועט דיך ארויסוואַרפֿן! — האָט גרושענקאַ אַ געשריי געטאָן מלא רציחה. — א נאַר, אַ נאַר בין איך געווען, וואס איך האב פֿינף יאר צײַט זיך געפּייניקט! און איך האב גאר גלאַט ניט צוליב אים זיך געפּייניקט, איך האב אויס וואוט זיך געפּייניקט! און דאָס איז גארניט ער אפילו, וואסי ער איז דען געווען אַזאַ? ס׳איז עפּעס א מין טאַטע זיינער! וואו האסטו דאס אויסגעזוכט דעם פֿאַריקל דיינעם? יענער איז געווען א סאָקאָל און דאס איז א קאטשער, יענער פֿלעגט זיין לוסטיק און פֿלעגט מיר זינגען לידער... און איך, איך האב זיך פֿינף יאר באַגאָסן מיט טרערן, אַ פֿארשאָלטענער נאַר בין איך, א נידעריקע בין איך, אן אומפֿארשעמטע!

זי איז אנידערגעפֿאלן אף איר שטול און פֿארדעקט דעם פּנים מיט די הענט. אין דער זעלביקער ווײַלע האט זיך פֿון דעם דער־בייאיקן צימער וואָס אף לינקס דערהערט מיטאמאל דער כאָר פֿון די מאָקראָיער מיידלאַך, וואס זיינען זיך ענדלאך צונויפֿגעקומען, — עס האָט זיך געטראָגן א פֿריילאַך טאַנץ־לידי

— אַ סדום איז דאס! — האָט א בריל געטאָן מיטאַמאָל פּאַן ורובלעווסקי, — באַלעבאָס, ווארף זיי אַרויס די אומפֿארשעמטע!

דער באַלעבאָס, וואָס האָט שוין פון לאַנג מיט נייגעריקייט אַריינגעקוקט אין טיר, הערנדיק קולות און שפּירנדיק, אז די געסט האָבן זיך צוקריגט, האָט זיך די רגע באַוויזן אין צימער.

— וואָס רײַסטו זיך וואס, וואס רײַסטו די געמבע? — האט ער זיך אַ קער געטאָן צו ווּרובליעווסקען מיט עפּעס אַן אומפאַר־שטענדלאַכער ניטהעפלאַכקייט אפילו.

— פאַרך! — האָט געגומען ברילן פאַן ווּרובליעווסקי.

— פאַרך? און דו האסט מיט וועמעס קאָרטן אָט איצטער געשפּילט? איך האב דיר דערלאנגט א טעסל קאָרטן, האסטו מיין טאַס באַהאַלטן! דו האסט מיט פאַלשע קאָרטן געשפּילט! פאַר פאַלשע קאָרטן קאָן איך דיך פאַרשיקן אין סיביר, ווייסטו דאס, וואָרים פאַלשע קאָרטן איז אלץ איינס ווי פאַלשע געלט . . . — און, צוגייענדיק צום זאָפּע, האָט ער אריינגעשטופּט די פינגער צווישן ווענטל פון קיסעלע און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ ניט קיין פאַנאַנדערגע־חתמעטן טעסל קאָרטן.

— אט איז מיין טאַס קאָרטן, ניט קיין געעפנטער אפילו! — ער האט אויפגעהויבן דעב טאַס קאָרטן און באַוויזן אלעמען ארום און אַרום, — איך האָב דאך פון דאָרטן־אָ געזען, ווי ער האָט אַריינ־געשטופּט מיין טעסל קאָרטן אין שפּאַלט און פאַרביטן מיט זיינעם אַ טאַס, — אַ גנב ביזטו, ניט קיין פאַן!

— און איך האָב געזען, ווי יענער פאַן האט צוויי מאָל פאַר־ביטן אַ קאָרט, — האָט אַ געשריי געטאָן קאַלגאַנאָווי.

— אוי, ס'אראַ חרפּה, אוי, ווי מיאוס! — האָט גרושענקאַ אויס־גערופן, געבנדיק א פאַטש מיט די הענט און איז באמת רויט געוואָרן פאר שאנדע, — גאָט מיינער, וואס פאר א אַמענטש דאס איז געווארן!

— איך האָב דאס אויך געטראַכט, — האָט אַ געשריי געטאָן מיטיאַ, ער האָט אָבער ניט באַוויזן דאָס אַרויסצורעדן, ווי פאַן ווּרובליעווסקי, א פאַרשעמטער און ווילד פאַר כעס, האָט זיך א קער־טאָנדיק צו גרושענקען און דראענדיק איר מיט דער פויסט, גענומען שרייען:

— פּובליטשנאַ שעלמאַ! (כאָנטע דו, גאַסן־פּרוי) — נאָר ער האָט

דאָס ניט באַוויזן אַרויסצובּרענגען פון מויל, ווי מיטיאַ האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אף אים, ט׳אים געגעבן אַ נעם ארום מיטביידע הענט, אַ הייב־אויף און אין איין רגע ארויסגעטראָגן אים פון זאַל ארויס אין דעם צימער וואָס אף רעכטס, וואוהין ער האָט זיי נאר־וואָס ביידן געפירט.

— איך האָב אים דאָרטן אַנידערגעלייגט אף דער ערד! — האט ער מודיע געווען, קומענדיק גלייך צוריק און שווער עטעמענדיק פון אויפרעגונג, — ער דראַפּעט זיך דער טייוול, נישקשה ער׳ט שוין ניט קומען פון דאָרטן!... — ער האָט פארמאַכט איין האַלבע טירל און, האלטנדיק די אנדער העלפט אינגאַנצן אָפן, האָט ער געגעבן אַ רוף צום קליינינקן פּאַן:

— יאַסנעוועלמאָזשני, צי זייט איר אויך ניט קיין בעלן אהין? פשעפּראַשאַם!

— פּאָטערל, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, — האט זיך געלאָזט הערן טריפאָן באָריסיטש, — נעם דאָך אָפּ באַ זיי די געלט, די געלט, וואָס דו האָסט באַ זיי פאַרשפּילט. ס׳איז דאָך אלץ איינס ווי זיי האָבן געגנבעט באַ דיר.

— איך וויל ניט אָפּנעמען מיינע פופציק רובל, — האָט זיך מיטאמאָל אָפּגערופן קאַלגאַנאָוו.

— און איך מיינע צוויי־הונדערט אויך ניט, איך וויל אויך ניט! — האָט מיטיאַ אויסגערופן, — איך וועל בשום אופן ניט אָפּנעמען, זאָל ער האָבן נחת פון דעם.

— גערעכט, מיטיאַ! ביזט אַ מענטש, מיטיאַ! — האָט גרושענקאַ אויסגערופן, און א שרעקלאך אויפגערייצטער טאָן האָט אדורכגעקלונגען אין איר אויסרוף. דער קליינינקער פּאַן, פייער־רויט פאר אויפגעבראכטקייט, אבער ניט אָנהייבנדיק צו פארלירן זיין חשיבות, האט געהאט גענומען גיין צום טיר, איז אבער געבליבן שטיין און מיטאַמאָל א זאג געטאָן, ווענדנדיק זיך צו גרושענקען:

— פּאַני, יעזשעלי כציעש איסק זאַ מנאָיו, אידזימי, יעזשעלי ניע — ביוואַי זדראָוואַ! (אויב דו ווילסט גיין מיט מיר — טאָ קום, אויב ניט — טאָ זיי געזונט!)

און מיט חשיבות, סאָפּעטנדיק פאר אויפגעבראכטקייט און אַמביציע, איז ער ארויס דורכן טיר. ס׳איז געווען א מענטש מיט א פעסטן כאראקטער: ער האט נאָך נאָך דעם אלעמען, וואָס ס׳איז פאָר־געקומען, ניט פארלארן די האפענונג, אז די פאניע וועט אוועקגיין מיט אים, — אף אזוי פיל האט ער געהאלטן פון זיך. מיטיאַ האט א קלאַפּ געטאָן די טיר נאָך אים.

— פארשליסט זיי טאקע, — האט זיך אָנגערופן קאַלגאַנאָוו.

די קליאַמקע האט אבער געגעבן א קלאַפּ פון זייער זײַט, זיי האבן זיך אליין פארשלאסן.

— אויסגעצייכנט! האט מיט כעס און אומברחמנותדיק גרושענקאַ ווידער אויסגערופן — אויסגעצייכנט! אָט דאָס פּאַסט פאר זיי!

# VIII

## דער ווילדער חלום

האט זיך אָנגעהויבן כמעט אַן אָרגיע, א הוליען אף וואס די וועלט שטייט. גרושענקאַ האט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן די ערשטע, מ׳זאל איר געבן ווײַן: „טרינקען וויל איך, איך וויל זיך אינגאנצן אָנטרינקען, אינגאנצן ביז שיכור צו ווערן, עס זאל זיין ווי דעמאלט, געדיינקסט מיטיאַ, געדיינקסט, ווי מיר האבן זיך דא דעמאלט באַ־קענט!“ מיטיאַ גופא ווידער האט זיך געפונען ווי ניט אף דער וועלט און געשפּירט פאַרויס „זיין גליק“. גרושענקאַ פלעגט אים, איבעריקנס, כסדר אפּטרייבן פון זיך: „גיי, הוליע, זאג זיי, זיי זאָלן טאנצן, אלע זאלן הוליען, „כאָדאָראָם די שטוב, כאָדאָראָם דער אויוון“, ווי דעמאלט, ווי דעמאלט!“ — האט זי ווייטער געזופן אין התפעלות. געווען איז זי א גרויל ווי אויפגערעגט. און מיטיאַ האט זיך א לאז געטאָן געבן פאראָרדענונגען. דער כאָר האט זיך אויפגעקליבן אין דעם דערבייאיקן צימער, יענער צימער, וואו מ׳איז ביז איצטער געזעסן, איז געווען דערצו צו ענג אויך, און נאָך אפגעצאַמט אין צווייען מיט א ציצענעם פאָרהאַנגל, הינטער וועלכן ס׳איז ווידער געשטאנען

אַ זעער גרויסע בעט מיט אַ פוכענער פערענע און מיט די זעלביקע ציצענע קיסנס ביזן באַלקן. און עס זיינען גלאַט טאקע אין אַט די די אלע פיר „צוגעקליבענע" חדרים פון דער דאזיקער שטוב אומעטום געשטאַנען בעטן. גרושענקאַ האט זיך אויסגעברייט אין סאַמע טיר, מיטיאַ האט איר געבראכט אַהער דעם שטול: פונקט אזוי איז זי „דעמאלט" אויך געזעסן, אין דעם טאג פון זייער ערשטן הוליען דא און האט געקוקט פון דאנען אפן כאָר און אף די טענץ. די מיידלאך זיינען געקומען טאקע אלע וואס דעמאלט. די זשידקעס מיט די פידלען און די צימבלען זיינען אויך געקומען, און ענדלאך איז אָנגעקומען אויך די אזוי דערוואַרטע פור אף דער טראָיקע מיט די וויינען און מיט די פראָדוקטן. מיטיאַ האָט ארומגעשמאַיעט. אין צימער זיינען אריינגעקומען קוקן זייטיקע אויך, פויערים און פויערטעס, וואָס האָבן שוין געהאַט געשלאָפן, וואס זיינען אָבער אויפגעשטאַנען און דערשמעקט א ניט קיין געוויינלאכן כיבוד, אט ווי מיט א חודש צוריק. מיטיאַ האט זיך געגריסט און געקושט זיך מיט באַקענטע, איינציגע האט ער דערקענט, האט געעפנט פלאשן און געגאסן אלעמען ווען געטראָפן. אף דעם שאַמפאניער האבן זיך שטארק א וואָרף געטאן נאָר די מיידלאך, די פויערים אקעגן־זשע איז געפעלן געווען מער דער ראָם און קאָניאַק און דערהויפט דער הייסער פונש. מיטיאַ האָט פאראָרדנט, מ׳זאל מאכן שאָקאָלאַד פאר אלע מיידלאך, און אז א גאַנצע נאַכט זאָלן דריי סאַמאָוואַרן ניט אויפהערן צו קאכן צו טיי און צו פונש פאר יעדערן, וואס וועט קומען: ווער עס וויל זאל זיך מכבד זיין. מיט איין ווארט, עס האט זיך אנגעהויבן עפעס אזוינס ווילדעס און אומגעלומפערטעס, אבער מיטיאַ איז געווען גליקלאך שבגליקלאך, און וואס אומגעלומפערטער ס׳איז אלץ געווארן, אלץ מער איז ער לעבעדיק געווען. ווען אײנער א מוזשיק וואלט בא אים אין יענער ווײלע א בעט געטאן געלט, וואלט ער די רגע ארויסגעכאפט זיין גאנצן פעקל און וואלט אנגעהויבן טײלן אף רעכטס און אף לינקס אָן א חשבון. אט פאַרוואס, מסתמא, כדי איינצוהיטן מיטיען, האט זיך דאס ארומגעדרייט ארום אים כמעט ווי ניט אפטרעטנדיק דער באַלעבאָס, טריפאָן באָריסיטש, וואס האט שוין,

דאכט זיך, גארניט געטראכט פון צו צו־לייגן זיך די נאכט, וואס האט אבער געטרונקען אויך ווייניק (האט אויסגעטרונקען סך הכל איין גלעזל פונש), און, ווי עס האט פאר אים געפאסט, שארף אַכטונג געגעבן אף מיטיעס אינטערעסן. אין די נויטיקע מינוטן פלעגט ער פריינדלאך און חניפהדיק אָפשטעלן אים און צורעדן, ניט געלאזן אים באטיילן, ווי „דעמאלט" די מוזשיקעס מיט „ציגאַרקעס און ריַין־וויַין" און, גאָט באַהיט, מיט געלט, און איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט, וואס די מיידלאך טרינקען ליקער און עסן קאָנפעקטן: „ס'איז דאך היילע ליַיז, מיטרי פיאָדאָראָוויטש, — פלעגט ער זאגן: — איך וועל יעדער איינציקער פון זיי געבן אַ זעץ מיטן קני, און איכ'ל נאָך הייסן האַלטן דאס פאַר א כבוד, — אט ווער דאס זיינען"! מיטיאַ האט זיך נאך אַ מאל דערמאנט אָן אַנדרייען און געהייסן מ'זאל אים אוועקטראגן פונש: — „איך האב אים פריער באַעוולט", — האט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן מיט אַן אפגעשוואכטער און רירנדיקער שטים. קאַלגאַנאָוו האט אין אָנפאנג ניט געוואלט טרינקען, און דער כאָר פון די מיידלאך איז אים אויך ניט שטארק געפעלן גע־ווארן, נאר, נאכדעם ווי ער האט אויסגעטרונקען נאך א צוויי גלעזער שאַמפּאַניער, איז ער שרעקלאך לעבעדיק געווארן, האט ארומגעשפרייזט איבער די צימערן, געפרייט זיך און אַלצדינג און אלעמען געלויבט, סיַי די לידער, סיַי די מוזיק. מאַקסימאָוו, אַן איבערגליקלאכער און א שכורינקער, איז ניט אפגעטראטן פון אים. גרושענקאַ, וואס האט אויך אנגעהויבן ווערן שכורלאך, האט געוויזן מיטיען אף קאַלאַגאַנאָוון: „ס'ארא ליבינקער ער איז, ס'ארא חיותדיקער אינגעלע!" און מיטיאַ איז מיט התפעלות געלאָפן קושן זיך מיט קאַלאַגאַנאָוון און מאַקסימאָוון. אָ, ער האט זעער פיל וואס געשפירט: זי האט אים נאך קיין זאך ניט געזאגט אזוינס און קענטיק ווי מיט א כיוון אפילו זיך אפגעהאלטן פון צו זאגן, מער ניט ווײַלע־ווייז געקוקט אף אים מיט א צערטלדיקן, אָבער הייסן בליק. ענדלאך, האט זי אים מיטאמאל געגעבן פעסט אַ נעם פארן האנט און מיט כוח א צי געטאן צו זיך. אליין איז זי געזעסן דעמאלט אפן פאָטער־שטול אין טיר.

— ווי אזוי ביזטו דאס פריער אריינגעגאנגען! האַ? ווי

ביזטו דאס אריינגעגאנגען! ··· איך האב זיך אזוי דערשראָקן· ווי האָסטו דאס מיך געוואלט אָפּלאָזן אים· האַ? האסט טאקע געוואלט?

— כ'האב דעם גליק דײַנעם ניט געוואלט פּטרן! — האט איבער־גליקלאך מיטיאַ געפּלאַפּלט צו איר· נאר זי האט גארניט געדארפט אפילו זיין ענטפער·

— נו· גיי זיך ··· הוליע — האט זי אים ווידער אפּגעטריבן פון זיך· — און וויין ניט· איך וועל דיך נאך א מאל צורופן·

און ער איז אוועקגעפלויגן· און זי האט ווייטער גענומען הערן די לידער און קוקן אף די טענץ· היטנדיק אים מיטן בליק· וואוהין ער זאל זיך ניט א קער טאָן· און אין א פערטל שעה ארום ווידער צוגערופן אים· און ער איז ווידער צוגעלאפן·

— נו· זעץ זיך אנידער איצט לעבן מיר, דערציילֿ· ווי האסטו זיך דערוואוסט נעכטן וועגן מיר· אז איך בין אהער אוועקגעפאָרן; ווער האט דיר דער ערשטער איבערגעגעבן?

און מיטיאַ האט אָנגעהויבן אלץ דערציילן· צעוואָרפן· אָן א סדר· מיט אימפּעט· האט אבער עפּעס מאדנע דערציילט· פלעגט אפט אָנכמורען פּלוצים די ברעמען און אָפּהאַקן זיך·

— וואָס כמורעסטו זיך וואָס? — פלעגט זי אים פרעגן·

— קיין זאך ניט ··· כ'האב געלאזן דארטן איינעם א קראַנקן· אז ער וואָלט געזונט געוואָרן· ווען איך וואלט געוואוסט· אז ער'ט געזונט ווערן· וואָלט איך די רגע אוועקגעגעבן צען יאָר פון מיין לעבן!

— נו איז א קראַנקער· וועט אים גאט העלפן· איז נישיים זע האסטו דאס געוואָלט מארגן דערשיסן זיך· שוטה דו· און פרעג פאר וואָס? אט אזוינע ניטגעשטעלטע· ווי דו· האב איך ליב· — האט זי געפּלאַפּלט צו אים און איר צונג איז שוין א ביסל שווער געווארן· — ועסטו דאָס גיין פאַר מיר אף אלץ? האַ? און נישיים זשע האסטו· זיך דאס· נאַרעלע· מיט אן אמת געוואלט מארגן דערשיסן! ניין· ווארט אויף· מארגן וועל איך דיר· אפשר· עפּעס זאָגן אזוינס ··· ניין· ניט היינט וועל איך זאגן· נאר מארגן· און דו וואלסט מסתמא געוואלט היינט? ניין· היינט וויל איך ניט··· נו· גיי זיך· גיי זיך איצטער· הוליע·

איין מאל פונדעסטוועגן האט זי אים צוגערופן ווי געפינענדיק זיך אין עפּעס א פֿאַרלעגנהייט און פֿאַרזאָרגט.

— פאר וואס ביזטו באטריבט? איך זע׳ דו ביזט באטריבט... ניין, איך זע גוט, — האט זי צוגעגעבן, איינקוקנדיק זיך שארף אין זיינע אויגן. — כאטש דו קושט זיך אַפילו דארטן מיט די פּויערים און דו ליאַרימסט, נאָר איך זע אבער עפּעס. ניין, דו דארפסט זיַין פריילאַך, איך בין פריילאַך, דאַרפסטו אויך זיין פריילאַך... איך האב דא עמיצן ליב, טרעף וועמען?.. אַי, גיב אַ קוק: דער אינגעלע מיינער איז איינגעשלאָפן, איז געבאַך שיכור געווארן.

זי האט געמיינט קאַלגאַנאָוון: ער איז באמת שיכּר געווארן און איז זיצנדיק אפן דיוואַן איינגעשלאפן אף א רגע. און טאקע ניט נאר פון דעם שיכּור ווערן אַליין איז ער איינגעשלאפן, ס׳איז אף אים מיטאַמאל עפּעס אַן אומעט אַרויף, אדער ווי ער׳ט געזאגט, א „לאנגווייליקייט", שטארק אפּהענטיק האבן אים שפּעטער געמאכט אויך די מיידלאַכס לידער, וואס האבן אנגעהויבן אַריבערצוגיין, בהדרגה מיטן טרינקען, אין עפּעס שוין גאר זעער פּעפּערדיקס און אויסגעלאַסענעס. הײנט טאַקע גלאט די טענץ זייערע אויך: צוויי מיידלאַך האבן זיך איבערגעטאן אין בערן, און סטעפּאַנידאַ, אַ לעבעדיק מיידל מיט אַ שטעקן אין האנט, איז געוועזן דער פירער, און זיי אנגעהויבן פירן „אף צו באַווייזן". „לעבעדיקער, מאַריאַ, — האט זי געשריען, — א ניט קריגסטו מיטן שטעקן!" די בערן זיינען סוף כּל סוף, אנידערגעפאלן אף דער ערד עפּעס גאר ניט אין קיין אָנשטענדיקער פּאָזע, בּאַ אַ שטאַרקן געלעכטער פון דעם געדיכטן פארשיידענעם עולם פון די פּויערים און פּויערטעס. — „ס׳אַ דאגה דאס איז, ס׳ א דאגה, — האָט גרושענקאַ אנגערופן זיך סענטענציעז מיט אַ גליקלאַכער מינע אפן פּנים, — אַז עס מאַכט זיך זיי אַ טאָג לוסטיק צו זיין, טאָרן זיי זיך דאס ניט פרייען?" קאלגאַנאָוו ווידער האט אויסגעזען אַזוי, ווי ער וואלט, במחילה, זיך אין עפּעס איַינגעריכט: — „אַ חזריי איז דאס אלץ, אט די גאנצע פאלקסטימלאַכקייט", האט ער אַ זאג געטאן אפּגייענדיק אָן אַ זייט — „דאס זיינען די פרילינגס־שפּילן זייערע, בעת זיי היטן אפּ די זון אַ גאַנצע זומערדיקע

נאכט". דער עיקר אבער איז אים ניט געפעלן געוואָרן עפּעס איינע אַ „נײַע" לידל מיט אַ פריילאַכן צושפּיל, ווי ס'איז געפאָרן אַ פריץ און געפרעגט דאָרפישע מיידלאַך:

פרעגט אַ פריץ באַ די מיידלאַך,
איר ליבט מיך, מיידעלאַך, צי ניט?

נאָר די מיידעלאַך איז אויסגעקומען, אַז מ'טאָר ניט ליב האָבן קיין פּריץ:

שלאָגן וועסט דאָך, פריץ־קרוין,
וועל איך דיך ניט ליבן ניין.

פאָרט דערנאָך אַ ציהאַן (זינגען ט'מען געזונגען שטעלנדיק דעם טראָפּ אפן „יוד") און פרעגט אויך:

פרעגט אַ ציהאַן באַ די מיידלאַך,
איר ליבט מיך, מיידעלאַך, צי ניט?

מ'טאָר אבער קיין ציהאַן אויך ניט ליב האָבן:

גנב'נען וועט דער ציהאַן פערד,
און איכ'ל שוואַרץ זיין, ווי די ערד.

און נאָך אַסך זיינען אַזוי דורכגעפאָרן, וואָס האָבן אויס־געפרעגט די דאָרפישע מיידלאַך, אַ סאָלדאַט אַפילו:

פרעגט אַ זעלנער באַ די מיידלאַך,
איר ליבט מיך, מיידעלאַך, צי ניט?

מ'וויל אבער אפילו אין זײַן זײַט ניט קוקן:

דו'סט דעם ראַנעץ, זעלנער, טראָגן,
און איכ'ל . . .

דאָ איז שוין געקומען גאָר אַ געזאַלצענער פערז, וואָס מ'האָט אפּגע־זונגען אינגאַנצען פריי־און פראַנק און וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. די מעשה האָט זיך געענדיקט ענדלאַך מיט אַ סוחר:

פרעגט אַ סוחר באַ די מיידלאַך,
איר ליבט מיך, מיידעלאַך, צי ניט?

און עס לאָזט זיך אויס, אַז זעער שטאַרק, וואָרים

ס'וועט דער סוחר האַנדלען פאָרן,
און איכ'ל האָבן גוטע יאָרן.

קאַלגאַנאָוו איז אַזש אויפגעצונדן געוואָרן:

— ס׳איז גאר דאס נעכטיקע לידל, — האט ער זיך אנגערופן אפן קול, — ווער פאַרפאַסט זיי דאס פאר זיי! עס פעלט נאך, אַז אַן אייזענבאַנער צי אַ זשיד זאלן דורכפאָרן און פרעגן די מיידלאך: זיי וואלטן אַלעמען איבערגעשטיגן. — און כמעט אַ באַליידיקטער, האט ער גלייך טאַקע געלאזט וויסן, אז ס׳איז אים לאַנגווייליק, און האט זיך אַוועקגעזעצט אפן זאפע און האט מיטאַמאל איינגעדרעמלט. דאס שייניִנקע פנימל זיינס איז עטוואס בלייך געווארן און איז געלעגן אנגעשפאַרט אפן קיסן פון זאָפע.

— גיב אַ קוק, ס׳אַראַ שייניקער ער איז, — האט געזאגט גרושענקאַ, צופירדנדיק מיטיען צו אים, — איך האָב אים פריער דאס קעפעלע אויסגעבאָרסטן, די הערעלאַך זיינען פונקט ווי פלאַקס און אזוינע געדיכטע . . .

און אַ בויגטאָנדיק זיך גערירט צו אים, האט זי אים א קוש געטאן אין שטערן. קאַלגאַנאָוו האט די רגע אויפגעמאכט די אויגן, אַ קוק געטאן אף איר, זיך געגעבן אַ הייב און מיט אַ שטארק־פאַרזאָרגטן פנים אַ פרעג געטאן: וואו איז מאַקסימאָוו?

— אָט וועמען ער דאַרף גאר האָבן, — האט גרושענקאַ אנגעהויבן לאַכן: — בלייב דאך מיט מיר אַ ווייליקע. מיטיאַ, גיב אַ לאָף נאך זיין מאַקסימאָוון.

ס׳האט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַקסימאָוו האט שוין גאר אַפילו ניט אפגעטראטן פון די מיידלאַך, פלעגט מער ניט ווײלע־ווייז אַ לאָף טאן אָנגיסן פאר זיך א טראפּעלע ליקער, שאָקאָלאַד ווידער האט ער שוין אויסגעטרונקען צוויי טאַסן. דאס פנימל זיינס האט געברענט און די נאז געפלאמט, די אויגן זיינען געווארן פייכטינקע, אזוינע זיסלאַכע. ער איז צוגעלאפן און געזאגט, אז ער וויל באלד״ מיט אַ קליינעם צושפיל״ טאַנצן דעם סאַבאָטיער־טאַנץ.

— מ׳האט דאך נאך מיך אַ קלייניִנקן געלערנט אט די אַלע גוטדערצויגענע אַריסטאָקראַטישע טענץ . . .

— נו גיי זיך, גיי אויך מיט אים, מיטיאַ, און איכ׳ל קוקן פון דאנען, ווי ער וועט דארטן טאנצן.

— ניין, איך וויל אויך, איך גיי אויך זען, — האט אויסגערופן קאַלגאַנאָוו אפּווארפנדיק אפן סאַמן נאאיוון אופן גרושענקעס פאָרשלאג בלייבן מיט איר א ווײַלע. און אלע האבן זיך א לאז געטאן זען. מאַקסימאָוו האט באמת אפּגעטאנצט זיין טאנץ, נאר אַ חוץ מיטיען האט עס כמעט קיינעם ניט געבראכט צו קיין התפעלות. דער גאנצער טאנץ איז באשטאנען פון עפּעס אונטערשפּרינגען און פון אויסדרייען די פיסלאך אף א זייט מיט די פּאדעשוועס אַף אויבן, און בא יעדן שפּרונג א פּאטש טאן מיטן דלאָניע אן דער פּאדעשווע. קאַלגאַנאָוון איז ניט געפעלן געווארן, מיטיאַ אבער האט אפילו אויסגעקושט די גלידער דעם טענצער.

— נו, א דאנק, מיד מסתמא, וואס קוקסטו א הער: ווילסט א קאנפעקט, האַ? א ציגאר אפשר ווילסטו?

— א פּאפּיראסל, כי־כי.

— און אויסטרינקען ווילסט ניט?

— איך וועל מיר דא נעמען א ביסעלע ליקער . . . און שאָקאָלאַד־קאָנפעקטלאך האָט איר גאר ניט?

— אָט ליגט דאך אפן טיש א גאנצער וואָגן, נעם וועלכע דו ווילסט, גארעלע דו איינער!

— ניין, איך וואָלט וועלן אַזאַ, וואס איז געפילט מיט וואַניל . . . פאַר אלטינקע לײַט . . . כי־כי!

— ניין, ברודער, ספּעציעל אזוינע זיינען ניטאָ.

— הערט זיך איין! — האָט זיך מיטאמאל אָנגעבויגן דער אלטעטשקער צום סאמן אויער מיטיעס, — אָט־אָ די מיידעלע, מאַריושקאַ כי־כי, ווי זאָל איך דאס, אויב ס׳איז מעגלאך, באַקענען זיך מיט איר, דורך אייער גוטסקייט . . .

—זע נאר וואס עס האט זיך אים פאַרוואָלט! ניין, ברודער, אַ נעכטיקער טאָג.

— איך טו דאך קיינעם קיין רעה ניט, — האט א באַטריבטער, אַ שעפּטשע געטאָן מאַקסימאָווו.

— נו, גוט, דאָ, ברודער, עסט מען נאר און מ׳טאַנצט,

און, צוריק רעדנדיק, ס'אַ דאגה! וואַרט־אויף . . . זיי זיך מכבד דערווײַלע, עס, טרינק, הוליע, קיין געלד דאַרפסטו ניט!

— שפּעטער סיידן, — האט מאקסימאָוו א שמייכל געטאָן,

— גוט, גוט . . .

דער קאָפּ האָט געבּרענט באַ מיטיען. ער איז אַרויס און פּיר־הויז אַף דער הילצערנער אויבּערשטער גאַלערײַקע, וואָס האָט אַרומגענומען פון אינווייניק, צום הויף־צו, א העלפט פון דעם גאַנצן בנין. די קילע לופט האט אים אפּגעפרישט. ער איז געשטאַנען אליין, אין דער פינצטער, אין ווינקל, און האָט מיטאַמאָל זיך געגעבן א כאַפּ מיט בּיידע הענט פארן קאָפּ. די צעוואָרפענע געדאנקען זיינע האבּן זיך פּלוצים צוזאַמענגענומען, די געפילן צונויפגעגאָסן זיך אין איינס, און אלץ האט געגעבן ליכט. אַ שרעקלאַך, מוראדיק ליכט! „אויבּ יע דערשיסן זיך, איז ווען זשע אויבּ ניט איצט?" — האט זיך אדורכגעטראָגן אין דעם רעיון זיינעם. „א גיי טאָן נאכן פּיסטאָליעט, בּרענגען אים אהערצו און טאַקע אין אָט דעם זעלבּיקן שמוציקן און פינצטערן ווינקל מאכן א סוף", באַ א מינוט כמעט איז ער געשטאַנען און איז געווען ניט אנטשלאָסן, פריער, בעת ער איז געפלויגן אהער, איז הינטער אים געווען שאַנדע, די שוין באַגאַנגענע און געשעענע גנבה און אט די בּלוט, די בּלוט! . . . אבּער דעמאלט איז געווען גרינגער, אָ, גרינגער! דעמאָלט איז דאך שוין געווען נאך אלעמען: זי האָט ער פארלארן, א צווייטן אפּגעטראָטן, זי איז שוין ניט געווען פאר אים, געווען פארשוואונדן, — אָ, דער פּסק־דין איז דעמאלט געווען גרינגער פאר אים, איז יעדנפאַלס אויסגעקומען ניט צו פאר־מיידן, א דורכויס נויטיקער, וואָרים צוליבּ וואס איז געווען צו בּלייבּן לעבּן אַף דער וועלט? אבּער איצטער? וואָסי איצטער איז דען דאס, וואס פריער? איצטער איז, לכל הפחות, מיט איין געשפּענסט, מיט איין מורא, געמאכט א סוף: אָט דער „פריערדיקער" אירער, דער בעל חזקה אירער, אָט דער דאָזיקער פאַטאַלער מענטש איז פאַרשוואונדן, קיין שפּור ניט איבּערלאָזנדיק. אָט דאס מוראדיקע געשפּענסט איז מיטאמאָל פארוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס מאָדנע קליינס, מאָדנע קאָמישעס: מ'האט דאס אף די הענט אוועקגע־

טראגן אין שלאָף־צימער אריין און פאַרשלאָסן מיטן שלאָס. דאס וועט שוין קיינמאל ניט קומען צוריק. זי שעמט זיך, און אָן די אויגן אירע זעט ער שוין איצטער קלאר, וועמען זי האט ליב. איז דאך, דאכט זיך, איצטער נאר צו לעבן און ... און מ'טאָר ניט לעבן, מ'טאָר ניט, אָ, ס'ארא קללה! „גאָטעניו, מאך לעבעדיק דעם דערהרגעטן ביים פּלויט! טראָג אדורך אט דעם שרעקלאכן בעכער פארבײַ מיר! האָסט דאך באוויזן ניסים, גאָטעניו, אויך מיט אט אזוינע רשעים, ווי איך בין! נו און ווי איז, ווי איז אויב דער אלטער לעבט? אָ, דעמאלט וועל איך די שאַנדע פון דעם אנדער פארברעך פארניכטן, איך וועל אפּגעבן צוריק די געגנבעטע געלט, איך וועל דאס אפּגעבן, איך וועל פון אונטער דער ערד קריגן ... קיין שפור פון קיין שאַנדע וועט ניט בלייבן, א חוץ וואס אין הארצן מיינעם אף אויביק! נאר ניין, ניין, אָ אומגליקלאכע, קליינמוטיקע חלומות! אָ, קללה!"

אָבער אלץ האָט אים פונדעסטוועגן ווי א שטראל פון עפּעס א ליכטיקער האפענונג א בליץ געטאָן אין דער פינצטער. ער האָט זיך געגעבן א ריס פון ארט און א לאָז געטאָן זיך אין שטוב אריין — צו איר, ווידער צו איר, צו דער מלכּה זיינער אף אויביק! „נישיים זשע אבער איז איין שעה, איין מינוט ליבע אירע ניט ווערט דעם גאנצן איבעריקן לעבן, כאָטש אפילו אין פּיין פון שאנדע?" אָט די דאזיקע ווילדע פראגע האט א נעם געטאָן זיין האַרץ. „צו איר, צו איר אליין, זי זען, הערן און פון גארנישט ניט טראכטן, אָן אלץ פארגעסן, כאטשבי נאר אף היינטיקער נאכט, אף א שעה, אף א רגע!" ביים סאמן ארייננגאנג אין פירהויז, נאך אפּן גאלע־רייקע, האָט ער זיך אנגעשטויסן אָן דעם באַלעבאָס טריפאָן באָריסיטש. יענער האט אים עפּעס אויסגעזוכט פינצטער און פאַרזאָרגט און איז, דאכט זיך, געגאנגען אויפזוכן אים.

— וואס איז, באָריסיטש, האסט ניט מיך געזוכט?

— ניין, ניט אייך, — איז דער באלעבאָס ווי מיטאַמאָל מטושטש געוואָרן, — וואס האב איך אייך צו זוכן? וואו ... זייט איר דאס דען געוועזן?

— וואס ביזטו אזוי אומעטיק? ביזט ניט אין כעס? וואַרט אויף׳ באַלד וועסטו גיין שלאָפן . . . וויפל איז דער זייגער?

— אַ זייגער דריי וועט שוין זיין׳ און אמאל טאַקע די גאַנצע פיר׳

— באַלד וועלן מיר ענדיקן׳ באַלדי

— גאָט איז מיט אייך׳ וועמען אַרט דאס? וויפל איר ווילט אפילו . . .

״וואס איז מיט אים״? האט א בליץ געטאָן אין מיטיעס רעיון׳ און ער איז ארייננעלאָפן אין צימער׳ וואו די מיידלאך האבן געטאַנצט׳ זי איז אָבער דארטן ניט געווען׳ אין דעם מאַט־בלויען צימער אויך ניט; נאר איין קאַלגאנאָוו האט געדרעמלט אפן זאָפע׳ מיטיא האט א קוק געטאן הינטערן פאָרהאנג — זי איז געווען דארטן׳ זי איז געזעסן אין ווינקל׳ אפן קופערט׳ און׳ אנגעשפארט מיט די הענט און מיטן קאפ אפן דערבייאיקן בעט׳ האט זי געוויינט מיט ביטערע טרערן׳ שטארקנדיק זיך מיט די גאנצע כוחות און איינהאלטנדיק דעם קול׳ מ׳זאל ניט דערהערן׳ דערזען מיטיען׳ האט זי אים א וואונק געטאן צו זיך און׳ אז ער איז צוגעלאפן׳ האט זי אים פעסט אנגעכאפט פארן האנט׳

— מיטיאַ׳ מיטיאַ׳ איך האב דאך אים ליב געהאט! — האט זי אנ־געהויבן שעפטשענדיק צו אים׳ — אזוי ליב געהאט אים׳ די גאנצע פינף יאר׳ די גאנצע צייט׳ די גאנצע צייט! צי האב איך אים ליב געהאט׳ צי נאר די וואוט מיינע? ניין׳ אים! אָך׳ אים! איך לייַג דאך׳ אז איך האב ליב געהאט נאר די וואוט מיינע׳ און ניט אים! מיטיאַ׳ איך בין דאך דעמאלט אלט געווען זיבעצן יאר סך הכל׳ ער איז דעמאלט געווען אזא ליבער צו מיר׳ אזא לוסטיקער׳ פלעגט מיר זינגען לידער . . . אדער ער האט זיך דאס דעמאלט אויס־געוויזן אזא פאר מיר דעם נאַר׳ דער מיידלקע . . . און איצטער׳ גאָט מיינער׳ אז ס׳איז גארניט ער׳ אינגאנצן ניט ער׳ אפילו ניט זיין פנים איז דאס׳ גארניט ער׳ איך האב אים גאר אין פנים ניט דערקענט׳ געפארן בין איך אהער מיט טימאָפייען און רק געטראכט׳ דעם גאנצן וועג געטראכט: ״ווי וועל איך אים טרעפן׳

וואס וועל איך דאס זאגן, ווי וועלן מיר דאס קוקן איינער אפן צווייטן?...״ דאס גאנצע הארץ האט געפלאטערט, און ער האט דא מיך פונקט ווי מיט אן עמער פּאָמיעס אפגעגאסן. רעדט פונקט ווי א לערער: אלץ אזוינע געלערנטע זאכן, וויכטיקע אזוינע, האט מיך מקבל פנים געווען אזוי וויכטיק, אז איך בין צעטומלט געווארן. ניט געווען ווי אַ וואָרט אויסצורעדן. פריער האב איך געמיינט, אז ער שעמט זיך דאס פאר אָט דעם לאַנגן פּאָליאַק זיינעם. איך זיץ, איך קוק אף זיי און טראכט: פארוואס קאן איך דאס איצט קיין איין וואָרט ניט אויסרעדן מיט אים? דו ווייסט, דאס האט אים זיין ווייב געפטרט, אָט די, מיט וועמען ער האט דעמאלט חתונה געהאט, בעת ער האט מיך געווארפן... דאס האט זי אים דארטן איבערגעמאכט. מיטיאַ, ס׳אַראַ שאַנדע דאס איז! אָך, איך שעם זיך, מיטיאַ, איך שעם זיך, אָך, אפן גאנצן לעבן וועל איך זיך שעמען! פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן זאלן ווערן אט די פינף יאר, פאַרשאָלטן! — און זי האט זיך ווידער באַגאָסן מיט טרערן, נאר מיטיעס האַנט האט זי ניט ארויסגעלאזן, האט זיך פעסט געהאלטן אָן איר.

— מיטיאַ, ליבינקער, וואַרט, גיי ניט אַוועק, איך וועל דיר עפעס זאגן, — האט זי אַ שעפּטשע געטאן און האט מיטאמאל אויפגעהויבן דעם פנים צו אים. — הער, זאג ד ו מיר, וועמען האב איך ליב? איך האב דא איין מענטשן ליב. ווער איז דער מענטש? אָט וואס דו מוזט מיר זאגן. — אף דעם פון טרערן אנגעשוואלענעם פנים אירן האט אנגעהויבן לייכטן אַ שמייכעלע, די אויגן האבן געפינקלט אין דער האַלב־פינצטערניש. — ס׳איז אריין פריער אַ סאָקאָל, איז דאס האַרץ איינגעפאלן אין מיר: ״נאַר דו איינע, אָט וועמען דו האָסט דאָך ליב״, — האט מיר אַפן שטעל אַ זאָג געטאָן דאָס האַרץ. אַריין ביזטו און דו האָסט אַלץ באַלויכטן. וואס האט ער דאס אָבער מורא? — טראַכט איך, — און דו האסט דאך טאַקע מורא געהאַט, אינגאנצן מורא געהאט, האָסט נישט געקאָנט רעדן. ניט פאַר זיי האָט ער דאך מורא, — טראכט איך, — וואָסי, דו קאנסט זיך דערשרעקן פאַר וועמען עס איז? דאס האט ער פאַר מיר מורא, האָב איך געטראַכט, נאָר פאַר מיר, האָט דאָך דיר, דעם נאַרעלע, פעניאַ דערציילט, ווי איך האָב

אַרויסגעשריען צו אַליאָשען פון פענצטער, אַז איך האָב ליב געהאַט אַ שעהלע מיטיענקען, און איצטער פאָר איך ליב האָבן... אַ צווייטן, מיטיאַ, מיטיאַ, ווי האָב איך דאָס, די נאַר, געקאנט טראכטן, אַז איך האב ליב אַן אַנדערן נאָך דיר! ביזט מוחל, מיטיאַ? ביזט מיר מוחל צי ניט? האָסט ליב? האָסט ליב?

זי האט אַ שפרונג געטאָן און אנגעכאַפּט אים מיטביידע הענט פאַר די אַקסלען. מיטיאַ, שטום פאַר התפעלות, האָט איר געקוקט אין די אויגן, אין געזיכט, אַף דעם שמייכעלע אירן, און מיטאַמאָל, שטאַרק אַרומנעמענדיק זי, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאן זי קושן.

— וועסט אָבער מוחל זיין, וואָס איך האָב דיך געמאַטערט? איך האָב דאָך אויס וואוט אײַך אַלעמען אויסגעמאַטערט. איך האב דאך דעם אַלטעטשקען יענעם מיט אַ כיוון אויס וואוט פון זינען אַראָפּגעפירט... געדיינקסט, ווי דו האסט איין מאָל געטרונקען באַ מיר און צעבראָכן דעם באָקאַל? געבליבן איז דאָס באַ מיר אין זכרון און היינט האָב איך אויך צעבראָכן דעם באָקאַל, פאַר דעם "אומווערדיקן האַרץ מיינעם" האָב איך געטרונקען. מיטיאַ, סאָקאָל, פאַר וואס אָבער קושט דו מיך ניט? ט'איין מאָל אַ קוש געטאָן און זיך אָפּגעריסן, קוקט, הערט... וואָס איז דאָ מיך צו הערן? קוש, קוש שטאַרקער, אָט אַזוי. אויב ליב האָבן, איז ליב האבן! אַ קנעכט דיינער וועל איך איצטער זיין, אַ קנעכט אַפן גאַנץ לעבן! ס'איז גוט צו זיין אַ קנעכט!... קוש! הרגע מיך, פייניק מיך, טו עפּעס מיט מיר... אָך, מ'דאַרף מיך, באמת, פייניקן... שטיי! וואַרט־אויף, שפּעטער, איך וויל ניט אַזוי... — האט זי אים אפּגעשטויסן מיטאַמאל: — גיי אַוועק, מיטקאַ, איך וועל איצטער זיך גיין אנטרינקען מיט ווייַן, איך וויל שיכור זיין, באַלד וועל איך אַ שיכורע גיין טאַנצן, איך וויל, איך וויל!

זי האט זיך ארויסגעריסן פון אים פון הינטערן פאָרהאַנג ארויס. מיטיאַ איז ארויסגעגאנגען נאך איר ווי א שיכורער. "ס' א דאגה, ס'אַ דאגה, וואס עס זאל זיך איצט ניט טרעפן — פאר איין מינוט, וועל איך די גאנצע וועלט אוועקגעבן", האט א בליץ געטאן בא אים אין רעיון. גרושענקאַ האט באמת אויסגעטרונקען מיט איין מאָל נאך א גלאָז שאַמפּאַניער

און ס׳האט אף איר מיטאמאל זעער געווירקט. זי האט זיך אוועקגעזעצט אפן שטול, אפן פריערדיקן אָרט, מיט אַ גליקלאכן שמייכעלע. די באַקן אירע האבן גענומען פלאַמען, די ליפן ברענען, די פינקלענדיקע אויגן אויסגעגלאָצט. דער ליידנשאפטלאכער קוק האט געצויגן, קאַלגאַנאָוון אפילו האט ווי עפעס א צופ געטאן פארן האַרץ, און ער איז צוגענגאנגען צו איר.

— דו האסט אבער געהערט, ווי איך האב דיך פריער א קוש געטאן, בעת דו האסט געשלאפן? — האט זי געפלאַפּלט צו אים. — שיכור בין איך איצט געווארן, אט וואס... און דו ביזט ניט שיכור? אבער פארוואס טרינקט ניט מיטיאַ? פאר וואס זשע טרינקסטו ניט, מיטיאַ? איך האב געטרונקען, און דו טרינקסט ניט...

— איך בין שיכור! כ׳בין אזוי אויך שיכור... פון דיר בין איך שיכור, אבער איצט וויל איך נאך פון ווייַן אויך זיין שיכור. — ער האט אויסגעטרונקען נאך א גלאז — מאָדנע איז דאס פאר אים אויסגעקומען — נאר פון אָט דעם לעצטן גלאז איז ער שיכור געווארן, מיטאמאל שיכור געווארן, ביז איצט אבער איז ער די גאנצע צייט געוועזן ניכטער, ער האט דאס אליין געדיינקט. פון אָט דער מינוט אָן האט זיך אלץ גענומען דרייען ארום אים, ווי ער וואלט זיך געפונען אין היץ. ער איז ארומגעגאנגען, געלאַכט, גערעדט מיט אלעמען און דאס אַלץ שוין ווי ניט געדיינקענדיק זיך. נאר איין געפיל, אַן אומבאוועגלאך און ברענענדיק געפיל, פלעגט זיך אויפכאפן אין אים יעדע ווײַלע, „פונקט ווי א הייסע קויל אין הארצן״ פלעגט ער דערמאנען דערנאך. ער פלעגט צוגיין צו איר, זעצן זיך לעבן איר, קוקן אף איר, צוהערן זי... זי ווידער איז געווארן א גרויל ווי רעדעוודיק, פלעגט אלעמען צורופן צו זיך, פלעגט א וואונק טאָן מיטאמאל עפעס א מיידל פון כאָר צו זיך, יענע פלעגט צוגיין, איז אָדער זי פלעגט קושן זי און אוועקלאזן, אָדער איבערצלמען זי אָפטמאל מיטן האַנט. נאך א ווײַלינקע און זי וואלט געקאנט אנהייבן וויינען. לוסטיק געמאכט זי האט גאר שטארק דער „אַלטעטשקער״ אויך, ווי זי פלעגט רופן מאַקסימאָוון. ער פלעגט איטלאכע מינוט צולויפן קושן דאס הענטעלע באַ איר „און יעדן פינגערל״

שפּעטער איז ער געגאַנגען נאָך אַ טענצל ביים צושפּיל פון אַן אלטן לידל, וואס ער האט אַליין טאַקע אפּגעזונגען. דערהויפּט האט ער גענומען טאַנצן לעבעדיק ביים צושפּיל:

מאַכט דאס חזרל כריו־כריו,
מאַכט דאס קעלבעלע מו־מו,
מאַכט דאס ענטעלע קוואַ־קוואַ,
מאַכט דאס גענזעלע גאַ־גאַ,
מאכט דאס הינעלע טיו־ריו,
מאכט דאס הינעלע טיו־ריו!

— גיב אים עפּעס, מיטיאַ, — האט גרושענקאַ געזאגט, — שיינק אים עפּעס, ער איז דאָך אַן אָרימאַן. אוי, אָרימעלייט נעבאך!... דו ווייסט, מיטיאַ, איכ׳ל אַוועקגיין אין מאָנאַסטיר. ניין, באמת, איכ׳ל ווען עס איז אוועקגיין. אַליאָשאַ האט מיר היינט אפן גאנצן לעבן אַזוינע ווערטער געזאגט... אוודאי... היינט אָבער לאָמיר טאַנצן, ס׳ אַ דאגה. מאָרגן אין מאָנאַסטיר, היינט אבער לאָמיר טאַנצן. שטיפן וויל איך, גוטע מענטשן, נו איז וואס זשע, גאָט וועט מוחל זיין. אַז איך וואלט געווען אַ גאָט, וואלט איך אַלע מענטשן מוחל געווען: "ליבינקע רשעימלאך מיינע, פון היינט אָן בין איך אַלעמען מוחל". און איכ׳ל גיין מחילה בעטן: "זייט מוחל, גוטע מענטשן, אַ נאַרישע אשה, אָט וואָס". אַ חיה רעה בין איך. תפילה טאן וויל איך. איך האב אַ ציבעלע דערלאנגט. א מרשעת אזא, ווי איך, וויל תפילה טאן. מיטיאַ, לאָז מען טאַנצן, שטער ניט. אַלע מענטשן אף דער וועלט, אַלע ביז איינעם. גוט איז אף דער וועלט. כאָטש אפילו שלעכטע זיינען מיר, נאר גוט איז אף דער וועלט. אי שלעכטע זיינען מיר אי גוטע, אי שלעכטע אי גוטע... ניין, זאגט מיר, איכ׳ל אייך פרעגן, קומט אונטער אַלע, און איכ׳ל אייך פרעגן: זאגט מיר אַלע אָט וואס: פארוואס בין איך אזא גוטע? איך בין דאך א גוטע, איך בין דאך זעער א גוטע... נו, איז אָט: פארוואס בין איך אזא גוטע? — אזוי האט גרושענקאַ געפּלאַפּלט, ווערנדיק אַלץ מער און מער בגילופין, און ענדלאך געלאזט וויסן, אַז איצט וויל זי אליין טאנצן. האט זיך אויפגעהויבן פון שטול און זיך אַ וואַקל געטאן: —

מיטיאַ, מער גיב מיר ניט קיין וויַין, אז איכ׳ל בעטן אפילו — זאלסטו אויך ניט געבן. דער וויַין לאזט קיין רו ניט. אַלץ דרייט זיך, סיי דער אויוון, סיי אַלצדינג דרייט זיך. טאַנצן וויל איך. לאזן אלע זען, ווי איך טאַנץ··· ווי גוט און גרויסארטיק איך טאַנץ···

די כוונה איז געווען א גוטע: זי האט ארויסגענומען פון קעשענע א קליינינקע באַטיסט־טיכעלע און אנגענומען זי מיט דער רעכטער האַנט פארן ברעגעלע, כדי טאַנצנדיק אַרומווייען מיט איר. מיטיא איז געווען פאַרטאָן, די מיידלאך זיינען שטיל געוואָרן, צוגרייטנדיק זיך א פויק טאָן מיטן כאָר א טענצל בא דעם ערשטן וואונק. מאַקסימאָוו, דערוויסנדיק זיך, אז גרושענקא וויל אליין טאַנצן, האט אזש אנגעהויבן קוויטשען פאר התפעלות און זיך געהאַט געלאָזן אונטערשפרינגען אנטקעגן איר מיט א צושפיל:

פיסלאך בלאַנקע, זייטן שלאַנקע,

און דעם עק פארריסן,

נאר גרושענקאַ האט א מאך געטאן אף אים מיטן טיכל און האט אים אפגעטריבן:

— ש — ש! מיטיאַ, פאר וואס זשע קומט מען ניט? לאָזן אלע קומען··· זען. גיב א רוף יענע אויך, די פארשפאַרטע··· פאר וואס האסטו זיי פאר־שפאַרט? זאָג זיי, אז איך טאַנץ, לאָזן זיי אויך זען, ווי איך טאנץ···

מיטיא האט א שיכורער זיך געגעבן א לאָז צו דער פאר־שלאָסענער טיר און אנגעהויבן קלאפן צו די פאַנעס מיט דער פויסט.

ע׳, זייט מוחל ··· פאָדוויסאָצקעס! גייט ארויס, זי וויל טאַנצן, זי רופט אייך.

— לײַדאק! — האט א געשריי געטאָן אלס א תשובה איינער פון די פאַנעס.

— און דו ביזט א פאָדליידאק! א קלייננינקער כלבל ביזטו; אָט ווער דו ביזט.

— איר וואָלט שוין אפשר אויפהערן אפצולאכן פון פוילן, — האָט סענטענציעז א זאָג געטאָן קאלגאנאוו, וואס איז אויך ניט נאך זיינע כוחות נאך שיכור געוואָרן.

— שווייג אינגעלע! אויב איך האב אים גערופן כלבי, הייסט

נאך ניט, אז איך האָב גאַנץ פוילן געקרופן כּלבֿ. איין ליידאק הייסט נאך ניט גאַנץ פוילן. שווייג, גוטינקער אינגעלע, עס א צוקערקעלע.

— אך, ווי איז מען דאס אזוי! פוקט ווי זיי זיינען גאָר קיין מענטשן ניט. פארוואס ווילן זיי דאס ניט איבערבעטן זיך? — האט זיך גרושענקא אנגערופן און איז אוועק טאַנצן. דער כאר האט א פויק געטאָן: „אך ווי, סעני מאַאי, סעני". גרושענקא האט געהאַט פאַרוואָרפן דאס קעפעלע, האַלב אויפגעמאכט דאס מיילכל, און מיט א שמייכעלע א מאך געטאָן מיטן טיכל און איז מיטאמאל, א שאָקלטאָנדיק זיך אפן אָרט, געבליבן שטיין אין מיטן צימער אין א פאַרלעגנהייט.

— כ'בין שוואך . . . האט זי ארויסגערעדט מיט עפעס אן אויסגעמאטערטער שטים, — האט קיין פאריבל ניט, כ'בין שוואך, איך קאָן ניט . . . אנטשולדיקט . . .

זי האט זיך פאַרנויגט פארן כאָר, דערנאך גענומען פארנויגן זיך אף אלע פיר זייטן נאָכאַנאַנד:

— כ'בין שולדיק . . . זייט מוחל . . .

— אויסגעטרונקען א ביסעלע, פריצטינקע, אויסגעטרונקען א ביסעלע, שיינינקע פריצטינקע, — האבן זיך געטראגן שטימען.

— זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען כי־כי, — האט כיכיקענדיק מאקסימאָוו דערקלערט די מיידלאך.

— מיטיא, פיר מיך אוועק . . . נעם מיך צו, מיטיא, — האט איין אן אנמעכטיקייט גרושענקאַ ארויסגערעדט. מיטיא האט זיך א וואָרף געטאָן צו איר, א כאפ געטאן זי אף די הענט און איז אוועק־געלאפן מיט זיין טייערסטן זאקרויב הינטערן פאָרהאנג. „נו, איך מעג שוין איצט אוועקגיין" האט א טראכט געטאָן קאלגאַנאָוו. און, ארויסגייענדיק פון דעם מאט־בלויען צימער, האט ער צוגעמאכט הינטער זיך ביידע האלבע טירלאך. אבער דער יום־טוב אין זאל האט געדויערט און געדויערט, האט אנגעהויבן אפילו דונערן נאך מער. מיטיא האט אַוועקגעלייגט גרושענקען אפן בעט און זיך איינגעגעסן אין אירע ליפן מיט א קוש.

— ריר מיך ניט . . . — האָט זי מיט א בעטנדיקער שטים ארויסגעשטאמלט צו אים, — ריר מיך ניט, דערווייל בין איך ניט

דיינע · · · כ׳האב געזאגט, אז איך בין דײַנע, דו אבער ריר מיך ניט · · · האב רחמנות · · · פאר יענע, לעבן יענע טאָר מען ניט. ער איז דא. דא איז א שאַנדע · · ·

— איך פאָלג! איך טראכט ניט · · · איך בוק זיך! — האט מיטיא געמורמלט. — אוודאי, דא איז א שאַנדע, אָ א שאנדע. — און, ניט ארויסלאָזנדיק זי פון זיינע ארעמס, האט ער זיך אף די קני אראָפגעלאזט לעבן בעט אף דער ערד.

— איך ווייס, כאטש דו ביזט אפילו א חיה, אבער דו ביזט אן ארדנטלאכער, — האט שווער ארויס גערעדט גרושענקא, — מ׳דאַרף, אז עס זאָל זיין ארנטלאך · · · אף ווייטער וועט זיין ארנטלאך · · · און מיר זאלן אויך זיין ארנטלאך, מיר זאלן אויך זיין גוטע, ניט קיין חיות, נאר גוטע · · · פיר מיך אוועק, פיר אוועק ווייט, דו הערסט · · · דא וויל איך ניט, עס זאָל זיין ווייט, ווייט · · ·

— אָ, אוודאי, אוודאי, ניט אנדערש! — האט זי געשטיקט אין זיינע ארעמס מיטיא, — איכ׳ל דיך אוועקפירן, מירן אוועקפליען · · · אָ, דעם גאנצן לעבן וועל איך אפגעבן איצטער פאר איין יאר, נאר ניט וויסן פון אט די בלוט!

— וואס פאר א בלוט? — האט אין פארלעגנהייט איבער־געזאָגט גרושענקא.

— גארנישט! — האט ארויסגעקריצט מיטיא, — גרושא, דו ווילסט, עס זאל זיין אָרנטלאך, און איך בין א גנב. איך האב בא קאטקען געלט געגנבעט · · · א חרפה, א חרפה!

— בא קאטקען? דאס איז בא דער פריילן? ניין, דו האסט ניט געגנבעט. גיב איר אוועק, נעם בא מיר · · · וואָס ליארמסטו! איצטער איז מיינע אלץ — דיינע. וואס איז בא אונז געלט? מירן זיי אזוי אויך פארהוליען · · · אזוינע, ווי מיר, זאלן דאס ניט פארהוליען. און איכ׳ל אוועקגיין מיט דיר בעסער גראבן ערד. איך וויל די ערד מיט אָט־אָ די הענט אקערן. ארבעטן דארף מען, דו הערסט? אליאשא האט געהייסן. איכ׳ל דיר ניט זיין קיין ליובאָווניצע, איכל דיר טריי זיין, א קנעכט דיינער וועל איך זיין, ארבעטן וועל איך אף דיר. מירן צו דער פריילן גיין און ביידע א

בוק טאָן זיך, זי זאָל מוחל זיין, און מירן אוועקפאָרן. און וועט זי ניט מוחל זיין, וועלן מיר אזוי אויך אוועקפארן. דו אבער טראג איר די געלט אוועק, און מיך האב ליב... און זי האב ניט ליב. מער האב זי ניט ליב. וועסטו זי אָבער ליב האבן, וועל איך זי דער־ווערגן. איכ׳ל איר ביידע אויגן מיט א נאָדל אויסשטעכן.

— דיך האב איך ליב, דיך אליין, כ׳וועל אין סיביר ליב האבן...

— וואס עפעס אין סיביר? נאר וואָסי, אין סיביר אויך, אויב דו ווילסט, אלץ איינס... מירן ארבעטן... אין סיביר איז שניי... איך האב האָלט פאָרן אף שניי... און א גלעקל זאָל אויך זיין... הערסט, עס קלינגט א גלעקל... וואו קלינגט דאָס א גלעקל? עמיצער פאָרט... און אָט האט ער אויפגעהערט צו קלינגען.

אין אַן אנמעכטיקייט האט זי פארמאכט די אויגן און איז מיט־אמאל אזוי ווי איינגעשלאָפן אף א ווײַלע. א גלעקל האט באמת ערגעץ־וואו אין דער ווייטקייט געקלונגען און האט מיטאמאל אויפ־געהערט צו קלינגען. מיטיאַ האט זיך אנגעשפארט מיטן קאָפּ איר אף דער ברוסט. ער האט ניט באמערקט, ווי עס האט אויפגעהערט צו קלינגען דאס גלעקל, האט אָבער ניט באמערקט אויך דאס, ווי פלוצים האבן אויפגעהערט די לידער אויך, און אָנשטאָט די לידער און דעם שיכורן רעש האָט אין דער גאנצער שטוב גענומען הערשן עפעס ווי פּלוצלונג א טויטע שטילקייט. גרושענקא האט אויפגעמאכט די אויגן.

— וואס איז דאס, איך האב געשלאָפן? יע... א גלעקל... איך האב געשלאָפן און ס׳האט זיך מיר געחלומט: עפעס אזוי ווי איך פאָר, אף שניי... דאס גלעקעלע קלינגט, און איך דרעמל. עפעס מיט א נאהנטן מענטשן, מיט דיר דאכט זיך. און ס׳איז ווייט־ווייט... איך קוש און איך האלז דיך, כ׳טוליע זיך צו צו דיר, ס׳איז מיר אזוי ווי קאלט, און דער שניי, דער שניי בליצט... דו ווייסט, אז ביינאכט בליצט דער שניי, און די לבנה קוקט, און איך בין עפעס ווי גאר ניט אף דער וועלט... כ׳האב זיך אויפ־געכאפט, און דער נאָהנטער איז טאַקע לעבן מיר, ווי גוט...

— לעבן דיר — האט געמורמלט מיטיאַ׳ קושנדיק איר קלייד׳ די ברוסט׳ די הענט׳ און פּלוצים האט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס משונהדיקס: ס׳האט זיך אים באַוויזן׳ אז זי קוקט גראַד פאר זיך׳ אבער ניט אף אים׳ ניט אים אין פּנים אַריין׳ נאר איבער זיין קאפּ׳ קוקט שארף און מאדנע טעמפּ׳ אַ פארוואונדערונג האט זיך מיטאמאל אויסגעדריקט אף איר געזיכט׳ א שרעק כמעט׳

— מיטיאַ׳ ווער קוקט דאס פון דארטן אהער צו אונז? — האט זי א שעפּטשע געטאָן מיטאמאל׳ מיטיאַ האט זיך א קער געטאן און דערזען׳ אז עמיצער האט באמת פאנאנדערגערוקט דעם פארהאנג און עפּעס אזוי׳ ווי ער לויערט אף אזוי׳ און גלאט עפּעס ווי גאר ניט איינער׳ ער האט א שפרונג געטאן און האט מיט אימפּעט א טראט געטאן צו דעם׳ וואס האט געלויערט׳

— קומט אהער׳ זייט מוחל צו אונז אהער׳ — האט ניט הויך׳ נאר פעסט און באטאנענדיק א זאג געטאן צו אים עפּעס עמיצנס שטים׳

מיטיאַ איז ארויס פון הינטערן פארהאנג און איז געבליבן שטיין אומבאוועגט׳ דאס גאנצע צימער איז געווען פול מיט מענטשן׳ אבער ניט מיט די פריערדיקע׳ נאר מיט גאנץ אנדערע׳ א מאמענטאלע קעלט איז אדורכגעפלויגן איבער דעם רוקן זיינעם׳ און ער האט זיך א צאפּל געטאן׳ אט די אלע מענטשן האט ער דערקענט אין איין רגע׳ אָט־אָ דער׳ דער הויכער און באלייבטער אלטער מאן מיטן פּאַלטאָ און מיטן היטל מיט דער קאָקאַרדע — דאס איז דער איספּראַווניק׳ מיכאיל מאַקאַריטש׳ און אָט-אָ דער׳ דער ״דריקער״ אויסגעפּוצטער פראַנט׳ ״שטענדיק אין אזוינע בלאַנקע שטיוול״ — דאס איז דער וויצע־פּראָקוראָר׳ ״ער האט א כראָנאָמעטער פאר פירהונדערט קארבן׳ ט׳געוויזן אמאל״׳ און אָט־אָ דער׳ דער יונגינקער׳ דער קלייניקער מיט די ברילן . . . מיטיאַ האט נאר אט די פאמיליע זיינע פארגעסן׳ אבער ער קען אים אויך׳ האט אים געזען: דאס איז דער סלעדאָוואַטעל׳ דער סודיעבני סלעדאָוואַטעל׳ איז ניט לאנג געקומען ״פון דער רעכטס־וויסענשאפט״׳ און אט דער אָ — דער סטאַנאָוואָי׳ מאַווריקי מאַווריקיטש׳ דעם קען ער אוודאי און אוודאי׳

א באקענטער מענטש, נו, און אָט־אָ די מיט די בלעכלאַך, נאָך וואָס זיינען דאָס די? און עפּעס נאָך צווייען, מוזשיקעס... און אָט־אָ דאָרטן ביים טיר איז קאַלגאַנאָוו און טריפאָן באַריסיטש..

— מיינע הערן,... וואָס ווילט איר דאָ, מיינע הערן? — האָט געהאַט אַרויסגערעדט מיטיאַ, נאָר מיטאַמאָל, עפּעס ווי אויסער זיך, עפּעס ווי ניט ביי־זיך, האָט ער שטאַרק, מיטן גאַנצן קול, אויסגערופן:

— איך—פאַר—שטיי!

דער יונגער מאַן מיט די ברילן האָט זיך מיטאַמאָל אַרויס־גערוקט אויף פאָרנט און, צוטרעטנדיק צו מיטיען, האָט ער אָנגעהויבן, כאָטש אַפילו מיט חשיבות, נאָר ווי כאַפּנדיק אַביסל:

— מיר האָבן צו אייך... מיט איין וואָרט, איך וועל אייך בעטן צוגיין אַהער, אָט אַהער, צום זאָפע... עס איז דאָ א דרינ־גענדיקע באַדערפעניש זיך דורכצורעדן מיט אייך.

— דער אַלטער! — האָט מיטיאַ געגעבן ווילד א געשריי, — דער אַלטער און זיין בלוט!... איך—פאַר—שטיי!

און ווי אַן אונטערגעהאַקטער, ט׳ער זיך געגעבן א זעץ, פּונקט ווי א פאַל געטאָן, אויפן דערבייאיקן שטול.

— דו פאַרשטייסט? האָסט פאַרשטאַנען! בן סורר ומורה, רוצח, די בלוט פון דעם אַלטן טאַטן דיינעם שרייט צו דיר! — האָט פּלוצלונג א בריל געטאָן דער אַלטער איספּראַווניק, צוטרעטנדיק צו מיטיען. ער איז געווען אויסער זיך, איז אַזש רויט געוואָרן און דער גאַנצער געטרייסלט זיך.

— דאָס איז אָבער אוממעגלאַך! — האָט אַרויסגעשריען דער קליינינקער יונגער מענטשעלע. — מיכאַאיל מאַקאַריטש, מיכאַאיל מאַקאַריטש מ׳קאָן אַזוי ניט, מ׳קאָן אַזוי ניט!... איך בעט אייך, לאָזן מיר אַליין רעדן... איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט דערוואַרטן פון אייך אַזא עפּיזאָד...

— דאָס איז דאָך אָבער א ווילדער חלום, מיינע הערן, ס׳איז א ווילדער חלום! — האָט אויסגערופן דער איספּראַווניק, — טוט א קוק אויף אים: ביינאַכט, א שיכורער, מיט אַן אויסגעלאַסענער מיידל און אין דעם בלוט פון דעם טאַטן זיינעם... ס׳איז א חלום! א חלום!

— איך װעל אײַך בכל אמצי כּוחי בעטן׳ ליבינקער׳ מיכאַאיל מאַקאַריטש׳ דאָס מאָל אײַנהאַלטן אײַערע געפילן׳ — האָט שלינ־ גענדיק די װערטער געהאַט אַ שעפּטשע געטאָן דעם אַלטן דער װיצע־פּראָקוראָר,—אויב ניט װעל איך זײַן געצװאונגען אַנצונעמען...

— נאָר דער קלײנינקער סלעדאָװאַטעל האָט ניט געלאָזט פאַרענדיקן; ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיטיען און אָנגערופן זיך מיט אַ פעסטער׳ שטאַרקער און װיכטיקער שטים:

— הער געװעזענער פּאָרוטשיק קאַראַמאַזאָװ׳ איך דאַרף אײַך מודיע זײַן׳ אַז איר װערט באַשולדיקט אין דעם מאָרד פון דעם פאָטער אײַערן׳ פיאָדאָר פּאַװלאָװיטש קאַראַמאַזאָװ׳ װאָס איז פאָרגעקומען אַט די נאַכט...

ער האָט עפּעס נאָך־װאָס געזאָגט׳ און דער פּראָקוראָר האָט דאַכט זיך אויך עפּעס אַרײַנגעװאָרפן׳ נאָר מיטיאַ׳ כאָטש אַפילו ער האָט געהערט׳ האָט שוין אָבער קײן זאַך ניט פאַרשטאַנען׳ מיט אַ װילדן בליק האָט ער זײ אַלעמען באַקוקט...

# ניינטער בוך

## די ערשטע אויספאָרשונג

### I

### דער אָנהייב פון דעם באַאַמטן פּערכאָטינס קאַריערע

פּיאָטר איליטש פּערכאָטין, וועמען מיר האָבן געלאָזן קלאַפּנדיק מיט די גאַנצע כּוחות אין דעם גוט פאַרשלאָסענעם טויער פון דער סוחרטע מאָראָזאָוואַס הויז, האָט געענדיקט, פאַרשטייט זיך, מיט דעם, וואָס ער האָט זיך, סוף כּל סוף, דערקלאַפּט. דערהערט אַזאַ מין ווילדן קלאַפּן אין טויער, האָט פעניאַ, וואָס איז געווען אָנגעשראָקן נאָך פון אַ שעה צוויי צוריק און וואָס האָט פון אויפרעגונג און "געדאַנקען" נאָך ניט אַנטשלאָסן זיך צו גיין שלאָפן, האָט זיך איצט פונדאָסניי דערשראָקן ביז צו היסטעריע כּמעט: עס האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קלאַפּט ווידער דמיטרי פיאָדאָראָוויטש (ניט קוקנדיק, וואָס זי האָט אַליין געזען, ווי ער איז אַוועקגעפאָרן), וואָרים קלאַפּן "מיט אַזאַ מין העזה" קאָן קיינער ניט, אויסער אים. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום סטרוזש, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז שוין אַפּן קלאַפּן געגאַנגען צום טויער, און גענומען בעטן זיך רחמים בײַ אים, ער זאָל ניט אַרײַנלאָזן. נאָר דער סטרוזש האָט אַ פרעג געטאָן ווער עס קלאַפּט און, דערוויסנדיק זיך, ווער דאָס איז און אַז ער וויל זען פעדאָסיאַ מאַרקאָוונאַ וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין, האָט

ער, סוף כל סוף, באשלאָסן אריינלאָזן אים, אריינגייענדיק צו
פעדאָסיאַ מאַרקאָוונא, ווידער טאקע אין דער זעלביקער קיך, דערביי האָט
זי „צוליב זיכערקייט וועגן" געפועלט בא פיאָטר איליטשן, ער זאָל
לאָזן דעם סטרוזש אויך אריין, האָט פיאָטר איליטש אנגעהויבן זי
פאנאנדערפרעגן און איז תיכף געקומען אף דאס סאַמע וויכטיקסטע:
דאָס הייסט, אז דמיטרי פיאָדאָראָוויטש האט ארויסלויפנדיק זוכן
גרושענקען, אַ כאַפּ געטאָן פון שטויסל דעם טויקאַצל, און געקו־
מען צוריק איז ער אָן אים, נאָר מיט פארבלוטיקטע הענט: „און
די בלוט האָט גערונען, און גערונען און גערונען פון זיי!" האָט
פעניאַ אויסגערופן, קענטיק אליין אויסגעטראכט אָט דעם שרעקלאכן
פאַקט אין איר צעטרויסלטן כוח הדמיון. נאָר פארבלוטיקטע הענט
האָט פיאָטר איליטש אַליין אויך געזען, כאָטש עס האָט פון זיי אמת
ניט גערונען קיין בלוט, און ער האָט אליין געהאָלפן ארומוואַשן זיי,
און גלאַט, ניט דאס איז געווען דער עיקר צי די הענט האָבן באַלד
איינגעטריקנט צי ניט, נאר דאס, וואוהין איז עס געלאָפן מיטן
טויקאַצל דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, דאס הייסט צי אף געוויס טאַקע צו
פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן, און פון וואס קאן מען דאס האָבן אזא זיכערע
ראיה? אף אט־אָ דעם פונקט האָט פיאָטר איליטש אפגעשטעלט זיך
מיט דער גרעסטער אויספירלאכקייט און כאטש אין רעזולטאט איז
ער אף זיכער קיין זאך ניט דערגאנגען, איז ער אבער פארט געווען
כמעט ווי איבערצייגט, אַז ערגעץ אַנדערש, ווי א היים צום פאָטער,
האָט דמיטרי פיאָדאָראָוויטש גאר ניט געקאָנט לויפן אפילו, האט אף
אזא אופן, דאָרטן געוויס געמוזט ע פּ ע ס פארקומען. „און אז ער
איז געקומען צוריק, — האָט פעניאַ מוסיף געווען מיט אויפרעגונג, —
און איך האָב אים מודה געווען אלץ, האָב איך אים אנגעהויבן
פאנאַנדערפרעגן: „פון וואָס זיינען דאס בא אייך, ליבינקער, דמיטרי
פיאָדאָראָוויטש,ביידע הענט אין בלוט, האָט ער מיר געענטפערט אט
טאַקע מיט די ווערטער: אַז דאס איז בלוט פון א מענטשן, און
אז ער האָט נאָר־וואָס דערהרגעט א מענטשן, — אזוי טאַקע האָט
ער זיך מודה געווען, אזוי האָט ער דאס פאר מיר חרטה געהאַט אף
דעם, און איז מיטאמאל ארויסגעלאָפן, ווי א משוגענער. איך

האָב זיך אנידערגעזעצט און אנגעהויבן טראַכטן: וואוהין איז ער דאס איצטער אוועקגעפלויגן, ווי א משוגענער? וועט אוועקפארן אין מאָקראָיע, טראַכט איך, און וועט דערהרגענען דאָרטן די פריצטע. בין איך דאס אַוועקגעלאָפן בעטן זיך בא אים, ער זאָל ניט דערהרגענען די פריצטע, בין געלאָפן צו אים אהיים, ערשט איך זע לעבן פלאָטניוואָווס קראָם, אז ער פאָרט שוין אַפּ און אז די הענט זיינען שוין בא אים ניט אין בלוט" (פעניאַ האט דאס באמערקט און ס'איז געבליבן בא איר אין זכרון). די אלטע, פעניעס באָבע, האָט באַשטעטיקט אלצדינג אף וויפל זי האָט געקאָנט. וואס איר איניקל האָט איבערגעגעבן, האבנדיק פאנאנדערגעפרעגט זי נאך וועגן איינגע זאַכן, איז פיאָטר איליטש ארויס פון שטוב נאך אין א גרעסערער אויפרעגונג און צעטראגנקייט, ווי בעת ער איז אריין אהין.

דאכט זיך, אז פשוטער און גלייכער פאר אַלץ וואלט פאר אים געווען אַוועקגיין איצטער צו פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן אהיים, דערוויסן זיך צי דארטן האָט זיך קיין זאַך ניט געטראָפן, און און אויב יע, איז וואס דהינו אזוינס, און שוין האָבנדיק איבערצייגט זיך אַף זיכער ערשט דעמאָלט גיין צום איספראַווניק, ווי פיאָטר איליטש האט שוין געהאַט פעסט באַשטימט. נאר די נאכט איז געווען א פינצטערע, דער טויער בא פיאָדאָר פאַוולאָוויטשן א פאַרשלאָסענער, דארף מען ווייטער קלאפן, היינט מיט פיאָדאָר פאוולאָוויטשן איז ער געווען ווייטע באַקענטע — און אָט וועט ער זיך דערקלאַפּן, מ'וועט אים עפענען, און עס האָט זיך גאר קיין זאַך ניט געטראָפן, וועט דער לץ פיאָדאָר פאַיולאָוויטש אוועקגיין אף מארגן איבער דער גאנצער שטאָט דערציילן א מעשה, ווי אין האַלבע נאכט האָט דאָס צו אים געקלאַפט אין טויער דער פרעמדער טשינאָווניק פערכאָטין, כדי דערוויסן זיך, צי עס האט אים עמיצער ניט דערהרגעט. אַ סקאַנדאל! און פאר א סקאַנדאל האט פיאָטר איליטש מורא געהאַט מער ווי פאר אלץ אין דער וועלט. פונדעסטוועגן איז דאָס געפיל, וואס האט אים געצויגן, געווען אזוי שטאַרק, אז ער האָט, אַ קלאפטאָנדיק מיט כּעס מיטן פוס אָן דר'ערד און אויסזידלענדיק זיך אליין פונדאסניי, גלייך א לאָז געטאָן זיך אף א נייען וועג,

אבער שוין ניט צו פּיאָדאָר פּאווּלאָוויטשן, נאָר צו פּרוי כאָכלאַקאָוואַ·
אויב, האָט ער געטראַכט, זי וועט ענטפערן אף דער פראגע: צי האָט
זי פריער, אין דער און דער שעה, געגעבן דמיטרי פּיאָדאָראָוויטשן
דריי טויזנט רובל, ענטפערן מיט „ניין", וועט ער די־שטעל אַוועקגיין
צום איספּראַווניק, ניט פאַרגייענדיק צו פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן; אין
צווייטן פאַל ווידער וועט ער אָפּלייגן אַלץ ביז מאָרגן און וועט
אַוועקגיין צו זיך אַהיים. אוודאי קומט דא גלייך ארויף אפן געדאנק·
אַז אין דעם באַשלוס פון דעם יונגן מאן, גיין ביינאכט, כמעט עלף
דעם זייגער, אין אַ הויז פון אַן אַריסטאָקראַטישער דאַמע, וואָס איז
אים געווען אינגאנצן אומבאַקענט, אויפהייבן זי אפשר פון בעט, כדי
צו שטעלן איר אַ מערקווירדיקע פראַגע לויט דעם תוך נאָך, איז
אפשר געווען אסך מער שאנסן, אז עס זאָל אַרויס אַ סקאַנדאַל, ווי
גיין צו פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן. נאר אזוי קומט שוין פאָר אָפטמאָל·
דערהויפּט אין אָט אזוינע ענלאַכע פאַלן, מיט די באַשלוסן פון די סאַמע
פּינקטלאכסטע און פלעגמאטישע מענטשן. פּיאָטר איליטש אקעגן
זשע איז, אין יענער ווײַלע, שוין גאר קיין פלעגמאַטיקער ניט געווען!
ער פלעגט דערנאָך דעם גאנצן לעבן דערציילן, ווי אַן אומרואיקייט
ניט בייצוקומען, וואָס האט אים ביסלאַכווייז אינגאנצן באהערשט, איז
ענדלאַך דערגאנגען אין אים ביז צו א מאטערניש און געצויגן אים
קעגן זיין אייגענם ווילן אפילו. קלאָר, אַז ער האָט פונדעסטוועגן
דעם גאַנצן וועג געזידלט זיך גופא דערפאר, וואס ער גייט צו אָט
דער דאָזיקער דאַמע, „איך וועל אָבער דערפירן, איכ'ל אבער דער־
פירן, ביזן סוף!" האָט ער, קריצנדיק מיט די ציין, איבערגעחזרט
צום צענטן מאָל, און ער האָט ממלא געווען זיין כוונה — ער
האט דערפירט.

ס'איז געווען פונקט עלף דער זייגער, אז ער איז אַריין צו
פרוי כאָכלאַקאָוואַ אין הויז. אַריינגעלאָזן האט מען אים אפן הויף
גאנץ גיך, נאר אף דער פראגע: צי די פריצטע שלאָפט שוין, אדער
זי האָט זיך נאך ניט געלייגט — האָט דער סטרוזש ניט געקאָנט
ענטפערן גענוי, א חוץ נאר ווי דאס, אז געוויינלאך לייגן זי זיך אין
דער צייט. — „מעלדט דארטן אויבן; וועט מען וועלן אייך אויפנע־

מען׳ וועט מען אויפנעמען׳ וועט מען ניט וועלן — וועט עןמ ניט אויפנעמען״. פיאָטר איליטש איז ארויף אף אויבן׳ נאָר דא איז אוועק א ביסל שווערער. דער לאקיי האט מעלדן ניט געוואָלט׳ האט אבער׳ סוף כל סוף׳ ארויסגערופן אַ מיידל. פיאָטר איליטש האט העפלאך׳ אבער איינדרינגלאך געבעטן זי מעלדן פון אים דער פריצטע׳ אַז ס׳איז׳ הייסט עס׳ געקומען איינער א היגער באַאַמטער פערכאָטין׳ וועגן א זעער וויכטיקער זאַך׳ און ווען עס וואָלט ניט געווען אַזאַ וויכטיקע זאַך׳ וואָלט ער גאָר ניט דערוועגט זיך אפילו צו קומען — ״אָט טאַקע מיט די ווערטער גיט איבער״׳ האט ער גע־בעטן דאס מיידל. זי איז אוועקגעגאנגען׳ ער איז געבליבן וואַרטן אין פאָדער־הויז. פרוי כאָכלאַקאָוואַ גופא׳ כאטש אפילו זי האָט נאך ניט געשלאָפן׳ איז זי שוין אבער געווען בא זיך אין שלאָפצימער. געווען איז זי אויפגערעגט נאך פון מיטיעס פריערדיקן באזוך און האט שוין געשפירט׳ אז ביינאכט וועט זי שוין האבן מיגרען׳ ווי עס איז תמיד מיט איר אין אזוינע פאַלן. אויסגעהערט דעם באריכט פון דער מיידל און פארוואונדערנדיק זיך׳ האט זי פונדעסטוועגן אויפ־גערעגטערהייט געהייסן אפזאָגן׳ ניט קוקנדיק׳ וואס דער אומגעריכטער באַזוך אַזוי שפעט פון א ״היגן באַאַמטן״׳ וועלכן זי קען ניט׳ האָט גוואַלטיק פארינטערעסירט איר ווייבערשע נייגעריקייט. פיאָטר איליטש האט זיך אבער דאס מאל איינגעשפארט׳ ווי א מויל־אייזל: אויס־געהערט דעם אפזאָג׳ איז ער מוראדיק צוגעשטאַנען נאך אַמאל מעלדן פון אים און איבערגעבן ״טאקע מיט אט די ווערטער״׳ אז ער קומט ״צוליב אן אויסערגעוויינלאך וויכטיקער זאך׳ און אז זיי וועט אפשר אליין דערנאך פארדריסן׳ אויב זיי וועלן אים איצטער ניט אויפנעמען״. ״איך בין דעמאלט געפלויגן פונקט ווי פון א בארג״׳ פלעגט ער דערציילן דערנאך אליין. דאס מיידל׳ באקוקנדיק אים פארוואונ־דערטערהייט׳ איז אוועק א צווייטן מאל מעלדן. פרוי כאָכלאַקאָוואַ איז נתפעל געוואָרן׳ האָט אַ טראַכט געטאָן׳ געגעבן א פרעג׳ ווי ער זעט אויס׳ און דערהערט׳ אז׳ ״זיי זיינען זעער פיין אנגעטאן׳ אזא יונגער און אזא העפלאכער״׳ בדרך אגב און פארבייגייענדיק וועלן מיר באמערקן׳ אז פיאטר איז געווען טאַקע אַ גאַנץ שיינער יונגער מאן און ער האט דאס

אליין אויך געוואוסט פון זיך. פרוי כאָכלאַקאָוואַ האט זיך אנטשלאָסן ארויסצוגיין, געוועזן איז זי שוין אין איר שטוביקן שלאָפראָק און אין טופל, האט נאר ארויפגעוואָרפן אף די אקסלען איר שווארצן שאַל. דעם „באַאַמטן" האָט מען געבעטן אריינגיין אין גאסטצימער, אין דעם זעלביקן צימער, וואו מ׳האט פריער אייפגענומען מיטיען. די ווירטן איז ארויס צום גאסט מיט א שטרענג פרעגנדיקער מינע און, ניט בעטנדיק זעצן זיך, גלייך אנגעהויבן פון דער פראגע: „וואָס ט׳איר געוואָלט?"

— איך האָב זיך אנטשלאָסן צו באַאומרואיקן אייך, סודארינאַ, צוליב אונזער געמיינזאמן באקענטן, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָוו, — האט געהאַט אנגעהויבן פּערכאָטין, נאר קוים ווי ער האָט אנגערופן זיין נאמען, ווי עס האט זיך מיטאמאל אויסגעדריקט אף דעם פנים פון דער ווירטן אן אויפרעגונג. זי האט שיר ניט געגעבן קיין קוויטש און האט מיט כעס איבערגעריסן אים.

— נאך לאנג, נאך לאנג וועט מען מיך פייניקן מיט אָט דעם גרויזאַמן מענטשן? — האב זי ווילד געגעבן א געשריי. — ווי האָט איר זיך געקאנט דערוועגן, מיין הער, ווי ט׳איר זיך געקאָנט אנטשליסן צו באאומרואיקן אַן אומבאקענטע דאמע בא איר אין הויז אין אט דער צייט ... און קומען רעדן צו איר פון א מענטשן, וואָס איז אט דא גופא, אין אט דעם זעלביקן צימער, סך הכל מיט א דריי שעה צוריק, געקומען דערהרגענען מיך, און געקלאפט מיט די פיס און איז אזוי ארויסגעגאנגען, ווי עס גייט קיינער ניט ארויס פון קיין אָנשטענדיקער שטוב. זייט וויסן, מיין הער, אז איכ׳ל אייך אָנקלאָגן, אז איכ׳ל אייך דאס ניט שיינקען, זייט מוחל, די רגע פאַרלאָזן מיך ... איך בין א מוטער, איך וועל די שטעל ... איך וועל ... איך וועל ...

— דערהרגענען! האָט ער אייך אויך געוואָלט דערהרגענען?

— וואָסי ער האָט שוין עמיצן דערהרגעט? — האָט האַסטיק אַ פרעג געטאָן פרוי כאָכלאַקאָוואַ.

— איך בעט אייך הערט אויס, סודאַרינאַ, נאָר א האַלבע מינוט, און איך וועל אייך אין צוויי ווערטער דערקלערן אַלצדינג — האָט

מיט א פעסטקייט געענטפערט פערכאָטין — הײנט, פינף א זייגער נאָך האַלבן טאָג, האָט הער קאַראַמאַזאָוו געליען בא מיר, על פּי פריינדשאַפט, צען רובל, און איך ווייס זיכער, אַז ער האָט קיין געלט ניט געהאַט, און נאָך היינט אַ זייגער ניין איז ער אריין צו מיר, האַלטנדיק אויבן־אויף אין האַנט אַ פּעקל הונדערטרובלדיקע בילעטן, אין ערך אַ צוויי אָדער אפשר אַ דריי טויזנט רובל. די הענט ווידער און דער פּנים זיינען געווען באַ אים איינגאנצן פאַרבלוטיקט, און אַליין האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ. אף מיין פראגע פון וואַנען האָט ער גענומען אַזוי פיל געלט, האָט ער געענטפערט מיט א באַשטימטקייט, אַז ער האָט דאָס ניט לאַנג פאַר דעם גענומען באַ אייך און אז איר האָט אים געליען אַ סומע פון דריי טויזנט רובל, כּדי צו פאָרן אף גאָלד גרובן . . .

אף פרוי כאָכלאַקאָוואַס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדריקט אן אויסערגעוויינלאַכע און קריינקלאַכע אויפרעגונג.

— גאָט מיינער! דאָס האָט ער דערהרגעט דעם אלטן פאָטער זיינעם! — האָט זי א געשריי געטאָן, געבנדיק אַ פּאַטש מיט די הענט. — כ׳האָב אים קיין שום געלט ניט געגעבן, קיין שום געלט ניט! אָ, לויפט, לויפט! . . . רעדט מער קיין וואָרט ניט! ראַטעוועט דעם אַלטן, לויפט צו דעם פאָטער זיינעם, לויפט!

— זייט מוחל, סודאַרינאַ, האָט איר אים, הייסט עס, קיין געלט ניט געגעבן? איר געדיינקט גוט, אז איר האָט אים קיין שום געלט ניט געגעבן?

— כ׳האב ניט געגעבן, כ׳האב ניט געגעבן! איך האב אפגעזאגט, ווייל ער האט ניט געקאָנט אפשעצן ווי געהעריק. ער איז ארויס ווי א משוגענער — און האט גענומען קלאפּן מיט די פיס. ער האט זיך אף מיר א ווארף געטאן, נאר איך האב אפגעשפּרונגען . . . און איך וועל אייך זאגן נאך עפּעס, ווי פאר א מענטשן, פאר וועלכן איך האב ניט בדעה צו באהאלטן איצט קיין שום זאך, אז ער האט אפילו א שפּיי געטאן אף מיר, קאָנט איר זיך דאס פארשטעלן? איז וואס זשע שטייען מיר אבער? אַך, זעצט זיך . . . אנטשולדיקט, איך

בין··· אדער לויפט אפשר בעסער, לויפט, איר דארפט לויפן און ראַטעווען דעם אומגליקלאכן זקן פון א שרעקלאכן טויט!

— נאר אויב אבער ער האט שוין דערהרגעט?

— אַך, גאָט מיינער, אוודאי! טאָ וואס זשע זאלן מיר איצטער טאן? ווי מיינט איר, וואס דארף מען איצטער טאן?

דערווײַלע האט זי אוועקגעזעצט פיאָטר איליטשן און האט זיך אליין אויך געזעצט אנטקעגן אים. פיאָטר איליטש האט אין קורצן, נאר גאנץ קלאר, איבערגעגעבן איר די געשיכטע פון דער מעשה, לכל הפחות, אט דעם טייל פון דער מעשה, פון וועלכן ער איז היינט אליין געווען אן עדות, האט דערציילט אויך פון דעם איצטיקן באזוך זיינעם בא פעניען, און מודיע געווען די מעשה מיטן טויקאַצלי. אָט די אלע פרטים האבן גאר א גרויל ווי צעטרייסלט די אויפגערעגטע דאַמע, וואס האט געהאלטן אין איין אויסשרייען און פארדעקן די אויגן מיט די הענט···

— שטעלט זיך פאָר, איך האב דאס אלץ געשפירט פארויס! איך בין באגאבט מיט אָט דער דאזיקער אייגנשאפט, אלצדינג, וואס איך זאל זיך ניט פארשטעלן, וועט ארויסקומען אזוי. און וויפל מאל, וויפל מאל האב איך געקוקט אף אָט דעם דאזיקן שרעקלאכן מענטשן און שטענדיק געטראכט: אָט איז א מענטש, וואס וועט ענדיקן מיט דעם, וואס ער וועט מיך דערהרגענען. און אָט איז אזוי ארויס־געקומען··· דאס הייסט, אויב ער האט איצט דערהרגעט ניט מיך, נאר מער ניט ווי דעם פאָטער זיינעם, איז דאס אָן א ספק דערפאר, וואס דא איז דער אצבע אלקים, וואס האט מיך פארהיט, און א חוץ דעם, האט ער זיך אליין געשעמט צו דערהרגענען מיך, ווארים איך האב אים אליין אנגעטאן אָט־אָ־דאָ, אפן זעלביקן אָרט טאקע, א הייליקן בילדל אפן האַלז פון די רעליקוען פון וואַרוואַראַ דער גרויסער מאַרטירערן··· און ווי נאהנט איך בין דאס אין יענער מינוט געווען פון טויט, איך בין דאך אינגאנצן צוגעגאנגען צו אים, האַרט צו אים, און ער האט דאך צו מיר אויסגעצויגן די גאנצע האלז! איר ווייסט, פיאָטר איליטש··· (אנטשולדיקט, מ׳רופט אייך, דאכט זיך, האט איר געזאגט, פיאָטר איליטש), איר ווייסט, איך גלויב ניט אין קיין ניסים,

נאר אט דאס הייליקע בילד און אָט דער באַשיינפערלאכער נס איצטער מיט מיר — דאס צעטרייסלט מיך, און איך הויב אָן ווידער גלויבן אין אלץ, וואס איר ווילט. איר׳ט געהערט פון דעם סטאַרעץ זאָסימאַ?··· נאר, איך ווייס גאר אגב ניט, וואס איך רייד··· שטעלט זיך פאָר, ער האט דאך דאס מיטן הייליקן בילדל אפן האַלז א שפיי געטאן אף מיר··· אוודאי, מער ניט א שפיי געטאן, נאר ניט דערהרגעט, און··· אָט וואוהין ער איז דאס אוועקגע־שפרונגען! וואוהין זשע אבער דארפן מיר איצט גיין, וואס דארפן מיר איצט טאן, ווי מיינט איר?···

פיאָטר איליטש איז אויפגעשטאנען און געלאזט וויסן, אז ער וועט גיין איצטער גלייך צום איספראַווניק און וועט אים אלץ דערציילן, און ווייטער איז ווי דער איספראַווניק וועט אליין פארשטיין.

— אַך, דאס איז א טייערער, א טייערער מענטש, איך בין באַ־קענט מיט מיכאַאיל מאַקאַראָוויטשן. אוודאַי, ניט אנדערש, ווי צו אים. ווי דאס פאלט אייך איין, פיאָטר איליטש, און ווי גוט איר האט דאס אלצדינג באטראכט; איר ווייסט, איך וואלט בשום אופן אף אייער אָרט ניט געקאנט באטראכטן אט דאס!

— בפרט נאך, אז איך בין אליין אויך דעם איספראַווניקס א גוטער באקענטער, — האט זיך פיאָטר איליטש אנגערופן, נאך אלץ שטייענדיק און קענטיק געוואלט אף וואס פאר אַ עס איז אופן וואס־גיכער ארויסרייסן זיך פון דעם בעל התפעלות דער דאַמע, וואס האט אים באין אופן ניט געלאזט געזעגענען זיך מיט איר און אוועקגיין.

— יע, איר ווייסט, איר ווייסט, — האט זי געפלאפלט, — קומט צו גיין זאגן מיר, וואס איר וועט זיך דארטן דערוויסן און וואס איר וועט דערזען··· און וואס עס וועט זיך ארויסווייזן··· און ווי מ׳וועט אים משפטן און וואוהין מ׳וועט אים פארמשפטן··· הערט, קיין טויט־שטראף איז דאך בא אונז ניטא? אבער קומט למען השם, אפילו דריי אזייגער ביינאכט, אפילו פיר, אפילו האלב פינף··· הייסט אויפוועקן מיך, אויפטורען, אויב איכ׳ל ניט אויפשטיין··· אָ, גאָט מיינער, נאר איך וועל גאר ניט איינשלאפן אפילו אויך. איר ווייסט, צי זאל איך גאר ניט פאָרן אליין מיט אייך?···

— נ־ניין, סודאַרינאַ, נאר אט, ווען איר וואלט אנגעשריבן איצט מיט אייער אייגענער האנט א פאָר שורהלאך אף יעדן פאל, אז קיין געלט האט איר דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן אינגאנצן ניט געגעבן, וואלט געווען אפשר ניט איבעריק··· אף יעדן פאַל.

— אוודאי! — האט מיט התפעלות א שפרונג געטאן צו איר ביוראָ פרוי כאָכלאקאָוואַ, — איר ווייסט, איר פארגאפט מיך ממש, איר צעטרייסלט מיך מיט אייערע איינפאַלן און מיט אייער געניטקייט אין אָט די זאכן··· איר דינט דא גופא טאקע? ווי אנגענעם דאס איז צו הערן, וואס איר דינט דא גופא···

און נאך רעדנדיק דאס, האט זי האַסטיק אנגעשריבן אף א האלבן בויגעלע פאָסט פאפיר מיט גרויסע ווערטער אָט די דאזיקע פאר שורהלאך:

„קיינמאל אף מיין לעבן האב איך דעם אומגליקלאכן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָוו (ווארים ער איז דאך איצט פארט אן אומגליקלאכער) ניט געליען היינט קיין דריי טויזנט רובל, און קיין שום אנדערע, געלט אויך ניט, קיינמאל ניט! איך שווער אף דעם, מיט אלצדינגג, וואס איז נאר דא הייליקעס אף אונזער וועלט.

כאָכלאקאָוואַ".

— אָט איז דער צעטעלע! — האט זי געשווינט א קער געטאן זיך צו פיאָטר איליטשן, — גייט זשע, ראַטעוועט. דאס איז א גרויסע העלדנטאַט פון אייער זײַט.

און זי האט אים דריי מאל איבערגעצלמט. זי איז ארויס־געלאפן באגלייטן אים אַזש ביזן פאָדערצימער אפילו.

— ווי דאנקבאר איך בין אייך! איר וועט נישט גלויבן, ווי דאנקבאר איך בין אייך איצט, וואס איר זייט ארײַן צו מיר צו דער ערשטער. ווי אָבער פלעג איך זיך דאס גאר נישט טרעפן מיט אייך? עס וואלט מיך זעער געפרייט אויפנעמען אייך אף להבא אויך אין מיין הויז. און ווי אָנגענעם דאס איז צו הערן, וואס איר דינט טאקע דא גופא··· הײַנט אזא פינקטלאכקייט, אזוינע איינ־פאלן··· זיי מוזן אייך אבער שעצן, זיי מוזן אייך ענדלאך פאר־שטיין, און אלץ, וואס איך וועל נאר אימשטאנד זיין צו טאן פאר אייך, גלויבט מיר, גלויבט מיר··· אָ, איך האב אזוי ליב די יוגנט!

יונגע לײַט — דאס איז דער יסוד פון דעם איצטיקן גאנצן לײַדנדיקן רוסלאַנד, דאס איז די האפענונג פון רוסלאנד··· אַ, גייט זשע, גייט!···

פּיאָטר איליטש איז שוין אבער ארויסגעלאפן, א ניט וואלט זי אים אזוי גיך נישט ארויסגעלאזן. איבעריקנס — האט פרוי כאָכלאַקאָוואַ געמאכט אף אים א גאנץ גוטן איינדרוק, עטוואס ווייכער געמאכט אפילו די צעטראגנקייט זיינע, וואָס ער האט זיך ארייגעצויגן אין אזא מין מיאוסן פאל. אז איינעם געפעלט איין זאך, און דעם אנדערן א צווייטע, דאס ווייס מען. „און זי איז נאך גאר ניט אזוי אלט אויך, — האט ער א טראַכט געטאן מיט אן אנגענעמען געפיל, — אדרבה, איך וואלט זי אנגענומען פאר איר טאכטער".

וואס איז שייך ווידער פרוי כאָכלאַקאָוואַ גופא, איז זי פשוט געווען באגייסטערט פון דעם דאזיקן יונגן מאַן. „אזוי פיל געניטקייט, אזוי פיל פּינקטלאכקייט אין אזא יונגן מענטשן אין אונזער צייט, און דאס אלץ בא אזוינע מאַנירן און בא אזא אנבליק. און מ'זאגט נאך פון די היינטיקע יונגע מענטשן, אז זיי קאנען קיין זאך ניט, אט האט איר א ביישפּיל", א. א. וו. א. א. וו. אזוי אז אָן דער „שרעקלאכער געשעניש" האָט זי פשוט פארגעסן אפילו און ערשט ביים לייגן זיך אין בעט און דערמאנענדיק זיך מיטאמאל פונדאסניי אָן דעם, „ווי נאהנט זי איז געווען פון טויט", האט זי א זאג געטאן: „אַך, דאס איז שרעקלאך, שרעקלאך!" האט אבער גלייך איינגעשלאפן מיט א סאַמן שטארקן און זיסן שלאף. איך וואלט גאר, אגב, ניט מאריך געווען אויך וועגן אזוינע קליינע און ניט וויכטיקע פרטים, ווען אָט די נאר־יוואס פון מיר באַשריבענע עקסצענטרישע באגעגעניש פון דעם יונגן באַאַמטן מיט דער נאך גאר ניט אלטער אלמנה וואלט שפּעטער ניט געווען דער יסוד פון דער גאנצער לעבנס־קאַריערע פון אָט דעם זעער פּינקטלאכן און אויסגעהאלטענעם יונגן מענטשן, פון וואס מ'רעדט נאך עד היום מיט א פארוואונדערונג בא אונז אין שטעטל, און מכוח וואס מיר וועלן נאך אפשר אויך זאָגן א פּאָר ווערטער, אז מירן פארענדיקן אונזער לאנגע דערציילונג מיט די ברידער קאַראַמאַזאָווי.

II

## דער טומל

דער איספּראַווניק אונזערער מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש מאַקאַראָוו, א געוועזענער פּאָדפּאָלקאָווניק און איצט לויטן טיטל א הויף־ראָטמאַן, איז געוועזן א מענטש אַן אלמן און א גוטער. אראָפּגעקומען צו אונז איז ער ווידער סך הכל מיט דריי יאָר צוריק, וואס האט שוין אבער פאַרדינט אלעמעס אנערקענונג דערהויפּט מיט דעם, וואס „ער האט פאַרשטאַנען ווי צו פאַראייניקן די געזעלשאַפט." געסט פלעגן בא אים ניט אַרויסקומען פון שטוב, און עס פלעגט זיך דאכטן, אז אָן זיי וואלט ער גאר אליין ניט געקאנט לעבן. ניט אנדערש פלעגט יעדן טאג ווער עס איז זיין בא אים צו מיטאג, צוויי געסט, צי כאטש איין גאסט אפילו, נאר אָן געסט פלעגט מען זיך אפילו צום טיש ניט זעצן. עס פלעגן זיין אויך אָפּיציעלע מאלצייטן, בא פאַרשיידענע, אפטמאל אפילו נישט דערוואַרטע תּרוצים. געריכטן פלעגט מען אמת דערלאנגען ניט קיין אויסטערלישע, אבער רייכע, געפילטע געבעק פלעגט מען מאכן גרויסאַרטיקע, און די ווײַנען כאטש זיי פלעגן ניט גלענצן מיטן איכות, דערפאר אבער מיטן כּמות. אין דעם אריינגאנגס־צימער איז געשטאנען א בּיליאַרד מיט א גאנץ אנשטענדיקער מעבּלירונג, דאס הייסט אפילו מיט פּאָרטרעטן אף די ווענט פון ענגלישע רייטער־פערד איינגעפּאַסט אין שווארצע רעמלאך, וואס איז, כּידוע, דער נויטיקסטער חפץ פון יעדן בּיליאַרד־צימער בא א מענטשן אָן א ווייב. יעדן אָוונט פלעגט מען שפּילן אין קאָרטן, כאטש אפילו באָר אף איין טישעלע. נאר זעער אפט פּלעגט זיך טאקע אויפקומען אויך די גאנצע בּעסערע געזעלשאַפט פון אונזער שטאט, מיט די מאַמינקעס און טעכטערלאך, כאַפּן א טענצל. מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש כאטש ער איז געוועזן אפילו אן אלמן, האט ער אבער געלעבּט מיט א פאמיליע, האָבּנדיק לעבּן זיך זיינע א טאכטער, וואס איז שוין אליין אויך געוועזן פון לאנג אן אלמנה, און שוין אויך א מאַמע פון צוויי טעכטער, מיכאַאיל מאַקאַראָוויטשעס אייניקלאך. די מיידלאך זיינען שוין געוועזן דערוואקסענע און געענדיקט זייער דער־

ציאונג׳ אפן אנבליק גאנץ אנגענעמע׳ מיט א לעבעדיקן כאראקטער׳ און כאטש אפילו אלע האבן געוואוסט׳ אז קיין נדן וועט מען זיי ניט געבן׳ האבן זיי פונדעסטוועגן צוגעצויגן צום זיידן אין הויז אונזער אַריסטאָקראַטישע יוגנט׳ פון געשעפטן איז מיכאַיל מאַקאַראָוויטש געווען ניט גאר ווייט׳ זיין אַמט אבער פלעגט ער אפטאן ניט ערגער פאר אנדערע׳ אז מ׳זאל זאגן אזוי ווי די זאך איז׳ איז ער געווען א מענטש טאקע א פיינער עם הארץ און אפילו זאָרגלאָז אין הלכות קלאר פארשטיין די גרעניצן פון זיין אַדמיניסטראַטיווער מאַכט׳ געוויסע רעפארמען פון דעם איצטיקן רעגירן האט ער ניט נאר וואס ניט געקאנט איינגאנצן משיג זיין׳ נאר ער פלעגט זיי פארשטיין מיט געוויסע׳ אפטמאל זעער גראבע גרייזן׳ און ניט וואס מ׳זאל זאגן צוליב עפעס אַן אומפעאיקייט זיינער, נאר פשוט צוליב דער קאַלט־בלוטיקייט פון זיין כאראקטער׳ ווארים ס׳איז רק ניט געווען ווי אריינ־צודרינגען אין דעם תוך׳ „נאך דער נשמה נאך׳ רבותי׳ בין איך מער סאלדאט׳ ווי ציוויליסט״׳ פלעגט ער אליין זאגן וועגן זיך׳ אפילו וועגן די גענויע יסודות פון דער פויערים־רעפאָרם האט ער נאך אַלץ עפעס ווי ניט געקראגן קיין אנטגילטיקן און פעסטן באגריף׳ און פלעגט זיך דערוויסן פון זיי׳ אזוי צו זאגן׳ פון יאָר צו יאָר׳ פאר־מערנדיק זיינע קענטענישן׳ דורך פראקטיק און אומווילנדיק׳ און דערביי איז ער אליין געווען א גוטס־באזיצער׳ פּיאָטר איליטש האט געוואוסט אף זיכער׳ אז דעם אוונט וועט ער געוויס טרעפן עמיצן פון די געסט׳ בא מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש׳ האט נאר ניט געוואוסט וועמען דהיינו׳ און אָט זיינען אין דער מינוט גראד געזעסן בא אים און געשפילט אין קאָרטן דער פראקוראָר און דער זעמסקער דאקטאר וואַרווינסקי׳ א יונגער מאן׳ וואס איז נאר־וואס אראפגעקומען צו אונז פון פעטערבורג׳ איינער פון די׳ וואס האבן אויסגעצייכנט געענדיקט די פעטערבורגער מעדיצינישע אַקאַדעמיע׳ דער פראָקוראָר ווידער׳ דאס הייסט אייגנטלאך דער וויצעפראָקוראָר׳ וועמען אלע בא אונז האבן אבער גערופן פראָקוראָר׳ איפּאָליט קיריליאָוויטש׳ איז געווען בא אונז א מענטש גאר א באזונדערער׳ ניט קיין אלטער׳

סך הכּל אַ יאָר פינף און דרייסיק, וואָס איז אָבער שטאַרק נוטה געווען צו שווינדזוכט, און דערבײַ חתונה געהאַט מיט אַ זעער דיקער דאַמע אָן עקרה, געווען אַ מענטש מיט אײַגנליבע און אַן אויפרייצנדיקער, אָבער מיט אַ גאַר סאָלידן קאָפּ און מיט אַ גוטער האַרץ אַפילו. דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער אומגליק פון זײַן כאַראַקטער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט האַלטן פון זיך אַביסל מער, ווי דאָס האָבן דערלויבט זײַנע אמתע פאַרדינסטן. אָט פאַרוואָס ער פלעגט דאָס שטענדיק אויסזען, ווי עפּעס אויפגערעגט. געהאַט האָט ער נאָך אַ חוץ דעם געוויסע העכערע און אַפילו קינסטלערישע פּרעטענזיעס, למשל אויף דאָס פּסיכאָלאָגישע, אויף אַ באַזונדער קענען די מענטשלעכע נשמה, אויף אַ באַזונדער טאַלענט פון דערקענען דעם פאַרברעכער און זײַן פאַרברעך. אין דעם פּרט האָט ער זיך געהאַלטן אין אַ געוויסער מאָס פאַר באַליידיקט און פאַר באַוואָלט לויט זײַן אַמט נאָך און איז תּמיד געווען איבערגעצײַגט, אַז דאָרטן אין די הויכע ספערן, האָט מען אים ניט פאַרשטאַנען ווי אָפּצושעצן, און אַז ער האָט שונאים. אין מרה־שחורהדיקע מינוטן פלעגט ער אַפילו סטראַשען ווערן אַן אַדוואָקאַט פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס. דער אומגעריכטער פּראָצעס פון די קאַראַמאַזאָווס וועגן דעם מאָרד פון פאָטער האָט אַזוי ווי אויפגעטרייסלט אים דעם גאַנצן: „אַזאַ פּראָצעס, וואָס קאָן ווערן באַוואוסט אין גאַנץ רוסלאַנד". אָבער דאָס זאָג איך שוין פאַרלויפנדיק אַ פריער.

אין דעם דערבײַיאיקן צימער איז מיט די פרײַלנס געזעסן אויך אונזער יונגער סודעבני סלעדאָוואַטעל, ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש נעליודאָוו, וואָס איז סך הכּל מיט צוויי חדשים צוריק אַראָפּגעקומען צו אונז פון פּעטערבורג. שפּעטער פלעגט מען בײַ אונז רעדן און אַפילו וואונדערן זיך פון דעם, וואָס אָט די אַלע פּערזאָנען זײַנען ווי מיט אַ כּיוון אין דעם אָוונט פון „פאַרברעך" צונויפגעקומען זיך צוזאַמען אין דעם הויז פון דער אויספירנדיקער מאַכט. אין דער אמתן אָבער איז די זאַך געווען אַסך פּשוטער און איז פאָרגעקומען זעער און זעער נאַטירלאַך: בײַ איפּאָליט קיריל‌אָוויטשעס ווײַב האָבן שוין דעם אַנדער טאָג ווי געטאָן די ציינער, האָט ער דאָך געמוזט

וואוהין עס איז אנטלויפן כּון איר, פון אירע גוואלדן; דער דאקטאר ווידער האט שוין לויטן תּוך זיינעם ניט געקאנט זײַן אײנאָוונט ערגעץ אנדערש, ווי בא קאָרטן, און וואס ס׳איז שייך ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש נעליודאָוון האט ער נאך אפילו גערעכענט מיט דריי טעג צוריק דעם אוונט זיין בא מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש, אראפּקומען, אזוי צו זאגן, אומגעריכטערהייט, כּדי פּלוצלונג און גנבהש איבער־ראשן מיט דעם זיין עלטערן אייניקל, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, וואס ער ווייס, אז היינט איז איר געבורטסטאָג, און אז זי האט מיט א כּיוון געוואלט דאס האלטן בסוד פון אונזער געזעלשאפט, כּדי ניט אויפ־צורופן די שטאָט אף טענץ. ס׳איז געווען צו ווארטן אף אסך געלעכטער און אף אָנצוהערענישן ווי אלט זי איז, וואס זי האט ווי מורא ארויסגעבן אירע יאָרן, אז איצטער, היות ווי ער איז דער היטער פון איר סוד, וועט ער מארגן טאקע אלעמען דערציילן, א־א־וו־א־אַ־ווי דער ליבינקער, יונגינקער מענטשעלע, איז געווען אין דעם פּרט א גרויסער שטיפער, אזוי טאקע האבן אים די דאמען בא אונז א נאמען געגעבן שטיפער, און ער פלעגט, דאכט זיך, האבן דערפון גרויס הנאה, איבעריקנס, האט ער געשטאַמט פון א זעער פיינער געזעלשאפט, פון א שיינער משפּחה, מיט א גוטער דערציאונג און גוטע געפילן, און הגם ער איז געווען א לעבעדיקער יונגער מאַן, איז ער אבער תּמיד געווען אומשולדיק און תּמיד אנשטענדיק, געווען איז ער פון קליינינקן וואוקס, שוואך און צארט געבויט, אף די דינינקע בלייכינקע פינגערלאך זיינע האבן תּמיד געפינקלט עטלאכע זעער מאסיווע רינגען, בעת ער פלעגט אבער זיין אף זיין אמט, פלעגט ער ווערן אומגעוויינלאך וויכטיק, ווי ער וואלט פארשטאנען אלס א הייליקייט זיין באדייטונג און זיינע פליכטן, דערהויפּט האט ער געקאנט פארטומלען ביים פארהערן מערדער און אנדערע פארברעכער פון המון, און ער פלעגט באמת דערוועקן אין זיי אויב ניט קיין אכטונג צו זיך, איז פונדעסטוועגן פארט א געוויסע פארוואונדערונג.

פּיאָטר איליטש איז, אריינגייענדיק צום איספּראווניק, פּשוט מבולבל געווארן: ער האט מיטאמאל דערזען, אז דארטן ווייס מען שוין פון אלץ, באמת, די קאָרטן האט מען געלאזן, און אלע זיינען

געשטאנען און גערעדט און אפילו ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש איז געקומען צולויפן פון די פריילנס און געהאט א סאמן ווילדן און צום קאמף גרייטן אויסזען. פּיאָטר איליטש האט דא דערהערט די מוראדיקע בשורה, אַז דער אלטער פיאָדאָר פּאוולאָוויטש איז באמת און בפירוש דערהרגעט געוואָרן דעם אוונט, בא זיך אין שטוב, דערהרגעט און באַרויבט. דערוואוסט האָט מען זיך ווידער דערפון אָט נאר־וואס פריער, אף אָט דעם דאזיקן אופן.

מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ, גריגאָריעס ווייב, וואס איז דערשלאָגן געווארן ביים פלויט, איז כאטש אפילו זי האט געשלאפן שטארק אף איר געלעגער און וואלט נאך געקאנט אָפּשלאפן אזוי ביז אינדערפרי, האט זיך אבער פונדעסטוועגן אויפגעכאפּט מיטאמאל. געהאלפן דערצו האט דער שרעקלאכער עפּילעפּטישער געשריי סמערדיאַקאָווס, וואס איז געלעגן אין דעם דערבייאיקן קעמערל אָן באוואוסטזיין, — אָט יענער געשריי, מיט וועלכן עס פלעגן זיך שטענדיק אנהויבן זיינע ספּאַזמעס פון די פאליקע און וואס פלעגן תמיד, דעם גאנצן לעבן, מוראדיק שרעקן מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ און ווירקן קרייַנקלאך אף איר. ביט געקאנט האט זי קיינמאל צוגעוואוינט ווערן צו זיי. פון שלאף האט זי א שפרונג געטאן און כמעט אָן א קאָפּ א ווארף געטאן זיך צו סמערדיאַקאָוון אין קעמרל. דארטן איז אבער פינצטער געווען, מ׳האט נאר געהערט, אז דער קראנקער האט אנגעהויבן שרעקלאך צו כראפּען און ווארפן זיך. דא האָט מאַרפאַ איגנאַטיעווניאַ אנגעהויבן שרייען אליין און גענומען רופן דעם מאַן, האט אבער מיטאמאל ווי דערמאנט זיך, אז בעת זי איז אויפגעשטאַנען, איז דאך גריגאָרי גאר ווי ניט געווען אין בעט. זי איז צוגעלאפן צום בעט און גענומען טאפּן פונדאסניי, דאס בעט איז אבער באמת געווען ליידיק. הייסט דאס, אז ער איז ארויסגעגאנגען, וואוהין אבער? זי איז ארויסגעלאָפן אפן גאניקל און מיט א שרעק גענומען רופן אים פון גאניק. קיין ענטפער, פארשטייט זיך, האט זי ניט באקומען, האט אבער דערפאר דערהערט פון ערגעץ־וואו צווישן דער נאכט־שטילקייט אזוי ווי ווייט פון סאד קרעכצט עפּעס עמיצער. זי האט זיך צוגעהערט: דאס קרעכצען האט זיך איבערגעחזרט, און ס׳איז

געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז טאַקע פון סאַד. „גאָט מײַנער, פּונקט ווי דעמאָלט ליזאַוועטאַ די שטינקעדיקע!״ האָט זיך אַדורכגעטראָגן אין איר צעטרייסלטן מוח. מיט אַ ציטער איז זי אַראָפּ פון די טרעפּלאָך און דערזען, אַז די טירל פון סאַד איז אָפן. „מסתּמא איז ער דאָרטן, דער האַרציקער מײַנער״, האָט זי אַ טראַכט געטאָן און איז צוגעגאַנגען צום טירל און האָט מיטאַמאָל קלאָר דערהערט, אַז עס רופט זי גריגאָרי, רופט מיט אַ שוואַכן, קרעכצעדיקן און שרעקלעכן קול: „מאַרפאַ, מאַרפאַ!״. „רבונו של עולם, פאַרהיט אונדז פון אַן אומגליק״, האָט מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ אַ שעפּטשע געטאָן און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער זײַט, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דער קול, און אָט אַזוי אַזוי אופן האָט זי דאָס געפונען גריגאָריען. געפונען אָבער האָט זי אים ניט לעבן פּלויט, ניט אויף יענעם אָרט, וווּ ער איז אַנידערגעפאַלן, נאָר שוין בײַ אַ טריט צוואַנציק פון פּלויט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קומענדיק צו זיך האָט ער אַוועקגעפּויזעט און האָט געפּויזעט אַ לאַנגע צײַט, פאַרלירנדיק עטלעכע מאָל דעם זינען און ווידער ניט וויסן, וואָס עס איז מיט אים. זי האָט גלײַך דערזען, אַז ער איז אינגאַנצן אין בלוט און די שטעל גענומען שרײַען אויפן קול. גריגאָרי ווידער האָט פּאַמעלעך און אָן אַ צוזאַמענהאַנג געשעפּטשעט: „ער האָט דערהרגעט ... דעם אַלטן ט׳ער דערהרגעט ... וואָס שרײַסטו, שוטה ... לויף רוף מענטשן״ ... מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ אָבער איז ניט אַנטשוויגן געוואָרן און נאָך אַלץ געשריגן, ערשט מיטאַמאָל האָט זי דערזען, אַז בײַם האַרן איז אויפן דאָס פענצטער און ס׳איז ליכטיק, איז זי אַוועקגעלאָפן צו אים און אָנגעהויבן רופן פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן. נאָר, אַ קוק געטאָן אין פענצטער, האָט זי דערזען אַ שרעקלעך בילד: דער האַר איז געלעגן אויף דער ערד מיטן פּנים אַרויף, אָן באַוועגונג. דער ווײַסער כאַלאַט און דאָס ווײַסע העמד אויפן ברוסט זײַנען געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. דאָס ליכט אויפן טיש האָט העל באַלויכטן דאָס בלוט אויף פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס אומבאַוועגטן טויטן געזיכט. דאַ האָט שוין מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ אין דער לעצטער מדרגה פון שרעק אַ וואָרף געטאָן זיך פון פענצטער, איז אַרויסגעלאָפן פון סאַד, אויפגעעפנט

דעם טויער און איז אַוועקגעלאָפן, ברעכנדיק די פיס אונטער זיך, הינטערן הויף צו דער שכנה מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ.ביידע שכנות, די מאמע מיט דער טאכטער, האבן שוין געהאט געשלאָפן, נאר אפן מוראדיקן און ווילדן קלאפן אין די לאדן און מאַרפאַ איגנאַטיעוונעס קולות האבן זיי זיך אויפגעכאַפּט און צוגעשפּרונגען צום פענצטער. מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ האט כאטש צעוואָרפענערהייט, און קוויטשענדיק און שרייענדיק, איבערגעגעבן פונדעסטוועגן דעם עיקר און גערופן צו הילף. די־נאכט האט גראָד איבערגענעכטיקט פאָמאַ, וואס פלעגט זיך ארומשלעפן. די רגע האט מען אים אויפגעוועקט, און אלע דרייען זיינען אוועקגעלאָפן אפן ארט פון פארברעך. לויפנדיק האט מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ זיך טאקע דערמאָנט, ווי פריער, א זייגער ניין, האט זי געהערט פון זייער סאָד א מוראדיקן געשריי, וואס האט דורכגעדרונגען דעם גאנצן ארום — און דאס איז טאקע געוויס געווען דער זעלביקער געשריי גריגאָריס, בעת ער האט, איינקלאַ־מערנדיק זיך מיט די הענט אָן דמיטרי פיאָדאָראָוויטשעס פוס, וואס איז שוין געזעסן אפן פלויט, אויסגעשריען: „בן סורר ומורה!“. „עמיצער האט עפּעס א געשריי געגעבן און האט מיטאמאל אויפגעהערט“. האט איבערגעגעבן לויפנדיק מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ. קומנדיק צולויפן אפן ארט, וואו גריגאָרי איז געלעגן, האבן ביידע פרויען מיט פאָמאַס הילף אריבערגעטראגן אים אין פליגל. מ'האט אנגעצונדן פייער און דערזען, אז סמערדיאַקאָוו ווערט נאך אלץ ניט באנומען און וואַרפט זיך אין זיין קעמערל, מיט אויסגעדרייטע אויגן, און פון די ליפּן זיינען רינט די שפּייעכץ. גריגאָריען האט מען אָפּגעוואשן דעם קאפּ מיט עסיק, און פון דעם וואסער איז ער שוין אינגאנצן געקומען צו זיך און גלייך אַ פרעג געטאָן: „דער פריץ איז דערהרגעט צי ניט?“ ביידע פרויענצימער און פאָמאַ זיינען דעמאלט אוועק צום פריץ און, אריינגייענדיק אין סאָד, האבן זיי דאס מאל דערזען, אז ניט נאר דאס פענצטער, נאר אפילו די טיר, וואס פון שטוב אין סאָד, איז אויך געווען נאַסטעוזש־אפן, אינדערצייט ווען דער פריץ פלעגט שוין אָט די גאַנצע וואך אליין פארשליסן זיך פון אוונט אף דעו' גאנצער נאכט און פלעגט אפילו גריגאָריען בשום אופן ניט דערלויבן קלאפּן

צו זיך. דערזען אָט די דאָזיקע אויפגעעפנטע טיר, האבן זיי אלע־ביידע פרויען און פאָמאַ, די שטעל געגומען מורא האבן אַריינגיין צום פריץ, „עס זאל שפעטער עפעס ניט ארויסקומען”. אז זיי זיינען געקומען צוריק, האט גריגאָרי געהייסן תיכּף לויפן צום איספּראַווניק אַליין. איז דאס טאקע מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ אַוועקגעפלויגן און מבולבל געמאכט אלעמען ביים איספּראַווניק. פּיאָטר איליטשעס קומען ווידער האט זי מקדים געווען סך־הכּל מיט א פינף מינוט, אזוי אז ער איז געקומען שוין ניט נאר מיט זיינע השערות און באשלוסן. נאר ווי אַן עד ראיה, וואס האט נאך מער באשטעטיקט מיט זיין דערציילן די אלגעמיינע רעטעניש, ווער עס איז דער פארברעכער (וואס ער האט, אגב, אין די טיפעניש פון זיין נשמה, ביז אָט דער סאמער לעצטער מינוט נאך אלץ נישט געוואלט גלויבן).

מ׳האט באשלאסן ארבעטן ענערגיש, דעם געהילף פון דעם פּריסטאַוו האט מען געהייסן נעמען אַ מאן פיר עדות און מ׳איז לויט אלע כּללים, וואָס איך באַשרייב שוין דאָ ניט, אריינגעדרונגען צו פיאָדאָר פּאַוולאוויטשן אין הויז, און די אויספארשונג האט מען געמאכט אפן אָרט. דער זעמסקער דאקטאר, אַ מענטש אַ היציקער און נאך אַ נייער, האט זיך כּמעט אליין אָנגעשלאָגן צו באַלייטן דעם איספּראַווניק, דעם פּראקוראר און דעם סליעדאָוואַטעל. איכ׳ל זאָגן נאר בקיצור: פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש איז געווען דערהרגעט אינגאנצן, מיט אַ דורכגעלעכערטן קאָפּ, אבער מיט וואָס? גיכער פאר אלץ מסתּמא מיט דעם זעלביקן געווער, פון וועלכן ס׳איז שפּעטער פאר־וואונדעט געווארן גריגאָרי אויך. און אט האט מען אויפגעזוכט דאָס געווער גופא אויסהערנדיק גריגאָריען, וועמען מ׳האט געגעבן די נויטיקע מעדיצינישע הילף, זיין גאנץ זאכלאכן איבערגעבן, אפילו מיט אַ שוואכער און אָפּגעהאַקטער שטים, ווי אזוי ער איז פארוואונדעט געווארן. מ׳האט אָנגעהויבן זוכן מיט אַ לאַמטערן לעבן פּלויט און מ׳האט געפונען גלייך אפן וועגל פון סאָד, אויבן־אויף דעם מעסענעם טויקאַצל. אין דעם צימער, וואו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש איז געלעגן, האט מען קיין שום באַזונדער אומאָרדענונג ניט באַמערקט, מער ניט הינטערן פארהאנג, לעבן זיין בעט, האט מען אויפגעהויבן פון

דער ערד אַ קאָנווערט פון קאַנצעלאַר־פּאָרמאַט און פון דיקן פּאַפּיר מיט דער אויפשריפט: „אַ מתנהלע דריי טויזנט רובל דעם מלאכל מײַנעם גרושענקען, אויב זי וועט וועלן קומען‟ און אונטן איז געווען צוגעשריבן, שוין אַפּנים שפּעטער, פון פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש אַליין: „און דעם טײַבעלע‟. אפן קאָנווערט זײַנען געווען דריי גרויסע זיגלען פון רויטן טריוואַקס, דער קאָנווערט אָבער איז שוין געווען צעריסן און אַ ליידיקער: דאָס געלד איז שוין ניט געווען. מ׳האָט אויך געפונען אף דר׳ערד די שמאָלינקע ראָזע סטענגגעלע, מיט וועלכער ס׳איז געווען אַרומגעבונדן דער קאָנווערט. אין פּיאָטר איליטשעס באַווײַזן האָט איין זאַך, צווישן די איבעריקע, געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אפן פּראָקוראָר און דעם סליעדאָוואַטיעל, דהיינו: וואָס ער מיינט, אַז דמיטרי פיאָדאָראָוויטש וועט אף געוויס ביז פאַרטאָג דערשיסן זיך, אַז ער האָט זיך אַליין אַנטשלאָסן אף דעם, האָט אַליין געזאָגט וועגן דעם פּיאָטר איליטשן, האָט אָנגעשטעלט פאַר אים אין די אויגן דעם פּיסטאָלעט, אָנגעשריבן אַ צעטעלע און אַרײַנגעלעגט אין קעשענע א. א. וו. א. א. וו. און אַז ער, פּיאָטר איליטש הייסט עס, וואָס האָט נאָך אים אַלץ ניט געוואָלט גלויבן, האָט געסטראַשעט, אַז ער׳ט גיין און דערציילן עמיצן, כּדי ניט צו דערלאָזן צו קיין זעלבסטמאָרד, האָט אים מיטיאַ אַליין געענטפערט לאַכנדיק: „וועסט ניט באַווײַזן‟, האָט מען געדאַרפט, הייסט עס, וואָס גיכער קומען אפן אָרט, אין מאָקראָיע, כּדי אָנטרעפן דעם פאַרברעכער איידער עס וואָלט אים טאַקע אפשר אין דער אמתן אײַנגעפאַלן צו דערשיסן זיך. „דאָס איז קלאָר, דאָס איז קלאָר!‟ האָט איבערגעחזרט דער פּראָקוראָר גוואַלטיק אויפגערעגט, „פּונקט אַזוי, אַט אַזוינע שלעפּער טוען טאַקע אַזוי: מאָרגן זיך אָנמאַכן אַ טויט, אָבער פאַרן טויט — איז געהוליעט‟. די מעשה, ווי אַזוי ער האָט אויסגעראַמט אין קראָם די ווײַנען און די פּראָדוקטן, האָט נאָך מער אויפגעהיצט דעם פּראָקוראָר. „איר געדיינקט, מײַנע הערן, יענעם בחור, וואָס האָט דערהרגעט דעם סוחר אָלסופיעוו, האָט אים באַרויבט אף אָנדערהאַלבן טויזנט רובל און איז גלײַך אַוועק פריזירן די האָר און דערנאָך, נישט באַהאַלטנדיק אַפילו גוט די געלט, אויך כּמעט טאַקע אַזוי טראָגנדיק

אין האַנט׳ אַוועקגעלאזן זיך צו מיידלאַך״. די אויספאָרשונג׳ די הויז־זוכונג בײַ פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן׳ די פאָרמאַליטעטן וכדומה׳ האָבן פונדעסטוועגן פאַרהאַלטן אַלעמען. דאָס אַלץ האָט געפאָדערט צייט האט מען טאקע דעריבער אוועקגעשיקט מיט א שעה צוויי נאך פריער פאר זיך קיין מאָקראָיע דעם סטאַנאָוואָי מאַווריקי מאַווריקיעוויטש שמערצאָווי׳ וואס איז גראד געקומען אינדערפרי מיט אַ טאג צוריק אין שטאָט נאך געהאַלט. מאַווריקי מאַווריקייעוויטשן האט מען געגעבן אָט די דאזיקע אינסטרוקציע: קומענדיק קיין מאָקראָיע׳ און ניט מאכנדיק קיין שום טומל׳ זאל ער די גאַנצע צייט אכטונג געבן אפן „פארברעכער״ ביז די געהעריקע מאַכט וועט אנקומען׳ דאס אייגענע זאל ער צוגרייטן עדות׳ סאָטסקעס און אזוי ווייטער׳ און אזוי ווייטער. אזוי טאקע האט מאַווריקי מאַווריקייעוויטש געטאָן׳ האט געהאלטן בסוד׳ מער ניט איין טריפאָן באָריסיטשן׳ דעם אלטן באקענטן זיינעם׳ האט ער נאר צום טייל איבערגעגעבן די זאך. די צייט דערפון איז טאקע גראָד צונויפגעפאלן מיט דעם׳ בעת מיטיאַ האט אנגעטראפן אין דער פינצטער אפן גאַלעריי דעם באַלעבאָס׳ וואס האט אים געזוכט׳ און גלייך דערבײַ באמערקט׳ אז בא טריפאָן באָריסיטשן איז פארגעקומען אפן פנים אי אין די רייד עפעס א פלוצלונגדיקע ענדערונג. אף אזא אופן האט ניט מיטיאַ און ניט קיינער ניט געוואוסט׳ אז מ׳היט זיי; וואס איז שייך די קעסטל מיט די פיסטאָלעטן האט טריפאָן באָריסיטש שוין לאנג ארויסגעגנבעט און באהאלטן אין א פאר־בארגענעם אָרט. און ערשט א זייגער פינף׳ אז עס האט שוין אנגעהויבן טאָגן כמעט׳ איז אראפגעקומען די גאנצע מאַכט׳ דער איספראַווניק, דער פראָקוראָר און דער סלעדאָוואַטעל אף צוויי עקיפּאַזשן און אף צוויי טראָיקעס. דער דאָקטאָר ווידער איז געבליבן בא פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן אין שטוב׳ האבנדיק בדעה מאָרגן אינדערפרי פּאַלמעסן דעם בר־מינן׳ נאר׳ דער עיקר׳ האט ער זיך זעער פארינטערעסירט מיטן צושטאנד פון דעם קראַנקן דינער׳ מיט סמערדיאַקאָוון: ״אזוינע מוראדיקע און לאנגע ספּאַזמעס פון פּאַליקע וואס הערן ניט אויף קיין צוויי מעת לעת׳ טרעפט מען זעלטן׳ און דאס געהערט דער וויסנשאפט״׳ האט ער אנגערופן זיך אויפגערעגטערהייט

צו זיינע אפפארנדיקע פארטנערן, און יענע האבן, לאכנדיק, אפ־געגעבן אים מזל־טוב מיט זיין געפינס. דערביי איז ביים פראָקוראָר און דעם סלעדאָוואַטעל זעער גוט געבליבן אין זכרון, אז דער דאָקטאָר האט צוגעגעבן מיטן סאַמן זיכערסטן טאָן, אז סמערדיאַקאָוו וועט נישט דערלעבן ביז טאָג.

איצטער, נאָך דער לאַנגער, אָבער, דאַכט זיך, נויטיקער דער־קלערונג, זיינען מיר טאַקע געקומען צו דעם מאמענט פון אונזער דערציילונג, וואו מיר האבן זי געלאזן אין דעם פריערדיקן בוך.

## III

## די שבעה מדורי גיהינום.

### דער ערשטער גיהינום

איז מיטיא געזעסן און מיט א ווילדן בליק באַקוקט די אנ־געוועזענע, ניט פארשטייענדיק, וואס מ׳רעדט צו אים. מיטאמאל האט ער זיך אויפגעהויבן, געגעבן א וואָרף די הענט און אויסגעשריען אפן קול.

— כ׳בין אומשולדיק: אין די דאָזיקע בלוט בין איך אומשולדיק! אין די בלוט פון דעם פאָטער מיינעם בין איך אומשולדיק... כ׳האב געוואלט דערהרגענען, אבער איך בין אומשולדיק! ס׳איז ניט איך!

נאר קוים וואָס ער האט באוויזן דאס ארויסצושרייען, ווי פון הינטערן פאָרהאַנגל איז ארויסגעשפרונגען גרושענקאַ און זיך גלייך געגעבן א ווארף אנידער דעם איספראַווניק צו די פיס.

— דאס בין איך, איך, די פארשאלטענע, בין שולדיק! — האט זי ארויסגעשריען מיט א הארץ־רייסנדיק געשריי, אינגאנצן אין טרערן און אויסגעשטרעקט צו אלעמען די הענט. —דאס האט ער צוליב מיר דערהרגעט!... דאס האב איך אים אויסגעמאטערט, און געבראכט צו דערצו! איך האב אויך דעם פארשטארבענעם אלטעטשקן אויסגע־מאטערט, צוליב מיין ווילדקייט, און געבראכט אים דערצו! איך בין די שולדיקע, איך בין די ערשטע, די ערשטע שולדיקע, איך בין די שולדיקע!

— אוודאי, ביזטו די שולדיקע! ביזט דו די הויפט־פארברעכערן!
ווילדע דו׳ חצופה דו׳ דו ביזט די ערשטע שולדיקע׳ — האט א בריל
געטאן׳ סטראַשענדיק איר מיטן האַנט׳ דער איספּראַווניק׳ אבער דא
האט מען אים שוין האַסטיק און אף אן אמת איינגעשטילט׳ דער
פּראָקוראָר האט אים אפילו אנגעכאפּט מיט די הענט׳
— דאס וועט שוין גאר אינגאנצן זיין אן אומאָרדענונג׳ מיכאַאיל
מאַקאַראָוויטש׳ — האט ער אויסגעשריען׳ — איר שטערט ממש די
אויספאָרשונג··· איר פּטרט די זאך··· — האט אים כמעט ווי דער
אָטעם פארכאפּט׳
— מ׳דארף אננעמען מיטלען׳ מיטלען דארף מען אננעמען! —
האט זיך שרעקלאך אויפגעקאכט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש אויך׳ —
א ניט איז ממש אוממעגלאך!···
— משפט אונז צוזאמען! — האט ווילד ווייטער אויסגערופן
גרושענקאַ׳ אלץ נאך שטייענדיק אף די קני׳ — צוזאמען באשטראפט
אונז׳ כ׳וועל איצט גיין מיט אים כאָטש אף טויט־שטראף!
— גרושאַ׳ לעבן מיינער׳ בלוט מיינע׳ קדושה מיינע! — האט
זיך אווארף געטאן לעבן איר אף די קני מיטיאַ אויך און האט זי
שטארק איינגעפרעסט אין די אָרעמס׳ — גלויבט איר ניט׳ — האט ער
געשריען׳ — זי איז אין קיין זאך ניט שולדיק׳ אין קיין שום בלוט
ניט שולדיק און אין קיין זאך ניט!
ער האט דערנאך געדיינקט׳ אז עטלאכע מענטשן האבן אים
מיט גוואַלט אוועקגעשלעפּט פון איר׳ און זי האָט מען מיטאמאל
ארויסגעפירט׳ און אז געקומען איז ער צו זיך שוין זיצנדיק ביים
טיש׳ ארום אים און הינטער אים זיינען געשטאנען מענטשן מיט
בלעכלאך׳ אנטקעגן איבערן טיש איז געזעסן אפן זאָפע ניקאָלאַי
פּאַרפענאָוויטש׳ דער סודיעבני סלעדאָוואַטעל׳ און האט אים אלץ
איינגערעדט נעמען אַ טרונק וואַסער פון גלאָז׳ וואס איז געשטאנען
אפן טיש: „דאס וועט אייך אפפרישן׳ דאס וועט אייך בארואיקן׳ האט
קיין מורא ניט, זייט ניט צעטראגן״ האט ער צוגעגעבן זייער העפלאך׳
מיטיען אַ קעגן זשע, דאס האט ער געדיינקט׳ האבן מיטאמאל גוואל־
טיק פארינטערעסירט זיינע רינגען׳ איינער אַן אַמעטיסט־רונג׳ און

דער אנדערער עפּעס א גרעל־געלער, א דורכזיכטיקער און מיט אזא פיינעם גלאַנץ. און א לאנגע צייט פלעגט ער דערנאָך דערמאנען מיט פארוואונדערונג, אז אָט די דאזיקע רינגען האבן צוגעצויגן זיין בליק נישט בייצוקומען, אין דער גאנצער צייט אפילו פון אָט די מוראדיקע שעהן פון פאַרהער, אזוי אז ער האט ווי עפּעס גאר ניט געקאנט אפּרייסן זיך פון זיי און פארגעסן אָן זיי, ווי אָן א זאך, וואס פּאַסט זיך לחלוטין ניט צו זיין לאַגע. צו דער לינקער האנט, בא מיטיען לעבן זייט, האט זיך איצט אף דעם אָרט, וואו פון אנהייב אוונט איז געזעסן מאַקסימאָוו, אוועקגעזעצט דער פּראָקוראָר, און פון דער רעכטער האַנט, אף דעם אָרט, וואו ס'איז געזעסן דעמאלט גרושענקאַ, האט זיך אנידערגעזעצט עפּעס א רויטבאַקיקער יונגער מאַן, אנגעטאן ווי אין עפּעס א יעגער־רעקל א זעער שטאַרק אפּגע־טראגענעם, און לעבן וועמען עס איז געווען טינט און פּאַפּיר. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס איז געווען דעם סלעדאָוואַטעלס שרייבער, וועלכן ער האט געבראכט מיט זיך. דער איספּראַווניק ווידער איז איצטער געשטאנען ביים פענצטער, אין א צווייטן עק צימער, לעבן קאַלגאַנאָוון, וואס האט זיך אויך אנידערגעזעצט אף א שטול, אָט טאַקע בא דעם זעלביקן פענצטער.

— טרינקט אויס א ביסל וואַסער! — האט ווייך איבערגעחזרט צום צענטן מאל דער סלעדאָוואַטעל.

— שוין געטרונקען, מיינע הערן, שוין געטרונקען... איז... וואס זשע, מיינע הערן, ווערגט מיך, פארמשפּט, אנטשיידט דעם גורל! — האט מיטיאַ אויסגערופן מיט א שרעקלאך טעמפּן, אויסגעגלאָצטן בליק אפן סלעדאָוואַטעל.

— איז הייסט עס, איר זאגט דורכויס, אז אין דעם טויט פון דעם פאָטער איירן, פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, זייט איר אומשולדיק? — האט ווייך, אָבער איינדרינגלאך אנגערופן זיך דער סלעדאָוואַטעל.

— איך בין אומשולדיק! איך בין שולדיק אין אנדער בלוט, אין בלוט פון א צווייטן זקן, אבער נישט פון דעם פאָטער מיינעם. און איך באקלאג דאס! כ'האב דערהרגעט, דערהרגעט א זקן, דער־הרגעט און אנידערגעווארפן צו דר'ערד... נאר ס'איז שווער אפּ־

צוקומען פאַר אָט די דאזיקע בלוט מיט אנדערע בלוט, מיט שרעקלאכע בלוט, אין וועלכע איך בין אומשולדיק... א שרעקלאכע באַשולדיקונג, מיינע הערן, פונקט ווי איר וואלט געטראפן איבערן מוח! אבער ווער זשע האט דערהרגעט דעם פאָטער, ווער זשע האָט דערהרגעט? ווער זשע האָט געקאנט דערהרגענען, אויב ניט איך? ס'איז א פּלאָ, אן אומגעלומפּערטקייט, אן אוממעגלאכקייט!...

— יאָ, אָט ווער עס האט געקאנט דערהרגענען... — האט געהאט אנגעהויבן דער סלעדאָוואַטעל, נאר דער פּראָקוראָר איפּאָליט קירילאָוויטש (אייגנטלאַך דער וויצעפּראָקוראָר, נאר מירן אים אויך רופן, צוליב קורצקייט ווענן, פּראָקוראָר) האט זיך, דורכקוקנדיק מיטן סלעדאָוואַטעל, אנגערופן צו מיטיען:

— איר האט אומזיסט מורא פאר דעם אַלטן, פאר דעם דינער גריגאָרי וואַסיליעוויטשן. קאן איך אייך זאגן, אז ער לעבט, ער איז געקומען צו זיך, און וועט, נישט קוקנדיק, וואס איר האט אים שווער פארוואונדעט, ווי ער און איר גופא האט איצטער איבערגעגעבן, וועט ער, דאכט זיך, בלתי ספק, בלייבן לעבן, ווי עס האלט וויינעקסטנס דער דאָקטאָר.

— לעבט ער? איז לעבט ער! — האט געגעבן א בריל מיטאמאל מיטיאַ, א פּאַטשטשאָנדיק מיט די הענט. דאס גאנצע געזיכט זיינע האט גענומען לויכטן: — גאָט מיינער, איך דאנק דיר פאַרן גרויסן נס, וואס דו האסט געטאן מיט מיר, מיט דעם רשע און דעם רוצח, אף דער תפלה מיינער!... יאָ, יאָ, דאס איז אף מיין תפלה, איך האב די גאנצע נאכט געבעטן גאָט!... און ער האט זיך דריי מאל איבערגעצלמט. עס האט אים כמעט דער אָטעם פאַרכאפּט.

— האבן מיר דאָס טאקע פון גריגאָריען גופא באקומען אַזוינע וויכטיקע באַווייזן ווענן אייך, אַז... — האט געהאט אָנגעהויבן פאָרצוזעצן דער פּראָקוראָר, נאָר מיטיאַ האט מיטאַמאָל א שפּרונג געטאן פון שטול.

— איין וויילינקע, מיינע הערן, ווי גאָט איז אייך ליב, נאר נאר איין וויילינקע: איכ'ל אַ לאָף טאָן צו איר...

— זײַט אזוי גוט! איצט קאן מען בשום אופן ניט! — האט אַזש שיר ניט אַ קוויטש געטאָן ניקאָלאַי פּאַרפּענטאָוויטש און מ׳זיך געגעבן אויף אַ שטעל אף די פיס. מיטיען האבן אָנגעכאַפּט די מענטשען מיט די בלעכלאַך אפן ברוסט. ער האט זיך איבעריקנס אַליין אויך אַנידערגעזעצט צוריק אפן שטול...

— ס׳אַראַ שאָד, מײַנע הערן! איך האב געוואלט אַ לאָף טאן צו איר נאר אף א רגעלע... געוואלט אנזאגן איר, אז ס׳איז אָפּ־געוואשן און פארשוואונדן אָט די בלוט, וואס האט מיר די גאנצע נאכט געגנאָגט די הארץ, און אז איך בין שוין ניט קיין מערדער! זי איז דאך מײַן כלה, מײַנע הערן! — האט ער באגײַסטערט און מיט יראת הכבוד א זאג געטאָן מיטאַמאָל, באקוקנדיק אלעמען מיט די אויגן. — אָ, איך דאנק אײַך, מײַנע הערן! אָ, ווי איר האט מיך בײַגעבאָרן געמאכט, ווי איר האט מיך צוריק לעבעדיק געמאכט אין איין רגע!... אט דער אלטער — ער האט דאך מיך געטראָגן אף די הענט, רבותי, האט מיך אין מולטער געוואשן, בעת אלע האבן מיך, אַ דרײַ־יאָריקן קינד, אוועקגעווארפן, ער איז געווען א לײַבלאַכער טאטע!...

— הייסט דאָס, איר... — האָט געהאַט אָנגעהויבן דער סליעדאָוואַטל.

— לאָזט, מײַנע הערן, לאָזט נאך איין ווײַלינקע, — האָט מיטיאַ איבערגעריסן, אָנשפּאַרנדיק בײדע עלמבויגנס אפן טיש און פאַר־שטעלנדיק דעם פּנים מיט די הענט, — לאָזט דאָך א ווײַלינקע קומען צו זיך, לאָזט אָפּעטעמען, רבותי. אָט דאס אלץ צעטרײַסלט מוראדיק, מוראדיק, אַ מענטש איז דאך ניט פון אײַזן, מײַנע הערן!

— איר וואָלט גענומען נאָך א ביסל וואַסער... — האט אַרויסגעשטאַמלט ניקאָלאַי פּאַרפּענאָוויטש.

מיטיא האָט אַוועקגענומען די הענט פון פּנים און זיך פּאַנאַנ־דערגעלאכט. דער בליק זײַנער איז געווען אַ מונטערער, ער האָט זיך ווי דער גאַנצער געענדערט אין איין רגע. ס׳האָט זיך געענדערט אויך דער גאַנצער טאָן זײַנער: דאָס איז שוין ווידער געזעסן א מענטש א גלײַכער מיט אָט די אַלעמען, מיט אָט די אַלע פריערדיקע

באַקענטע זיינע, אָט פונקט אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגעקומען אַלע נעכטן. בעת עס איז נאָך קיין זאך ניט געווען, ערגעץ אין אן אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. בדרך אגב וועלן מיר באמערקן פונדעסטוועגן, אַז ביים איספּראַווניק פלעגט מען אויפנעמען מיטיען, באַלד נאָך זיין קומען צו אונז, גאָר פריינדלאַך, נאָר שפּעטער, דעם לעצטן חודש דער עיקר, פלעגט מיטיאַ כמעט ווי גאָרניט אריינקומען צו אים, און דער איספּראַווניק פלעגט טרעפנדיק, למשל, מיטיען אפן גאס, שטאַרק אָנבלאָזן זיך און נאָר פון העפלאַכקייט וועגן גריסן אים. וואָס מיטיאַ האָט זעער גוט באמערקט. מיטן פּראָקוראָר איז ער געווען נאָך מער פונווייטן, נאָר צום פּראָקוראָרס ווייב, א נערוועזער און פאַנטאַסטישער דאמע, פלעגט ער אָפטמאָל יע אַריינקומען, אבער מיט א סאמן קאָרעקטן וויזיט, און פלעגט אפילו אליין ניט פאַרשטיין, נאָך וואָס גייט ער צו איר, און זי פלעגט אים תמיד פריינדלאך אויפנעמען, עפּעס אינטערעסירנדיק זיך מיט אים ביז דער סאַמער לעצטער צייט. מיטן סלעדאָוואטעל אַקעגן־זשע האָט ער נאָך ניט באַוויזן צו באקענען זיך, האָט שוין אָבער געטראָפן זיך מיט אים אויך און אפילו גערעדט מיט אים אמאָל צי צוויי, ביידע מאָל וועגן דעם ווייבלאַכן מין.

— ווי איך זע, זייט איר, ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, אן אויסגעצייכנטער סלעדאָוואַטעל, — האָט מיטאַמאָל לוסטיק פאַנאַנדערגעלאַכט זיך מיטיאַ, — איכ׳ל אייך אָבער איצט אליין העלפן. אָ, מיינע הערן, איך בין פונדאָסניי געבאָרן געוואָרן... און האָט קיין פאַריבל ניט אָף מיר, וואָס איך ווענד זיך צו אייך אַזוי פשוט און איינפאך. צו דערצו בין איך דאָך נאָך א ביסל שיכור, איך וועל אייך דאָס זאָגן אָפן. איך האָב דאכט זיך געהאַט די ערע... די ערע און דעם פאַרגעניגן צו טרעפן זיך מיט אייך, ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, בא דעם קרוב מיינעם מיאוסאָוו... מיינע הערן, מיינע הערן, איך פרעטענדיר ניט אף קיין גלייכקייט, איך פאַרשטיי דאך, ווער אזוינער איך זיץ איצט פאר אייך. עס ליגט אַף מיר... ווען נאר גריגאָרי האָט עדות געזאָגט... דאן ליגט אף מיר — אָ, אוודאי, אוודאי ליגט — א שרעקלאַכער חשד! אן אימה, אן אימה — אוודאי

פארשטיי איך דאָך דאָס! אָבער צו דער זאַך, רבותי, איך בין גרייט, און מירן איצט אין איין רגע טאַקע פארענדיקן, וואָרים, הערט אויס, הערט אויס, מיינע הערן, וויבאַלד איך ווייס, אז איך בין ניט שולדיק, ווען מיר, פאַרשטייט זיך, אין איין רגע מאַכן א סוף! ניט אמת? ניט אמת?

מיטיאַ האט גערעדט אף־גיך און אסך, האָט גערעדט נערוועזערהייט און עקספּאַנסיוו און ווי ממש האַלטנדיק זיינע צוהערער פאר די בעסטע פריינט זיינע.

— אַלזאָ, ווען מיר לעת עתּה פאַרשרייבן, אז איר וואַרפט לחלוטין אָפּ די געבראַכטע באַשולדיקונג אף אייך, — האט וואָגיק אָנגערופן זיך ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש און אקערטאָנדיק זיך צום שרייבער, דיקטירט אים האַלב־שטיל, וואָס מ׳דארף שרייבן.

— פאַרשרייבן? איר ווילט דאס פאַרשרייבן? מאַכטייסע, שרייבט, איך בין מסכּים, איך גיב מיין גאנצן הסכּם, רבותי . . . נאר איר פארשטייט . . . ווארט, וואַרט א ווײַלע, שרייבט אזוי: אין ווילדע מעשים איז ער שולדיק, אין שווער פארוואונדן דעם אלטן נעבאַך—שולדיק. ווייטער, נו, דארטן אין־זיך נאך אינווייניק, אין די טיפעניש פון דעם האַרץ זיינעם — שולדיק, — דאס אבער דארף מען שוין ניט שרייבן (ט׳ער זיך מיטאמאל א קער געטאָן צום שרייבער), דאס איז שוין מיין פריוואַטער לעבן, רבותי, דאס האט שוין ניט קיין שייכות צו אייך, אָט די דאָזיקע טיפענישן פון דעם האַרצן, מיין איך . . . אבער אין דערהרגענען דעם אלטן פאָטער מיינעם — בין איך ניט שולדיק! דאָס איז א ווילדער געדאנק! דאס איז אינגאנצן א ווילדער געדאנק! . . . איך וועל אייך דערווייזן, און איר וועט זיך תּיכּף איבערצייגן, איר וועט לאַכן, רבותי, איר וועט אליין קייכן זיך פון אייער חשד . . .

— באַרואיקט זיך, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, — האָט אים דער סלעדאָוואַטעל דערמאָנט, ווי ער וואָלט קענטיק געוואָלט באַייקומען דעם ווילד געוואָרענעם מיט זיין רואיקייט. — איידער מירן אָנהייבן פאָרזעצן דעם פארהער, וואָלט איך געוואָלט, אויב איר וועט נאר מסכּים זיין צו ענטפערן, הערן פון אייך אַ באַשטעטיקונג אף דעם

פאַקט, אז איר האָט, דאכט זיך, ניט ליב געהאַט דעם פארשטאָרבענעם פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, אז איר זייט געווען מיט אים אין עפּעס א שטענדיקן סכסוך ··· ווייניקסטנס דא האָט איר, דאכט זיך, מיט א פערטל שעה צוריק געזאָגט, אז איר האָט אפילו געוואָלט אים דערהרגענען: „כ'האב ניט דערהרגעט, האט איר אויסגערופן, נאר איך האָב געוואָלט דערהרגענען!"

— דאס האָב איך אויסגערופן? אָך, עס קאָן זיין, רבותי, יאָ, צום אומגליק האָב איך געוואָלט ··· צום אומגליק, צום אומגליק!

— געוואָלט. צי וואלט איר אפשר נישט געקאנט דערקלערן, וואָס אייגנטלאך פאר א פּרינציפּן האָבן אייך געבראַכט צו אזא האַס צו דער פּערזאָן פון אייער פאָטער?

— וואס איז דאָ צו דערקלערן, רבותי! — האט פינצטער מיטיאַ אַ הייב געטאָן מיט די אקסלען, איינגראָבנדיק דעם קאָפּ. — איך פלעג דאך ניט פארבארגן מיינע געפילן, גאנץ שטאָט ווייס דערפון, — אלע ווייסן אין שיינק. נאך גאר ניט לאנג האב איך געזאָגט וועגן דעם אין מאָנאַסטיר ביים סטאַרעץ אין קעמערל ··· און דעם זעלביקן טאָג, אינאָוונט, האב איך געהרגעט און שיר ניט דערהרגעט דעם פאטער און געשוואָרן זיך, אַז איך וועל קומען נאָך אַ מאָל און איך וועל אים דערהרגענען, אַלץ פאר עדות אין די אויגן ··· אָ, פאר טויזנטער עדות! א גאנצן חודש צייט געשריען, אלע זיינען עדות! ··· דער פאקט איז אפן האנט, דער פאקט רעדט, ער שרייט, אבער — געפילן, רבותי, געפילן, דאס איז שוין עפּעס אנדערש. איר פארשטייט, מיינע הערן (האט זיך מיטיאַ אָנגעכמורעט), מיר דאכט זיך, אז וועגן געפילן האט איר קיין רעכט נישט מיך צו פרעגן. כאטש אפילו איר זייט די מאכט, איך פארשטיי דאס, דאס איז אבער מיין זאך, מיין אינערלאַכע זאך, מיין אינטימע זאך, נאר ··· אזוי ווי איך האב שוין ניט פארבאָרגן מיינע געפילן פריער אויך ··· אין שיינק, למשל, און געזאָגט פאר איטלאַכן און פאר יעדערן, וועל איך ··· וועל איך איצטער אויך ניט מאכן קיין סוד פון דעם. איר פאַרשטייט, רבותי, איך זע דאך גוט, אז אויב אזוי, זיינען די חשדן אף מיר גוואַלטיק: געטעהנעט פאַר אַלעמען, אז איך וועל אים

דערהרגענען, און דאָ האט מען אים פּלוצים דערהרגעט: איז ווי זשע בין איך דאס ניט דער מערדער אף אַזאַ אופן? כאַ־כאַ! איך בין אייך מוחל, רבותי, איך בין אייך אינגאנצן מוחל, אָט בין איך דאך גופא אויך נשתומם ביז צו עפּידערמע, ווארים ווער זשע האט אים, סוף כל סוף, דערהרגעט אויב אזוי, אויב ניט איך? ניט אמת דען? אויב ניט איך, טאָ ווער זשע, ווער? מיינע הערן, — האט ער מיטאַמאָל אויסגערופן, — איך וויל וויסן, איך פאָדער אַפילו פון אייך, מיינע הערן: וואו איז ער דערהרגעט געווארן? וואו איז ער דערהרגעט געווארן, מיט וואס און ווי אַזוי? זאָגט מיר, — האט ער האסטיק געפרעגט, אָפּמעסטנדיק דעם פּראָקוראָר און דעם סלעדאָוואַטעל מיט די אויגן.

— מיר האָבן אים געטראפן בא זיך אין קאַבינעט ליגנדיק אף דער ערד, מיטן פּנים אַרויף, מיט אַ געלעכערטן קאָפּ, — האט זיך אָנגערופן דער פּראָקוראָר.

— א שרעק איז דאס מיינע הערן! — האָט זיך מיטאַמאָל אַ צאפּל געטאָן מיטיאַ און, אָנלענענדיק זיך אפן טיש, פארדעקט דעם פּנים מיט דער רעכטער האנט.

— מירן פאָרזעצן, — האט איבערגעריסן ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— וואס זשע האט אייך אַלזאָ דעמאָלט געבראַכט צו אייערע געפילן פון האַס? איר פלעגט, דאַכט זיך, זאָגן עפנטלאַך, אז דאס געפיל פון אייפערזוכט?

— נו יע, פון אייפערזוכט, און ניט נאר פון אייפערזוכט אליין.

— דער סכסוך צוליב די געלט?

— נו יע, צוליב די געלט אויך.

— דער סכסוך איז, דאכט זיך, באַשטאַנען אין דריי טויזנט רובל, וואס מ׳האט אייך ווי ניט דערגעבן פון דער ירושה?

— וואס פאר אַ דריי! מער, מער, — האט מיטיאַ אויסגערופן, — מער ווי זעקס, מער ווי צען אפשר. איך האב פאר אלעמען גערעדט, פאַר אַלעמען געטעהנעט! נאר איך האב באשלאסן, באין ברירה, מאכן שלום אף דריי. אַ שרעק ווי איך האב געדארפט האבן אָט די דריי טויזנט רובל, וואס איך האב געוואוסט, אז עס ליגט באַ אים

אונטערן קיסן צוגעגרייט פֿאַר גרושענקען, איך האָב דאָס געהאַלטן ממש פֿאַר געגנבֿעט בײַ מיר, אָט־וואָס, מײַנע הערן, איך האָב דאָס געהאַלטן פֿאַר מײַנע, אַלץ אײנס ווי פֿאַר מײַנע אײגענע . . .

דער פּראָקוראָר האָט באַדײַטנדיק דורכגעקוקט זיך מיטן סלעדאָוואַטעל און באַוויזן אומבאַמערקטערהייט צו געבן אים אַ וואונק.

— מירן זיך נאָך אומקערן צו דעם דאָזיקן פֿאַקט, — האָט די־שטעל אַ זאָג געטאָן דער סלעדאָוואַטעל, — דערלויבט אונז אָבער איצט פֿאַרצײַכענען און פֿאַרשרײַבן אָט טאַקע אָט דעם פּונקט: אַז איר האָט געהאַלטן די געלט, וואָס אין קאָנווערט, אַלץ אײנס ווי פֿאַר אײַערע אײגענע.

— שרײַבט, רבותי, איך פֿאַרשטיי דאָך גוט, אַז דאָס איז דאָך ווײַטער־טאַקע אַ חשד אויף מיר, נאָר איך האָב קײן מורא ניט פֿאַר קײן חשדים און איך רעד אַלײן אויף זיך. איר הערט, איך אַלײן! איר פֿאַרשטײט, רבותי, איר נעמט מיך, דאַכט זיך, אָן אינגאַנצן פֿאַר אַן אַנדער מענטשן, ווי איך בין, — האָט ער צוגעגעבן מיטאַמאָל פֿינצטער און באַטריבט. — עס רעדט מיט אײַך אַן אָנשטענדיקער מענטש, אַ סאַמע אָנשטענדיקע פּערזאָן, דער עיקר — דאָס פֿאַרלירט ניט פֿון זכּרון — אַ מענטש, וואָס איז באַגאַנגען אָן אַ שיעור געמײנע מעשׂים, וואָס איז אָבער שטענדיק געווען און געבליבן אַ סאַמער אָנשטענדיקער מענטש, אַלס אַ וועזן, אינווײניק, אין דער טיפֿעניש, נו, מיט אײן וואָרט, איך קען זיך ניט אויסדריקן . . . אָט דווקא דערפֿאַר טאַקע זיך געפּלאָגט דעם גאַנצן לעבן, וואָס ער האָט געלעכצט נאָך אָנשטענדיקײט, איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער מערטירער פֿאַר אָנשטענדיקײט און אָרנטלאַכקײט, וואָס האָט מיט אַ לאַמטערן געזוכט, מיט דיאָגענעס לאַמטערן, און דערבײַ געמאַכט דעם גאַנצן לעבן לויטער נבֿלות, ווי מיר אַלע, מײַנע הערן . . . דאָס הייסט, ווי איך אַלײן, מײַנע הערן, ניט אַלע, נאָר איך אַלײן, איך האָב געהאַט אַ טעות, איך אַלײן, אַלײן! . . . מײַנע הערן, דער קאָפּ טוט מיר וויי, — האָט ער מיט אַן אויסדרוק פֿון לײַדן אָנגערונצלט זיך, — איר פֿאַרשטײט, מײַנע הערן, זײַן אָנבליק פּלעגט מיר נישט געפֿעלן זײַן, עפּעס אַזוינס אומאָרנטלאַכעס

אַ פֿאַרשוועכן און אַ צעטרעטן פֿון יעדער הייליקייט איז געווען אין דעם. אַ געשפּעט און ניט קיין גלויבן, עקלדיק, עקלדיק! אָבער איצט, אַז ער איז שוין געשטאָרבן, טראַכט איך אַנדערש.

— וואָס הייסט אַנדערש?

— ניט אַנדערש, נאָר עס פֿאַרדריסט מיר, וואָס איך האָב אים אַזוי פֿיינט געהאַט.

— איר שפּירט אַ חרטה?

— ניין, ניט קיין חרטה, דאָס פֿאַרשרייבט ניט. איך גופֿא, מיינע הערן, בין אויך ניט קיין אַנטיק, איך גופֿא בין אויך ניט קיין שטאַרק שיינער. האָב איך דערפֿאַר קיין רעכט ניט געהאַט אים אויך צו האַלטן פֿאַר אָפּשטויסנדיק, אַט וואָס! דאָס אפֿשר פֿאַרשרייבט יע.

אַרויסגעזאָגט אָט־אָ דאָס, איז מיטיאַ געוואָרן מיטאַמאָל גאָר ניטגעוויינלאַך בּאַטריבּט. שוין פֿון לאַנג איז ער בהדרגה מיט די תשובות אויף דעם סלעדאָוואַטעלס פֿראַגן, געוואָרן אַלץ פֿינצטערער און פֿינצטערער. און דאַ האָט זיך גראָד אין דער דאָזיקער רגע פּלוצים ווידער אָפּגעשפּילט אַן אומדערוואַרטע סצענע. די מעשה איז די, וואָס הגם מ׳האָט פֿריער אַרויסגעפֿירט גרושענקען, האָט מען זי אָבער אַוועקגעפֿירט ניט זייער ווייט, סך הכּל אין דער דריטער קאַמער פֿון אָט דעם מאַט־בּלויען צימער, וואו ס׳איז איצט פֿאָרגעקומען דער פֿאַרהער. דאָס איז געווען אַ קליין צימערל מיט איין פֿענצטער, גלייך נאָך אָט דעם גרויסן צימער, וואו מ׳האָט ביינאַכט געטאַנצט און ס׳איז געווען אַ לעבן אויף וואָס די וועלט שטייט. דאָרטן איז זי געזעסן, און מיט איר נאָר דערווײַלע איין מאַקסימאָוו, מוראדיק גע־פּלעפֿט און אַ גרויל ווי דערשראָקן, און זיך צוגעקלעפּט צו איר, ווי זוכנדיק לעבן איר גערעטעוועט צו ווערן. בּאַ זייער טיר איז געשטאַנען עפּעס אַ פּויער מיט אַ בלעכל אויף דער ברוסט. גרושענקאַ האָט געוויינט, און אָט האָט זי מיטאַמאָל, אַז דער ווייטאָק האָט שוין צו־שטאַרק אַ שפּאַר געטאָן צום האַרצן, געגעבן אַ שפּרונג, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און, אַרויסשרייענדיק אין אַ יאָמער אויפֿן קול: „צרות מיינע, צרות!״ זיך אַ וואָרף געטאָן פֿון צימער אַרויס צו

אים, צו איר מיטיען, און אזוי אומגעריכטערהייט, אַז קיינער האָט זי גישט באוויזן איינצוהאַלטן, מיטיאַ ווידער, דערהערט דעם יאמער אירן, האָט ער זיך א צאַפּל געטאָן, געגעבן אַ שפּרונג, געגעבן א בריל, און ווי א בליץ א וואָרף געטאָן זיך צו איר אנטקעגן, עפּעס ווי ניט געדיינקענדיק זיך גופא. אבער מ׳האָט זיי ווידער נישט געלאָזן צוזאַ־מענצוקומען זיך, כאטש זיי האבן שוין איינער דעם צווייטן דערזען. מ׳האָט אים פעסט אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט: ער׳ט זיך גע־שלאָגן, געריסן, מ׳האָט געדארפט האָבן דרייען אדער פירען אף איינ־צוהאלטן אים. א כאַפּ געטאָן האט מען זי אויך, און ער האָט געזען, ווי זי האָט מיט געשריי אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, בעת מ׳האָט זי ארויסגעפירט. אז עס האט זיך געענדיקט די סצענע, איז ער געקומען צו זיך ווידער אף דעם פריערדיקן אָרט, ביים טיש, אנטקעגן דעם סלעדאָוואַטעל, און האָט אויסגעשריען, ווענדנדיק זיך צו אים:

— וואָס האָט איר צו איר? פארוואָס מאטערט איר זי? זי איז אומשולדיק, זי איז אומשולדיק!

דער פּראָקוראָר און דער סלעדאָוואַטעל האָבן אים געזען צו בארואיקן. אזוי איז אדורך א היפשע צייט, א מינוט צען; צום סוף איז האסטיק אריין אין צימער מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש, וואָס איז געוועזן אַרויסגעגאנגען, און האט אנגערופן זיך אפן קול, אויפגערעג־טערהייט, צום פּראָקוראָר:

— מ׳האט זי דערוויטערט, זי איז אונטן, צי וועט איר מיר ניט לאָזן, מיינע הערן, זאָגן איין וואָרט אט דעם אומגליקלאַכן מענטשן? פאר אייך אין די אויגן, מיינע הערן, פאר אייך אין די אויגן!

— מיט כל הכבוד, מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש, — האט געענטפערט דער סליעדאָוואַטעל, — קעגן דעם קאנען מיר קיין זאַך ניט האָבן.

— דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, הער אויס, פאָטערל, — האט אנגע־הויבן, ווענדנדיק זיך צו מיטיען, מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש, און דאס גאנצע אויפגערעגטע געזיכט זיינע האָט אויסגעדריקט וואַרימן מיט־לייד צו אָט דעם אומגליקלאַכן, ווי פון א פאטער כמעט. — איך האָב דיין אגרעפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַראָפּגעפירט אליין אונטן און איבער־

געגעבן זי דעם באַלעבאָס טעכטער, און דער אַלטעטשקער מאַקסימאָוו איז איצט אויך די גאַנצע צייט מיט איר, און איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין די זאַך, דו הערסט? — כ׳האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין און בארואיקט, איך האָב געווירקט אף איר, אַז דו דאַרפסט זיך דאָך אַזוי רעכטפארטיקן, אז זי זאָל ניט שטערן, זי זאָל ניט שטערן, זי זאָל ניט ארויפוואַרפן אף דיר קיין מרה שחורה, אַ ניט קאָנסטו זיך צוטומלען און פאַלש באַווייזן קעגן זיך אליין, דו פארשטייסט? נו, אַ קיצור, זי איז א גוטע, האָט געוואָלט נעמען קושן מיך, דעם אַלטן, די הענט, האָט געבעטן פאר דיר, האָט מיר אַליין געשיקט אַהער זאָגן דיר, אַז דו זאָלסט זיין רואיק צוליב אירטוועגן, און מ׳מוז טאַקע, ליבינקער, מ׳מוז טאַקע, אז איך זאָל גיין און זאָגן איר, אַז דו ביזט רואיק און געטרייסט וועגן איר, טאָ באַרואיק זיך, פאַרשטיי דאָס. איך בין שולדיק אנטקעגן איר, זי האָט א קריסטלאַכע האַרץ, יאָ, יאָ, מיינע הערן, דאָס איז א צאַרטע נשמה און אין קיין זאַך ניט שולדיק, טאָ וואָס זשע זאָל איך איר זאָגן, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, ועסטו זיצן רואיק צי ניט?

דער גוטער מענטש האָט אָנגערעדט אַסך איבעריקע זאַכן, נאָר גרושענקעס צער, אָט דער מענטשלאַכער צער, האָט אַדורכגעדרונגען אין זיין גוטע נשמה, און טרערן זיינען אפילו געשטאַנען אין זיינע אויגן, מיטיאַ האָט א שפרונג געטאָן און זיך א וואָרף געטאָן צו אים.

— זייט מוחל, מיינע הערן, לאָזט דאָך, אָ, לאָזט דאָך! — האָט ער אַרויסגעשריען, — מלאך איינער, מלאך איינער, מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש, איך דאַנק אייך פאר איר! איכ׳ל זיין, איכ׳ל זיין רואיק, פריילאַך וועל איך זיין, גיט איר איבער מיט אייער גוטער דימענטענער האַרץ, אז איך בין פריילאך, פריילאך, איך וועל אפילו באלד אנהייבן לאכן, ווען איך ווייס, אז לעבן איר איז אַזאַ מלאך א שומר, ווי איר, תיכף וועל איך פארענדיקן, און ווי איך וועל זיך נאָר באַפרייען, וועל איך גלייך קומען צו איר, זי וועט מיך דערזען, זאָל זי וואַרטן! מיינע הערן! — האָט ער זיך א קער געטאָן מיטאַמאָל צום פראָקוראָר און צום סלעדאָוואַטעל, — איצטער

וועל איך פאר אייך עפענען מיין גאנצע האַרץ׳ אויסגיסן די גאנצע האַרץ׳ מירן דאָס אין א רגע פארענדיקן׳ פארענדיקן אף אַ פריילאכן אופן — ביים סוף וועלן מיר דאָך לאכן׳ וועלן מיר דאך לאַכן? אָבער מיינע הערן׳ אָט די דאָזיקע פרוי — איז די קיניגן פון מיין נשמה! אָ׳ דערלויבט מיר דאס צו זאָגן׳ דאָס וועל איך שוין אַנטפּלעקן פאר אייך · · · איך זע דאך גוט׳ אז איך געפין זיך צווישן די סאַמע איידלסטע מענטשן: דאָס איז דאָס ליכט׳ דאָס איז די הייליקייט מיינע׳ און ווען איר וואָלט נאר געוואוסט! איר האָט דאָך געהערט איר אויסגעשריי: „כ׳וועל מיט דיר גיין כאָטש צום טויט!” און וואָס האָב איך איר דען געגעבן׳ איך אָט דער קבצן׳ דער דלפן׳ וואָס האָב איך איר דען געגעבן פאַר אַזאַ ליבע צו מיר׳ בין איך׳ אָט די אומגעלומפּערטע׳ העסלאַכע בריאה מיטן העסלאַכן פנים׳ בין איך דען ווערט אזא ליבע׳ אַז זי זאָל מיט מיר גיין קיין סיביר? פאר מיר האָט זי זיך פריער געוואַלגערט באַ אייך צו די פיס׳ זי׳ די שטאָלצע און וואָס איז אין קיין זאַך ניט שולדיק! טאָ ווי זשע זאָל איך זי ניט פאַרגעטערן׳ ניט שרייען׳ ניט רייסן זיך צו איר׳ אָט ווי איצטער? אָ׳ מיינע הערן׳ זייט מוחל! אבער איצט בין איך געטרויסט!

און ער איז אנידערגעפאַלן אפן שטול און׳ פאַרשטעלנדיק מיט ביידע הענט דעם פנים׳ פאַנאַנדערגעוויינט זיך אפן קול׳ נאר דאס זיינען שוין אבער געווען גליקלאַכע טרערן׳ ער איז די רגע געקומען צו זיך׳ דער אלטער׳ דער איספּראַווניק׳ איז געווען זייער צופרידן און׳ דאכט זיך׳ די יוריסטן אויך; זיי האָבן דערשפּירט׳ אז דער פארהער וועט איצט אריין אין א נייער פאַזע׳ באַלייט דעם איספראווניק׳ איז מיטיא פשוט פריילאכער געוואָרן׳

— נו׳ מיינע הערן׳ איצט בין איך אייערער׳ אייערער אינ־גאנצן און · · · ווען נאר ניט אָט די אלע קליייניקייטן׳ וואָלטן מיר גלייך טאקע צונויפגערעדט זיך · · · איך רעד ווידער פון קליייניקייטן׳ איך בין אייערער׳ מיינע הערן׳ אבער, איך שווער אייך׳ אז מ׳דארף האבן קעגנזייטיקן צוטרוי׳ — אייער צוטרוי צו מיר און מיינעם צו אייך׳ — אַ ניט וועלן מיר קיינמאָל ניט קומען צו קיין סוף׳ טאַקע אין אייער

אינטערעס זאָג איך דאס· צו דער זאַך· מיינע הערן· צו דער זאַך דער עיקר אבער· גראבט זיך ניט אַזוי אין מיין נשמה· פייניקט זי ניט מיט קיין קלייניקייטן· נאָר פרעגט דאס· וואָס ס׳איז שייך צו דער עצם זאַך און פאַקטן· און איך וועל אייך תיכף צופרידן שטעלן· די קלייניקייטן אבער זאָל נעמען דער טייוול!

אזוי האָט אויסגערופן מיטיאַ אין התפעלות· דער פאַרהער האָט זיך אָנגעהויבן פונדאָסניי.

## IV

### דער צווייטער גיהינום

— איר׳ט גאָר ניט גלויבן· ווי איר מונטערט אונז אליין אויף· דמיטרי פיאָדאָראָוויטש· מיט אָט דער דאָזיקער גרייטקייט אייער · · · — האָט געגומען רעדן ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש מיט אַ באַשיינפערלאכער באַפרידיקונג· וואָס האָט אָנגעהויבן לויכטן אין די גרויסע העל־גרויע אויסגעגלאָצטע· איבעריקנס זעער קורצזיכטיקע· אויגן זיינע· פון וועלכע ער האָט· אַ מינוט פאר דעם· אַראָפּגענומען די ברילן· — און איר האָט ריכטיק אָט־ערשט באַמערקט בנוגע דעם קעגנזייטיקן צוטרוי אונזערן· אָן וועלכן ס׳איז גאָר אפטמאל אפילו אוממעגלאַך אויסצוקומען אין אַ פאל פון אַזאַ ענלאַכער וויכטיקייט, אין אַ פאַל· ווען די פאַרדעכטיקע פערזאָן וויל באמת און האָפט און קאָן זיך רעכטפאַרטיקן· פון אונזער זייט וועלן מיר אָנווענדן אַלצדינג· וואָס עס הענגט אָפּ פון אונז· און איר האָט אַליין אויך געקאָנט זען· אַפילו איצט אויך· ווי מיר פירן די דאָזיקע פאַרהאַנדלונג · · · איר זייט מסכים· איפּאָליט קירילאָוויטש? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן מיטאַמאָל צום פּראָקוראָר·

— אָ· אָן אַ ספק· — האָט דער פּראָקוראָר געגעבן זיין הסכם· כאָטש אפילו אַ ביסל טרוקן אין פאַרגלייך מיט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשעס התפעלות·

איך וועל זאָגן איינמאָל פאַר אַלע מאָל: אונזער נייגעקומע־

מענער ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, האָט פון דעם סאַמע אנהייב אַן פון זיין טעטיקייט, באַ אונז, דערשפירט צו איפּאָליט קירילאָוויטשן, צום פּראָקוראָר, אַ ניט קיין געוויינלאַכע אכטונג, און איז כמעט צונויפ־געגאנגען זיך מיט אים אויך מיטן האַרצן. דאס איז כמעט געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט לחלוטין געגלויבט אין דעם אויסערגעוויינלאכן פסיכאָלאָגישן און אָראַטאָרישן טאַלענט פון אונזער „לויט זיין אַרט נאָך באַעוולטן" איפּאָליט קירילאָוויטשן און האָט לגמרי געגלויבט אויך אין דעם, אז ער איז באַעוולט. ער האָט געהערט פון אים נאָך זייענדיק אין פעטערבורג. דערפאַר אבער איז דער יונגינקער ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש אויך געווען דער איינציקער מענטש אף דער גאַנצער וועלט, וועמען עס האָט פון האַרצן ליב געקראָגן אונזער „באַעוולטער" פּראָקוראָר. פאָרנדיק אהער האָבן זיי מכוח דעם דאָזיקן פּראָצעס באַוויזן אין אייניגע זאַכן זיך אויפצורעדן און קומען צו א הסכם און איצט, זיצנדיק ביים טיש, האָט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטשעס שאַרפער שכל גלייך אויפגעכאפּט און פארשטאַנען איטלאכע אנווייזונג, איטלאכע באַוועגונג אפן פנים פון זיין עלטערן קאָלעגע, פארשטאַנען פון א האַלבן וואָרט, פון א קוק, פון א וואונק מיטן אויג.

— מיינע הערן, לאָזט מיר נאָר אַליין דערציילן און שלאָגט מיך ניט איבער מיט קיין נאַרישקייטן, וועל איך אייך אין אַ רגע אלצדינג איבערגעבן, — האָט זיך מיטיאַ געקאָכט.

— זעער גוט. איך דאנק אייך. נאר איידער מירן איבערגיין צום אויסהערן אייער דערציילן, וואלט איר מיר נאר דערלויבט צו קאָנסטאַטירן נאך א קליינעם פאַקט, וואס עס אינטערעסירט אונז זעער, איך מיין דאס די צען רובל, וואס איר האט נעכטן, א זייגער פינף, געליען אף א משכון פון אייערע פּיסטאָלעטן בא אייער פריינט פּיאָטר איליטש פּערכאָטין.

— פארמשכונט, רבותי, אוודאי פארמשכונט, פאר צען רובל, נו און וואס ווייטער? דאס איז אַלץ? ווי איך בין נאר געקומען צוריק אין שטאָט פון וועג, האב איך גלייך פארמשכונט.

— איר זייט דען געקומען פון וועג? איר זייט אריוסגעפארן פון שטאָט?

— געפארן, רבותי, פערציק וויאָרסט פון שטאָט געפארן, און איר האט דאס גאר ניט געוואוסט אפילו?

דער פראָקוראָר און ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש האבן זיך דורכגעקוקט.

— ווען איר וואלט בכלל אנגעהויבן אייער דערציילן מיט א סיסטעמאטישן באשרייבן פון דעם גאנצן נעכטיקן טאָג אייערן פון אינדערפרי אָן? דערלויבט, אַ שטייגער, פרעגן אייך: צוליב וואס זײַט איר אוועק פון שטאָט און אין וועלכער צייט דהינו זייט איר אוועקגעפאָרן און געקומען צוריק... און גלאַט אָט די אלע פאקטן...

— וואלט איר דאך געדארפט אזוי טאָן גלײַך פון אָנהייב, — האט זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט מיטיאַ, און טאָמער ווילט איר, דארף מען גאָר אנהייבן דערציילן ניט פון נעכטן, נאר טאקע פון אייערנעכטן אינדערפרי אָן, דעמאלט וועט איר ערשט פארשטיין וואוהין, ווי אזוי און פארוואס איך בין געגאנגען און געפארן. אַוועקגעגאנגען בין איך, מײַנע הערן, אייערנעכטן אינדערפרי צום היגן סוחר סאַמסאָנאָוו אנטלייען בא אים דריי טויזנט רובל אַף אַ סאַמער זיכערסטער ערבות, עס האט מיך מיטאמאל פארקוועטשט, רבותי, פארקוועטשט מיטאמאל...

— דערלויבט איבעררייסן אייך, — האט העפלאך איבערגעשלאגן דער פראָקוראָר, — פארוואס האט איר דאס אזוי פלוצים געדארפט האבן געלט, און דווקא אזא סומע, דאס הייסט דריי טויזנט רובל?

— ע, רבותי, מ׳וואלט ניט געדארפט קיין קלייניקייטן: ווי, ווען און פאַרוואס, און פאַרוואס גראד אַזוי פיל געלט, און ניט אַזוי פיל, און אָט דער גאַנצער עסק... אַזוי וועט דאך אין קיין דריי בענדער ניט אַרײַן און מ׳וועט נאך דאַרפן אַן עפילאָג אויך!

דאס אַלץ האט מיטיאַ אַרויסגערעדט מיט אַ גוטמוטיקער, נאר אומגעדולדיקער פאַמיליעריטעט פון אַ מענטשן, וואס וויל זאגן דעם גאַנצן אמת און האָט נאָר די סאַמע בעסטע כוונות.

— מײַנע הערן, — האט ער זיך ווי מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן, —

האָט קיין פֿאַריבל ניט אַף מיר פֿאַר מיין אָמפּערן זיך, איך בעט אייך ווידער: גלויבט נאָך אַ מאָל, אַז איך האָב דעם גרעסטן דרך ארץ, און איך פֿאַרשטיי גוט די אמתע לאַגע פֿון דער זאַך. מיינט ניט, אַז איך בין שיכּור. איך בין שוין איצט ניכטער געוואָרן, און ווען איך וואלט אַפילו יע געווען שיכּור, וואלט דאס אויך ניט געשטערט. מיט מיר איז דאָך אַזוי:

ניכטער געוואָרן, קליגער געוואָרן – נאַריש געוואָרן,
שיכּור געוואָרן, נאַריש געוואָרן – קליגער געוואָרן,

כאַ־כאַ. נאָר איבעריקנס זע איך, מיינע הערן, אַז ס'איז נאָך דערווייל ניט שיין פֿאַר מיר צו חכמענען זיך פֿאַר אייך, ביז מירן ניט קלאָר מאַכן די זאַך, הייסט דאָס. לאָזט מיר אָפּהיטן פֿאַר אייך אויך מיין אייגענעם שטאָלץ. איך פֿאַרשטיי דאָך גוט דעם איצטיקן חילוק: איך זיץ דאָך פֿאָרט ווי אַ פֿאַרברעכער פֿאַר אייך, איך בין, אַף אַזאַ אופֿן, ווייט ניט אייער גלייכן, און איר מוזט אַכטונג געבן אַף מיר: איר וועט דאָך מיר ניט אַ גלעט טאָן איבערן בעקעלע פֿאַר גריגאָריען, מ'קאָן דאָך אין דער אמתן ניט פֿראַנק־און־פֿריי פּלעטן אַלטע לייט די קעפּ, איר'ט דאך מיך לאָמיר זאָגן מכבד זיין מסתּמא פֿאַר אים מיט א משפּט, נו, לאָמיר זאָגן אַף אַ האַלביאָר, נו אַ יאָר תּפֿיסה, איך ווייס ניט, ווי איר וועט דאָרטן משפּטן, כאָטש אַפילו אָן פֿאַרלירן די בירגער־רעכט, דאָס וועט דאָך זיין אָן פֿאַרלירן די בירגער־רעכט, האַ, פּראָקוראָר? איז אָט, רבותי, איך פֿאַרשטיי דאָך דעם דאָזיקן חילוק... אבער זייט מסכּים מיט דעם אויך, אַז איר קענט דאָך אַפילו דעם אויבערשטן אַליין צוטומלען מיט אַזוינע פֿראַגן: וואו האָסטו אַ טראָט געטאָן, ווי האָסטו אַ טראָט געטאָן און אין וואָס האָסטו אַ טראָט געטאָן? איר'ט דאָך מיך צוטומלען אויב אַזוי, און איר וועט נעמען און פֿאַרשרייבן ווי עס שטייט און גייט, טאָ וואָס זשע וועט דערפֿון אַרויסקומען? ס'וועט קיין זאַך ניט אַרויסקומען! און, סוף כּל סוף, אויב איך האָב שוין איצטער יע אָנגעהויבן לייגן, וועל איך דערענדיקן אויך, איר אָבער, מיינע הערן, אַלס מענטשן מיט העכערער בילדונג און מענטשן די סאַמע אנשטענדיקסטע, דאַרפֿט מיר מוחל זיין. איך וועל גראָד פֿאַרענדיקן מיט דער בקשה: וואַרפֿט

אַוועק, רבותי, אָט דעם סקאַרבאָוון אופן פון אויספרעגן, א פריער הייסט דאָס, ברודערקע, דאַרף מען אָנהייבן פון עפּעס גאָר־גאָר קליינס, פון אַ גאָרנישט: ווי ביזטו, אַ שטייגער, אויפגעשטאַנען, וואָס האָסטו געגעסן, ווי האָסטו אַ שפּײַ געטאָן, וואוהין האָסטו אַ שפּיי געטאָן, און "איינשלעפערנדיק דעם פאַרברעכערס אויפמערקזאַמקייט", אַראָפּלאָזן מיטאַמאָל אַ זעץ מיט דער פראַגע: "וועמען האָסטו געהרגעט, וועמען האָסטו באַגנבעט?" כאַ־כאַ! אָט דאס איז דאָך אייער "כלל גדול", דאָס איז דאָך באַ אייך אַ חוק ולא יעבור, אָט אַף דעם האַלט זיך דאָך דאָס אייער גאַנצער שפּיצל! איר קענט אייך אָבער פויערים איינשלעפערן מיט אַזוינע שפּיצלאַך, אָבער ניט מיך. איך פאַרשטיי דאָך די זאַך, כ'האָב אַליין געדינט. כאַ־כאַ־כאַ! זײַט ניט אין כעס, מײַנע הערן, איר זייט מיר מוחל די העזה? — האָט ער אויסגערופן, קוקנדיק אַף זיי מיט אַ כמעט וואונדערלאַכער גוטמוטיקייט. — דאָס האָט דאָך געזאָגט מיטקאַ קאַראַמאַזאָוו, קאָן מען, הייסט עס, מוחל זיין אויך, וואָרים אַ קלוגן מענטשן קאָן מען ניט מוחל זיין, אָבער מיטקען יע! כאַ־כאַ!

ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש האט צוגעהערט און האָט אויך געלאַכט. דער פּראָקוראָר כאָטש אַפילו ער האָט ניט געלאַכט, האָט אָבער שאַרף, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן, באַקוקט מיטיען, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט פאַרהערן דעם קלענסטן וואָרט, פאַרזען די קלענסטע באַוועגונג זיינע, דעם קלענסטן ציטער פון דעם קלענסטן שטריכעלע אַף זיין פּנים.

— מיר האָבן, אגבֿ, אַזוי טאַקע אָנגעהויבן מיט אייך פון אָנהייב אָן, — האָט זיך אָפּגערופן, נאָך אַלץ לאַכנדיק, ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש, — וואס מיר האָבן ניט גענומען פאַרטומלען אייך מיט קיין פראַגן: ווי זייט איר אויפגעשטאַנען אינדערפרי און וואָס האָט איר געגעסן און געטרונקען, און האָבן אָנגעהויבן אַפילו שוין צו־זאַכלאַך.

— איך פאַרשטיי, כ'האָב דאָס פאַרשטאַנען און כ'האָב דאָס אָפּגעשעצט, און נאָך מער שעץ איך אָט די איצטיקע גוטסקייט אייערע מיט מיר, וואָס האָט קיין גלייכן ניט און וואָס עס קאָנען

נאָר אַזוי טאָן די סאַמע איידלסטע נשמות! מיר זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען דריי איידעלע מענטשן, און זאָל טאַקע אַלץ זיין באַ אונז אף קעגנזייטיקן צוטרוי פון געבילדעטע און אַריסטאָקראַטישע לייט, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַדל און מיט ערע. יעדנפאַלס דערלויבט מיר צו האַלטן אייך פאַר די בעסטע פריינט מיינע אין אָט דעם דאָזיקן מאָמענט פון מיין לעבן, אין אָט דעם דאָזיקן מאָמענט פון דער דערנידעריקונג פון דער ערע מיינער! דאָס איז דאָך ניט קיין באַליידיקונג פאַר אייך, מיינע הערן, ניט קיין באַ־ליידיקונג?

— אדרבה, איר האָט דאָס אַלץ אַזוי גרויסאַרטיק אויסגעדריקט, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, — האָט וויכטיק און מיט אַ הסכם צוגעשטימט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— אָבער די קלייניקייטן, רבותי, אָט די אַלע דריידלאַך — וואַרפט אַוועק, — האָט מיט התפעלות אויסגערופן מיטיאַ, — אַניט וועט פשוט אויסקומען שדים ווייסן וואָס, ניט אמת דען?

— איך וועל אינגאַנצן פאָלגן אייער קלוגער עצה, — האט זיך אַריינגעמישט מיטאַמאָל דער פּראָקוראָר, ווענדנדיק זיך צו מיטיען, — נאָר פון מיין פראַגע וועל איך זיך פונדעסטוועגן ניט אָפּזאָגן. פאַר אונז איז זייער וויכטיק ניט אַנדערש צו וויסן, אַף וואָס האָט איר געדאַרפט האָבן גראָד אַזאַ סומע, דאָס הייסט דווקא דריי טויזנט רובל?

— אַף וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן? נו, איך ווייס אַף וואָס, אַף דאָס, אַף יענץ... נו, אָפּגעבן אַ חוב.

— וועמען? אַ שטייגער?

— דאָס זאָג איך זיך לחלוטין אָפּ פון צו ענטפערן, מיינע הערן! איר פאַרשטייט, ניט דעריבער ווייל איך קאָן ניט זאָגן, אָדער איך דערוועג זיך ניט, אָדער איך האָב מורא, וואָרים דאָס איז אַלץ ווערט אַ שפּיי און ס'איז אינגאַנצן אַ נאַרישקייט, נאָר — איך ענטפער דעריבער ניט, ווייל דאָ איז אַ פּרינציפּ: דאָס איז מיין פּריוואַטער לעבן, און איך וועל ניט דערלאָזן אַריינמישן זיך אין מיין פּריוואַטן לעבן. דאָס איז מיין פּרינציפּ. אייער פראַגע האָט קיין שייכות ניט מיט דער זאַך, און אַלץ, וואָס עס האָט קיין שייכות ניט מיט דער

זאַך איז מיין פּריוואַטער לעבן! געוואָלט אַוועקגעבן אַ חוב, אַ חוב פון מיין ערע געוואָלט אַוועקגעבן, ווען אָבער — וועל איך ניט זאָגן.

— דערלויבט אונז דאָס צו פאַרשרייבן, — האָט געזאָגט דער פּראָקוראָר.

— מיט כּל הכּבוד, אָט אַזוי טאַקע פאַרשרייבט: אַז איך וועל ניט זאָגן, און איך וועל ניט זאָגן. שרייבט, מיינע הערן, אַז איך האַלט אַפילו פאַר ניט-אָרנטלאַך צו זאָגן דאָס. וויפל צייַט איר האָט דאָס צו פאַרשרייבן!

— דערלויבט מיר, מיין הער, צו מאַכן אייך אויפמערקזאַם און נאָך אַ מאָל דערמאָנען אייך, אויב איר ווייסט דאָס נאָר ניט, — האָט זיך אָנגערופן גאָר באַזונדער ערנסט און זעער שטרענג דער פּראָקוראָר וועלנדיק ווירקן, — אַז איר האָט פולקאָם רעכט ניט צו ענטפערן אַף די פראַגן, וואָס מ׳שטעלט אייך איצט, און מיר, פאַרקערט, האָבן קיין שום רעכט ניט אַרויסצוצווינגען בא אייך אַן ענטפער, אויב איר אַליין זאָגט זיך אָפּ צוליב אַ וועלכן עס איז טעם צו ענטפערן. דאָס איז אַ זאַך, וואָס געהערט נאָר אייך אַליין. אונזער זאַך ווידער באַשטייט אָבער אין דעם, אַז אין אַזאַ מין פאַל, ווי דער איצטיקער, מאַכן אייך אויפמערקזאַם און דערקלערן אָט דעם גרויסן שאָדן, וואָס איר מאַכט זיך טאַקע אַליין אָן, ווען איר ווילט ניט ענטפערן אַף דער אָדער יענער פראַגע. איצט בעט איך ממשיך צו זיין.

— מיינע הערן, איך בין דאָך ניט אין כּעס... איך בין... — האָט געמורמלט מוטיאַ, אַ ביסל פאַרשעמט פון דער דאָזיקער התראה, — איר פאַרשטייט, מיינע הערן, אָט דער זעלביקער סאַמסאָנאָוו צו וועמען איך בין דעמאָלט אַוועק...

מירן, פאַרשטייט זיך, ניט ברענגען אויספירלאַך די גאַנצע דערציילונג זיינע וועגן דעם, וואס דער לעזער ווייס שוין. דער דערציילער האט אומגעדולדיק געוואלט איבערגעבן אַלצדינג ביז צו דער קלענסטער איינצלהייט און גלייכצייטיק זאָל דאָס אַרויסקומען אַף־גיך, אָבער מ׳האָט די באַחייזן אין דער זעלביקער צייט פאַר־שריבן, און, אַף אַזאַ אופן, פלעגט מען אים מוזן אָפּשטעלן.

דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש האָט דאָס לגמרי פֿאַראורטיילט, האָט זיך אָבער אונטערגעוואָרפֿן, זיך געכעסט, אבער דערווײַלע נאָך גוטמוטיק. אמת, ער פלעגט אָפּטמאָל אויסשרייען: מײַנע הערן, דאָס קאָן דאָך דעם אויבערשטן אַליין אַרויסברענגען פון הויט!" אָדער: "מײַנע הערן, איר ווייסט, אַז איר ערגערט מיך נאָר אומזיסט?" האָט אָבער נאָך אַלץ, אויסרופנדיק דאָס, לעת עתה ניט געענדערט זײַן פריינדלאַך־עקספּאַנזיווע שטימונג. אף אַזאַ אופן האָט ער דערציילט, ווי סאַמסאָנאָוו האָט אים אײַערנעכטען "באַפּײַפט" (ער האָט שוין איצט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז מ'האָט אים דעמאָלט באַפּײַפט). דאָס פאַרקויפן דעם זייגער פאַר די זעקס רובל, כדי אויפצושלאָגן געלט אפן וועג, פון וואס דער סלעדאָוואַטעל מיטן פּראָקוראָר האבן נאך גאר ניט געוואוסט, האט תיכף דערוועקט זייער גרעסטע אויפמערקזאמקייט און האבן שוין, צו מיטיעס אומענדלאַכער אויפגעבראַכטקייט, געפונען פאר נויטיק אָט דעם דאָזיקן פאַקט אויספירלאַך צו פאַרשרײַבן, אַלס אַ צווייטע באַשטעטיקונג דערפון, אַז ער האט שוין מיט אַ טאָג פאַר דעם אויך כמעט קיין גראָשן געלט ניט געהאַט. ביסלאַכווייז האָט מיטיאַ אָנגעהויבן ווערן מרה־שחורהדיק. דערנאָך, באַשרײַבנדיק די נסיעה צום ליאַגאַוון און די פאַרבראַכטע נאַכט אין דעם טשאַדנעם שטיבל א. א. וו., האָט ער דערפירט זײַן דערציילונג ביז צו דעם קומען צוריק אין שטאָט, און דאָ האָט ער שוין אָנגעהויבן אַליין, אָן אַ שטאַרקן בעטן אים, אויספירלאַך באַשרײַבן זײַנע אייפערזיכטיקע פּײַניקונגען צו גרושענקען. שווייגנדיק און אויפמערקזאַם האָט מען אים צוגעהערט, דערהויפּט האָט מען אַרײַנגעדרונגען אין דעם מאָמענט, אַז ער האָט שוין פון לאַנג באַשטימט אַ פּונקט אף צו היטן גרושענקען הינטער פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטשעס הויז, בײַ מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ אין שטוב, און דאָס, וואָס די נייס פלעגט אים איבערגעבן סמערדיאַקאָוו: דאָס האָט מען שטאַרק גענומען אין אַכט און פאַרשריבן. פון דער אייפערזוכט זײַנער האָט ער גערעדט מיט היץ און אויספירלאַך, און כאָטש אַפילו ער האָט זיך אין־זיך געשעמט פאַר דאָס, וואָס ער שטעלט אַרויס זײַנע אינטימסטע געפילן, אַזוי צו זאָגן "אף לײַטישן געלעכטער", האָט ער אָבער קענטיק בײַגעקומען

די שאַנדע, כּדי אַרויסצוווייזן זיך גערעכט. די קאַלטבלוטיקע שטרענגקייט פון דעם סלעדאָוואַטעלס און פּראָקוראָרס בליקן, דערהויפּט דעם פּראָקוראָרס, וואָס זיינען געווען שאַרף אָנגעשטעלט אף אים בעת זיין דערציילן, האָבן אים, סוף כּל סוף, שטאַרק צוטומלט: „אָט דער דאָזיקער אינגעלע, ניקאָלאַי פּאָרפּענאָוויטש, מיט וועמען איך האָב נאָך סך הכּל מיט אַ פּאָר טעג צוריק גערעדט נאַרישקייטן וועגן פרויען, און אָט־אָ דער קראַנקער פּראָקוראָר זיינען ניט ווערט, אַז איך זאָל זיי דאָס דערציילן", האָט טרויעריק אַ בליץ געטאָן בּאַ אים אין רעיון, „אַ שאַנדע!" „דולד, שווייג און טראָג אַריבער", האָט ער פאַרענדיקט זיין מחשבה מיט אַ פערז, האָט אָבער געשטאַרקט זיך פונדעסטוועגן פונדאָסניי, כּדי ווייטער צו דערציילן. קומענדיק צו דער מעשה מיט כאָכלאַקאָוואַ, איז ער אַפילו ווידער לוסטיק געוואָרן און שוין געוואָלט אַפילו דערציילן וועגן אָט דער דאָזיקער פריצטע אַ נייעם אינטערעסאַנטן אַנעקדאָט, וואָס האָט גאָר ניט געפּאַסט צו דער עצם זאַך, נאָר דער סלעדאָוואַטעל האָט אים אָפּגעשטעלט און העפלאַך געבעטן איבערגיין „צו דאס מער זאַכלאַכע". ענדלאַך, באַשרייבנדיק זיין פאַר־צווייפֿלונג און איבערגעבנדיק אָט די מינוט, ווען ער האָט האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן, ביים אַרויסגיין פון כאָכלאַקאָוען, „בעסער קוילענען עמיצן, אָבער קריגן די דריי טויזנט רובל", האָט מען אים ווידער אָפּגעשטעלט און דאָס, וואָס „ער האָט געוואָלט קוילענען" פאַרשריבן. מיטיאַ האָט, קיין וואָרט ניט זאָגנדיק, געלאָזן פאַרשרייבן. ענדלאַך איז די זאַך דערגאַנגען ביז צו אָט דעם פונקט, ווען ער האָט זיך מיטאַמאָל דערוואוסט, אַז גרושענקאַ האָט אים אָפּגענאַרט און איז פון סאַמסאָנאָוון גלייך אַוועק צוריק, ווי ער האָט זי געבראַכט אינדערצייט וואָס זי גופא האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיין בּאַ דעם אַלטן ביז האַלבע נאַכט: "אויב, מיינע הערן, איך האָב דעמאָלט ניט דערהרגעט אָט די פעניען, איז דאָס נאָר דעריבער, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין צייט", האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן בּאַ אים אין דער דאָזיקער שטעל פון דער דערציילונג. מ'האָט דאָס אויך גענוי פאַרשריבן. מיטיאַ האָט פינצטער אָפּגעוואַרט און געהאַט אָנגעהויבן דערציילן, ווי ער איז אַוועקגעפלויגן צום טאַטן אין סאָד,

ערשט מיטאַמאָל האָט אים אָפּגעשטעלט דער סלעדאָוואַטעל און, אויפ־עפענענדיק זיין גרויסן פּאָרטפעל, וואָס איז געלעגן לעבן אים אפן זאָפע, האָט ער אַרויסגענומען פון דאָרטן דעם מעסענעם טויקאַצל.

— קענט איר אָט דעם דאָזיקן חפץ? — האָט ער אים געוויזן מיטיען.

— אַך, אַוודאי! — האָט ער פינצטער אַ שמייכל געטאָן, — וואָס הייסט ניט קענען! לאָזט אָקאָרשט אַ קוק טאָן . . . אַ, צום טייוול, מ'דאַרף ניט!

— איר האָט זיך פאַרגעסן אים צו דערמאָנען, — האָט באַמערקט דער סלעדאָוואַטעל.

— צום טייוול! איך וואָלט ניט באַהאַלטן פון אייך, נישקשה, אָן דעם וואָלט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין, ווי מיינט איר? ס'איז נאָר אַרויסגעפלויגן פון זכרון.

— טאָ זייט אַזוי גוט דערציילן אונז גענוי, ווי אַזוי האָט איר זיך באוואָפנט מיט דעם.

— מיט כל הכבוד, איך בין גרייט מיינע הערן.

און מיטיאַ האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט גענומען דעם טויקאַצל און איז אַוועקגעלאָפן.

— וואָס פאַר אַ ציל האָט איר אָבער געהאַט באַ דעם דאָזיקן חפץ, באַוואָפענענדיק זיך מיט דעם?

— וואָס פאַר אַ ציל? קיין שום ציל ניט! אַ כאַפּ געטאָן און אַוועקגעלאָפן.

— צוליב וואָס זשע, אויב אָן אַ שום ציל?

אין מיטיען האָט געקאָכט דאָס בלוט. ער האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אפן „אינגעלע" און פינצטער און מיט כעס אַ שמייכל געטאָן. די מעשה איז די, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ מער שעמען און שעמען דער פאַר, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אַזוי אויפריכטיק און מיט אַזאַ האַרץ דערציילט „אַזוינע מענטשן" די געשיכטע פון זיין אייפערזוכט.

— דער גאַנצער טויקאַצל איז ווערט אַ שפּיי! — האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן באַ אים.

— פּאָרט אָבער.

— נו, איך האָב אים אַ כאַפּ געטאָן מורא האָבנדיק פאַר אַ הונט. נו, ס'איז געווען פינצטער... מאַלע וואָס עס טרעפט זיך.

— פריער אָבער, ווען איר פלעגט אַוועקגיין ביינאַכט פון הויף, פלעגט איר אויך מיטנעמען עפּעס אַ זאַך, אויב איר האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר פינצטערקייט?

— ע, צו אַלדי רוחות, פוי! מיינע הערן, מ'קאָן מיט אייך בפועל ממש ניט רעדן! — האָט מיטיאַ אויסגעשריען אין דער לעצ־טער מדרגה פון אויפרעגונג און, אַ קערטאָנדיק זיך צום שרייבער, דער גאַנצער רויט פאַר אויפגעבראַכקייט, האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטאָן צו אים מיט עפּעס אַ ווילדן קלאַנג אין דער שטים:

— פאַרשרייב די רגע... די רגע... „אַז איך האָב אַ כאַפּ געטאָן מיט זיך דעם טויקאַצל, אױף לויפן דערהרגענען דעם פאָטער מיינעם... פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן... מיט אַ זעץ אין קאָפּ!”

נו, זייט איר צופרידן איצטער, מיינע הערן? אָפּגעכאַפּט די האַרץ?— האָט ער אַ זאָג געטאָן, אָנקוקנדיק מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן בליק דעם סלעדאָוואַטעל און דעם פּראָקוראָר.

— מיר פאַרשטייען צו־גוט, אַז איר האָט דאָס איצט געזאָגט פאַר אויפרעגונג אױף אונז און פאַר פאַרדרוס אױף די פראַגן, וואָס מיר שטעלן אייך און וועלכע איר האַלט פאַר קליינלאַכע, וואָס זיינען אין תוך אָבער זייער וויכטיקע, — האָט אים טרוקן אָפּגעענטפערט דער פּראָקוראָר.

— זאָגט אָבער אַליין, מיינע הערן! נו, האָב איך גענומען דעם טויקאַצל... נו, צוליב וואָס נעמט מען עפּעס אין האַנט אין אַזאַ פאַל? איך ווייס ניט צוליב וואָס. אַ כאַפּ געטאָן און אַוועקגעלאָפן. דאָס איז גאָר אַ חרפה, מיינע הערן, passons, וואָרים איך שווער אייך, אַז איך וועל אויפהערן צו דערציילן!

ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש און אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט דער האַנט. ער איז געזעסן מיט אַ זייט צו זיי און געקוקט אַפּן וואַנט, בייקומענדיק אין זיך אַ שווערן געפיל. באמת, ער האָט מוראדיק געוואָלט אויפשטיין און דערקלערן, אַז מער וועט

ער קיין וואָרט ניט זאָגן, „כאָטש פירט מיך צו דער תליה".

— איר פֿאַרשטייט, מיינע הערן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיטאַמאָל, בייקומענדיק זיך מיט מאַטערניש, — איר פֿאַרשטייט, איך הער אייך צו און עס פּלאָנטערט זיך מיר ... איר פֿאַרשטייט, אין שלאָף חלומט זיך מיר אָפּטמאָל אַ חלום ... עפּעס אַזאַ חלום. און ער חלומט זיך מיר אָפּט, חזרט זיך איבער, אַז עמיצער יאָגט זיך נאָך מיר, עפּעס אַזאַ, פֿאַר וועמען איך האָב שרעקלאַך מורא, יאָגט זיך נאָך אין דער פֿינצטער, ביינאַכט, זוכט מיך, און איך באַהאַלט זיך פֿון אים ערגעץ אונטער אַ טיר אָדער הינטער אַן אַלמער, איך באַהאַלט זיך אַף אַ דערנידערנדיקן אופֿן, דער עיקר אָבער, וואָס ער ווייס זעער גוט, וואו איך האָב זיך באַהאַלטן פֿון אים, נאָר אַז ער מאַכט זיך עפּעס ווי מיט אַ כּיוון, אַז ער ווייס ניט, וואו איך בין, כּדי נאָך מער אויסצומאַטערן מיך, כּדי צו קוויקן זיך פֿון מיין שרעק... אָט אַזוי טוט איר דאָס איצט אויך! אָט פּונקט ווי יענע זאַך!

— דאָס חלומען זיך אייך אַזוינע חלומות? — האָט פֿאַרביי־גייענדיק אַ פֿרעג געטאָן דער פּראָקוראָר.

— יאָ, עס חלומען זיך מיר אַזוינע חלומות ... וואָסי איר זייט אַ בעלן דאָס אויך צו פֿאַרשרייבן? — האָט קרום אַ שמייכל געטאָן מיטיאַ.

— ניין, ניט פֿאַרשרייבן, נאָר גלאַט, אינטערעסאַנטע חלומות חלומען זיך אייך.

— איצט איז שוין ניט קיין חלום! רעאַליזם איז עס, רבותי, דער רעאַליזם פֿון דעםווירקלאַכן לעבן, איך בין דער וואָלף, און איר זייט די יעגער, נו, איז רייצט די הינט אַפֿן וואָלף.

— איר מאַכט אומזיסט אַזאַ פֿאַרגלייך ... — האָט געהאַט אָנגעהויבן זעער ווייך ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש.

— ניט אומזיסט, מיינע הערן, ניט אומזיסט! — האָט זיך מיטיאַ ווידער אויפֿגעקאָכט, כאָטש ער האָט קענטיק דערלייכטערט זיין האַרץ מיט דעם דאָזיקן אויסברוך פֿון פּלוצלונגדיקן כּעס און ווידער גענומען ווערן בעסער מיט יעדן וואָרט, — איר מעגט ניט גלויבן קיין פֿאַרברעכער אָדער קיין אָנגעקלאָגטן, וואָס ווערט געפּייניקט פֿון

איירע פראַגן׳ אָבער אַ סאַמן איידלסטן מענטשן׳ מיינע הערן׳ דעם סאַמן איידלסטן דראַנג פון דער נשמה (דרייסט שרײַ איך דאָס אַרויס! —) ניין! דאָס טאָרט איר ניט ניט גלויבן · · ·איר האָט אַפילו קיין רעכט ניט דערצו · · · — אָבער —

שווייג האַרץ׳

דולד׳ שווײַג און טראָג אַריבער!

נו׳ איז וואָס׳זאָל איך ווײַטער דערציילן? — האָט ער אָפּגעהאַקט פינצטער׳

— ווי׳ זשע אַנדערס׳ מיר בעטן אײַך זער׳ — האָט געענטפערט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש׳

## V

## דער דריטער און דער לעצטער גיהינום

כאָטש אפילו מיטיאַ האָט גענומען רעדן מיט כעס׳ האָט ער אָבער קענטיק נאָך מער געפלײַסט זיך׳ ניט פאַרגעסן און ניט פאַרלירן קיין איין שטריכעלע פון דעם׳ וואָס ער גיט איבער. ער האָט דערציילט, ווי ער איז אריבערגעשפרונגען איבערן פלויט צום טאַטן אין סאָד׳ ווי ער איז געגאַנגען צום פענצטער און ענדלאָך אַלץ׳ וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אונטערן פענצטער׳ קלאָר׳ בולט׳ ווי געפּרעגט׳ האָט ער איבערגעגעבן די געפילן׳ וואָס האָבן אים אויפ־ געערעגט אין יענע רגעס אין סאָד׳ בעת עס האָט זיך אים אַזוי גוואַלטיק געוואָלט דערגיין: צי איז גרושענקע ביים טאַטן צי ניט׳ נאָר מאָדנע איז דאָס: סיי דער פראָקוראָר׳ סיי דער סלעדאָוואַטעל האָבן דאָס מאָל צוגעהערט עפּעס גאָר אַ גרויל ווי קאַלטבלוטיק׳ געקוקט טרוקן׳ פראַגן געשטעלט אסך ווייניקער׳ מיטיאַ האָט קיין זאַך ניט געקאָנט שליסן נאָך זייערע פנימער׳ „זיינען אין כעס און באַליידיקט׳ האָט ער אַ טראַכט געטאָן׳ ס׳אַ דאגה!” אַז ער האָט דערציילט׳ וווידער׳ ווי ער האָט זיך׳ סוף כל סוף׳ אַנטשלאָסן׳ געבן דעם פאָטער דעם ס י מ ן׳ אַז גרושענקאַ איז געקומען׳ און אז ער זאָל עפענען דעם פענצטער׳ האָט דער פראָקוראָר און דער סלע־

דאָוואַטעל אינגאַנצן ניט געלייגט קיין אכט אפן וואָרט ״סימן״ עפּעס ווי גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָ דאָס דאָזיקע וואָרט, אַזוי אַז מיטיאַ האָט דאָס באַמערקט אפילו, קומענדיק ענדלאַך צו דעם מאָמענט, ווען דערזעענדיק דעם פאָטער אַרויסגע־רוקט דעם קאָפּ אין פענצטער, האָט אין אים אויפגעקאָכט דער האַס און ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע דעם טויקאַצל, האָט ער זיך מיטאַמאָל ווי מיט א כּיוון אָפּגעשטעלט. ער איז געזעסן און געקוקט אפן וואַנט און געוואוסט, אַז די פאַרהערער האָבן זיך איינ־געגעסן מיט די בליקן אין אים.

— נו־ס, — האָט געזאָגט דער סלעדאָוואַטעל, — איר האָט אַרויס־געכאַפּט דאס געווער און ... און וואָס זשע איז פאָרגעקומען נאָך דעם?

— נאָך דעם? נאָך דעם דערהרגעט ... אַ כאַפּ געטאָן אים פאַרן מוח און צעבראָכן אים דעם שאַרבן ... אַזוי קומט דאָך באַ אייַך אויס, וואָס? — האָט ער א פינקל געטאָן מיטאמאָל מיט די אויגן. דער געוועסט אינגאַנצן פאַרלאָשענער צאָרן האָט זיך מיט־אַמאָל אויפגעהויבן אין זיין האַרץ מיט אַ גאָר אומגעווייינלאַכן כּוח.

— באַ אונז קומט אויס, — האָט נאָכגעזאָגט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש, — נו, און ווי קומט באַ אייַך אויס?

מיטיא האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן און א לאַנגע צייט געשוויגן.

— באַ מיר, רבותי, באַ מיר קומט אויס, אז ס׳איז אָט ווי געווען, — האָט ער שטיל אָנגעהויבן רעדן, — צי עמיצנס טרערן, צי מיין מאַמעס בעטן גאָט, צי אַ ליכטיקער גייַסט האָט מיך אין דער דאָזיקער רגע דורכגענומען — איך ווייס נישט, נאָר דער טייוול איז באַזיגט געוואָרן. איך האָב זיך א וואָרף געטאָן פון פענצטער און גענומען לויפן צום פּלויט ... דער טאַטע האָט זיך דערשראָקן, און האָט מיך איצט צום ערשטן מאָל דערזען, האָט א געשריי געטאָן און איז אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער, איך געדיינק דאָס זייער גוט. און איך האָב גענומען לויפן דורכן סאָד צום פּלויט ... אָט־אָ דא האָט דאָס מיך אנגעטראָפן גריגאָרי, ווען איך בין שוין געזעסן אפן פּלויט ...

דאָ האָט ער ענדלאַך א הייב געטאָן די אויגן אף די צוהערער. די צוהערער האָבן, דאכט זיך, געקוקט אף אים מיט א לחלוטין רואיקער אויפמערקזאַמקייט. עפּעס אַ קראַמף פון אויפגעבראַכטקייט איז אדורך אין מיטיעס נשמה.

— און איר, מיינע הערן, מאַכט דאך אין דער דאזיקער מינוט חוזק פון מיר? — האָט ער איבערגעריסן מיטאַמאָל.

— פאַרוואָס מיינט איר דאס אזוי? — האָט זיך אנגערופן ניקאלאי פאַרפענאָוויטש.

— ווייל איר גלויבט קיין איין וואָרט ניט, אָט פאַרוואָס! איך פאַרשטיי דאָך גוט, אז איך בין צום וויכטיקסטן פונקט דערגאנגען: דער אַלטער ליגט דאָרטן איצט מיט א געלעכערטן קאָפּ, און איך — באַשרייבנדיק טראַגיש, ווי איך האָב געוואָלט דערהרגענען, און ווי איך האָב שוין ארויסגעכאַפּט דעם טויקאַצל, בין איך אָבער פלוצים אַוועקגעפלויגן פון פענצטער ... א פּאָעמע! אין פערזן! מ׳קאָן אים גלויבן אפן וואָרט דעם פיינעם בחור! כאַ־כאַ! כּת־ליצנים זייט איר, רבותי!

און ט׳זיך אַ דריי געטאָן מיטן גאנצן קערפער אפן שטול, עפּעס אַזוי, אַז דער שטול האָט גענומען פּלאַצן.

— צי האָט איר אָבער ניט באמערקט, — האָט מיטאמאָל אָנגעהויבן דער פּראָקוראָר, כלומרשט ניט לייגנדיק קיין אכט אפילו אף מיטיעס אויפגערעגטקייט, — צי האָט איר ניט באַמערקט, בעת איר זייט אָפּגעלאָפן פון פענצטער: צי די טיר אין סאָד, וואָס איז פון דער אנדער זייט פליגל, צי איז זי געווען אָפן צי ניט?

— ניין, זי איז ניט געווען אָפן.

— איז ניט געווען אָפן?

— אדרבה, זי איז געווען צוגעמאכט, ווער זשע אָבער האָט זי געקענט עפענען? אַהאַ, די טיר, וואַרט א ווײַלע! איז אים ווי עפּעס איינגעפאַלן מיטאַמאָל און זיך שיר ניט אַ צאַפּל געטאָן, — וואָסי איר האָט זי געפונען אָפן?

— יאָ.

— טאָ ווער זשע האָט זי געקענט עפענען, אויב איר אַליין

האָט זי ניט געעפנט? — האָט זיך מיטיאַ שרעקלאַך פאַרוואונדערט מיטאַמאָל.

— די טיר איז געווען אָפן, און דער מערדער פון אייער פאָטער איז אָן א פראגע אַריין דורך אט דער דאָזיקער טיר און, נאָכן באגיין דעם מאָרד, איז ער דורך דער זעלביקער טיר אַרויס אַף צוריק אויך, — האָט ווי פרעגנדיק, לאנגזאַם און מיט געציילטע ווערטער אָנגערופן זיך דער פראָקוראָר — דאָס איז פאר אונז לחלוטין קלאָר. דער מאָרד איז קענטיק פאָרגעקומען אין צימער גופא, ניט דורכן פענצטער, וואָס איז דורכויס קלאָר פון דעם פראָטאָקאָל, וואָס מ׳האָט געמאַכט אפן אָרט, און פון דער לאגע פון קערפער און נאָך אלצדינג. אין דעם פרט קאָנען קיין שום ספקות ניט זיין. מיטיאַ איז געווען געפלעפט.

— דאָס איז דאָך אָבער אוממעגלאך, מיינע הערן! — האָט ער אויסגעשריען אינגאנצן א צוטומולטער, — איך בין ... איך בין ניט אריינגעגאנגען ... איך זאָג אייך זיכער, איך זאָג אייך באשטימט, אז די טיר איז געווען צוגעמאכט די גאנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין סאָד. איך בין נאָר געשטאַנען אונטערן פענצטער און דורכן פענצטער געזען אים, אבער מער ניט, מער ניט... ביז דער לעצטער מינוט געדיינק איך. און גלאַט, ווען איך וואָלט אפילו ניט געדיינקט, ווייס איך אלץ איינס, וואָרים פון די סימנים האָט מער קיינער ניט געוואוסט ווי איך, סמערדיאַקאָוו, און דער פאָטער, און ער וואָלט אָן דעם סימן קיינעם אַף דער וועלט ניט אַריינגעלאָזן.

— די סימנים? וואס פאר א סימנים אָבער זיינען דאָס? — האָט מיט אַ להוטער, כמעט היסטערישער נייגעריקייט אַ זאָג געטאָן דער פראָקוראָר, און די שטעל פאַרלאָרן זיין גאַנצן איינגעהאַלטענעם באַנעמען זיך. ער האָט א פרעג געטאָן אַזוי, עפעס ווי ער וואָלט מיט א ציטער אונטערגעקראָכן אונטער אים. ער האָט דערשמעקט אַ וויכטיקן פאַקט, וועלכן ער ווייס נאך ניט, און האָט די רגע דערשפירט א שטאַרקן שרעק, אז מיטיא וועט אפשר ניט וועלן איבערגעבן דעם דאָזיקן פאקט אינגאנצן.

— וואָסי איר האָט גאר ניט געוואוסט אפילו! — האָט אים מיטיאַ געגעבן א וואונק מיטן אויגל, אַ שמייכלטאָנדיק מיט געשפּעט און מיט כּעס. — און ווי וועט זיין, אז איך וועל ניט זאָגן? וויסן האָט דאך געוואוסט פון די סימנים ער עליו השלום, איך און סמערדיאַקאָווי דאָס זיינען אלע, יאָ, און דער הימל האָט נאך געוואוסטי ער אבער וועט דאָך אייך ניט זאָגן. און דער פאַקט איז דאָך מסתמא אַן אינטערעסאַנטער, שדים ווייסן וואָס מ׳קאָן אף אים אויפבויען, כא־כא! בארואיקט זיך, רבותי, איך וועל אייך זאָגן, נאַרישקייטן ליגן אייך אין קאָפּ. איר ווייסט ניט, מיט וועמען איר האָט צו טאָן! איר האָט צו טאָן מיט אזא אָנגעקלאָגטן, וואָס גיט איבער זאכן קעגן זיך גופא, צו זיין אייגענעם שאָדן! יאָ, וואָרים איך בין דער ריטער פון ערע, אָבער איר — איר זייט עס ניט!

דער פּראָקוראָר האָט אראָפּגעשלונגען אלע פּילן, ער האָט נאר געציטערט פאר אומגעדולד צו דערגיין דעם נייעם פאַקט. מיטיאַ האָט גענוי און אויספירלאך איבערגעגעבן זיי אַלץ, וואָס ס׳איז געווען בוגע די סימנים, וועלכע פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האָט אויסגעארבעט פאַר סמערדיאַקאָוון, האָט דערציילט, וואָס אַזוינס עס האָט באַטייט יעדער קלאַפּ אין פענצטער, האָט אָפּגעקלאַפּט אפילו אט די סימנים אפן טיש, און אף ניקאָלאַי פּארפענאָוויטשעס פראגע: אזי, אף אזא אופן, האָט ער אויך, מיטיאַ, קלאפנדיק צום אלטן אין פענצטער, אָפּגעקלאַפּט גראָד אָט אָ דעם סימן, וואָס האָט באַטייט: „גרושענקא איז געקומען" — געענטפערט, אַז ער האָט דאָס טאַקע אַזוי אָפּגעקלאַפּט, אַז „גרושענקאַ איז געקומען", הייסט עס.

— אָט האָט איר, איצט קאָנט איר אויפריכטן א טורעם! — האָט מיטיאַ אָפּגעהאַקט און מיט פאַראכטונג ווידער אָפּגעקערט זיך פון זיי.

— און געוואוסט האָבן פון אָט־אָ די סימנים דער פאָטער אייערער עליו השלום, איר און דער דינער סמערדיאַקאָווי ווייטער אָבער קיינער ניט? — האָט נאָך א מאָל אַ פרעג געטאָן ניקאָלאַי פאַרפענאַוויטש.

— יאָ, דער דינער סמערדיאַקאָוו, און נאָך דער הימל אויך. פאַרשרייבט דעם הימל אויך; עס וועט ניט שאָדן צו פאַרשרייבן,

היינט גלאַט, פאַר אייך אַליין וועט גאָר דער איבערשטער אויך צוניץ קומען.

און אוודאי האָט מען גענומען פאַרשרייבן. נאָר ביים פאַר־שרייבן האָט מיטאמאָל, עפּעס ווי גאָר פלוצלונג ארויפפאַלנדיק אף א נייעם געדאַנק, א זאָג געטאָן דער פּראָקוראָר:

— אויב אָבער אַז סמערדיאַקאָוו האָט אויך געוואוסט פון אָט די דאָזיקע סימנים, און איר ווארפט קאַטעגאָריש אָפּ יעטווידע באַשולדיקונג אינ׳ם טויט פון אייער פאָטער, איז צי האָט ער דאָס טאַקע ניט, געבנדיק דעם אָפּגערעדטן סימן, געצוואונגען אייער פאָטער עפענען אים, און איז דערנאָך ... באַגאנגען דעם פאַרברעך?

מיטיא האָט מיט אַ טיפן בליק פון געשפּעט, נאר צוגלייך אויך פון שרעקלאַכער פאַראכטונג אַ קוק געטאָן אף אים. ער האָט געקוקט לאַנג און שווייגנדיק, אזוי אַז ביים פּראָקוראָר האָבן גענומען ווינקען די אויגן.

— ווידער געפאַקט אַ האָז! — האָט ענדלאַך אַ זאָג געטאָן מיטיאַ, — צוגעשטיקט דעם קונדס פאַרן עקל, כע־כע! איך זע אייך דורך און דורך, פּראָקוראָר! איר האָט דאך דאָס טאַקע גערעכנט, אַז איך וועל די שטעל געבן אַ שפּרונג, איינקלאַמערן זיך אָן דעם, וואָס איר זאָגט מיר אונטער און נעמען שרייען אפן גאנצן קול: „אַי, ס׳איז סמערדיאַקאָוו, ער איז דאָס דער מערדער!“ זייט זיך מודה, אַז איר האָט דאָך דאָס געטראַכט, זייט זיך מודה, וועל איך דעמאָלט ווייטער דערציילן.

נאָר דער פּראָקוראָר האָט זיך ניט מודה געווען. ער האָט געשוויגן און געוואַרט.

— געהאַט א טעות, איך וועל ניט שרייען, אַז ס׳איז סמערדיאַקאָוו! — האָט מיטיאַ צוגעגעבן.

— און איר זייט אים ניט חושד אפילו?

— און איר זייט חושד?

— חושד געווען אים אויך.

מיטיאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די אויגן אין פּאָדלאָגע.

— אַ געלעכטער אָן אַ זייט, — האָט ער זיך אָנגערופן פינצטער, —

הערט אויס: פון דעם סאַמע אָנהייב אָן, אָט נאָך פריער כּמעט, ווען איך בין אַרויסגעלאָפן צו אייך פון הינטער אָט דעם פאָרהאַנג, האָט שוין באַ מיר אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק: „ס׳איז סמערדיאַקאָוו!" איך בין געזעסן דאָ ביים טיש און געשריען, אַז איך בין אומשולדיק אין די דאָזיקע בלוט, אָבער אין זיך האָב איך אַלץ געטראַכט: „ס׳איז סמערדיאַקאָוו!" און סמערדיאַקאָוו איז ניט אָפּגעטראָטן פון געדאַנק. ענדלאַך, האָב איך איצט מיטאַמאָל ווידער אַ טראַכט געטאָן: „ס׳איז סמערדיאַקאָוו", אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ רגע: די שטעל האָב איך גענומען טראַכטן פאַרקערט, אַז „ניין, ס׳איז ניט סמערדיאַקאָוו!" דאָס איז ניט זיין אַרבעט, רבותי!

— צי זייט איר אַף אַזאַ אופן ניט חושד נאָך עמיצן? — האָט פאָרזיכטיק געהאַט אַ פרעג געטאָן ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— איך ווייס ניט, ווער און וואָס, צי דאָס איז דער הימל צי דער טייוול, אָבער . . . ס׳איז ניט סמערדיאַקאָוו! — האָט מיט אַ כּאַ־שטימטקייט מיטיאַ אָפּגעשניטן.

— פאַרוואָס אָבער האַלט איר אַזוי זיכער און אַזוי פעסט, אַז ס׳איז ניט ער?

— נאָך דער איבערצייגונג. נאָכן איינדרוק. וואָרים סמערדיאַקאָוו איז אַ מענטש מיט אַ סאַמע נידעריקסטן כּאַראַקטער, און ער איז אַ פּחדן. ניט וואָס מ׳זאָל זאָגן אַ פּחדן, נאָך דאָס איז דער סך הכּל פון דער פּחדנות פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמענגענומען, וואָס גייט אַף צוויי פיס. ער איז געבאָרן געוואָרן פון אַ הון. רעדנדיק מיט מיר פלעגט ער יעדעס מאָל פלאַטערן, איך זאָל אים ניט דערהרגענען, אינדערצייט ווען איך פלעג אַפילו קיין האַנט ניט אויפהייבן. ער פלעגט פאַלן מיר צו די פיס און וויינען, פלעגט קושן, בפועל ממש, די שטיוול מיינע, בעטנדיק זיך רחמים, אַז איך זאָל אים „ניט שרעקן". איר הערט: „ניט שרעקן" — וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט אַזאַ? און איך פלעג אים נאָך אַפילו שענקען מתּנות. דאָס איז אַ קראַנקע הינדל מיט חולי נופלים, מיט אַ קליינטשיק שכל, וועמען עס וועט דערהרגענען אַן אַכטיאָריק קינד. וואָסי, דאָס איז דען אַ מענטש מיט אַ כּאַראַקטער? ס׳איז ניט סמערדיאַקאָוו, רבותי, און ער האָט

גאָר גלאַט קיין געלט אויך ניט האָלט, ער פלעגט גאָר ניט נעמען באַ מיר קיין מתּנות... און פאַר וואָס זאָל ער סתּם דערהרגענען דעם אַלטן? ער איז דאָך אפשר זיינער אַ זון, אַ ניט קיין געזעצלאכער, ווייסט איר דאָס?

— מיר האָבן געהערט פון דעם. נאָר אָט זייט איר דאָך אויך אַ זון פון אייער פאָטער, און איר אַליין האָט דאָך געזאָגט פאַר אַלעמען, אַז איר׳ט אים געוואָלט דערהרגענען.

— אַ בראָק אין דער אַרענדע! און אַ מיאוסער, העסלאכער בראָק! דאָס אַרט מיר ניט! אָ, מיינע הערן, עס קאָן דאָך זיין, אַז אייך איז גאָר מיאוס מיר גופא אין די אויגן צו זאָגן דאָס! מיאוס דערפאַר, ווייל איך אַליין האָב דאָך דאָס אייך געזאָגט. ניט נאָר געוואָלט, נאָר אַפילו געקאָנט דערהרגענען אויך, און נאָך אַרויפגעשלעפט אַף זיך מיטן אייגענעם ווילן, אַז כ׳האָב שיר ניט דערהרגעט! אָבער דערהרגעט אים האָב איך דאָך ניט, עס האָט מציל געווען דער גוטער מלאך, — אָט דאָס האָט איר ניט גענומען אין רעיון... דעריבער איז דאָס אייך מיאוס, מיאוס! ווארים איך האָב ניט דערהרגעט, כ׳האָב ניט דערהרגעט, כ׳האָב ניט דערהרגעט! איר הערט, פּראָקוראָר, כ׳האָב ניט דערהרגעט!

ער האָט זיך שיר ניט פאַרשטיקט. די גאַנצע צייט פון דעם פאַרהער איז ער נאָך נישט געווען אין אַזאַ אויפרעגונג.

— וואָס האָט אייך אָבער, מיינע הערן, געזאָגט סמערדיאַקאָוו? האט ער פאַרענדיקט מיטאַמאָל, שווייגנדיק אַ ווײַלע. קאָן איך אייך דאָס פרעגן?

— איר קאָנט באַ אונז פרעגן אַלצדינג, — האָט מיט אַ קאַלטער און שטרענגער מינע געענטפערט דער פּראָקוראָר, — אַלצדינג, וואָס ס׳איז שייך דער פאַקטישער זייט פון דער זאַך, און מיר, איך חזר דאָס איבער, זיינען אַפילו מחויב באַפרידיקן אייך אַף איטלאַכער פראַגע. מיר האָבן געטראָפן דעם דינער סמערדיאַקאָוון, אַף וועמען איר פרעגט זיך נאָך, ליגנדיק אָן זינען באַ זיך אַפן בעט, די שטאַרקע ספּאַזמעס פון זיין פאַליקע, וואָס האָט זיך שוין אפשר איבערגעחזרט צום צענטן מאָל נאָכאַנאַנד. דער דאָקטאָר, וואָס איז געווען מיט

אונז און באַקוקט דעם חולה, האָט אונז געזאָגט, אַז ער וועט אפשר ביז טאָג ניט דערלעבן.

— נו, אויב אַזוי האָט דעם פאָטער דערהרגעט דער טייוול! האָט זיך אַרויסגעריסן מיטאַמאָל בײַ מיטיען, עפּעס ווי ער וואָלט אַפילו ביז צו אָט דער לעצטער מינוט רק געפרעגט זיך אַליין: „ס'איז סמערדיאַקאָוו, צי ס'איז ניט סמערדיאַקאָוו?"

— מיר'ן זיך נאָך אומקערן צו אָט דעם דאָזיקן פאַקט, — האָט אָפּגעהאַקט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, — איצט אָבער צי וואָלט איר ניט געוואָלט ווייטער איבערגעבן, וואָס איר ווייסט.

מיטיאַ האָט געבעטן, לאָזן אים אָפּרוען אַ ווײַלע. מ'האָט דאָס אים העפלאַך דערלויבט. אָפּגערוט אַ ווײַלע, האָט ער אָנגעהויבן ממשיך צו זײַן. ער איז געווען אויסגעמאַטערט, באַליידיקט און צעטרייסלט מאָראַליש. צו דערצו נאָך האָט דער פּראָקוראָר אָנגעהויבן, איצט שוין ווי מיט אַ כּיוון, יעדע רגע אויפצורייצן אים מיט זײַן צושטיין מיט די „קלייניקייטן". קוים האָט נאָר מיטיאַ באַשריבן, ווי בעת עראיז געזעסן רייטנדיק אַפן פּלויט, האָט ער אַ זעץ געטאָן מיטן טויקאַצל גריגאָריען איבערן קאָפּ, וואָס האָט זיך אָנגע־קלאַמערט אָן זײַן לינקער פוס, און ווי ער איז דערנאָך גלייך אַראָפּגעשפּרונגען צו אים, ווי דער פּראָקוראָר האָט אים אָפּ־געשטעלט און געבעטן ער זאָל באַשרייבן אויספירלאַכער, ווי אַזוי, אַ שטייגער, איז ער געזעסן אַפן פּלויט. מיטיאַ האָט זיך פאַרוואונדערט.

— נו, אָט אַזוי בין איך געזעסן, בין געזעסן רייטנדיק, איין פוס דאָ, די אַנדערע דאָרטן...

— און דער טויקאַצל?

— דער טויקאַצל אין האַנט.

— ניט אין קעשענע? איר געדיינקט דאָס אַזוי גוט? איז וואָס, האָט איר געגעבן אַ שטאַרקן לאָז מיטן האַנט?

— מסתמא אַ שטאַרקן, צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן?

— אַז איר וואָלט זיך אַנידערגעזעצט אַפן שטול אָט פּונקט אַזוי ווי איר זייט געזעסן דעמאָלט אַפן פּלויט, און געוויזן אונז אַלס

בײַשפּיל, כּדי קלאָר צו מאַכן, ווי און ווי אַזוי איר האָט געגעבן אַ זעץ, אין וואָס פאַר אַ זײַט?

— צי מאַכט איר אָקאָרשט ניט קיין שפּאַס פון מיר? — האָט מיטיאַ זיך אָנגערופן אַ קוקטאָנדיק מיט גאווה אַפן פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר האָט אָבער אַפילו מיט קיין אויג ניט אַ וואונק געטאָן. מיטיאַ האָט קראַמפּנדיק זיך אַ דריי געטאָן, אַנידערגעזעצט זיך רייטנדיק אַפן שטול און אַ לאָז געטאָן מיטן האַנט:

— אָט ווי איך האָב אַ זעץ געטאָן! אָט ווי איך האָב דערהרגעט! וואָס ווילט איר נאָך?

— אַ דאַנק אײַך. צי וועט איר איצט ניט אַזוי גוט זײַן דערקלערן: צוליב וואָס, אין פלוג, זײַט איר אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד, מיט וואָס פאַר אַ ציל, און וואָס האָט איר געהאַט אייגנטלאַך אין זינען?

— נו, צו אַלדי רוחות... איך בין אַראָפּגעשפּרונגען צו דעם אַנידערגעפאַלענעם... איך ווייס ניט צוליב וואָס!

— זײַענדיק אַזוי אויפגערעגט? און אַנטלויפנדיק?

— יאָ, זײַענדיק אַזוי אויפגערעגט און אַנטלויפנדיק.

— איר האָט אים געוואָלט העלפן?

— וואָס פאַר אַ העלפן... נאָר אפשר העלפן אויך, איך געדיינק ניט.

— איר האָט זיך אַליין ניט געדיינקט? דאָס הייסט פאַרלאָרן אַפילו אין אַ געוויסער מאָס דעם זכרון?

— אָ, ניין, אינגאַנצן ניט פאַרלאָרן דעם זכרון, איך געדיינק אַלצדינג, אַלץ ביז אַ האָר. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען אַ קוק טאָן און אָפּגעווישט אים מיטן טיכל די בלוט.

— מיר האָבן געזען אײַער טיכל. איר האָט געהאָפט ברענגען דעם פאַרוואונדעטן דורך אײַער הילף צום לעבן?

— איך געדיינק ניט, צי איך האָב געהאָפט. כ'האָב פּשוט געוואָלט איבערצײַגן זיך, צי ער לעבט צי ניט.

— אַזוי, ט'איר געוואָלט איבערצײַגן זיך? נו, איז וואָס זשע?

— איך בין ניט קיין דאָקטאָר, האָב איך ניט געקאָנט וויסן.

אַוועקגעלאָפֿן בין איך טראַכטנדיק, אַז איך האָב אים דערהרגעט, נאָר אָט זאָגט איר, אַז ער איז געקומען צו זיך.

— זייער גוט, האָט פֿאַרענדיקט דער פּראָקוראָר, איך דאַנק אייך. איך האָב נאָר דאָס טאַקע געוואָלט. זייט אַזוי גוט, דערציילט ווייטער.

אָ ווײ, מיטיען איז אַפּילו אין קאָפּ נישט איינגעפֿאַלן צו דער־ציילן, כאָטש אַפּילו ער האָט דאָס געדיינקט, אַז אַראָפּגעשפּרונגען איז ער פֿאַר רחמנות, און בלייבנדיק שטיין לעבן דעם דערהרגעטן, האָט ער אַפּילו אַרויסגערעדט עטלעכע טרויערדיקע ווערטער: „האָסט זיך אָנגעריסן, אַלטער, פֿאַרפֿאַלן, טאָ ליג". דער פּראָקוראָר אָבער האָט נאָר געדרונגען, אַז אַראָפּגעשפּרונגען איז דער מענטש „אין אַזאַ מאָמענט און אַזוי אויפֿגערעגט" נאָר דעריבער, כּדי צו איבער־צייגן זיך אַף זיכער: צי דער איינציקער עדות פֿון זיין פֿאַר־ברעך לעבט צי ניט, און אויב אַזוי, איז ווי שטאַרק אַנט־שלאָסן, קאַלטבלוטיק און אויסגערעכנט איז געווען דער מענטש אין אַזאַ מאָמענט אַפּילו... א. א. וו. א. א. וו. דער פּראָקוראָר איז געווען צופֿרידן: האָט אויפֿגערייצט, הייסט עס, אַ קריינקלעכן מענטשן מיט „קליינקייטן", האָט ער זיך טאַקע אַרויסגערעדט.

מיטיאַ האָט מיט מאַטערניש דערציילט ווייטער. נאָר גלייך האָט מען אים אָפּגעשטעלט ווידער, איצט שוין ניקאָלאַי פֿאַרפֿענאָוויטש:

— ווי אַזוי האָט איר געקאָנט אַריינלויפֿן צו דער שטובמיידל פֿעדאָסיאַ מאַרקאָוונאַ מיט אַזוינע פֿאַרבלוטיקטע הענט און, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, מיט אַ פֿאַרבלוטיקטן פּנים אויך?

— אַז איך האָב גאָר דעמאָלט ניט באַמערקט אַפּילו, אַז איך בין אין בלוט! — האָט געענטפֿערט מיטיאַ.

— דאָס זיינען זיי גערעכט, אַזוי טאַקע קומט דאָס פֿאָר — האָט זיך דורכגעקוקט דער פּראָקוראָר מיט ניקאָלאַי פֿאַרפֿענאָוויטשן.

— אוודאי ניט באַמערקט, דאָס האָט איר זייער גוט געזאָגט, פּראָקוראָר, — איז מיטאַמאָל מיטיאַ אויך מסכּים געווען. ווייטער אָבער איז אַוועק די מעשה מיט מיטיעס פּלוצלונדיקן אַנטשלוס „אָפּ־ראַמען דעם וועג" און „דורכלאָזן די גליקלעכע פֿאַרביי זיך", און

ער האָט שוין בשום אופן ניט געקאָנט אַנטשליסן זיך, ווי פריער, פונדאָסניי עפענען זיין האַרץ און דערציילן פון דער „מלכּה פון זיין נשמה". עס האָט אים אָפּגעשטויסן פון אָט די קאַלטע, „ווי וואַנצן זיך אין אים איינעסנדיקע" מענטשן. און דעריבער האָט ער אַף די איבערגעחזרטע פראַגעס דערקלערט קורץ און שאַרף:

— נו, האָב איך באַשלאָסן מאַכן אַ סוף מיט זיך. וואָס איז געווען צו בלייבן לעבן: די פראַגע איז שוין פון זיך אַליין געקומען. ס'איז געקומען איר אַמאָליקער, דער פריערדיקער, דער באַליידיקער אירער, איז אָבער נאָך פינף יאָר געקומען צולויפן מיט ליבע צו פאַרענדיקן אַף אַ געזעגצלאַכן אופן די באַליידיקונג. האָב איך פאַרשטאַנען, ס'איז אַלץ פאַרפאַלן פאַר מיר... און הינטער מיר איז שאַנדע, היינט די בלוט, גריגאָריס בלוט... איז צו וואָס זשע לעבן? נו, בין איך אַוועק אויסקויפן די פאַרמשכּונטע פּיסטאָלעטן, עס אָנצושטעלן און באַגינען אַריינלאָזן אַ קויל אין מוח...

— און ביינאַכט אַ יום־טוב אַף וואָס די וועלט שטייט?

— יאָ, ביינאַכט אַ יום־טוב אַף וואָס די וועלט שטייט. ע, צו אַלדי רוחות, מאַכט גיכער אַ סוף, מיינע הערן, דערשיסן זיך האָב איך געוואָלט אַף געוויס, אָט דאָ ניט ווייט, דערביי, און אָפּגעפּאַרטיקט וואָלט איך מיט זיך אַ זייגער פינף פאַרטאָג, געלאָזן אין קעשענע אַ צעטעלע, אָנגעשריבן באַ פערכאָטינען, בעת איך האָב אָנגעשטעלט דעם פּיסאָטלעט. אָט איז עֶר דער צעטעלע, לייענט. ניט פאַר אייך דערצייל איך דאָס! — האט ער מיטאַמאָל צוגעגעבן מיט פאַראַכטונג. ער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן אַפן טיש דעם צעטעלע פון זיין וועסטל־קעשענע; די יוריסטן האָבן איבערגעלייענט מיט אינטערעס און, ווי דער שטייגער איז, בייגעלעגט צו די זאַכלאַכע באַווייזן.

— די הענט אָבער האָט איר נאָך אַלץ ניט געטראַכט איינגוואַשן נאָכן אַריינגיין אַפילו צו הער פערכאָטין? איר האט, הייסט עס, ניט מורא געהאַט פאַר קיין חשדים?

— וואָס פאַר אַ חשדים? זאָל מען יע חושד זיין, ניט חושד זיין, אַלץ איינס וואָלט איך אַהער אַוועקגעפלויגן און פינף אַ זייגער דערשאָסן זיך, און מ'וואָלט קיין זאַך ניט באַוויזן צו טאָן. וואָרים

ווען ניט דער צופאַל מיטן פּאָטער, וואָלט איר זיך דאָך פון קיין זאַך ניט דערוואוסט און ניט געקומען אַהער. אָ, דער טייוול האָט דאָס געמאַכט, דער טייוול האָט דערהרגעט דעם פּאָטער, איבערן טייוול האָט איר זיך דאָס אַזוי גיך דערוואוסט! ווי ט'איר דאָס באַוויזן צו קומען אַזוי גיך אַהער, אַ פּלא, אַ וואונדער!

— הער פּערכאָטין האָט אונז איבערגעגעבן, אַז בעת איר זייט אַריין צו אים, האָט איר געהאַלטן אין האַנט ... אין די פאַרבלוטיקטע הענט ... אייערע געלט ... אַסך געלט ... אַ פּעקל הונדערט־רובלדיקע בילעטן, און אַז געזען האָט דאָס זיין אינגל אויך!

— יאָ, מיינע הערן, איך געדיינק, ס'איז אַזוי.

— איצט איז דאָ נאָך אַ קליינע פראַגע. צי קאָנט איר ניט זאָגן, — האָט זעער ווייך אָנגעהויבן ניקאָלאַי פּאַרפּענאָוויטש, — וואו האָט איר גענומען אַזוי פיל געלט, אינדערצייט, ווי עס איז צו זען פון דער זאַך, און ווי עס ווייַזט די צייט אויך, איר זייט אַפילו ניט פאַר־גאַנגען אַהיים?

דער פּראָקוראָר האָט אַ ביסל אַ קנייטש געטאָן מיטן שטערן פון דער דאָזיקער פראַגע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אַזוי שאַרף און פּשוט, האָט אָבער ניט איבערגעריסן ניקאָלאַי פּאַרפּענאָוויטשן.

— ניין, איך בין ניט פאַרגאַנגען אַהיים, — האָט געענטפערט מיטיאַ, קענטיק זעער רואיק, נאָר קוקנדיק צו דער ערד.

— דערלויבט זשע אויב אַזוי איבערחזרן די פראַגע — האָט ווי עפּעס אונטערקריכנדיק ניקאָלאַי פּאַרפּענאָוויטש ווייטער גערעדט. — וואו אָבער האָט איר געקאָנט קריגן מיטאַמאָל אַזאַ סומע, אינדערצייט, ווען איר גופא זייט זיך מודה, אַז נאָך דעם זעלביקן טאָג פינף אַ זייגער ...

— האָב איך זיך גענויטיקט אין צען רובל און האָב פאַרמשכונט די פּיסטאָלעטן בײַ פּערכאָטינען, דערנאָך בין איך געגאַנגען צו כאָכלאַקאָווען לײַען דריי טויזנט רובל, זי האָט ניט געגעבן, און אַזוי ווייטער און ווייטער, און די גאַנצע ציקעלע, — האָט שאַרף מיטיאַ איבער־געריסן. — יאָ, זעט איר, מיינע הערן, געשטאָרבן פאַר אַ גראָשן און דאָ האָבן, זיך מיטאַמאָל באַוויזן טויזנטער, האַ? איר ווייסט, רבותי, איר ציטערט

דאָך איצט ביידע: וואָס וועט אָבער זיין, אַז ער וועט ניט זאָגן, וואו ער האָט גענומען? אַזוי איז דאָס טאַקע: איך וועל ניט זאָגן, מיינע הערן, איר'ט געטראָפן, איר'ט זיך ניט דערוויסן, — האָט מיטיאַ אָפּגעהאַקט מיטאַמאָל שטאַרק אַנטשלאָסן. די יוריסטן האָבן אַ ווײַלינקע געשוויגן.

— פאַרשטייט דאָס, הער קאַראַמאַזאָוו, אַז מיר מוזן עס זעער נויטיק וויסן, — האָט שטיל און מיט הכנעה אָנגערופן זיך ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— איך פאַרשטיי, נאָר איך וועל פונדעסטוועגן ניט זאָגן.

עס האָט זיך אַרײַנגעמישט דער פּראָקוראָר אויך און האט ווידער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אוודאי קאָן ער ניט ענטפערן אַף קיין פראַגן, אויב ער האַלט דאָס ניצלאַכער פאַר זיך א. א. וו., נעמענדיק אָבער אין רעיון, וואָס פאַר אַ שאָדן די פערזאָן, וואָס מ'איז חושד, קאָן זיך אַליין אָנמאַכן מיטן פאַרשווייגן און דערהויפּט באַ פראַגן פון אַזאַ וויכטיקייט, וואָס...

— און אַזוי ווייטער, מיינע הערן, און אַזוי ווייטער! גענוג, איך האָב שוין געהערט די דאָזיקע דרשה פריער אויך! — האָט מיטיאַ ווייטער אָפּגעהאַקט, — איך פאַרשטיי אַליין, ווי וויכטיק די זאַך איז, און אַז דאָ איז דער סאַמער וויכטיקסטער פונקט, נאָר איך וועל פונדעסטוועגן ניט זאָגן.

— וואָס מאַכט דאָס אונז אויס, ס'איז דאָך ניט אונזער זאַך, נאָר אייערע, איר וועט זיך אַליין טאָן אַ רעה — האָט נערוועזערהייט אַרויסגערעדט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— איר פאַרשטייט, מיינע הערן, אַ געלעכטער אָן א זייט, — האָט זיך מיטיאַ אַ וואָרף געטאָן מיט די אויגן און שאַרף אַ קוק געטאָן אף זיי ביידן, — איך האָב שוין פון אָנהייב אָן געשפירט, אַז מירן זיך אַף אָט-אָ דעם פונקט געבן א זעץ מיט די שטערנס. אין אָנפאנג אָבער, ווען איך האָב פריער גענומען דערציילן, איז דאָס אַלץ געווען אין אַ ווייטסטן נעפל, אַלץ האָט געשוואומען, און איך בין געווען אַפילו אַזוי נאַאיוו, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיטן פאָרשלאָג פון „קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן אונז". איצט זע איך אליין, אז

דער דאָזיקער צוטרוי האָט גאָר ניט געקאָנט זיין אפילו, וואָרים מיר וואָלטן דאָך אַלץ געמוזט קומען צו אָט־אָ דעם פאַרשאָלטענעם פלויט! נו, איז אָט זיינען מיר געקומען! מ'קאָן נישט און אן עק! איבע־ריקנס, בין איך אייך גאָר ניט דן לכף חוב, איר קאָנט דאָך אינדער־אמתן ניט גלויבן מיר אפן וואָרט, איך פאַרשטיי דאָך דאָס!

ער איז פינצטער אַנטשוויגן געוואָרן.

— צי וואָלט איר אָבער נישט געקאָנט, אינגאַנצן ניט אָנרירנ־דיק אייער אַנטשלוס צו פאַרשווייגן דאָס וויכטיקסטע, צי וואָלט איר נישט געקאָנט אין דער אייגענער צייַט געבן אונז כאָטש דעם קלענסטן וואונק אף דעם: וואָס זיינען דאָס דהינו פאַר אזוינע שטאַרקע מאָטיוון, וואָס קאָנען גורם זיין צו פאַרשווייגן אָט די דאָזיקע פראַגן אין אַ מאָמענט, וואָס איז אזא געפערלאַכער פאַר אייך?

מיטיאַ האָט טרויעריק און ווי פאַרטראַכט אַ שמייכל געטאָן.

— איך בין אַסך בעסער, ווי איר האַלט, מיינע הערן, איך וועל אייך זאָגן פאַרוואָס, און איך וועל אייך געבן אָט דעם וואונק, כאָטש אַפילו איר זייט דאָס ניט ווערט. איך פאַרשווייג דערפאַר, מיינע הערן, ווייל אין דעם ליגט די שאַנד פאַר מיר, מיט וואָס עס וואָלט זיך אַפילו ניט געקאָנט גלייכן ניט קיין מאָרד, ניט קיין באַ־רויבן דעם פאָטער, ווען איך וואָלט אים יע דערהרגעט און בארויבט. אָט פאַרוואָס איך קאָן נישט רעדן. צוליב שאַנד קאָן איך ניט. וואָס, מיינע הערן, איר ווילט דאָס פאַרשרייבן?

— יאָ, מירן פאַרשרייבן, — האָט ארויסגעשטאַמלט ניקאָלאַי פערפאַנאָוויטש.

— איר וואָלט דאָס נישט געדאַרפט פאַרשרייבן, אָט די „שאַנד" מיין איך. דאָס האָב איך אייך נאָר אויס גוטסקייט פו הארצן דער־ציילט, און איך וואָלט דאָך דאָס געקאָנט ניט דערציילן אויך, איך האָב אייך, אזוי צו זאָגן, דאָס געשיינקט, און איר כאַפּט און שרייבט אַריין. נאר ס'אַדאגה, שרייבט, שרייבט, וואָס איר ווילט, — האָט ער מיט פאַראכטונג און אָפּשטויסונג פאַרענדיקט, — איך האָב קיין מורא ניט פאַר אייך און . . . איך בין שטאָלץ קעגן אייך.

— צי קאָנט איר אָבער ניט זאָגן, וואָס פאַר א מין שאַנד

איז דאָס? — האָט ווידער געהאַט אַרויסגערעדט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש.

דער פּראָקוראָר האָט זיך גוואַלטיק אָנגעכמורעט.

— היינט ניט, ס׳איז געענדיקט, זייט זיך ניט מטריח. און עס לוינט גאָר גלאַט ניט מיאוס צו מאַכן זיך. שוין אַזוי אויך מיאוס געמאַכט זיך אָן אייך. איר זייט דאָס נישט ווערט, ניט איר און קיינער ניט . . . גענוג, מיינע הערן, איך רייס איבער.

א זאָג געטאָן איז דאָס געווען צו פעסט. ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש האָט אויפגעהערט צוצושטיין, האָט אָבער פון איפּאָליט קירילאָוויטשעס קוק תיכּף געכאַפּט, אַז ער פּאַרלירט נאָך ניט די האָפענונג.

— צי קאָנט איר ווייניקסטנס ניט זאָגן: ווי גרויס איז געווען די סומע אין אייער האַנט, ווען איר זייט אַריין מיט דעם צו הער פערכאָטין, איך מיין, וויפל רובל טאַקע?

— איך קאָן דאָס אויך ניט זאָגן.

— דעם הער פערכאָטין האָט איר, דאַכט זיך, געזאָגט דריי טויזנט. וואָס איר האָט כּלומרשט באַקומען פון פרוי כאָכלאַקאָווא?

— עס קאָן זיין, אַז איך האָב געזאָגט. גענוג, מיינע הערן, איך וועל ניט זאָגן וויפל.

— זייט אַזוי גוט, אויב אַזוי, באַשרייבן, ווי אַזוי איר זייט אַהער אַוועקגעפאָרן און אַלץ, וואָס איר האָט געטאָן קומענדיק אַהער?

— אָך, דאָס פרעגט יעדן איינציקן פון דאַנען. נאָר איבעריקנס וועל איך אפשר אַליין אויך דערציילן.

ער האָט דערציילט, מיר וועלן שוין אָבער ניט ברענגען די דערציילונג זיינע. דערציילט האָט ער טרוקן, געכאַפּטערהייט. פון די התלהבות פון דער ליבע זיינער איינגאַנצן נישט גערעדט. האָט אָבער דערציילט, ווי דער אַנטשלוס צו דערשיסן זיך איז אַריבער באַ אים „צוליב די נייע געשעענישן". דערציילט האָט ער אָן פּרושים, ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין פּרטים. און גלאַט, די יוריסטן האָבן אים דאָס מאָל אויך ניט שטאַרק באַאומרואיקט: ס׳איז געווען קלאָר, אַז אויך פאַר זיי באַשטייט ניט אין דעם איצט דער וויכטיקסטער פּונקט.

— מירן דאָס אַלץ נאָך פעסטשטעלן, מירן זיך נאָך צו אַלץ אומ־

קערן בײם פֿאַרהערן די עדות, װאָס װעט פֿאָרקומען, פֿאַרשטײט זיך, אין אײער בײַזײַן, — האָט פֿאַרענדיקט דעם פֿאַרהער ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָװיטש. — איצטער אָבער װילן מיר זיך װענדן צו אײַך מיט דער בקשה אַרױסלײגן אָט אַהער אױפֿן טיש אַלע אײַערע חפֿצים, װאָס איר האָט בײַ זיך, און דערהױפּט די גאַנצע געלט, װאָס איר האָט איצט בײַ זיך.

— די געלט, מײַנע הערן? מיט כּל הכּבֿוד, איך פֿאַרשטײ, אַז מ׳דאַרף. איך װאונדער זיך אַפֿילו, װי ט׳איר דאָס פֿריער ניט געהאַט קײן תּשוקה דערצו. אמת, איך װאָלט אַפֿילו אין ערגעץ ניט נעלם װערן, איך זיץ פֿאַר די אױגן. נו, אָט האָט איר מײַן געלט, צײלט, נעמט, ס׳איז אינגאַנצן, דאַכט זיך.

ער האָט אַרױסגענומען אַלצדינג פֿון די קעשענעס, אַפֿילו די קלײנגעלט, צװײ צװאַנציקקאָפּיקענע, האָט ער אַרױסגעשלעפּט פֿון דער קעשענע פֿון װעסטל. מ׳האָט איבערגעצײלט די געלט, ס׳איז געװען אַכט הונדערט מיט זעקס און דרײַסיק רובל מיט פֿערציק קאָפּיקעס.

— דאָס איז גאָר? — האָט א פֿרעג געטאָן דער סלעדאָװאַטעל?
— גאָר.
— איר האָט אָט־ערשט, דערצײלנדיק, געזאָגט, אַז בײַ פּלאָטניקאָװס אין קראָם האָט איר אױסגעגעבן דרײַהונדערט רובל פֿערכאָטינען האָט איר געגעבן צען, דעם פֿורמאַן צװאַנציק, דאָ האָט איר פֿאַרשפּילט צװײהונדערט, דערנאָך . . .

ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָװיטש האָט אױסגערעכנט אַלצדינג. מיטיאַ האָט מיט גרױס חשק געהאָלפֿן. מ׳האָט זיך דערמאָנט אױף יעדער קאָפּיקע און מ׳האָט דאס אַרײַנגענומען אין חשבון. ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָװיטש האָט אױף גיך געמאַכט דעם סך הכּל.

— מיט אָט די אַכט הונדערט האָט איר, אױף אַזאַ אופֿן, געהאַט אין אָנפֿאַנג קרוב פֿון אָנדערהאַלבן טױזנט?
— מסתּמא, — האָט מיטיאַ אָפּגעשניטן.
— װי זשע זאָגן אַלע, אַז ס׳איז געװען אסך מער?
— זאָל מען זאָגן.

— אָבער איר אַליין האָט דאָך אויך געזאָגט.

— מירן דאָס באָך אַלץ פעסטשטעלן מיט דעם, וואָס עס וועלן איבערגעבן די פערזאָנען, וואָס מ'האָט נאָך ניט אויסגעהערט; וועגן אייער געלט האָט קיין מורא נישט, עס וועט ליגן גאַנץ, וואו עס געהער צו זיין, און עס וועט שטיין אין אייער רשות נאָכן פאַרענדיקן אָט דאָס אַלץ... וואָס עס האָט זיך פאַרפירט... אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן אָדער, בעסער געזאָגט, מ'וועט דערווייזן, אַז איר האָט אף דעם זיכערע רעכט. נו־ס, איצטער אָבער...

ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און פעסט געגעבן מיטיען צו וויסן, אַז „ער מוז און ער איז געצוואונגען" דורכזוכן אפן סאַמן געגוויסטן און פינקטלאַכסטן אופן „סיי די זאַכן אייערע, סיי אַלצדינג"...

— מיט כל הכבוד, מיינע הערן, איך וועל אייך אויסקערן אַלע קעשענעס, אויב איר ווילט.

און ער האָט זיך, באמת, געהאַט גענומען אויסקערן די קעשענעס.

— עס וועט אפילו זיין נויטיק אַראָפּנעמען די זאַכן.

— וואָס? אויסטאָן זיך? פוי, צו אַלדי רוחות זוכט דאָך דורך אַזוי! צי קאָן מען ניט אַזוי!

— מ'קאָן בשום אופן ניט, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש. מ'דאַרף זיך אויסטאָן.

— ווי איר ווילט, — האָט זיך מיטיאַ פינצטער אונטער־געוואָרפן, — אָבער איך בעט אייך, ניט דאָ, נאָר הינטערן פאָרהאַנג. ווער וועט דורכזוכן?

— אַוודאי הינטערן פאָרהאַנג, — האָט אַלס הסכם ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס פנימל זיינס האָט אויסגעדריקט עפעס אַ גאָר באַזונדערע וויכטיקייט אַפילו.

## VI

## דער פּראָקוראָר האָט געכאַפּט מיטיען

אָנגעהויבן האָט זיך עפּעס גאָר אַזוינס אומדערוואַרטעס און מערקווירדיקס פאַר מיטיען. ער וואָלט נאָך אַפילו מיט אַ מינוט פאַר דעם באַין אופן ניט געקאָנט רעכענען, אַז עמיצער זאָל זיך קאָנען אַזוי באַגיין מיט אים, מיט מיטיאַ קאַראַמאַזאָוו! דער עיקר, עס האָט זיך באַקומען עפּעס אַזאַ דערנידעריקונג, און מצד זיי אַזאַ „גרויסמוטיקייט און פאַראַכטונג צו אים". עס וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט אויסטאָן דעם סורדוט, נאָר מ׳האָט אים געבעטן, אויסטאָן זיך ווייטער אויך. און ניט וואָס מ׳זאָל זאָגן מ׳האָט געבעטן, נאָר מ׳האָט אין תּוך געהייסן; ער האָט דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען, פון שטאָלץ וועגן און פון פאַראַכטונג האָט ער זיך אונטערגעגעבן אינגאַנצן, אָן ווערטער. הינטערן פאָרהאַנג איז אַריין, אַחוץ ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשן, דער פּראָקוראָר אויך, און עס זיינען בייגעווען נאָך עטלאַכע פויערים, „צוליב שמירה, פאַרשטייט זיך", האָט אַ טראַכט געטאָן מיטיאַ, „און אפשר אַמאָל נאָך צוליב עפּעס".

— איז וואָס, נישיים זע אויסטאָן די העמד אויך? — האָט ער שאַרף געהאַט אַ פרעג געטאָן, נאָר ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש האָט אים ניט געענטפערט: ער איז אינאיינעם מיטן פּראָקוראָר געווען פאַרטיפט אין באַקוקן דעם סורדוט, די הייזן, די זשילעט און דאָס היטל, און ס׳איז קענטיק געווען, אַז זיי האָבן זיך ביידע שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן באַקוקן: „מ׳פּרוּווט זיך גאָרניט צערמאָניען", האָט אַ בליץ געטאָן באַ מיטיען, „מ׳היט ניט אָפּ אפילו די נויטיקע העפלאַכטייט".

— איך פרעג אייך נאָך אַמאָל: מ׳דאַרף צי מ׳דאַרף ניט אויסטאָן די העמד? — האָט ער אַ זאָג געטאָן נאָך שאַרפער און אויפגערייצטער.

— האָט קיין מורא נישט, מירן אייך זאָגן, — האָט עפּעס אַפילו מעשה־„נאַטשאַלניק" אָפּגעענטפערט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש. אַזוי ווייניקסטנס האָט דאָס מיטיע אויפגענומען.

דערווײַלע האָט דער סלעדאָוואַטעל און דער פּראָקוראָר געפֿירט צווישן זיך אַ שטאַרקן ישוב־הדעת אינדערשטיל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפֿן סורדוט, דערהויפּט אויף דער לינקער פּאָלע, פֿון הינטן, זײַנען דאָ זעער גרויסע פֿלעקן פֿון בלוט, פֿאַרטריקנטע, פֿאַר־דאַרטע און נאָך ניט שטאַרק אויסגעריבן. אויף די הייזן אויך אַזוי. אַחוץ דעם האָט ניקאָלאַי פּערפֿאַנאָוויטש אַליין, אין דעם בײַזײַן פֿון די עדות, דורכגעטאַפּט מיט די פֿינגער דעם קאָלנער, די מאַנזשעטן און אַלע נעט פֿון דעם סורדוט און די הייזן, זוכנדיק עפּעס, — פֿאַרשטייט זיך געלט. דאָס וויכטיקסטע מ׳האָט ניט באַהאַלטן פֿון מיטיען דעם חשד, אַז ער האָט געקאָנט זײַן מסוגל צו פֿאַרנייען געלט אין די זאַכן. „דאָס איז שוין פּשוט ווי מיט אַ גנב, ניט ווי מיט קיין אָפֿיצער״, האָט ער אַ ברום געטאָן אין זיך. געטיילט זיך ווידער האָט איינער מיטן צווייטן מיט די געדאַנקען זייערע אין זײַן בײַזײַן גאָר מאָדנע אָפֿן. דער סעקרעטאַר, למשל, וואָס איז אויך געווען הינטערן פֿאָרהאַנג און זיך שטאַרק מתעסק געווען, האָט געמאַכט אויפֿמערקזאַם ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטשן אויפֿן היטל, וואָס מ׳האָט אויך דורכגעטאַפּט: „איר געדיינקט גרידענקע דעם שרייבער, — האָט זיך אָנגערופֿן דער סעקרעטאַר, — ווי ער איז געפֿאָרן זומער באַקומען שכירות פֿאַר דער גאַנצער קאַנצעלאַריע, און איז געקומען צוריק און געזאָגט, אַז ער האָט אַ שיכּורער פֿאַרלאָרן די געלט, — איז וואו האָט מען דאָס געפֿונען? אָט טאַקע אין די זעלביקע קאַנטן פֿון היטל, די הונדערטרובלדיקע זײַנען געווען אײַנ־געדרייט אין טרייבלאַך און אײַנגענייט אין די קאַנטן״. די מעשה מיט גרידענקען האָבן זעער גוט געדיינקט סײַ דער סלעדאָוואַטעל סײַ דער פּראָקוראָר, און מ׳האָט דעריבער מיטיעס היטל אויך אַוועקגע־לייגט אָן אַ זייט און באַשלאָסן, אַז מ׳וועט דאָס שפּעטער דאַרפֿן איבערקוקן אַלצדינג זעער גענוי, און טאַקע גלאַט די גאַנצע זאַכן.

— זייט אַזוי גוט, — האָט מיטאַמאָל אויסגעשריען ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש, באַמערקנדיק אויף מיטיעס העמד דעם מאַנזשעט פֿון דעם רעכטן אַרבל אַרײַנגעקאַשערט אינווייניק און אינגאַנצן פֿאַר־גאָסן מיט בלוט, — זייט אַזוי גוט, וואָס איז דאָס, בלוט?

— בלוט, — האָט אָפּגעשניטן מיטיאַ.

— וואָס הייסט, וואָס איז דאָס פאַר אַ בלוט . . . און פאַרוואָס איז איינגעקאַשערט אינווייניק דער אַרבל?

מיטיאַ האָט דערציילט, ווי ער האָט איינגעריכט דעם מאַנזשעט פון אַרבל, ביים עסקן זיך מיט גריגאָריען, און האָט אים אַריינגע־קאַשערט נאָך זייענדיק בא פערכאָטינען, בעת ער האָט געוואַשן בא אים די הענט.

— עס וועט אויסקומען צוצונעמען די העמד אייערע אויך, דאָס איז זעער וויכטיק . . . פאַר די זאַכלאַכע באַווייזן. — מיטיאַ איז רויט געוואָרן און איז ווילד געוואָרן.

— טאָ זאָל איך בלייבן אַ נאַקעטער? — האָט ער אַ געשריי געטאָן

— האָט קיין מורא נישט . . . מירן דאָס ווי עס איז איינ־אָרדענען, דערווייל אָבער זייט אַזוי גוט טוט אויס די שקאַרפּעטקעס אויך.

— איר לאַכט ניט? דאָס איז טאַקע אינדעראמתן אַזוי נויטיק? — אַ פינקל געטאָן מיטיאַ מיט די אויגן.

— אונז ליגט ניט אין קאָפּ קיין געלעכטער! — האָט שטרענג אָפּגעענטפערט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— מאַכטייסע, אויב מ׳דאַרף . . . וועל איך . . . — האָט אַ מורמל געטאָן מיטיאַ און, זעצנדיק זיך אפן בעט, אָנגעהויבן אויסטאָן די שקאַרפעטקעס. ער האָט זיך אומדערטרעגלאַך געשעמט: אַלע זיינען אָנגעטאָן, נאָר ער איינער איז אַ נאַקעטער און, מאָדנע איז דאָס, — אָן אויסגעטאָנענער האָט ער זיך ווי אַליין דערשפּירט שולדיק אַנטקעגן זיי, אָבער דער עיקר, ער איז כמעט אַליין געווען מסכים, אַז ער איז טאַקע אינדעראמתן געוואָרן מיטאַמאָל נידעריקער פאַר זיי אַלעמען, און אַז איצטער האָבן זיי שוין פולקאָם רעכט צו פאַראַכטן אים. „אַז אַלע זיינען אויסגעטאָן, איז ניט מיאוס, אז איינער איז אָבער אויסגעטאָן און אַלע קוקן — איז אַ שאַנד!” האָט ווידער און ווידער אויפגעבליצט אין זיין רעיון! „גאָר פונקט ווי אין חלום, איך פלעג אָפּטמאָל זען אין חלום, אַז איך געפין זיך אין אַזאַ מין שאַנד”. אויסטאָן אָבער די שקאַרפּעטקעס איז פאַר אים געווען פיינלאַך אפילו: זיי זענען געווען זעער ניט זויבער, און טאַקע די

אונטערוועש אויך אַזוי, און איצטער האָבן דאָס אלע דערזען. אָבער דער עיקר, ער אַליין האָט פיינט געהאַט זיינע פיס, האָט עפעס דעם גאַנצן לעבן זיינעם געהאַלטן די גרויסע פינגער אף ביידע פיס פאַר מנובלדיקע אַזוינע, דערהויפט דעם גראָבן, פלאַטשיקן נאָגל פון דער רעכטער פוס, וואָס האָט זיך עפעס מאָדנע פאַרבויגט אף אונטן, און אָט איצט וועלן זיי דאָס אַלע דערזען. פון דער אומדערטרעגלאַכער שאַנד איז ער מיטאַמאָל געוואָרן נאָך מער גראָב און ווי שוין אף להכעיס. ער האָט אַליין אַראָפגעריסן פון זיך די העמד.

— אפשר ווילט איר נאָך ערגעץ זוכן, אויב איר שעמט זיך ניט?

— ניין, דערווייל דאַרף מען ניט.

— איז וואָס, זאָל איך דאָס אַזוי בלייבן אַ היילער? — האָט ער ווילד צוגעגעבן.

— יאָ, דערווייל מוז מען אַזוי... זייט אַזוי גוט זעצט זיך צו לעת עתה אָט־אָ דאָ, איר קאָנט נעמען די דעקע פון בעט און איינוויקלען זיך, און איכ׳ל... איכ׳ל דאָס אַלץ איינאָרדענען.

די גאַנצע זאַכן האָט מען באַוויזן די עדות, מ׳האָט געמאַכט אַ פראָטאָקאָל פון דער אונטערזוכונג און ענדלאַך איז ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש אַרויסגעגאַנגען, און די קליידער האָט מען אַרויסגעטראָגן נאָך אים. איפּאָליט קירילאָוויטש איז אויך אַרויסגעגאַנגען. געבליבן זיינען מיט מיטיען נאָר די פויערים אַליין און געשטאַנען זיינען זיי שווייגנדיק, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון אים. מיטיאַ האָט זיך איינגעוויקלט אין דער דעקע, ס׳איז אים געוואָרן קאַלט. די נאַקעטע פיס זיינע האָבן אַרויסגעשטעקט אף דרויסן, און ער האָט עפעס אַלץ בשום אופן ניט געקאָנט אָרויפשלעפן אף זיי די דעקע, כדי צו פאַרדעקן זיי. ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש איז עפעס אַ לאַנגע צייט ניט געקומען צוריק, „אַ שרעק ווי לאַנג", „פאַר אַ הינטל האַלט ער מיך", האָט מיטיאַ געקריצט מיט די ציינער. „דער נבזיק דער פראָקוראָר איז אויך אַוועק, קענטיק פאַר פאַראַכטונג, ס׳האָט אים אָנגעהויבן עקלען צו קוקן אף אַ נאַקעטן". מיטיאַ האָט פונדעסטוועגן גערעכנט, אַז די זאַכן זיינע וועט מען דאָרטן ערגעץ באַקוקן און מ׳וועט ברענגען צוריק. ווי גרויס אָבער איז געווען זיין אויפגעבראַכטקייט,

ווען ניקאָלאַי פֿאַרפענאָוויטש איז מיטאַמאָל געקומען צוריק אינגאַנצן מיט אַנדערע קליידער, וואָס אַ פּויער האָט געטראָגן נאָך אים.

— נו, אָט האָט איר זאַכן אויך, — האָט ער פֿריי אַ זאָג געטאָן, אַ פּנים זעער צופֿרידן מיטן ערפֿאָלג פֿון זיין גאַנג. — דאָס האָט געשיינקט הער קאַלגאַנאָוו באַ אָט דעם מערקווירדיקן פֿאַל, אַ ווייסע העמד גיט ער אויך פֿאַר אייך. ער האָט דאָס גראָד, צום גליק, געהאַט אַלץ באַ זיך אין טשעמאָדאַן. די אונטערוועש און די שקאַרפּעטקעס אייערע קאָנט איר לאָזן באַ זיך.

מיטיאַ איז געוואָרן שרעקלאַך אויפֿגעקאָכט.

— איך וויל ניט קיין פֿרעמדע זאַכן! — האָט ער מיט רוגזה אַ געשריי געטאָן, — גיט מיר מיינע!

— ס'איז אוממעגלאַך.

— גיט מיר מיינע, כאַפּט דער רוח קאַלגאַנאָוון, סיי די זאַכן זיינע סיי אים גופֿא!

מ'האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז די זאַכן זיינע, אַלס איינגעריכטע אין בלוט, דאַרף מען „ביילייגן צו די חפֿצים פֿון די זאַכלאַכע באַווייזן" און לאָזן ווידער די קליידער אַף אים „האָבן זיי איצט אַפֿילו קיין רעכט ניט... נעמענדיק אין רעיון, ווי די זאַך קאָן זיך אַמאָל ענדיקן". מיטיאַ האָט דאָס ווי־עס־איז ענדלאַך פֿאַרשטאַנען. ער איז פֿינצטער אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אָנגעהויבן איילנדיקערהייט זיך אָנצוטאָן. האָט נאָר אָנטאָנדיק דעם אָנצוג באַמערקט, אַז ער איז אַ בעסערער פֿאַר זיין אַלטן, און אַז ער וואָלט דאָס ניט געוואָלט „אויסניצן" אַ חוץ דעם, איז ער שמאָל ביז צו דערנידעריקונג. וואָס, איך דאַרף דאָס, אַ פּנים, שפּילן אַ לץ אין אים... צו אייער פֿאַרגעניגן וועגן?"

מ'האָט אים ווידער געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער איז אין דעם פּרט אויך מגזם, אַז כאָטש אַפֿילו הער קאַלגאַגאָוו איז טאַקע העכער פֿאַר אים אין וואוקס, אָבער נישט אַף קיין סך, אפֿשר קאָנען אַמאָל די הייזן זיין צו לאַנג. נאָר דער סורדוט איז טאַקע באמת געווען צו שמאָל אין פּלייצע.

— צו אַלדי רוחות, ס'איז דאָך אַפֿילו שווער צו פֿאַרקנעפּלען, —

האָט מיטיאַ פונדאָסניי גענומען בייזערן זיך, — טוט אַ טובה, גיט איבער, איך בעט אייך, די רגע הער קאַלגאַנאָוון, אַז ניט איך האָב געבעטן באַ אים זיינע זאַכן, און אַז מ'האָט מיך אַליין איבערגעטאָן פאַר אַ ליץ.

— ער פאַרשטייט דאָס זעער גוט און עס פאַרדריסט אים... דאָס הייסט ניט אַף די זאַכן זיינע פאַרדריסט אים, נאָר אייגנטלאַך אָט דער גאַנצער פאַל... — האָט געהאַט אַרויסגעשטאַמלט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— איך שפּײַ אף דעם פאַרדרוס זיינעם! נו, איצטער וואוהין? אָדער מ'דאַרף נאָך אפשר אַלץ זיצן, דאָ?

מ'האָט אים געבעטן אַרויסגיין ווידער „אין יענעם צימער". מיטיאַ איז אַרויסגעגאַנגען אַן אָנגערונצלטער פאַר כּעס און געפּלײַסט זיך אַף קיינעם ניט צו קוקן. אין פרעמדע קליידער האָט ער זיך געשפּירט אינגאַנצן געשענדט, אַפילו קעגן אָט די מוזשיקעס און טריפאָן באָריסאָוויטשן, וועמעס פּנים עס האָט עפּעס מיטאַמאָל גע־געבן אַ בליץ אין טיר און איז פאַרשוואונדן: „איז געקומען אַ קוק טאָן אַפן פראַנט", האָט מיטיאַ אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף זיין פריערדיקן שטול. עפּעס אַזוינס נעפּלדיקס און אומגעלומפּערטס האָט אים געפּיקט אין מוח, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז ניט ביי־זיך.

— נו, וואָס קומט איצטער, מסתמא וועט איר נעמען שמייסן מיך מיט ריטער, ווארים ס'איז דאָך שוין קיין זאַך ניט איבערגעבליבן, — האָט ער גענומען קריצען מיט די ציין, ווענדנדיק זיך צום פּראָקוראָר. צו ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשן האָט ער זיך שוין גאָר אַפילו נישט געוואָלט אַ קער טאָן, גלייך ווי ניט וועלנדיק אָנטאָן אים דעם כּבוד צו רעדן מיט אים. „צו שאַרף האָט ער שוין באַקוקט מיינע שקאַרפּעטקעס, און האָט נאָך געהייסן, דער פאַרך, אויסקערן זיי אַף דער לינקער זייט, דאָס האָט ער געטאָן מיט אַ כּיוון, כּדי וויַיזן, פאַר אַלעמען, ס'אַראַ שמוציקע וועש איך טראָג!"

— איצט וועט מען דאַרפן אָנהייבן אויספרעגן די עדות, — האָט זיך אָנגערופן ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש, ווי געבנדיק אַן ענטפער אַף דמיטרי פיאָדאָראָוויטשעס פראַגע.

— יאָ־יאָ, — האָט פאַרטראַכט אַרויסגערעדט דער פּראָקוראָר, ווי ער וואָלט זיך עפּעס אויך געישובֿט.

— מיר האָבן, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, געטאָן אַלצדינג, וואָס מיר האָבן געקאָנט טאַקע אין אייערע אינטערעסן, — האָט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש ווייטער גערעדט, — נאָר באַקומענדיק אַזאַ שאַרפן אָפּזאָג פון אײַך צו דערקלערן אונז פון וואַנען איר האָט גענומען אָט די סומע, וואָס איר האָט געהאַט באַ זיך, זייַנען מיר איצטער...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רינג באַ אײַך? — האָט פּלוצים איבערגעשלאָגן מיטיאַ, גלייך ווי אַרויסגייענדיק פון עפּעס אַ מין פאַרטראַכטקייט און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אַף איינעם פון די דריי גרויסע רינגען, וואָס האָבן באַצירט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטשעס רעכטע הענטל.

— דער רינג? — האָט איבערגעפרעגט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש מיט אַ פאַרוואונדערונג.

— יע, אָט־אָ דער... וואָס אַפן מיטלסטן פינגער, מיט די אָדערלאַך, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיין? — האָט עפּעס אַזוי אויפגערייצט, פונקט ווי אַ פאַרעקשנטע קינד, מיטיאַ צוגעשטאַנען.

— דאָס איז אַ רויך־טאָפּאַז, — האָט אַ שמייכל געטאָן ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, — איר ווילט זען, וועל איך אויסטאָן...

— ניין, ניין, טוט ניט אויס! — האָט ווילד אַ געשריי געטאָן מיטיאַ און איז מיטאַמאָל געקומען צו זיך און איז אויפגערייצט געוואָרן אַף זיך אַליין, — טוט ניט אויס, מ׳דאַרף ניט... צום טייוול... מיינע הערן, איר האָט באַשמוצט מיין נשמה! נישיים זע מיינט איר, ווען איך וואָלט אינדעראמתן דערהרגעט דעם טאַטן, וואָלט איך גענומען לייקענען פאַר אייך, אַרויסדרייען זיך, לײַגן און באַהאַלטן זיך? ניין, נישט אַזאַ איז דמיטרי קאַראַמאַזאָוו, ער וואָלט דאָס נישט איבערגעטראָגן, און ווען איך וואָלט געווען שולדיק, שווער איך אייך, אַז איך וואָלט ניט געוואַרט אַף אייער קומען אַהער און אַפן אויפגיין פון דער זון, ווי איך האָב פריער געהאַט בדעה, נאָר איך וואָלט געמאַכט אַ סוף מיט זיך נאָך פריער, נאָך נישט דערוואַרטנדיק זיך אַף באַגינען! איך שפיר דאָס איצטער נאָך זיך. איך

וואָלט אין צוואַנציק יאָר לעבן אַזוי פיל נישט געלערנט, וויפל איך האָב געלערנט אין אָט דער פאַרשאָלטענער נאַכט!··· און אַזאַ וואָלט איך דען געווען, אַזאַ וואָלט איך דען געווען היינטיקע נאַכט און אין אָט־אָ דער פאַרשאָלטענער מינוט אָט איצט, זיצנדיק מיט אייך, — אַזוי וואָלט איך דען גערעדט, באַוועגט זיך, אַזוי וואָלט איך דען געקוקט אַף אייך און אף דער וועלט, ווען איך וואלט אינדער־אמתן געווען אַ מערדער פון אַ פאָטער, אינדערצייט ווען אָט די ניט־ווילנדיקע הריגה פון גריגאָריען האָט מיך ניט אפגעלאזן די גאַנצע נאַכט, — ניט פאַר מורא, נישט נאר צוליב מורא פאר אייער שטראָף! ס׳איז א שאַנד! און איר ווילט, אז איך זאל פאר אזוינע כּת־ליצנים, ווי איר זייט, וואס זעען קיין זאך ניט און וואס הערן קיין זאך ניט, פאר בלינדע טכוירן און כּת־ליצנים, נעמען אנטפלעקן און דערציילן נאך א נייעם גְבָלֶהדיקן אַקט מיינעם, נאָך א נייע שאַנד, ווען עס וואלט אפילו מיך געראַטעוועט פון אַייער באַשולדיקונג? איז דאך שוין בעסער קיין סיביר! אָט אָ דער, וואס האט אויפגעעפנט די טיר צום טאַטן און איז אריין דורך דער דאזיקער טיר, אָט דער האט אים דערהרגעט, דער האט אים באגנבעט. ווער דאס איז — איך פארליר דעם פארשטאנד און איך מאַטער זיך, אבער ס׳איז ניט דמיטרי קאַראַמאַזאָוו, זייט דאס וויסן, — אָט דאס איז אלץ, וואס איך קאן אייך זאגן, און גענוג, גענוג, שטייט ניט צו··· פארשיקט מיך, פאַרמשפּט מיך צום טויט, נאר רייצט מיך מער נישט. איך בין אנטשוויגן. רופט אייערע עדות!

מיטיאַ האט אפגעזאגט זיין פלוצלונגדיקן מאָנאָלאָג, עפּעס ווי שוין אינגאנצן אנטשלאסן אף ווייטער לחלוטין צו שווייגן. דער פּראָקוראָר האט די גאנצע צייט נאכגעקוקט אף אים און, ווי ער איז נאר אנטשוויגן געווארן, האט ער מיט א סאַמן קאלטן און סאַמן רואיקן אויסדרוק א זאג געטאן מיטאמאַל עפּעס פונקט ווי די סאַמע געוויינלאכסטע זאַך:

— אָט איך מיין טאקע אנטקעגן דער אָפענער טיר, וואס איר האט אָקאָרשט דערמאנט, קענען מיר אייך גראד איצטער מודיע זיין, און דאס איז טאקע צו דער זאַך אויך, א זער אינטערע־

סאַנטן און ביזן העכסטן גראד וויכטיקן באוויז, סיי פאר אײַך סיי פאר אונז, וואס עס האט געגעבן גריגאָרי וואַסיליעוויטש, ווען ער האט פארוואונדעט. בעת ער איז געקומען צו זיך, האט ער אונז קלאר און אויסדריקלאך געענטפערט אף אונזערע פראגן, בעת אז ער איז ארויס אפן גאַניק און האט דערהערט עפּעס א גערויש אין סאָד, האט ער באשלאסן ארייַנגיין אין סאָד דורך דער אָפענער טירל, איז ווען ער איז ארייַן אין סאָד, נאך איידער ער האט אייך באמערקט אין דער פינצטער אנטלויפנדיק פון דעם אָפענעם פענצטער, ווי איר אַליין האט שוין אונז דאָס איבערגעגעבן, וואו איר האט געזען אייער פּאָטער, האט גריגאָרי, א ווארפטאנדיק א בליק אף לינקס און באַמערקנדיק באמת אָט די אָפענע פענצטער, האט ער דערזען אין דער זעלביקער צייט, אסך נעהנטער צו זיך, נאַסטעוזש־אָפן די טיר אויך, וואס איר האט געזאגט, אז זי איז די גאנצע צייט, וואס איר זייט געווען אין סאָד, איז זי געווען פארמאכט. איך וועל ניט מאכן קיין סוד פאר אייך, אז וואַסיליעוו אליין פירט פון דעם אויס אף זיכער און ער זאגט עדות, אז איר האט געמוזט ארויסלויפן פון טיר, כאטש ער האט, פארשטייט זיך, מיט זיינע אויגן ניט געזען, ווי איר זייט ארויסגעלאפן, און ער האט אייך ערשט באמערקט צום ערשטן מאל שוין אַ ביסל ווייַט פון זיך, אינמיטן סאָד, אנטלויפנדיק צום פּלויט־צו...

מיטיאַ איז שוין בא די האלבע ווערטער אויפגעשפרונגען פון שטול.

— א שטות! — האט ער מיטאמאל ווילד געגעבן א בריל, — א חוצפּהדיקער שקר! ער האט ניט געקאנט זען קיין אָפענע טיר, ווארים זי איז געווען דעמאלט פארמאכט... ער לייַגט!...

— איך האלט פאר מיין חוב צו זאגן אייך נאך א מאל, אז זיינע באווייזן זיינען פעסט. ער שלאגט זיך ניט אין דער דעה. ער באשטייט אף דעם. מיר האבן אים עטלאכע מאל איבערגעפרעגט. — אוודאי, איך האב אים עטלאכע מאל איבערגעפרעגט, — האט מיט היץ באשטעטיקט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש אויך.

— ס׳איז א ליגן, א ליגן! דאס איז אדער א בילבול אף מיר,

אדער א האַלוצינאַציע פון א משוגענעם, — האט מיטיאַ ווייטער גע־שריען, — גאנץ פשוט, געפינענדיק זיך אין היץ, א פארבלוטיקטער פון דער וואונד, האט זיך אים אויסגעדאכט, בעת ער איז געקומען צו זיך... איז אָט רעדט ער דאס פון היץ.

— יאָ, אבער באמערקט האט ער דאך די אפענע טיר ניט בעת ער איז געקומען צו זיך פון דער וואונד, נאר נאך פריער פאר דעם, ווי ער איז נאר ארײַן פון פליגל אין סאָד.

— ס'איז אבער א ליגן, ס'איז אַ ליגן, דאס קאן ניט זיין! דאס מאכט ער א בילבול אף מיר פון כעס... ער האט נישט גע־קאָנט זען... איך בין ניט ארויסגעלאפן פון טיר, — האט זיך מיטיאַ געשטיקט.

דער פּראָקוראָר האט זיך א קער געטאן צו ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטשן און אייַנדרינגלאך געגעבן א זאג צו אים:

— נעמט ארויס.

— קענט איר אָט דעם דאזיקן חפץ? — האט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש ארויסגעלייגט מיטאמאל אפן טיש א גרויסן קאָנווערט פון דיקן פּאַפּיר, א קאַנצעליאַר־פאָרמאַט, אף וועלכן מ'האט נאך גע־זען דריי איבערגעבליבענע זיגלען. דער קאָנווערט גופא ווידער איז געווען א ליידיקער און פון איין זייט צעריסן. מיטיאַ האט אויסגע־גלאָצט די אויגן אף אים.

— דאס איז... דאס איז, מסתמא, דעם טאַטנס קאָנווערט, — האט ער ארויסגעברומט, — דער זעלביקער קאָנווערט, אין וועלכן ס'איז געלעגן די דריי טויזנט רובל... אויב ס'איז נאָר, דא, זייט אזויגוט, די אויפ־שריפט: „דעם פייגעלע"... אוודאי אָט איז: דרייַ טויזנט, — ס'ער אויס־געשריען, — דרייַ טויזנט, איר זעט?

— אוודאי זעען מיר, אבער קיין געלט האבן מיר שוין ניט גע־פונען אין אים, ער איז געווען א פוסטער און זיך געוואַלגערט אף דער ערד, היינטערן פּאַרהאַנג לעבן בעט.

אַ וויילע איז מיטיאַ געשטאַנען ווי א געפּלעפטער.

— מיינע הערן, דאס איז סמערדיאַקאָוו! — האט ער מיטאמאל אויסגעשריען מיט די גאנצע כוחות, — דאס האט ער דער

הרגעט, דאס האט ער בארויבט, נאר ער אליין האט געוואוסט, וואו עס ליגט באהאלטן דער קאָנווערט בא דעם פאָטער ··· דאס איז ער, איצט איז קלאָר!

— אָבער איר האָט דאָך אויך געוואוסט פון דעם קאָנווערט און פון דעם, אַז ער ליגט אונטערן קיסן.

— כ'האב אין לעבן ניט געוואוסט; איך האב אים גאָר קיינמאָל ניט געזען אַפילו, איצט זע איך אים צום ערשטן מאָל, אָבער ביז איצט האָב איך נאר געהערט פון סמערדיאַקאָוון ··· נאָר ער אַליין האָט געוואוסט, וואו ער ליגט באַהאַלטןביים פאָטער, איך האָב אָבער ניט געוואוסט ··· — האָט זיך מיטיאַ אינגאַנצן פאַרשטיקט.

— איר האט דאך אונז אָבער אַליין פריער געזאָגט, אַז דער קאָנווערט איז געלעגן באַ דעם פאָטער עליו השלום אונטערן קיסן. אַזוי טאַקע האט איר געזאגט, אז אונטערן קיסן, האט איר דאָך אַלזאָ געוואוסט, וואו ער איז געלעגן.

— מיר האבן אזוי פארשריבן אויך! — האָט באַשטעטיקט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— אַן אַבסורד, אַ שטות! איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז אונטערן קיסן. און עס קאָן גאָר גלאט זיין, אז ער איז געלעגן אַפילו גאָר ניט אונטערן קיסן אויך ··· איך האב געזאגט אין דער וועלט אַריין, אַז אונטערן קיסן ··· וואס זאגט סמערדיאַקאָוו? איר האָט אים געפרעגט, וואו דער קאָנווערט איז געלעגן? וואָס זאגט סמערדיאַקאָוו? דאס איז דער עיקר ··· איך האב מיט א כיוון געזאָגט ליגן אף זיך ··· אַז ער איז געלעגן אונטערן קיסן, דאס האב איך געלייגט ניט טראכטנדיק, און איר נעמט איצט ··· נו, איר ווייסט דאך, עס רייסט זיך אַרויס פון מויל און מ'זאָגט אַ ליגן. אָבער געוואוסט האט נאָר איין סמערדיאַקאָוו, נאָר איין סמערדיאַקאָוו און ווייטער קיינער נישט! ·· ער האט פאר מיר גאר ניט ארויסגעגעבן אַפילו, וואו ער איז געלעגן! אָבער דאס איז ער, דאס איז ער; דאס האט ער אָן א ספק דערהרגעט, דאס איז פאר מיר איצט קלאָר, ווי דער טאָג, — האָט מיטיאַ אלץ מער און מער אויסגערופן אין א ווילדקייט, איבער־חזרנדיק אָן פאַרשטאַנד, היצנדיק זיך און ווערנדיק אויפגעבראכט. —

באַגרייפט דאס און אַרעסטירט אים וואס גיכער וואס גיכער . . .
דאס האט ער טאקע דערהרגעט, בעת איך בין אנטלאָפן און בעת גריגאָרי איז געלעגן אָן זינען, דאס איז איצט קלאָר . . . ער האט געגעבן דעם סימן, און דער טאטע האט אים אויפגעעפנט . . . ווארים נאר ער אליין האט געוואוסט דעם סימן, און אָן דעם סימן וואלט דער טאַטע קיינעם ניט געעפנט . . .

— איר פארגעסט זיך אבער ווידער אָן דעם, — האָט נאָך אלץ איינהאלטנדיק זיך, נאר שוין עפעס ווי טריאומפירנדיק, אָנגערופן זיך דער פּראָקוראָר, — אז קיין סמנים האָט מען גאָר ניט געדארפט געבן אַפילו, אויב די טיר איז שוין געווען אָפֿן נאָך אין דער צייט, בעת איר זייט געווען אין סאָד . . .

— די טיר, די טיר, — האָט מיטיאַ געמורמלט און אָן ווערטער אויסגעגלאָצט די אויגן אַפן פּראָקוראָר; אין אָנמאַכט האט ער זיך אַראָפּגעלאָזן ווידער אפן שטול. אַלע זיינען אַנטשוויגן געווארן.

יאָ, די טיר! . . דאס איז א פאַנטאָם! גאָט איז קעגן מיר! — האט ער אויסגערופן שוין גאָר אָן אַ זינען קוקנדיק גראַד פאַר זיך.

— אָט זעט איר, — האט וויכטיק אַ זאָג געטאָן דער פּראָקוראָר, — און איצט זאָגט אַליין, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש: פון איין זייט די באווייזן, אַז ס׳איז געווען אָפן די טיר, פון וועלכער איר זייט אַרויסגעלאפן, די באַווייזן, וואס צעשמעטערן אייך און אונז. פון דער אנדער זייט — דער אומפארשטענדלאכער, הארטנעקיקער און כמעט פאַרביטערטער פארשוויגן אייערער, פון וואנען עס שטאמט די געלט, וואס האט זיך מיטאַמאָל באַוויזן באַ אייך, אינדערצייט ווען נאָך מיט דריי שעה צוריק האט איר, פאר דער דאָזיקער סומע, ווי איר אליין גיט איבער, פארמשכונט אייערע פיסטאָלעטן, כּדי צו באַקומען בלויז צען רובל! איז נעמענדיק דאס אלץ אין באטראכט זאָגט אַליין: וואס זאלן מיר גלויבן און אף וואס זאלן מיר זיך אָפּשטעלן? און זייט אונז ניט דן, אז מיר זיינען ״קאַלטע ציניקער און מענטשן כּת־ליצנים״, וואס זיינען ניט מסוגל צו גלויבן דעם איידעלן דראַנג פון אייער נשמה . . . אַדרבה, באַטראַכט טיפער אונזער לאגע אויך . . .

מיטיאַ האָט זיך געפונען אין אַן אומגלויבלאַכער אויפרעגונג׳ ער איז בלייך געוואָרן.

— גוט! — האט ער מיטאַמאָל אויסגערופן׳ — איך וועל אייך אַנטפלעקן מיין סוד׳ איך וועל אַנטפלעקן׳ וואו איך האב גענומען די געלט! · · איך וועל אַנטפלעקן די שאַנדע׳ כדי ניט צו באַשולדיקן שפעטער ניט אייך׳ ניט זיך · · ·

— און גלויבט אונז׳ דמיטרי פיאָדאָראָוויטש׳ — האט מיט עפעס א ווייכן צופרידענעם קולכל אונטערגעכאַפט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש׳ — אז אייער יעדער אויפריכטיקער און פולשטענדיקער מודה זיין זיך׳ דווקא אין אָט דעם איצטיקן מאָמענט׳ קאָן שפעטער ווירקן אף אָן אַ שיעור צו דערלייכטערן דעם גורל אייערן און אפילו אויסער דעם · · ·

נאָר דער פראָקוראָר האט אים געגעבן לייכט אַ קלאַפ אונטערן טיש׳ און ער האָט באַוויזן אָפשטעלן זיך צו דער צייט. אמת׳ מיטיאַ האָט אים גאָר ניט געהערט אפילו אויך.

## VII

### מיטיעס גרויסער סודי מ׳האָט באַפייפט

— מיינע הערן׳ — האָט ער אָנגעהויבן אַלץ אין דער זעלביקער אויפרעגונג׳—אָט די געלט · · · איך וויל זיך מודה זיין אינגאנצן · · · אָט די געלט איז געווען מ י י נ ע.

בא דעם פראָקוראָר און בא דעם סלעדאָוואַטעל האָבן זיך די פנימער אַזש אויסגעצויגן׳ ניט אף דאס האבן זיי זיך גאָר געריכט.

— וואס הייסט אייערע׳ — האָט אַרויסגעשטאַמלט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש׳ — אַז פינף אַ זייגער בייטאָג, ווי איר זייט זיך אַליין מודה · · ·

— ע, כאַפט דער רוח די פינף אַ זייגער בייטאָג און דעם אייגענעם מודה זיין זיך׳ ניט אין דעם באַשטייט איצט די זאַך! די דאָזיקע געלט איז געווען מיינע׳ מיינע׳ איך מיין מיינע געגנבעטע · · · ניט מיינע׳

הײסט דאס׳ נאר געגנבעטע׳ וואס איך האָב געגנבעט׳ און געווען איז עס אָנדערהאַלבן טויזנט׳ בא זיך האב איך דאס געהאט׳ די גאנצע צײט געהאט באַ זיך · · ·

— פון וואנען האט איר זײ אבער גענומען?

— פון האַלז׳ מײנע הערן׳ גענומען פון האַלז׳ אָט טאַקע פון דער זעלביקער האַלז מײנער · · · אָט־אָ־דאָ זײנען זײ געווען׳ באַ מיר אפן האַלז׳ אײנגענײט אין אַ זעקעלע און געהאנגען אף דער ברוסט׳ שוין פון לאנג׳ שוין פון א חודש׳ ווי איך האב דאָס געטראָגן אפן האַלז מיט בושה און שאַנדע!

— אָבער באַ וועמען זשע האָט איר דאס · · · צוגענומען?

— איר׳ט געוואלט זאגן: „צוגעגנבעט"? רעדט איצט פשוט· יע׳ איך האַלט׳ אַז איך האב זײ אלץ אײנס ווי געגנבעט׳ נאר אויב איר ווילט׳ איז אינדעראמתן׳ „צוגענומען"׳ אבער איך מײן׳ אַזגע־גנבעט׳ ווער רעדט פון נעכטן אינאָוונט אָן שוין טאַקע לחלוטין געגנבעט·

— פון נעכטן אינאָוונט? איר׳ט דאך אָבער אָקאָרשט געזאגט, אַז ס׳איז שוין אַ חודש׳ ווי אירט זײ · · · באַקומען!

— יע׳ אָבער ניט פון דעם טאַטן׳ ניט פון דעם טאַטן׳ האָט קײן מורא ניט׳ כ׳האב ניט געגנבעט בײם טאַטן׳ נאר באַ איר׳ לאָזט מיר דערצײלן און שלאגט ניט איבער׳ דאס איז דאך שווער. איר פאַר־שטײט: מיט אַ חודש צוריק שיקט מיך רופן קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ ווערכאָווצעוואַ׳ די געוועזענע כלה מײנע · · · איר קענט זי?

— וואָס הײסט׳ גאָט איז מיט אײך!

— איך ווײס׳ אַז איר קענט· אַן אײדלסטע נשמה׳ אַן אײדל־סטע פון אײדעלע׳ וואס האט מיך אָבער געהאַסט שוין פון לאַנג־אָ׳ פון לאַנג · · · אָבער ס׳איז געווען פאַרדינט׳ ס׳איז געווען פאַר־דינט זי זאל האַסן!

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ? — האָט מיט אַ פאַרוואונדערונג איבערגעפרעגט דער סלעדאָוואַטעל· דער פּראָקוראָר האָט אויך געגעבן גאָר אַ מאָדנעם קוק·

— אָ, דערמאָנט ניט דעם נאָמען אירן אומזיסט! איך בין אַן אויס־וואורף׳ וואָס איך ברענג אַרויס איר נאמען פון מויל· יע׳ איך האב געזען

אַז זי האט מיך געהאַסט · · · פון לאַנג · · · פון דעם סאַמן ערשטן מאָל אָן, נאָך פון דעמאָלט אָן באַ מיר אין וואוינונג, נאָך דאָרטן··· נאָר גענוג, גענוג, דאָס זײַט איר אַפילו ניט זוכה צו וויסן, דאָס דאַרף מען גאר אינגאַנצן ניט · · · און מ׳דאַרף מער ניט ווי דאָס, אַז זי האָט מיך געשיקט רופן מיט אַ חודש צוריק, האָט מיר געגעבן דרײַ טויזנט רובל אף אַוועקצושיקן איר שוועסטער און נאָך עפּעס אַ קרובה קיין מאָסקווע (פּונקט ווי זי אַליין וואָלט דאס ניט געקאָנט אַוועקשיקן!), און איך האָב · · · דאס איז געראָד געווען אין יענער גורל־שווערער שעה פון מײַן לעבן, בעת איך האָב · · · נו, מיט איין וואָרט, בעת איך האָב נאָר־וואָס ליב געקראָגן אַ צווייטע, די איצטיקע, וואס זיצט דאָרטן אצונד באַ אייך אונטן, גרושענקען · · · האָב איך זי אַ כאַפּ געטאָן דעמאָלט אַהער קיין מאָקראָיע און פאַרהוליעט דאָ אין צוויי טעג אַ העלפט פון אָט די פאַרשאָלטענע דרײַ טויזנט רובל, דאָס הייסט אָנדערהאַלבן טויזנט, און די אַנדער העלפט אײַנגעהאַלטן באַ זיך, נו, איז אָט־אָ די אָנדערהאַלבן טויזנט רובל, וואס איך האָב אײַנגעהאַלטן, האָב איך דאס געטראָגן באַ זיך אפן האַלז, אָנשטאָט אַ קמיעה, און נעכטן אויפגעעפנט און פאַרהוליעט. דעם רעשט אַכט הונדערט רובל האט איר איצטער באַ זיך, ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, דאס איז די אויסגאָב פון די נעכטיקע אָנדערהאַלבן טויזנט.

— וואָס הייסט, איר האט דאָך דעמאָלט פאַרהוליעט דאָ, מיט אַ חודש צוריק, דריי טויזנט, ניט קיין אָנדערהאַלבן, אַלע ווייסן דאָך דאָס?

— ווער ווייס דאָס אַן ערך? ווער האָט געציילט? וועמען האב איך געגעבן צו ציילן?

— גאָט איז מיט אייך, איר אַליין האָט דאָך געזאָגט פאר אַלעמען, אַז איר׳ט פאַרהוליעט דעמאָלט פּונקט דריי טויזנט?

— אמת, כ׳האָב געזאָגט, פאר גאַנץ שטאָט געזאָגט, און גאַנץ שטאָט האָט גערעדט, און אַלע האָבן אַזוי געהאַלטן, און דאָ אויך, אין מאָקראָיע, האָבן אַלע געהאַלטן, אַז דריי טויזנט. אָבער פאַרהוליעט האָב איך פונדעסטוועגן ניט קיין דריי, נאָר אָנדערהאַלבן טויזנט, און די אַנדערע אָנדערהאַלבן טויזנט אײַנגענייט אָנשטאָט אַ קמיעה, אָט ווי

די מעשה איז געווען, מיינע הערן, אָט פון וואַנען עס איז די נעכטיקע געלט . . .

— ס'איז אַ וואונדער כמעט . . . — האָט אַרויסגעשטאַמלט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש.

— איך וויל אייך פרעגן, — האָט זיך ענדלאַך אָנגערופן דער פּראָקוראָר, — צי האט איר כאָטש עמיצן וועגן דעם פריער נישט געזאגט . . . איך מיין, אַז אָט־אָ די אָנדערהאַלבן טויזנט רובל האָט איר דעמאָלט, מיט אַ חודש צוריק, געלאָזן בײַ זיך?

— כ'האָב קיינעם ניט געזאָגט.

— מאָדנע, נישיים זע גאָר קיינעם ניט געזאָגט?

— גאָר קיינעם ניט. קיינעם ניט און קיינעם ניט!

— פארוואָס אָבער אַזאַ פאַרשווייגן? וואָס האָט אייך דערוועקט צו מאַכן פון דעם אַזאַ סוד? איכ'ל זאָגן גענויער: איר האט פאַר אונז אנטפּלעקט ענדלאַך אייער סוד, ווי איר זאָגט, דעם אַזוי „שענדלאַכן", כאָטש אין פלוג — איך מיין אין רעלאַטיוון זינען, פאַרשטייט זיך — איז דער דאָזיקער טראָט, איך מיין דאס צונעמען טאָקע פרעמדע דריי טויזנט רובל, וואָס איז, בלתי ספק, נאָר אף אַ צייט — איז דער דאָזיקער טראָט, ווי בײַ מיר קומט אויס, נאָר יעדנפאַלס אין דער העכסטער מדרגה אַ לייכטזיניקער טראָט, אָבער ניט אַזאַ שענדלאַכער, נעמענדיק נאָך אַ חוץ דעם אין רעיון אייער כאַראַקטער אויך . . . לאָמיר זאָגן אַפילו ס'איז אַ טראָט, וואס איז ווערט אין דער העכסטער מאָס געטאַדלט צו ווערן, איך בין מסכים, אָבער אַלץ פונדעסטוועגן ניט קיין שענדלאַכער . . . אין מיין דאס אַנטקעגן דעם, וואָס וועגן די צעפּטרטע דריי טויזנט רובל, וואָס איר האָט גענומען בײַ פריילין ווערכאָווצעוואַ, האָבן שוין פיל פאר דעם חודש צייט אָנגעשטויסן זיך אַזוי אויך, אָן אייער מודה זיין זיך, איך אַליין האָב געהערט די דאָזיקע מעשה . . . מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש, למשל, האָש האָט אויך געהערט. אַזוי אַז דאָס איז שוין אין פלוג גאָרניט קיין מעשה, נאָר אַ רכילות פון גאַנץ שטאָט. צו דערצו זיינען דאָך נאָך פאַראַן שפורן, אז איר

אַליין, אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט זיך אויך מודה געווען פאַר עמיצן, איך מיין דאָס טאַקע, אז די דאָזיקע געלט געהערט פריילן ווערכאָווצעוואַ ··· דעריבער וואונדערט מיך דאָס זעער שטאַרק, וואָס איר האָט ביז איצט, דאָס הייסט ביז אָט דער סאַמער לעצטער מינוט, געהאַלטן פאַר אַזא ניט קיין געווייגלאכן סוד אָט די אָפגעלייגטע אָנדערהאַלבן טויזנט, ווי איר זאָגט, באַהעפטנדיק מיט אָט דעם דאָזיקן סוד אייערן עפּעס אַ מין שרעק אַפילו ··· ס'איז גאָר ניט צו גלויבן, אַז אַזאַ מין סוד זאָל פאר אייך זיין אַזאַ מאַטערניש אף אים אַרויסצוגעבן ··· וואָרים איר האָט דאָך אָקאָרשט געשריען אַפילו, אַז בעסער גיין קיין סיביר, איידער מודה זיין זיך ···

דער פראָקוראָר איז אנטשוויגן געווארן. ער האט זיך אויפּ־געהיצט. ער האט נישט פארבארגן זיין פארדרוס, כמעט דעם צאָרן זיינעם, און ארויסגעבראכט אלצדינג, וואס עס האט זיך אנגעקליבן באַ אים, נישט קימערנדיק זיך אפילו וועגן דער שיינקייט פון דער שפּראַך, דאס הייסט, גערעדט אָן אַ סדר און צעוואָרפן כמעט.

— ניט אין די אנדערהאלבן טויזנט איז געווען די "שאַנדע", נאר אין דעם, וואס אָט די אנדערהאלבן טויזנט רובל האב איך אפגעלייגט פון יענע דריי טויזנט, — האט פעסט אנגערופן זיך מיטיאַ.

— איז וואס זשע איז, — האט אויפגערעגט א שמייכל געטאן דער פראָקוראָר, — וואס איז דהינו די שאַנד, אַז פון אָט־אָ די טאַדעלהאַפט צוגענומענע, און אויב איר ווילט שוין אפילו, שענדלאך צוגענומענע דריי טוזנט, האט איר אפגעלייגט אַ העלפט אזוי, ווי ס'איז באַ אייך אויסגעקומען? וויכטיקער איז, וואס איר האט די דריי טויזנט צוגענומען, ניט דאס, וואס איר האט געטאן מיט דעם. אגב, פארוואס האט איר דאס טאקע אזוי געטאן, איך מיין אפּ־געלייגט אָט די דאזיקע העלפט? צוליב וואס, צוליב וואס פאר אַ ציל האט איר אזוי געטאן, קאָנט איר אונז דאס דערקלערן?

— אָ, מיינע הערן, אָט אין דעם דאזיקן ציל איז דאך טאַקע די גאנצע זאַך! — האט אויסגערופן מיטיאַ, — אפגעלייגט פאר נידער־טרעכטיקייט, דאס הייסט אויסרעכענענדיק, ווארים דאס אויסרעכענען

איז אין דעם פאַל דאס נידערטרעכטיקע··· און אַ גאַנצן חודש צייט האט געדויערט אָט די דאזיקע נידערטרעכטיקייט!

— ניט צו פארשטיין.

— איך וואונדער זיך פון אייך. נאר איבעריקנס איך וועל נאך זאגן דייטלאכער, מ׳קאָן טאקע אפשר ניט פארשטיין. ס׳איז אזוי, פּאָרשט נאך די זאַך: איך נעם צו דריי טויזנט רובל וואס מ׳האט פארטרויט מיין ערע, איך הוליע פאר דעם, פארהוליעט אינגאנצן, און אַף מאָרגן קום איך צו איר און זאג: „קאַטיאַ, איך בין שולדיק, איך האב פארהוליעט דיינע דריי טויזנט רובל״ — נו איז וואס, איז דאס שיין? ניין, ס׳איז ניט שיין, אומאָרנטלאך און קליינמוטיק, ס׳איז אַ חיה, א מענטש, וואס קאן זיך ניט גובר זיין ביז צו דער מדרגה פון אַ חיה, וואָס, ניט אמת, ניט אמת? אבער נאך אלץ פונדעסטוועגן ניט קיין גנב? פּאָרט ניט קיין פשוטער גנב, ניט קיין פשוטער גנב, אמת! פארהוליעט, אבער ניט געגנבעט! איצט נעמט א צווייטן פאַל, נאך אַ בעסערן, פּאָרשט נאָך אַ ניט וועל איך אפשר ווידער צוטומלען זיך — עפּעס דער קאָפּ דרייט זיך, — אַ קיצור, נעמט אַ צווייטן פאַל: איך פארהוליע מער ניט ווי אנדערהאלבן טויזנט פון די דריי, דאס הייסט אַ העלפט. אַף מאָרגן קום איך צו־גיין צו איר און איך ברענג אָט די צווייטע העלפט און זאָג: „קאַטיאַ, נעם צו בײַ מיר, בײַ דעם גְבָלֶהדיקן און לייכטזיניקן אויסוואורף, די אַנדער העלפט, וואָרים אַ העלפט האב איך פארהוליעט, וועל איך דאך פארהוליען, מסתמא, דאָס אויך, טאָ זאל איך ניט דארפן ביישטיין דעם נסיון!״ נו, איז ווי וואלט געווען אין אַזאַ פאַל? אַלץ, וואס איר ווילט, אַ חיה, אַן אויסוואורף, אבער שוין ניט קיין גנב, שוין לחלוטין ניט קיין גנב, וואָרים אויב אַ גנב, וואלט איך דאך אַף געוויס ניט געבראכט צוריק קיין העלפט אויסגאב, נאר וואלט געלאזן פאר זיך דאס אויך. זעט זי דאך שוין, אז וויבאלד ער האט געבראכט אַ העלפט, וועט ער שוין ברענגען די איבעריקע אויך, דאס הייסט די פארהוליעטע, ער וועט דעם גאנצן לעבן זוכן, וועט אַרבעטן, נאר ער וועט קריגן און אוועקגעבן. אויב אַזוי, איז אַן אויסוואורף, אבער ניט קיין גנב, איר מעגט זאגן, וואס איר ווילט, אָבער ניט קיין גגב!

— לאָמיר זאגן אפילו, אז ס׳איז דאָ אַ געוויסער חילוק, — האט קאַלט אַ שמייכל געטאן דער פּראָקוראָר. — נאר ס׳איז פּאַרט מאָדנע־וואס איר זעט אין דעם אַזאַ גורל־שווערן חילוק.

— יאָ, איך זע אין דעם אַזאַ גורל־שווערן חילוק! אַן אויסוואורף קאָן זיין יעדערער, און ס׳איז טאַקע אפשר יעדערער אויך, אבער אַ גנב קאן ניט זיין יעדערער, נאר מער ניט ווי אַן אַרכיאויסוואורף־מיט איין וואָרט, איך בין ניט קיין בקיא אין אָט די פיינקייטן... אבער אַ גנב איז נידערטרעכטיקער פאַר אַן אויסוואורף, דאס איז מיין כּלל. הערט אויס: איך טראג די געלט אַ גאַנצן חודש צייט אַף זיך, און מאָרגן קאָן איך זיך אַנטשליסן אַוועקגעבן עס, און איך בין שוין ניט קיין אויסוואורף, אָבער אַנטשליסן זיך קאן איך ניט, אָט דאס איז עס, כאָטש אפילו יעדן טאג זאָג איך צו זיך גופא: „אַנטשליס זיך, אַנטשליס זיך, אויסוואורף איינער״ אָבער איך קאָן דעם גאַנצן חודש ניט שטעלן דעם טראט, אָט וואָס! נו, ווי קומט בא אייך אויס, ס׳איז שיין, איז עס שיין?

— לאָמיר זאָגן אפילו, אז ס׳איז ניט אַזוי שיין, דאס קאָן איך באַגרייפן און איך באַשטרייט דאָס ניט, — האָט איינגעהאַלטענערהייט געענטפערט דער פּראָקוראָר. — און לאָמיר גלאַט לאָזן יעטוועדן וכּוח וועגן אָט די פיינקייטן און אונטערשיידן, און צי וואלט איר טאַקע ווידער נישט געוואלט איבערגיין צו דער זאַך גופא. די זאַך איז אָבער די, אַז איר האָט נאך אונז נישט דערקלערט, הגם מיר האָבן יע געפרעגט: צוליב וואס האט איר אין אנפאנג געמאַכט אַזאַ חלוקה אין אָט די דריי טויזנט רובל, דאס הייסט איין העלפט האט איר פארהוליעט, און די צווייטע באַהאַלטן? צוליב וואס דהיינו האט איר דאָס באַהאַלטן, אַף וואס האט איר אייגנטלאַך געוואָלט פאַרטאָן אָט די אָפּגעלייגטע אָנדערהאַלבן טויזנט? איך באַשטיי אַף אָט דער דאָזיקער פראַגע, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש.

— אַך, אוודאי! — האָט אויסגערופן מיטיאַ, זיך אַ פּאַטש געבנדיק איבערן שטערן, — זייט מיר מוחל, איך מאַטער אייך, און דער עיקר איך דערקלער ניט, א ניט וואָלט איר אין אַ כהרף עין פאַרשטאַנען, ווארים גראד אין אָט דעם ציל, גראד אין אָט דעם דאָזיקן ציל

איז די שאַנד! איר פאַרשטייט, איך האָב די גאַנצע צייט צו טאָן מיטן אַלטן, רק ער לאָזט ניט צו רו אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונען, און איך בין אייפערזיכטיק, כ׳האָב גערעכנט דעמאָלט, אַז זי שלאָגט זיך מיט דער דעה׳ צווישן מיר און אים; איז אָט טראַכט איך יעדן טאָג: ווי וועט זיין׳ אויב באַ איר וועט פלוצים ווערן אַ הסכם׳ אויב זי וועט מיך אויפהערן צו מאַטערן׳ און וועט מיטאַמאָל אָנרופן זיך צו מיר: ״דיך האָב איך ליב׳ ניט אים׳ פיר מיך אוועק אין עק וועלט״. און איך האָב סך הכל צוויי צוואַנציקקאָפּיקענע; מיט וואָס וועל איך זי אוועקפירן, וואָס איז דעמאָלט צו טאָן,—בין איך אַ פאַרפאַלענער׳ איך האב זי דאָך דעמאָלט ניט געקענט און זי ניט פאַרשטאַנען, איך האָב געמיינט, אַז זי דאַרף געלט׳ און אַז די אָרימקייט מיינע וועט זי מיר נישט מוחל זיין׳ איז אָט נעם איך און צייל אָפּ, ווי אַ גנבֿ׳ אַ העלפט פון די דריי טויזנט רובל און פאַרניי דאָס מיט אַ נאָדל קאַלטבלוטיק׳ איך פאַרניי מיט אַן אויסרעכענונג, נאָך פאַרן שיכורן פאַרניי איך דאָס׳ און שפעטער, אַז איך האָב שוין פאַרנייט, פאָר איך פאַר דער אַנדער העלפט געלט שיכורן! ניין, רבותי, דאָס איז נידערטרעכטיק! האָט איר פאַרשטאַנען איצט?

דער פראָקוראָר האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, דער סלעדאָוואַטעל אויך.

— באַ מיר קומט אויס׳ אַז ס׳איז אַפילו קלוג און מאָראַליש׳ וואָס איר׳ט זיך איינגעהאַלטן און ניט פאַרהוליעט אינגאַנצן׳ — האָט אַ כיכיקע געטאָן ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש, — וואָרים׳ וואָס איז דען דאָ אַזוינס?

— אָט דאָס׳ וואָס איך האָב געגנבעט, אָט וואָס! אָ׳ גאָט מיינער, איר צעטרייסלט מיך מיט אייער ניטפאַרשטיין! די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב געטראָגן אָט די אָנדערהאַלבן טויזנט איינגענייט אַף דער ברוסט, האָב איך יעדן טאָג און יעדע שעה געזאָגט צו זיך: ״דו ביזט אַ גנב, דו ביזט אַ גנב!״ אָט דעריבער בין איך דאָס געווען ווילד דעם גאַנצן חודש׳ דעריבער געשלאָגן זיך אין שיינק, דעריבער געשלאָגן דעם טאַטן׳ ווייל איך האָב זיך געשפירט ווי אַ גנב! איך האָב אַפילו פאַר אַליאָשען׳ פאַר דעם ברודער

מײַנעם, ניט אַנטשלאָסן זיך און ניט דערוועגט זיך אויסזאָגן אים וועגן אָט־אָ די אָנדערהאַלבן טויזנט: אַף אַזוי פיל האָב איך געשפּירט, אַז איך בין אַן אויסוואורף און אַ קעשענע־גנב! זײַט אָבער וויסן, אַז די גאַנצע צײַט, וואָס איך האָב דאָס געטראָגן, האָב איך אין דער זעלביקער צײַט, יעדן טאָג און יעדע שעה, געזאָגט צו זיך: „ניין, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, דו ביזט נאָך אפשר ניט קיין גנב". פאַרוואָס? אָט טאַקע דערפאַר, וואָס דו קאָנסט מאָרגן אַוועקגיין און אָפּגעבן אָט די אָנדערהאַלבן טויזנט רובל קאַטיען. און ערשט נעכטן האָב איך זיך אַנטשלאָסן אַראָפּצורײַסן מײַן קמיעה פון האַלז, גײַענדיק פון פעניען צו פערכאָטינען, און ביז אָט דער דאָזיקער מינוט ניט געקאָנט אַנטשליסן זיך, אָבער ווינאָר איך האָב אַראָפּגעריסן, בין איך אין דער זעלביקער רגע שוין געוואָרן אינגאַנצן און לחלוטין אַ גנב און אַן אומאָרנטלאַכער מענטש אַפן גאַנץ לעבן. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס אינאײנעם מיט דער קמיעה האָב איך צעריסן דעם חלום מײַנעם, אַוועקגיין צו קאַטיען און זאָגן: „איך בין אַן אויסוואורף, אָבער ניט קיין גנב"! פאַרשטײט איר איצטער, איר פאַרשטײט?

— פאַרוואָס האָט איר זיך אָבער גראָד נעכטן אײַנאָוונט אַנטשלאָסן אַף דעם? — האָט געהאַט איבערגעריסן ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשן.

— פאַרוואָס? אַ געלעכטער צו פרעגן: ווײַל איך האָב זיך אַליין פאַרמשפּט מיט טויט, אַף פינף אַזײגער אינדערפרי, אָט־אָ דאָ, באַגינען: „ס'איז דאָך אַלץ אײנס, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, צי שטאַרבן אַלס אויסוואורף צי אַלס ערלאַכער מאַן!" איז טאַקע ניט, עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז גאָר ניט אַלץ אײנס! איר'ט גלויבן, מײַנע הערן, ניט דאָס, ניט דאָס האָט מיך געמאַטערט מער פאַר אַלץ הײַנטיקע נאַכט, וואָס איך האָב דערהרגעט דעם אַלטן דעם דינער, און אַז סיביר האָט געדראָט, און ווען איז דאָס געוועזן? ווען די ליבע מײַנע איז געוועזן געקרוינט און דער הימל האָט זיך פאַר מיר געעפנט פונדאָסניי! אָ, דאָס האָט געמאַטערט, אָבער נישט אַזוי, פאָרט נישט אַזוי, ווי אָט די שווערע הכרה, אַז איך האָב אַראָפּגעריסן, סוף כל סוף, פון ברוסט די פאַרשאָלטענע געלט און

צעפּטרט עס, און, אַף אַזאַ אופן, בין איך שוין איצטער אַ גנבֿ לחלוטין! אָ, מײַנע הערן, מיטן בלוט פֿון האַרצן חזר איך אײַך איבער: אַ סך האָב איך געלערנט הײַנטיקע נאַכט! געלערנט האָב איך, אַז ניט נאָר לעבן קאָן מען ניט אַלס אויסוואורף, נאָר שטאַרבן אַפֿילו אַלס אויסוואורף קאָן מען ניט... ניין, מײַנע הערן, שטאַרבן דאַרף מען אָרנטלאַך!...

מיטיאַ איז געווען בלייך. דאָס געזיכט זײַנע האָט געהאַט אַן אָפּגעצערטן און אויסגעמאַטערטן אויסזען, נישט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אויפֿגערעגט ביז צום העכסטן גראַד.

— איך הייב אײַך אָן צו פֿאַרשטיין, דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטש, — האָט ווייך און ווי מיט מיטלייד אַפֿילו אויסגעצויגן דער פּראָקוראָר, — אָבער דאָס זײַנען אַלץ, מיין איך, ווי איר זאָלט ניט קוקן אַף דעם, מער ניט ווי נערוון... די קרענקלאַכע נערוון אײַערע, אָט וואָס. און פֿאַרוואָס, אַ שטייגער, וואָלט איר ניט געקאָנט, כּדי אויסלייזן זיך פֿון אַזוי פֿיל מאַטערניש, כּמעט אַ גאַנצן חודש, אַוועקגיין און אָפּגעבן די אָנדערהאַלבן טויזנט אָט דער פּערזאָן, וואָס האָט עס אײַך פֿאַרטרויט, און, שוין נאָכן דורכרעדן זיך מיט איר, פֿאַרוואָס זאָלט איר ניט אַ פּרווו טאָן, צוליב דער דעמאָלטיקער לאַגע אײַערער, דער אַזוי שרעקלאַכער, ווי איר שילדערט זי, אַ קאָמבינאַציע, וואָס עס לייגט זיך אַזוי נאַטירלאַך אַפֿן שכל, איך מיין נאָכן ערלאַכן מודה זײַן פֿאַר איר אײַערע פֿעלערן, פֿאַרוואָס זאָלט איר בײַ איר גופֿא טאַקע ניט בעטן די נויטיקע סומע אַף אײַערע הוצאות, וואָס זי וואָלט אײַך אוודאי און אוודאי, בײַ דעם איידעלן האַרץ אירן און זעענדיק אײַער צעטרייסלונג, ניט אָפּגעזאָגט, ווער רעדט נאָך אַף אַ דאָקומענט, אָדער, סוף כּל סוף, כאָטשבי אַף אַזאַ ערבֿות, וואָס איר האָט פֿאָרגעלייגט דעם סוחר סאַמסאָנאָוון און פֿרוי כאָכלאָקאָוואַ? האַלט איר דאָך נאָך איצט, אַז די דאָזיקע ערבֿות איז עפּעס ווערט?

מיטיאַ איז פּלוצים רויט געוואָרן.

— נישיים זע האַלט איר דאָס מיך טאַקע שוין ביז צו אַזאַ מדרגה פֿאַר אַן אויסוואורף? עס קאָן ניט זײַן, אַז איר זאָלט דאָס מײַנען ערנסט!.. — האָט ער זיך אָנגערופֿן אויפֿגעבראַכט, קוקנדיק

דעם פּראָקוראָר אין די אויגן און ווי ניט גלויבנדיק, אַז פון אים האָט ער דאָס געהערט.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז איך מיין ערנסט ··· פאַרוואָס מיינט איר, אַז ס'איז ניט ערנסט? — האָט זיך פאַרוואונדערט פון זײַן זייט דער פּראָקוראָר אויך.

— אָ, ווי נידערטרעכטיק דאָס וואָלט געווען! מיינע הערן, ווייסט איר, אַז איר מאַטערט מיך? יאָ, איך וועל אייך אַלץ זאָגן, ס'אַדאגה, איכ'ל זיך איצט אין דער גאַנצער העפלאכקייט מיינער מודה זיין פאַר אייך, אָבער כדי אייך גופא טאַקע צו פאַרשעמען, און איר'ט זיך אַליין וואונדערן, צו וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקייט עס קאָן דערגיין אַ קאָמבינאַציע, אָט די אייגענע, פון וועלכער איר האָט אָקאָרשט גערעדט, פּראָקוראָר! יאָ, מיינע הערן, איך האָב געהאַט אויך אָט־אָ דעם געדאַנק אין דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם חודש, אַזוי אַז איך האָב שוין כמעט ווי אַנטשלאָסן זיך גיין צו קאַטיען, אַזוי ניטדערטרעכטיק בין איך געווען! אָבער גיין צו איר, געבן וויסן איר פון מיין אומטרייקײַט, און אָט פאַר דער דאָזיקער אומטרייקייט, אַף צו פאַרווירקלאַכן אָט די דאָזיקע אומטרייקייט, אַף די קומנדיקע הוצאות פון אָט דער דאָזיקער אומטרייקייט, איז באַ איר, באַ קאַטיען גופא, בעטן געלט (ב ע ט ן, איר הערט, ב ע ט ן!) און די שטעל אַוועקלויפן פון איר מיט אַ צווייטער, מיט איר אויס־כאַפּערין, מיט דער, וואָס האַסט און באַליידיקט זי, — גאָט איז מיט אייך, איר זײַט דאָך פון זינען אַראָפּ, פּראָקוראָר!

— פון זינען ניט פון זינען, נאָר אין היץ האָב איך טאַקע ניט גענומען אין רעיון ··· אָט די דאָזיקע אייפערזוכט פון די פרויען ··· אויב דאָ האָט אינדעראמתן געקאָנט זיין אייפערזוכט, ווי איר זאָגט ··· נאָר עס קאָן געמאָלט זיין, אַז ס'איז טאַקע דאָ עפּעס ענלאַכס אף דעם, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער פּראָקוראָר.

— דאָס וואָלט דאָך שוין אָבער געווען אַזאַ נְבָלֶה, — האָט ווילד מיטיאַ אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט איבערן טיש, — דאָס וואָלט דאָך אַזוי געעיפושט, אַז איך ווייס שוין גאָר ניט ווי! ווייסט איר אָבער, אַז זי וואָלט מיר געגעבן די געלט, און זי וואָלט טאַקע

געגעבן אויך׳ וואָלט זיכער געגעבן׳ פאַר נקמה צו מיר׳ וואָלט געגעבן פאַר מתיקות פון דער נקמה׳ פאַר פאַראַכטונג צו מיר וואָלט זי געגעבן׳ וואָרים דאָס איז אויך אַן איידעלע נשמה און אַ פרוי פון אַ גרויסן צאָרן! איך וואָלט אוודאי גענומען די געלט׳ אָ׳ כ׳וואָלט גענומען׳ און דעם גאַנצן לעבן ··· אָ׳ גאָט מיינער! זייַט מיר מוחל׳ מיינע הערן׳ איך שריי דעריבער אזוי, ווייל איך האָב געהאַט דעם דאָזיקן געדאַנק נאָך גאָר ניט לאַנג, סך הכל אייערנעכטן׳ אָט דעמאָלט טאַקע׳ בעת איך האָב זיך ביינאַכט געעסקט מיטן ליאַגאַוון׳ גו׳ און דערנאָך נעכטן׳ יאָ׳ נעכטן אויך׳ נעכטן אַ גאַנצן טאָג, איך געדיינק דאָס׳ ביז צו דער סאַמער געשעעניש ···

— וועלכער געשעעניש? — האָט אַריינגעוואָרפן ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש מיט נייגעריקייט, מיטיאַ האָט אָבער נישט געהערט·

— איך האָב פאַר אייך מודה געווען אַ שרעקלאַכע זאַך׳ — האָט ער פינצטער פאַרענדיקט· — טאָ שעצט זשע דאָס אָפּ׳ מיינע הערן׳ ביין ס׳איז ווייניק׳ ס׳איז ווייניק אָפּצושעצן׳ שעצט ניט אָפּ׳ נאָר שעצט דאָס׳ אויב אָבער ניט׳ אויב דאָס וועט אויך דורכגיין פאַרביי אייערע נשמות, איז דעמאָלט אַכט איר מיך פשוט ניט׳ מיינע הערן׳ אָט וואָס איך וועל אייך זאָגן׳ און איך וועל שטאַרבן פאַר שאַנדע, וואָס איך האָב זיך מודה געווען פאַר אַזוינע׳ ווי איר! אָ׳ איך וועל זיך דערשיסן! יע, איך זע׳ אַז איר גלויבט מיר נישט! וואָס׳ איר ווילט דאָס אויך פאַרשרייבן? — האָט ער אַרויסגעשריען שוין אין שרעק·

— אָט דאָס׳ וואָס איר האָט אָקאָרשט געזאָגט, — האָט אַ פאַרוואונדערטער געקוקט אַף אים ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, — דאָס הייסט, אַז איר האָט נאָך ביז צו דעם לעצטן מאָמענט נאָך אַלץ גערעכנט גיין צו פריילן ווערכאָווצעוואַ בעטן באַ איר די דאָזיקע סומע ··· איך פאַרזיכער אייך׳ אַז דאָס איז אַ זעער וויכטיקער באַווייז פאַר אייך׳ דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, איך מיין אין אָט דער גאַנצער געשעעניש ··· דערהויפּט אָבער פאַר אייך׳ דערהויפּט איז דאס וויכטיק פאַר אייך·

— איך בעט אייך׳ מיינע הערן, — האָט מיטיאַ אַ פּאַטש

געטאָן מיט די הענט, — שרייבט כאָטש דאָס ניט, האָט בושה פאַר דעם! איך האָב דאָך, אַזוי צו זאָגן, צעריסן פאַר אייך די נשמה מיינע אף דער העלפט, און איר נוצט דאָס אויס און גראָבט מיט די פינגער אין דעם צעריסענעם אָרט אף ביידע העלפט... אָ, גאָט מיינער!

ער האָט אין פאַרצווייפלונג פאַרשטעלט דעם פנים מיט די הענט.

—האָט ניט אַזוי מורא, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, — האָט צוגע־געבן דעם פּראָקוראָר, — אַלץ, וואָס מ׳פאַרשרייבט איצט, וועט איר שפּעטער אַליין הערן, און מיט וואָס איר וועט ניט זיין מסכים, וועלן מיר ענדערן, ווי איר וועט זאָגן, איצטער אָבער וועל איך אייך שטעלן נאָך איין פראַגע צום דריטן מאָל: נישיים זע האָט דאָס טאַקע קיינער ניט געהערט פון אייך וועגן אָט די געלט, וואָס איר האָט איינגענייט אין זעקעלע? וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דאָס איז גאָר שווער פאָרצושטעלן זיך.

— קיינער ניט, קיינער ניט, איך האָב געזאָגט, האָט איר אויב אַזוי קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען, לאָזט מיך צו רו.

— איך בעט אייך, די זאַך דאַרף ווערן קלאָר און ס׳איז נאָך אַ סך צייט ביז דעם, אָבער דערווייַלע באַטראַכט: מיר האָבן אפשר צענדליקע עדות וועגן דעם, אַז איר גופא האָט דערציילט, און אַפילו געשריען אומעטום פון דריי טויזנט, וואָס איר האָט געפּטרט, פון דריי, ניט פון אָנדערהאַלבן, און טאַקע איצט אויך, אַז ס׳האָט זיך באַוויזן בײַ אייך די נעכטיקע געלט, האָט איר פאַר פיל מנטשן געזאָגט, אַז איר האָט ווידער געבראַכט מיט זיך דריי טויזנט רובל.

— ניט קיין צענדליקע נאָר הונדערט עדות האָט איר, צוויי הונדערט עדות, צוויי הונדערט מענטשן האָבן געהערט, טויזנט האָבן געהערט! — האָט מיטיאַ אויסגערופן.

— נו, זעט איר, אַלע, אַלע טענהן אין איין קול, איז דאָך מסתמא עפּעס דאָס וואָרט אַ ל ע.

— עס איז קיין זאַך ניט ווערט, איך האָב געלייַגט, און נאָך מיר האָבן אַלע גענומען לייַגן.

— צו וואָס האָט איר דאָס אָבער אַזוי געדאַרפט „לייגן״ ווי איר דריקט זיך אויס?

— שדים וויסן צוליב וואָס. צוליב באַרימען זיך, אפשר... אַזוי זיך... וואָס איך האָב פאַרהוליעט אַזוי פיל געלט... צוליב דעם אפשר, כדי צו פאַרגעסן אף די איינגענייטע געלט... יע, ס׳איז געוויס צוליב דעם... צו אַלדי רוחות... צום ווייפלטן מאָל שטעלט איר אָט די פראַגע? נו, כ׳האָב געזאָגט אַ ליגן און געענדיקט. איין מאָל געזאָגט אַ ליגן און איך האָב שוין ניט געוואָלט פאַרריכטן. צוליב וואָס לייגט אָפטמאָל אַ מענטש?

— דאָס איז זייער שווער צו זאָגן, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש. צוליב וואָס אַ מענטש לייגט, — האָט איינדרינגלאַך אָנגערופן זיך דער פּראָקוראָר. — אָגב זאָגט, דער דאָזיקער זעקעלע אף אייער האַלז, ווי איר רופט אים, איז געווען אַ גרויסער?

— ניין, ניט קיין גרויסער.

— ווי, אַן ערך, די גרויס?

— אַז מ׳זאָל צונויפלייגן אַ הונדערטרובלדיקן פּאַפּירל אף דער העלפט, וועט איר באַקומען די זעלביקע גרויס.

— איר וואָלט אונז אפשר בעסער געוויזן די שטיקלאַך צייג? איר האָט דאָך דאָס מסתמא ערגעץ באַ זיך?

— ע, צום טייוול... וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן... איך ווייס נישט וואו עס איז.

— איך בעט אייך, וואו אָבער און ווען האָט איר אים אַראָפּגענומען פון האַלז? איר זייט דאָך, ווי איר האָט אַליין איבערגעגעבן, אַהיים ניט פאַרגאַנגען?

— אָט בעת איך בין אַרויס פון פעניען און בין געגאַנגען צו פּערכאָטינען, האָב איך אפן וועג אַראָפּגעריסן פון האַלז און אַרויסגענומען די געלט.

— אין דער פינצטער?

— אף וואָס דאַרף מען ליכט? איך האָב דאָס געמאַכט מיטן פינגער אין אַ רגע.

— אָן אַ שערל, אפן גאַס?

— אפן פלאַץ, דאַכט זיך; אף וואָס דאַרף מען אַ שערל? ס'איז אַן אַלטער זעקעלע, האָט זיך גלייך צעריסן.

— וואו זשע האָט איר אים דערנאָך אַהינגעטאָן.

— דאָרטן גופא געגעבן אַ וואָרף.

— וואו אַ שטייגער?

— איך זאָג דאָך, אפן פלאַץ, סתם אפן פלאַץ! שדים ווייסן אים, וואו אפן פלאַץ. צו וואָס אָבער דאַרפט איר דאָס וויסן?

— דאָס איז זייער וויכטיק, פיאָדאָראָוויטש: זאַכלאַכע באַווייזן טאַקע צו אייער טובה וועגן, ווי ווילט איר דאָס אָבער גאָר ניט פאַרשטיין? ווער זשע האָט אייך געהאָלפן פאַרנייען מיט אַ חודש צוריק?

— קיינער האָט ניט געהאָלפן, כ'האָב אַליין פאַרנייט.

— איר קאָנט נייען?

— אַ סאָלדאַט דאַרף קאָנען נייען, און מ'דאַרף דאָ גאָר קיין קענטשאַפט אויך ניט.

— וואו האָט איר אָבער גענומען די צײַג, איך מיין די טיכעלע, אין וואָס איר האָט פאַרנייט?

— נישיים זע לאַכט איר ניט?

— בשום אופן ניט, און עס ליגט אונז גאָר ניט אין קאָפּ צום לאַכן דמיטרי פיאָדאָראָוויטש.

— איך געדיינק ניט, וואו איך האָב גענומען די טיכעלע, כ'האָב ערגעץ גענומען.

— מאָדנע, דאָס אַפילו נישט געדיינקען?

— כ'לעבן ווי איך געדיינק ניט, אפשר האָב איך אָפּגעריסן פון וועש.

— דאָס איז זייער אינטערעסאַנט: מ'וואָלט אויב אַזוי, מאָרגן געקאָנט געפינען באַ אייך אָט די זאַך, די העמדי פון וואָס איר האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל לייוונט? וואָס פאַר אַ טיכעלע איז דאָס געווען: אַ ציצענע צי אַ לייווענטענע?

— שדים ווייסן זי אַ וועלכע. וואַרט... איך האָב, דאַכט זיך, גאָר פון קיין זאַך ניט אָפּגעריסן. זי איז געווען אַ מאַמעסענע...

איך האָב, דאַכט זיך, איינגענייט אין דער באַלעבאָסטעס טשעפיק.

— אין דער באַלעבאָסטעס טשעפיק?

— יע, איך האָב אים אַוועקגעשלעפט.

— וואָס הייסט איר׳ט אַוועקגעשלעפט?

— איר פאַרשטייט, איך האָב, דאַכט זיך, באמת עפעס פאַרשלעפט אירן אַ טשעפיק אף טיכלאַך, אָדער אפשר אף אָפצווישן די פענע, צוגענומען אינדערשטיל, אַ שמאַטקע אַ טיכעלע, עס האָבן זיך געוואַלגערט שטיקלאַך באַ מיר, און דאָ האָב איך גראָד געהאַט די אָנדערהאַלבן טויזנט רובל, האָב איך גענומען און איינגענייט . . . מיר דאַכט זיך, אַז טאַקע אין אָט דער טיכעלע האָב איך דאָס איינגענייט. אַן אַלטע מאַמעסענע שמאַטע, אַ מאָל טויזנט געוואַשן.

— און איר געדיינקט דאָס שוין אף זיכער?

איך ווייס ניט, צי אף זיכער. דאַכט זיך אין טשעפיק. איך שפיי אָבער אף דעם!

— אַף אַזאַ אופן, וואָלט אייער באַלעבאָסטע ווייניקסטנס געקאָנט זאָגן, אַז ס׳איז באַ איר פאַרפאַלן געוואָרן די דאָזיקע זאַך?

— קיין אָנהייב ניט, זי האָט זיך גאָר ניט געכאַפט. אַן אַלטע טיכעלע, זאָג איך אייך, אַן אַלטע טיכעלע, וואָס איז קיין גראָשן ניט ווערט.

— און וואו האט איר גענומען די נאָדל, די פאָדים?

— געענדיקט, מער וויל איך ניט, גענוג! — איז ענדלאַך אין כּעס געווארן מיטיאַ.

— ס׳איז אָבער פאָרט מאָדנע, וואָס איר האָט דאס אַזוי אינגאַנצן פאַרגעסן, וואו האט איר, אַן ערך, אַ וואָרף געטאָן אפן פלאַץ אָט דעם . . . זעקעלע.

— הייסט אויסקערן מאָרגן דעם פלאַץ וועט איר אים אפשר געפינען, — האָט מיטיאַ אַ שמייכל געטאָן, — גענוג, מיינע הערן, גענוג, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן אויסגעמאַטערטער שטים. — איך זע קלאָר: איר גלויבט מיר נישט! איר גלויבט קיין זאַך ניט און קיין האָר ניט! דאס איז מיין שולד, ניט אייערע, ניט געדאַרפט רוקן זיך, צו וואָס, צו וואָס האָב איך פארמיאוסט זיך אַליין מיטן מודה

זיין פאר אייך דעם סוד מייִנעם! און איר לאַכט דערפון, איך זע דאָס נאָך אייערע אויגן. דאָס האט איר מיך, פראָקוראָר, געבראַכט דערצו! זינגט זיך אַליין אַ לויב־געזאַנג, אויב איר קאָנט . . . ווערט פאַר־שאָלטן, איר פייניקער!

ער האָט אַראָפּגעהאַנגען דעם קאָפּ און פאַרשטעלט דעם פּנים מיט די הענט. דער פּראָקוראָר און דער סלעדאָוואַטעל האָבן גע־שוויגן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווי עפּעס אָן אַ זינען אַ קוק געטאָן אף זיי. דאָס געזיכט זיינע האָט אויסגעדריקט שוין אַ געשעענע, אַף צוריק שוין ניט אומקערנדיקע פאַרצווייפלונג, און ער איז עפּעס מאָדנע אַנטשוויגן געוואָרן, איז געזעסן און ווי זיך אַליין ניט געדיינקט. און דאָ האָט מען געדאַרפט פאַרענדיקן די זאַך: מ'האָט ניט אַנדערש ווי געמוזט איבערגיין צום פאַרהערן די עדות. געווען איז שוין אַ זייגער אַכט אינדערפרי. די ליכט האט מען שוין געהאַט לאַנג פאַרלאָשן. מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש און קאַלגאַנאָוו, וואס פלעגן די גאנצע צייט פון דעם פאַרהערן אַריין און אַרויס פון צימער, זיינען דאס מאָל ווידער ביידע אַרויסגעגאַנגען. דער פּראָקוראָר און דער סלעדאָוואַטעל האָבן אויך אויסגעזען זייער שטאַרק פאַרמאַטערט. דער געקומענער פרימאָרגן איז געווען אַ גרויער, דער גאַנצער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט וואָלקנס און אַ רעגן האָט געגאָסן ווי פון אַן עמער. מיטיאַ האָט טעמפּ געקוקט אפן פענצטער.

— מעג איך אַ קוק טאָן אין פענצטער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיטאַמאָל ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשן.

— אָ, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. — האָט ער געענטפערט.

מיטיאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאנגען צום פענצטער. האָט טאַקע געקלאַפּט דער רעגן אין די קליינינקע גרינלאַכע שייבע־לאַך. האַרט ביים פענצטער האָט זיך געזען דער קויטיקער וועג, און אַהינצו ווייטער, אין רעגנדיקן חושך, שוואַרצע, אָרימע, מיאוסע שורות שטיבלאַך, וואָס זיינען פון דעם רעגן, דאַכט זיך, נאָך מער פאַרשוואַרצט און פאַראָרעמט געוואָרן. מיטיאַ האָט זיך דערמאָנט אָן דעם „גאָלד-לאָקיקן פעבוס" און ווי ער האָט זיך געוואָלט דערשיסן באַ דעם ערשטן שטראַל זיינעם: „אפשר וואָלט נאָך אין אַזאַ

פרימאָרגן בעסער געווען" האָט ער אַ שמייכל געטאָן, און פּלוצים, אַ מאַכטאָנדיק מיט דער האַנט פון אויבן אַף אַראָפּ, אַ קער געטאָן זיך צו די "פּייניקער".

— מיינע הערן! — האָט ער אויסגערופן, — איך זע דאָך, אַז איך בין פאַרפאַלן. אָבער זי? זאָגט מיר, וואָס איז מיט איר, איך בעט אייך, נישיים זע ווערט זי אויך פאַרפאַלן ווערן מיט מיר? זי איז דאָך אומשולדיק, זי האָט דאָך דאָס נעכטן געשריען ניט ביים זינען, אַז זי איז "אין אַלץ שולדיק". זי איז אין קיין שום זאַך, אין קיין שום זאַך ניט שולדיק! איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געטרויערט, זיצנדיק מיט אייך . . . קאָנט איר ניט, קאָנט איר מיר ניט זאָגן: וואָס וועט איר איצט טאָן מיט איר?

— וועגן דעם קאָנט איר זיין לחלוטין רואיק, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, — האָט די שטעל און זעער האַסטיק געענטפערט דער פּראָקוראָר, — לעת עתה האָבן מיר קיין שום באַזונדערע מאָטיוון ניט כאָטש אין וואָס עס איז צו באַאומרואיקן די פּערזאָן, מיט וועלכער איר אינטע-רעסירט זיך אַזוי. אין דעם ווייטערדיקן פאַרלויף פון דער זאַך, האָף איך, וועט אויך זיין דאָס אייגענע . . . אדרבה, מירן אין דעם פּרט טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלאַך פון אונזער זייט. זייט לחלוטין רואיק.

— מיינע הערן, איך דאַנק אייך, האָב איך דאָך טאַקע געוואוסט, אַז איר זייט פאָרט פונדעסטוועגן אָרנטלאַכע און גערעכטיקע מענטשן, נישט קוקנדיק אַף קיין שום זאַך. איר האָט אַראָפּגענומען אַ יאָך פון האַרצן . . . נו, וואָס זשע ווענן מיר איצטער טאָן? איך בין גרייט.

— אָט מ׳מוז זיך צואיילן. מ׳מוז גלייך נעמען פאַרהערן די עדות. דאָס אַלץ מוז ניט אַנדערש ווי פאָרקומען אין אייער בייזיין, דעריבער . . .

— מ׳וואָלט אפשר געדאַרפט פריער טרינקען טיי? — האָט איבערגעשלאָגן ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש, — מיר האָבן דאָך שוין, דאַכט זיך, פאַרדינט!

האָט מען באַשלאָסן, אַז אויב ס׳איז אונטן פאַרטיק טיי (וואָרים מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש איז שוין איצט זיכער אַ "געטייטער"), טאָ זאָל מען אויסטרינקען צו גלעזלאַך טיי און דערנאָך "גיין ווייטער און

וויטער״· דעם אמתן טיי טרינקען און דעם צובייסן זאל מען אָפּלייגן אויף אַ פֿרייערער צייט· אונטן איז טאַקע געווען פּאַרטיק טיי· און מ׳האָט באַלד דערלאַנגט אויף אויבן· אין אָנפֿאַנג האָט זיך מיטיאַ אָפּגעזאָגט פֿון אַ גלאָז טיי· וואָס ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש האָט אים פֿריינדלאַך פֿאָרגעלייגט· שפּעטער אָבער האָט ער אַליין געבעטן און האָט אויס־געטרונקען מיט דאָרשט· בכלל האָט ער געהאַט עפּעס אַ גאָר מאָדנעם פֿאַרמאַטערטן אויסזען אפֿילו· דאַכט זיך· וואָס וואָלט געקאָנט באַ זיין כוח פֿון אַ ריז· באַטייטן איין נאַכט פֿון הוליען שוין אַפֿילו מיט די שטאַרקסטע איבערלעבונגען דערביי? אָבער ער אַליין האָט געשפּירט· אַז קוים וואָס ער זיצט, און וויילע־ווייז האָט עפּעס ווי־אַלץ אָנגעהויבן אַרומצוגיין און אַרומדרייען זיך באַ אים פֿאַר די אויגן. „נאָך אַ וויילע און איך וועל אפֿשר נעמען רעדן פֿון היץ״· האָט ער אַ טראַכט געטאָן ביי־זיך·

# VIII

## די באַווייזן פֿון די עדות· דאָס קינדעניו

דער פֿאַרהער פֿון די עדות האָט זיך אָנגעהויבן· מיר וועלן שוין אָבער ניט פֿאָרזעצן אונזער דערציילונג אַזוי אויספֿירלאַך· ווי מיר האָבן דאָס געטאָן ביז איצט· און דעריבער וועלן מיר איבער־הויפּן דאָס· ווי ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש האָט מזהיר געווען יעטוועדן נייעם עדות· אַז ער דאַרף רעדן מיט אמת און מיט געוויסן· און אַז שפּעטער וועט ער דאַרפֿן איבערחזרן זיינע באַווייזן באַ אַ שבֿועה· ווי מ׳האָט ענדלאַך פֿון יעדן עדות פֿאַרלאַנגט· אַז ער זאָל אונטער־שרייבן דעם פּראָטאָקאָל וועגן דעם· וואָס ער האָט איבערגעבן א· א· וו· א· א· וו· מירן פֿאַרצייכנען נאָר דאָס· אַז דער וויכטיקסטער פּונקט· אויף וועלכן די פֿאַרהערער האָבן געלייגט די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט· איז דער עיקר געווען אַלץ אָט די זעלביקע פֿראַגע וועגן די דריי טויזנט· דאָס הייסט צי עס איז געווען דריי טויזנט רובל· אָדער נאָר אַנדערהאַלבן דעם ערשטן מאָל· בעת דעם ערשטן הוליען דמיטרי־

פיאָדאָראָוויטשעס אָט־אָ דאָ, אין מאָקראָיע, מיט אַ חודש צוריק, און צי איז געווען דריי טויזנט אָדער אָנדערהאַלבן נעכטן, בעת דמיטרי פיאָדאָראָוויטשעס צווייטן הוליען. אָ ווײ, אַלע עדות, אַלע ביז איינעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן זיינען קעגן מיטיען און נישט קיין איין איינ־ציקער אף זיין זײַט, און אַ טייל פון די עדות האבן אַפילו אַריינ־געטראָגן נייע, כמעט אויפטרייסלענדיקע פאַקטן אינ׳ם פרט פון אָפלייקענען וואָס ער האָט געזאָגט. דער ערשטער עדות, ווען מ׳האָט פאַרהערט איז געווען טריפאָן באָריסיטש. ער איז אַראָפגע־קומען פאַר די פאַרהערער אָן דער קלענסטער מורא, פארקערט, מיט אַן אויסזען פון שטרענגער און האַרטער אויפגעבראַכקייט קעגן דעם באַשולדיקטן, און מיט דעם גופא האָט ער זיך, בלתי ספק, צוגעגעבן אַן אָנבליק פון גרויסן אמת און אייגענער חשיבות. גערעדט האָט ער ווייניק, איינגעהאַלטן, געוואַרט אף פראגן, געענטפערט קלאָר און באַטראַכט, מיט באַשטימטקייט און נישט געדרייט זיך האָט ער איבערגעגעבן, אַז מיט אַ חודש צוריק האָט מען גאָר ניט געקאָנט אויסגעבן ווייניקער ווי דריי טויזנט, אַז אַלע פויערים וועלן דאָס דאָ זאָגן, אַז מ׳האָט געהערט פון דריי טויזנט, פון „מיטרי פיאָדאָריטשן״ אַליין: „פאַר די ציגיינערינס אַליין וויפל האָבן זיי דאָס אַרויס־געוואָרפן, נישקשה, פאַר זיי אַליין האָבן זיי אַרויסגעשליידערט מער פון טויזנט קאַרבן״.

— אפשר קיין פינף הונדערט אַפילו ניט געגעבן, — האָט פינצטער אָנגערופן זיך דערצו מיטיאַ, — כ׳האָב נאָר ניט געציילט דעמאָלט, איך בין שיכּור געווען, אַ שאָד . . .

מיטיאַ איז דאָס מאָל געזעסן אָן אַ זייט, מיטן רוקן צום פאָרהאַנגל, האָט צוגעהערט פינצטער, אַן אויסזען געהאַט אַ טרויעריקן און פאַרמאַטערטן, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: „ס׳אַ דאגה, רעדט אייך, וואָס איר ווילט, איצט איז אַלץ איינס!״

— ס׳איז אף זיי מער פון טויזנט אַוועק, מיטרי פיאָדאָראָוויטש, — האָט מיט באַשטימטקייט אָפגעענטפערט טריפאָן באָריסאָוויטש, — איר׳ט געוואָרפן אין דער וועלט אַריין, און זיי האָבן געהויבן. און דאס זיינען דאָך נאָר גנב און גזלן, פערד־גנבים זיינען דאָך דאָס, מ׳האָט

זיי פאַרטריבן פון דאַנען, אַ ניט וואָלטן זיי אפשר אַליין געזאָגט. וויפל זיי האָבן דאָס אָפּגעלעקט פון אייך. איך אַליין האָב דעמאָלט געזען באַ אייך אַ סומע, — ציילן האָב איך ניט געציילט. איר׳ט מיר ניט געגעבן, דאָס איז אמת, — נאָר אפן אויג געדיינק איך, אַז אַסך מער, ווי אַנדערהאַלבן טויזנט . . . וואו אַנדערהאַלבן! מיר האָבן אויך געזען געלט, מיר ווייסן אויך עפּעס . . .

וואָס ס׳איז שייך ווידער דער נעכטיקער סומע האָט טריפּאָן באָריסיטש גלייך געזאָגט, אַז ווי נאָר דמיטרי פיאָדאָראָוויטש איז אַראָפּ פון פור האָט ער אים אַליין געמאָלדן, אַז ער האָט געבראַכט דריי טויזנט.

— גענוג, נישיים זע, טריפאָן באָריסיטש, — האָט געהאַט געענטפערט מיטיאַ, — נישיים זע האָב איך דאָס טאַקע אַזוי געזאָגט, אַז איך האָב געבראַכט דריי טויזנט?

— געזאָגט, מיטרי פיאָדאָריטש. פאַר אַנדרייען אין די אויגן האָט איר געזאָגט. אַנדריי איז אַליין אויך דאָ, ער איז נאָך ניט אַוועקגעפאָרן, רופט אים אַריין. און דאָרטן אין זאַל, בעת איר האָט מכבד געווען דעם כאָר, האָט איר פשוט געשריען, אַז איר לאָזט דאָ די זעקסטע טויזנט, — מיט די פריערדיקע, הייסט דאָס, אַזוי דאַרף מען דאָך פאַרשטיין. סטעפּאַן און סעמיאָן האָבן אויך געהערט, און פיאָטר פאָמיטש קאַלגאַנאָוו איז דעמאָלט געשטאַנען האַרט לעבן אייך, אפשר געדיינקען זיי אויך . . .

די מעשה מיט דער זעקסטער טויזנט האָט אף די פאַרהערער געמאַכט אַן אויסערגעוויינלאַכן איינדרוק. ס׳איז געפעלן געוואָרן די נייע רעדאַקציע. דריי און דריי איז זעקס, הייסט דאָס, דריי טויזנט דעמאָלט, און דריי טויזנט איצט, אָט האָט איר די גאַנצע זעקס, קלאָר ווי דער טאָג.

מ׳האָט פאַרהערט אַלע פויערים, וואָס טריפאָן באָריסיטש האָט אָנגעוויזן, סטעפאַנען און סעמיאָנען, דעם פורמאַן אַנדריי און פיאָטר פאָמיטש קאַלגאַנאָוו. די פויערים און דער פורמאַן האָבן נישט גלייך באַשטעטיקט טריפאָן באָריסיטשעס רייד. א חוץ דעם האָט מען

באַזונדערס פאַרשריבן, פון אַנדרייס באַווייזן, וועגן דעם שמועס זיינעם מיט מיטיען פאָרנדיק, וועגן דעם, וואס ״וואו וועל איך, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, מגולגל ווערן: אפן הימל צי אין גהינום, און צי וועט מען מיר מוחל זיין אף יענער וועלט צי ניט?״ דער ״פסיכאָלאָג״ איפּאָליט קירילאָוויטש האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט אַ דינעם שמייכעלע און פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט אויך אָט די דאָזיקע באַווייזן, דאָס הייסט, וואו דמיטרי פיאָדאָראָוויטש וועט מגולגל ווערן, רעקאָמענדירט ״ביילייגן צו די אַקטן״.

דער אַריינגערופענער קאַלגאַנאָוו איז אַריין מיט אַ ווידערווילן, אַ פינצטערער, אַ קאַפּריזער, און גערעדט האָט ער מיטן פּראָקוראָר און מיט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטשן אַזוי, ווי ער וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען אין לעבן, אינדערצייט וואָס ער איז געווען זייערער אַן אַלטער און גוטער באַקענטער. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס ״ער ווייס קיין זאַך נישט און וויל ניט וויסן״. וועגן דער זעקסטער טויזנט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהערט, און ער האָט זיך מודה געווען, אַז אין יענער ווײַלע איז ער געשטאַנען דערביי. אַף זיין קוק איז בײַ מיטיען אין האַנט געווען געלט ״איך ווייס ניט וויפל״. וועגן דעם, אַז די פּאָליאַקן האָבן געדרייט, האָט ער איבערגעגעבן מיט באַשטימטקייט. האָט דערהערט אויך, אַף די איבערגעחזרטע פראַגן, אַז נאָכדעם ווי די פּאָליאַקן זיינען פאַרטריבן געוואָרן, האָט זיך טאַקע מיטיעס מצב פאַרבעסערט בײַ אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, און אַז זי האָט אַליין געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב. פון אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט ער גערעדט איינגעהאַלטן און מיט אַכטונג, ווי זי וואָלט געווען אַ פריילן פון דער סאַמער בעסטער געזעלשאַפט, און האָט זיך אַפילו קיין איין מאָל ניט דערלויבט צו רופן זי ״גרושענקאַ״. ניט קוקנדיק אַפן בולטן ווידערווילן פונ׳ם יונגן מענטשן צו זאָגן עדות, האָט איפּאָליט קירילאָוויטש פאַנאַנדערגעפרעגט אים אַ לאַנגע צייט און האָט זיך נאָר פון אים דערוואוסט וועגן די אַלע פּרטים, פון וואָס ס׳איז באַשטאַנען, אַזוי צו זאָגן, מיטיעס ״ראָמאַן״ אין דער דאָזיקער נאַכט.

מיטיאַ האָט קיין איין מאָל ניט אָפּגעשטעלט קאַלגאַנאָוון, ענדלאַך האָט מען דעם בחור אָפּגעלאָזן, און ער האָט זיך דערוווּיטערט מיט אַ ניט קיין באַהאַלטענער אויפגעבראַכטקייט.

מ'האָט פאַרהערט אויך די פּאָליאַקן. כאָטש אַפילו זיי האָבן זיך געהאַט געלייגט שלאָפן בײַ זיך אין צימערל, האָבן זיי אָבער די גאַנצע נאַכט ניט איינגעשלאָפן, און אַז "נאַטשאַלסטווע" איז געקומען האָט מען זיך אַף גיך אָנגעטאָן און צוגעפּוצט, פאַרשטייענדיק אַליין, אַז מ'וועט זיי אַף געוויס אַרויסרופן. אַראָפּגעקומען זײַנען זיי מיט חשיבות, הגם ניט אָן אַ געוויסער מורא אויך. דער קאָפּ, דאָס הייסט דער קלענערער פּאַן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַ געוועזענער באַ־אַמטער פון דער צוועלפטער קאַטעגאָריע, געדינט אַלס וועטערינאַר אין סיביר, און געהייסן האָט ער מוסיאַלאָוויטש. פּאַן ווּרובלעווסקי ווידער איז געווען אַ פריי־פּראַקטיקירנדיקער דאַנטיסט, אַף רוסיש געדעדס, צאָן־דאָקטאָר. זיי ביידע האָבן, גלייך ביים אַרײַנגיין אין צימער, ניט קוקנדיק אַף ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטשעס פרעגן, געענטפערט, גענומען תּיכּף געבן די ענטפערס מיכאַאיל מאַקאַראָוויטשן, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט, אָננעמענדיק אים, צוליב זייער ניט וויסן, פאַר דעם ווירקלעכסטן טשין און פאַר דער באַפעלנדיקער פערזענלאַכקייט דאָ און גערופן אים בײַ יעדן וואָרט: "פּאַנע פּולקאָווניקו". ערשט נאָך עטלאַכע מאָל באַמערקן און אָנווייזן פון מיכאַאיל מאַקאַראָוויטשן אַליין, האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז מ'דאַרף ענטפערן נאָר ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטשן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רוסיש האָבן זיי גאָר גערעדט אָן גרייזן, סיידן אפשר דער אַקצענט פון איייניקע ווערטער. וועגן די באַציִאונגען זײַנע צו גרושענקען, די אַמאָליקע און די איצטיקע, האָט פּאַן מוסיאַלאָוויטש געהאַט גענומען איבערגעבן מיט היץ און שטאָלץ, אַזוי אַז מיטיאַ איז תּיכּף אַרויס פון זיך און אַ געשריי געטאָן, אַז ער וועט ניט דערלויבן דעם "פּאַרך" אין זײַן אָנגעוועזנהייט אַזוי צו רעדן. פּאַן מוסיאַלאָוויטש האָט די שטעל אַרײַנגענומען אין קאָפּ דעם וואָרט "פּאַרך" און געבעטן אַרײַנטראָגן אין פּראָטאָקאָל. מיטיאַ איז אויפגעשפּרונגען פאַר כּעס.

— אַ פּאַרך שבּפּאַרך! טראָגט דאָס אַרײַן, און גיט נאָך

צו, אַז ניט קוקנדיק אָפּן פּראָטאָקאָל, שרײַ איך פֿונדעסטוועגן: פאַרך! — האָט ער אויסגערופן.

כאָטש אַפילו ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש האָט דאָס יע אַרײַנגעטראָגן אין פּראָטאָקאָל, האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן באַ אָט דעם אומאָנגענעמען פאַל אַ זעער פײַנעם חוש און פאַרשטאַנד ווי צו פירן די זאַך: נאָך אַ שטרענגן אויפמערקזאַם מאַכן מיטיען, האָט ער אַליין די שטעל איבערגעריסן אַלע ווײַטערדיקע פראַגן, וואָס זײַנען געווען שײַך צו דער ראָמאַנטישער זײַט פון דער זאַך און איז אַף גיך אַריבער צו דאָס זאַכלאַכן, אין דעם זאַכלאַכן ווידער האָט זיך אַרויסגעוויזן איין באַווײַז פון די פאַנעס, וואָס האָט דערוועקט אַ ניט קיין געוויינלאַכע נײַגעריקייט מצד די פאַרהערער; דאָס איז טאַקע וועגן דעם, ווי מיטיאַ האָט אין יענעם צימער אונטערגעקויפט דעם פאַן מוסיאַלאָוויטש און האָט אים געבאָטן דרײַ טויזנט רובל אָפּטרעטגעלט, אַזוי אַז זיבן הונדערט רובל וועט ער אים געבן גלײַך אַף אַן אָרט, און די איבעריקע צוויי טויזנט דרײַ הונדערט „נאָך מאָרגן פרי אין שטאָט", דערבײַ האָט ער זיך געשוואָרן מיטן ערן־וואָרט, זאָגנדיק, אַז דאָ, אין מאָקראָיע, האָט ער ניט מיט זיך אַזוי פיל געלט, און אַז די געלט ליגט אין שטאָט. מיטיאַ האָט האַסטיק אָנגערופן זיך, אַז ער האָט ניט געזאָגט, אַז ער וועט מאָרגן באַשטימט אָפּגעבן אין שטאָט, נאָר פאַן ווּרובלעווסקי האָט באַשטעטיקט דאָס עדות, און טאַקע מיטיאַ גופא האָט אויך, געבנדיק אַ טראַכט אַ ווײַלע, אָנגעכמורעטערהייט מסכּים געווען, אַז ס'איז מסתּמא אַזוי טאַקע געווען, ווי די פאַנעס זאָגן, אַז ער איז געווען דעמאָלט צוהיצט. דעריבער האָט ער, באמת, געקאָנט זאָגן אַזוי. האָט זיך דער פּראָקוראָר טאַקע אָנגעקלאַמערט אָן דעם דאָזיקן עדות: פאַר דער אויספאָרשונג איז געווען קלאָר (און ווי מ'האָט דאָס שפּעטער טאַקע אויסגעפירט), אַז אַ העלפט אָדער אַ טייל פון די דרײַ טויזנט רובל, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלען מיטיען אין די הענט, האָט ער באמת געקאָנט ערגעץ באַהאַלטן אין שטאָט, און אַמאָל אפשר אַפילו ערגעץ דאָ אין מאָקראָיע גופא, אַזוי אַז ס'איז פאַר דער אויספאָרשונג פאַרענטפערט גע־
וואָרן אויך אָט דער שווערער מאָמענט, וואָס מ'האָט געפונען

באַ מיטיען מיט זיך סך הכל אַכט הונדערט רובל — אַ מאָמענט, וואָס איז אַפילו געווען ביז איצט דער איינציקער און אומבאַדייטנדיקער, אָבער אַלץ פונדעסטוועגן אַ שטיקל באַווייז לטובת מיטיען. איצט אָבער איז אויך אָט דער איינציקער באַווייז לטובת אים צורונען געוואָרן. אַף דעם פּראָקוראָרס פראַגע: וואו וואָלט ער אָבער גענומען די איבעריקע צוויי טויזנט דריי הונדערט רובל, כדי אַוועקצוגעבן מאָרגן דעם פאַן, ווען ער זאָגט אַליין, אַז ער האָט נאָר געהאַט אָנדערהאַלבן טויזנט, און דערביי פאַרזיכערט דעם פאַן מיט זיין ערן־וואָרט, האָט מיטיאַ פעסט געענטפערט, אַז ער׳ט געוואָלט פאָרלייגן אַף מאָרגן דעם „פּאָליאַקל" ניט קיין געלט, נאָר אַ פאָרמעלן כתב פון זיינע רעכט אַף דעם הויף פון טשערמאַשניע, אָט די זעלביקע רעכט, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט סאַמסאָנאָוון און כאָכלאַקאָווען. דער פּראָקוראָר האָט אַזש אַ שמייכל געטאָן „פון דעם תמימותדיקן אויסדרייען זיך".

— און איר מיינט, אַז ער וואָלט טאַקע געווען מסכים צו נעמען אָט די דאָזיקע „רעכט" אָנשטאָט גרייטע צוויי טויזנט דריי הונדערט רובל?

— גאָר קיין פראַגע ניט, — האָט מיטיא אָפּגעשניטן מיט היץ — גאָט איז מיט אייַך, ער וואָלט דאָך דאָ געקאָנט כאַפּן ניט קיין צוויי טויזנט, נאר פיר, ער וואָלט דאָך דאָ אַפילו זעקס טויזנט געקאָנט קריגן! ער וואָלט גלייך אַ נעם געטאָן זיינע אַדוואָקאַטלאַך, די פּאָליאַקלאַך און אידלאַך, און ניט נאָר וואָס דריי טויזנט, נאָר זיי וואָלטן גאַנץ טשערמאַשניע אַרויסגעשלעפּט ביים אַלטן.

פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט פאַן מוסיאַלאָוויטשעס באַווייזן אַריינגעטראָגן אין פּראָטאָקאָל מיט אַלע פּרטים. מיט דעם האָט מען די פאַגעס אויך אַוועקגעלאָזן. וועגן דער מעשה ווידער מיטן דרייען אין די קאָרטן האָט מען כמעט ווי ניט דערמאָנט אַפילו; פאַרפּעגאָוויטש איז זיי שוין אַזוי אויך געווען גענוג דאַנקבאַר און מיט קיין קלייניקייטן האָט ער ניט געוואָלט דרייען קיין קאָפּ, בפרט, אַז דאָס איז אַלץ נאָר אַ נארישער דורכוועקטלען זיך שיכורערהייט ביים שפּילן אין קאָרטן און ווייטער גאָרנישט. איז דען פאָרגעקומען קנאַפּ

שכּרות און נבֿלות אין דער דאָזיקער נאַכט... אַזוי אַז די געלט, די צוויי הונדערט רובל, איז זיך טאַקע געבליבן באַ די פּאַנעס אין קעשענע.

האָט מען צוגערופֿן דערנאָך דעם אַלטעטשקן מאַקסימאָוון. ער איז אַראָפּגעקומען ציטערנדיק, איז צוגעגאַנגען מיט דראָבנינקע טריטעלאַך, אַן אויסזען געהאַט אַ צעשויבערטן און אַ זייער טרויער־דיקן. די גאַנצע צייט האָט ער זיך געטוליעט דאָרטן אונטן לעבן גרושענקען, איז געזעסן מיט איר שווײַגנדיק, איז געזעסן און „געשוויגן און געשוויגן, און מיטאַמאָל פּלעגט ער אָנהייבן כניקען לעבן איר, און ווישן די אויגן מיט אַ בלאָען קעסטלדיקן טיכעלע", ווי מיכאַאיל מאַקאַראָוויטש האָט שפּעטער איבערגעגעבן. אַזוי אַז זי אַליין האָט שוין אָנגעהויבן איינצושטילן און צו טרייסטן אים. דער אַלטעטשקער האָט די רגע און מיט טרערן מודה געווען זיך, אַז ער איז שולדיק, אַז ער האָט געליען באַ דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטשן אַ גמילות חסד „צען רובל־ס, צוליב מיין נויטבאַדערפֿטיקייט" און אַז ער איז גרייט אָפּצוגעבן צוריק... אַף ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטשעס דירעקטער פֿראַגע: צי האָט ער אָבער ניט באַמערקט, וויפֿל דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטש האָט, אַן ערך, געהאַט געלט אין האַנט, ווארים ער האָט דאָך בעסער פֿאַר אַלעמען געקאַנט זען באַ אים די געלט אין האַנט, בעת ער האָט גענומען באַ אים די גמילות חסדים, — האָט מאַקסימאָוו אָפּגעענטפֿערט אַפֿן סאַמן באַשטימטן אופֿן, אַז געלט איז געווען „צוואַנציק טויזנט".

— איר האָט אָבער אַ מאָל געזען צוואַנציק טויזנט ערגעץ־וואו פֿריער? — האָט אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ שמייכל ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש.

— ווי דען, אוודאי האָב איך געזען, מער ניט ניט קיין צוואַנציק טויזנט, נאָר זיבן, בשעת די ווייַב מיינע האָט פֿאַרמשכּונט מיין דערפֿל. זי האָט מיר געגעבן נאָר אַ קוק טאָן פֿונדערווייטנס, האָט זיך אויסגעבעריִמט פֿאַר מיר. ס'איז געווען גאָר אַ גרויסער פּעקל, אַלץ גאַנצע הונדערטער. און דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטש האָט אויך געהאַט גאַנצע הונדערטער...

מ'האָט אים באַלד אָוועקגעלאָזן. ענדלאַך איז דערגאַנגען די

ריי צו גרושענקען אויך. די פֿאַרהערער האָבן אַ פּנים מורא געהאַט פֿאַר אָט דעם איינדרוק, וואָס איר קומען וואָלט געקאָנט מאַכן אַף דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטשן, האָט ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש אַזש אַ מורמל געטאָן צו אים אַ פּאָר ווערטער ווי אַ התראה, נאָר מיטיאַ האָט, אַלס ענטפֿער צו אים, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, געבנדיק צו וויסן מיט דעם, אַז „קיין טומל וועט ניט פֿאָרקומען". אַרייַנגעפֿירט גרושענקען האָט מיכאַאיל מאַקאַראָווישש אַליין. זי איז אַרייַן מיט אַ שטרענגן און פֿינצטערן פּנים, אַפֿן אָנבליק כּמעט אַ רויִקן, און האָט שטיל אַנידערגעזעצט זיך אַף דעם שטול, וואָס מ'האָט איר אָנגעוויזן אַנטקעגן ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטשן. געווען איז זי זייער בלייך, ס'איז איר ווי קאַלט געווען, און זי האָט זיך פֿעסט איינגעוויקלט אין איר גרויסאַרטיקן שוואַרצן שאַל. און באמת, ס'האָט זיך באַ איר אָנגעהויבן דעמאָלט אַ לייכטער פֿיבער — דער אָנפֿאַנג פֿון אַ לאַנגער קראַנקייט, וואָס זי האָט דערנאָך אַריבערגעטראָגן פֿון אָט דער דאָזיקער נאַכט אָן. דער שטרענגער אויסזען אירער, דער גראַדער און ערנסטער קוק און די רויִקע מאַנירן האָבן געמאַכט אַ זייער אָנגענעמען איינדרוק אַף אַלעמען. ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש איז אַפֿילו פֿון אָנהייב אַ ביסל „פֿאַרכאַפּט געוואָרן". ער פֿלעגט אַליין מודה זיין זיך, דערציילנדיק שפּעטער וואו־ניט־וואו, אַז ער האָט נאָר פֿון אָט־אָ דעם מאָל משיג געווען, „ווי שיין די דאָזיקע פֿרוי איז", פֿריער אָבער, הגם ער פֿלעגט זי אַפֿילו יע זען, האָט ער זי אָבער תּמיד געהאַלטן ווי עפּעס אַ מין „קרייז־העטערע". „זי האָט מאַנירן, ווי אַ דאַמע פֿון דער סאַמער העכערער געזעלשאַפֿט", האָט זיך באַ אים עפּעס איינמאָל אַרויסגעכאַפּט אין אַ קרייזל פֿון דאַמען. מ'האָט אים אָבער אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפֿגעבראַכטקייט און די שטעל אָנגערופֿן אים דערפֿאַר „שטיפֿער", פֿון וואָס ער איז טאַקע געבליבן גריילאַך צופֿרידן. אַרייַנגעגאַנגען אין צימער, האָט גרושענקאַ נאָר ווי פֿאַרבייגייענדיק אַ קוק געטאָן אַף מיטיען, וואָס האָט פֿון זיין זייט מיט מורא אַ קוק געטאָן אַף איר, אָבער דער אויסזען אירער האָט אים אויך די שטעל באַרויִקט. נאָך די ערשטע אומפֿאַרמיידלאַכע פֿראַגן און התראות, האָט ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש, הגם שטאַמלענדיק אַביסל,

נאָר אָפּהיטנדיק פונדעסטוועגן דעם סאַמן העפלאַכן שטייגער, אַ פרעג געטאָן זי: „וואָס פאַר אַ באַציאונגען האָט זי געהאַט צו דעם געוועזענעם פּאָרוטשיק דמיטרי פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָוו?” אַף וואָס גרושענקאַ האָט שטיל און פעסט געענטפערט:

— „ער” איז געווען מײַנער אַ באַקענטער, איך פלעג אים דעם לעצטן חודש אויפנעמען אַלס באַקענטן.

אַף די ווײַטערדיקע נײַגעריקע פראַגן האָט זי די שטעל און מיט פולער אויפריכטיקייט דערקלערט, אַז הגם ער פלעגט איר „געוויסע שעהן” געפעלן זײַן, האָט זי אים אָבער נישט ליב געהאַט, און פאַרנאַרן נאָר צוליב „דער רשעותדיקער וואוט מײַנער”, און דאָס אייגענע יענעם „אַלטעטשקן” אויך, זי האָט געזען, אַז מיטיאַ האָט זי שטאַרק געאײַפערט צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן און צו אַלעמען, זי האָט זיך אָבער נאָר מיט דעם טאַקע געטרייסט. צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן ווידער האָט זי אינגאַנצן קיינמאָל ניט געוואָלט גיין, און פּלעגט נאָר אָפּלאַכן פון אים. „יענעם חודש זײַנען מיר געלעגן אין קאָפּ ניט זיי ביידע; איך האָב געוואַרט אַף אַן אַנדער מענטשן, וואָס איז שולדיק אַנטקעגן מיר... נאָר, איך מיין, האָט זי פאַרענדיקט, אַז איר האָט ניט וואָס צו זײַן נײַגעריק וועגן דעם, און איך האָב ניט וואָס צו ענטפערן אײַך, ווײַל דאָס איז מײַנע אַן אייגענע זאַך”.

האָט טאַקע ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש תיכּף אזוי געטאָן: צו די „ראָמאַנטישע” פּונקטן האָט ער אויפגעהערט צו צושטיין, און איז גלייך אַריבער צו דאָס ערנסטע, דאָס הייסט אַלץ טאַקע צו אָט־אָ דער וויכטיקסטער פראַגע וועגן די דריי טויזנט. גרושענקאַ האָט באַשטעטיקט, אַז מיט אַ חודש צוריק האָט מען אין מאָקראָיע באמת, אויסגעלאָזן דרײַ טויזנט רובל, און הגם זי אַליין האָט די געלט ניט געציילט, האָט זי אָבער געהערט פון דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן גופא, אַז דרײַ טויזנט.

— אונטער פיר אויגן האָט ער דאָס אײַך געזאָגט אָדער פאַר עמיצן אָדער איר האָט נאָר געהערט, ווי ער האָט געזאָגט פאַר אַנדערע אין אײַער בײַזײַן? — האָט די שטעל אַ פרעג געטאָן דער פּראָקוראָר.

אַף וואָס גרושענקאַ האָט דערקלערט, אַז זי האָט געהערט אַ פּאָר מענטשן, האָט געהערט ווי ער האָט אויך געזאָגט פּאַר אַנדערע, האָט געהערט אויך אונטער פיר אויגן פון אים אַליין.

— איר האָט איין מאָל געהערט פון אים אונטער פיר אויגן אָדער עטלעכע מאָל? — האָט אַ פרעג געטאָן פונדאַסניי דער פּראָקוראָר, און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז גרושענקאַ האָט געהערט עטלעכע מאָל.

איפּאָליט קירילאָוויטש איז געבליבן שטאַרק צופרידן מיט אָט דאָזיקע באַווייזן. פון די ווייטערדיקע פראַגן איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז גרושענקע האָט געוואוסט, פון וואַנען אָט די געלטער זייַנען און אַז גענומען זיי האָט דמיטרי פיאָדאָראָוויטש בײַ קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ.

— צי האָט איר אָבער נישט געהערט כאָטש איין מאָל, אַז געלט איז מיט אַ חודש צוריק צעפּטרט געוואָרן ניט קיין דריי טויזנט, נאָר ווייניקער, און אַז דמיטרי פיאָדאָראָוויטש האָט געלאָזן דערפון אַ גאַנצע העלפט פאַר זיך?

— ניין, איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געהערט, — האָט זיך גרושענקאַ אָנגערופן.

ווייטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַפילו, אַז, פאַרקערט, מיטיאַ פלעגט צו איר דעם גאַנצן חודש אָפט זאָגן, אַז קיין געלט האָט ער קיין קאָפּיקע ניט. „ער האָט רק געוואַרט צו באַקומען פון פאָטער", האָט פאַרענדיקט גרושענקאַ.

— צי האָט ער אָבער ניט געזאָגט אַ מאָל פאַר אייך... רעדנדיק אָדער אין אויפרעגונג, — האָט אַ נעם געטאָן מיטאַמאָל ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש, — אַז ער האָט בדעה אויפהייבן אַ האַנט אַפן לעבן פון זיין פאָטער?

— אָך, ער האָט געזאָגט! — האָט אַ זיפץ געטאָן גרושענקאַ.

— איין מאָל אָדער עטלעכע מאָל?

— האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט, שטענדיק אין האַרצן.

— און איר האָט געגלויבט, אַז ער וועט דאָס טאָן אויך?

— ניין, כ'האָב קיינמאָל נישט געגלויבט! — האָט זי פעסט אָפּגעענטפערט, — אַף דער ערלעכקייט זיינער האָב איך געהאָפט.

— מיינע הערן, לאָזט מיר, — האָט אויסגעשריען מיטאַמאָל

מיטיאַ, — לאָזט מיר זאָגן פאַר אייך אין די אויגן נאָר איין וואָרט אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

— זאָגט, — האָט אים דערלויבט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש.

— אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול מיטיאַ, — גלויב דעם אויבערשטן און מיר: אינ׳ם בלוט פון דעם נעכטן דערהרגעטן פאָטער מיינעם בין איך אומשולדיק!

אָפגעזאָגט אָט־אָ דאָס האָט זיך מיטיאַ ווידער אַנידערגעזעצט אַפן שטול. גרושענקאַ האָט זיך אויפגעהויבן און גאָטספאָרכטיק איבערגעצלמט זיך פאַר דער איקאָנע.

— געלויבט ביזטו, רבונו של עולם! — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ לעבעדיקער דורכדרינגלאַכער שטים און, נאָך ניט זעצנדיק זיך אפן אָרט און ווענדנדיק זיך צו ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשן, צוגעגעבן: — וואָס ער האָט איצט געזאָגט, אָט דאָס זאָלט איר גלויבן! איך קען אים: אַז ער פלוידערט פלוידערט ער, צי אף אַ געלעכטער צי צוליב עקשנות, דעם געוויסן אָבער וועט ער קיינמאָל ניט אָפנאַרן, וועט גלייך זאָגן דעם אמת. אָט דאָס גלויבט!

— אַ דאַנק, אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — האָסט געראַטעוועט די נשמה! — האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים אָפגערופן זיך מיטיאַ.

אף די פראַגן וועגן די נעכטיקע געלט האָט זי דערקלערט, אַז זי ווייס ניט וויפל ס׳איז געווען, נאָר זי האָט געהערט, ווי ער האָט עטלאַכע מאָל געזאָגט נעכטן פאַר מענטשן, אַז ער האָט געבראַכט מיט זיך דריי טויזנט. וועגן דעם אָבער: וואו ער האָט גענומען די געלט, האָט ער געזאָגט פאַר איר אַליין, אַז ער האָט „געגנבעט" באַ קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ און אַז זי האָט אים דערויף געענטפערט, אַז ער האָט ניט געגנבעט און אַז די געלט דאַרף מען מאָרגן טאַקע אַוועקגעבן. אף דעם פראָקוראָרס צודרינגלאַכער פראַגע: וועגן וואָס פאַר אַ געלט האָט ער גערעדט, אַז ער האָט געגנבעט באַ קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ: וועגן די נעכטיקע אָדער וועגן יענע דריי טויזנט, וואָס מ׳האָט דאָ אויסגעלאָזן מיט אַ חודש צוריק, האָט זי דערקלערט, אַז ער׳ט גערעדט וועגן יענע, וואָס איז

געווען מיט אַ חודש צוריק, און אַז זי האָט אים אַזוי פֿאַרשטאַנען.

גרושענקען האָט מען ענדלאַך באַפֿרייט, דערבײַ האָט איר ניקאָלאַי פּאַרפֿענאָוויטש האַסטיק געלאָזט וויסן, אַז זי קאָן כאָטש די רגע אַוועקפֿאָרן צוריק אין שטאָט, און אַז אויב ער פֿון זײַן זייט קאָן איר מיט עפּעס מיטהעלפֿן, מיט אַ פֿור, אַ שטייגער, אָדער אויב זי וויל, אפֿשר אַ באַלייטער, וועט ער... פֿון זײַן זייט...

— איך דאַנק אײַך זייער, — האָט זיך גרושענקאַ אַ נויג געטאָן פֿאַר אים, — איך וועל פֿאָרן אָט מיט דעם אַלטעטשקן, מיטן פּריץ, איכ׳ל אים דערפֿירן, און דערווײַלע וועל איך אויפֿוואַרטן אונטן, אויב איר וועט דערלויבן, און זען, ווי איר וועט דאָ פֿאַרענדיקן מיט דמיטרי פֿיאָדאָראָוויטשן.

זי איז אַרויס. מיטיאַ איז געווען רואיק און געהאַט אַפֿילו אײַנגאַנצן אַ דערמונטערטן אויסזען, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. עס האָט אים עפּעס אַלץ אַ מאָדנע פֿיזישע אָנמאַכט באַהערשט, וואָס ווײַטער אַלץ מער און מער, די אויגן זײַנען פֿלעגן זיך פֿאַרמאַכן פֿון פֿאַרמאַטערטקייט. דאָס פֿאַרהערן די עדות האָט זיך, סוף כּל סוף, פֿאַרענדיקט. מ׳איז צוגעטראָטן צו דער אַנטגילטיקער רעדאַקציע פֿונ׳ם פּראָטאָקאָל. מיטיאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך איבערגעזעצט פֿון זײַן שטול אין ווינקל, צום פֿאָרהאַנג־צו, זיך צוגעשפּאַרט אויף די באַלעבאַטימס גרויסן קופֿערט, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דעקע און איז די שטעל אײַנגעשלאָפֿן. געחלומט האָט זיך אים עפּעס אַ מאָדנער חלום, עפּעס גאָר ניט צוגעפּאַסט צו דער צײַט און אָרט. אָט פֿאָרט ער ערגעץ אין דער סטעפּע, דאָרטן, וואו ער האָט געדינט אַמאָל, נאָך פֿריִער, און עס פֿירט אים אין אַ שלעכטן וועטער אויף אַ פֿור, אויף אַ פּאָר פֿערד, אַ מוזשיק. נאָר קאַלט איז עפּעס מיטיען, ס׳איז אָנפֿאַנג נאָיאַבר און אַ שניי פֿאַלט מיט גרויסע שטיקער, און פֿאַלנדיק אויף דער ערד ווערט ער גלײַך צעגאַנגען. און לעבעדיק פֿירט אים דער מוזשיק, טרײַבט די פֿערדעלאַך וואויל, און אַ געלע, אַזאַ לאַנגע באָרד האָט ער, און איז נאָך ניט שטאַרק אַלט, נאָר אַזוי באַ די פֿופֿציק אַן ערך, מיט אַ גרויער פּויערישער זופּיצקע אויף זיך. און אָט ניט־ווײַט איז אַ ישוב, שטיבעלאַך זען זיך שוואַרצע־

שוואַרצע, און אַ העלפט שטיבעלאַך איז אָפּגעברענט, עס טאָר־טשען נאָר די פֿאַרסמאַלעטע קלעצער. און ביים אַריינפֿאָר האָבן זיך אויסגעשטעלט פֿרויען אפֿן וועג, אַ סך פֿרויען, אַ גאַנצע שורה, כּסדר דאַרע, אויסגעזויגענע, און עפּעס אַזוינע ברוינע פּנימער האָבן זיי. אָט דערהויפּט די, וואָס ביים ברעג, היילע ביינער, אַ הויך־געוויקסיקע, מסתּמא אַ יאָר פֿערציק אַלט, און אַמאָל אפֿשר גאָר צוואַנציק, דאָס פּנים אַ לאַנגער, אַ דאַרער, און אַן עופּהלע וויינט באַ איר אויף די הענט. און די בריסט אירע, מסתּמא, זיינען אויסגעדאַרטע אַזוינע, אָן אַ טראָפּן מילך אין זיי. און עס וויינט, און וויינט דאָס קינד, און שטרעקט די הענטעלאַך, אויס עפּעס אינגאַנצן בלויע פֿון קעלט.

— וואָס וויינען זיי? פֿאַרוואָס וויינען זיי? — פֿרעגט זיך האַסטיק אַדורכטראָגנדיק פֿאַרביי זיי, מיטיאַ.

— דאָס קינדעניו, — ענטפֿערט אים דער פֿורמאַן, — דאָס קינדעניו וויינט. און נתפּעל ווערט מיטיאַ דערפֿון, וואָס ער זאָגט אויף־זיין־לשון: אַף פֿויעריש, „קינדעניו", ניט קינד. און עס געפֿעלט אים, וואָס דער מוזשיק האָט געזאָגט קינדעניו: עפּעס נעמט דאָס האַרץ מערער.

— פֿאַרוואָס זשע וויינט דאָס אָבער? — שטייט צו, ווי אַ נאַר, מיטיאַ. — פֿאַרוואָס זיינען די הענטעלאַך היילינקע, פֿאַרוואָס וויקלט מען אים ניט איין?

— ווייל דאָס קינדעניו איז דערפֿראָרן, די בגדימלאַך דורכגע־פֿראָרן, וואַרימט דאָס ניט מער.

— פֿאַרוואָס זשע איז דאָס אָבער אַזוי? פֿאַרוואָס? — שטייט נאָך אַלץ ניט אָפּ מיטיאַ דער נאַר.

— ווייל אָרים זיינען זיי, אָפּגעברענטע, ניטאָ קיין שטיקעלע ברויט, בעטן זיי אפֿן אָפּגעברענטן ישוב.

— ניין, ניין, — פֿאַרשטייט נאָך עפּעס אַלץ ניט מיטיאַ, — דו זאָג מיר נאָר: פֿאַרוואָס שטייען דאָס אָפּגעברענטע מאַמעס, פֿאַרוואָס זיינען די מענטשן אָרים, פֿאַרוואָס איז דאָס קינדעניו אָרים, פֿאַרוואָס איז די סטעפּע הייל, פֿאַרוואָס נעמען זיי זיך ניט אַרום, קושן זיך ניט, פֿאַרוואָס זינגט מען ניט קיין לידער פֿריילאַכע, פֿאַר־

וואָס זיינען זיי אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן פון שוואַרצער פּלאָג, פאַרוואָס קאָרמערט מען ניט אָן דאָס קינדעניו?

און ער שפּירט ביי־זיך, אַז כאָטש ער פרעגט אַפילו ניט קלוג, און אָן אַ סדר, נאָר עס ווילט זיך אים ניט אַנדערש דווקא אַזוי פרעגן און אַז דווקא אַזוי דאַרף מען טאַקע פרעגן. און שפּירן שפּירט ער נאָך, אַז עס הייבט זיך אויף אין זיין האַרץ עפּעס אַ נאָך קיין מאָל ניט קיין געוועזענע דערבאַרעמונג אין אים, אַז וויינען ווילט זיך אים, אַז ער וויל פאַר אַלעמען טאָן עפּעס אַזוינס, אַז עס זאָל ניט וויינען מער דאָס קינדעניו, עס זאָל ניט וויינען מער אויך די שוואַרץ־אויסגעדאַרטע מאַמע דעם קינדעניוס, אַז עס זאָלן ניט זיין איינגאַנצן קיין טרערן פון איצט אָן באַ קיינעם ניט, און אַז גלייך טאַקע, גלייך טאַקע מאַכן דאָס, נישט אָפּצולייגן און נישט קוקן אף קיין זאַך, מיט דעם גאַנצן שטורם קאַראַמאַזאָווס.

— און איך בין אויך מיט דיר, איך וועל איצט ניט לאָזן דיך, אפן גאַנצן לעבן גיי איך מיט דיר, — דערטראָגן זיך אַרום אים ליבלאַכע מיט געפיל דורגעדרונגענע ווערטער גרושענקעס. און אָט האָט זיך אָנגעצונדען דאָס גאַנצע האַרץ זיינע און עס ציט צו עפּעס ליכט, און עס ווילט זיך אים לעבן און לעבן, גיין און גיין אין עפּעס אַ וועג, צו אַ ניי־רופנדיקן ליכט, און אף־גיך, אף־גיך, איצטער טאַקע, גלייך!

— וואָס? וואוהין? — רופט ער אויס, עפענענדיק די אויגן און זעצנדיק זיך אף זיין קופערט, עפּעס ווי ער וואלט געקומען צו זיך פון חלשן, און אַליין שמייכלענדיק מיט אַ ליכטיקן שמייכל. לעבן אים שטייט ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש און בעט אים אויסהערן און אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל. מיטיען איז קלאָר געוואָרן, אַז געשלאָפן האָט ער אַ שעה צי מער, האָט אָבער ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשן ניט געהערט. ער איז פלוצים נשתומם געוואָרן, וואָס באַ אים אונטערן קאָפּ איז געלעגן אַ קיסן, וואָס איז פריער ניט געווען, בעת ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אין אָנמאַכט אַפן קופערט.

— ווער האָט דאָס מיר דערלאנגט א קיסן צוקאָפּנס? ווער איז דאָס געווען אַזאַ גוטער מענטש! — האָט ער אויסגערופן מיט

עפּעס אַ התפּעלותדיקן דאַנקבאַרן געפּיל און מיט אַ וויינענדיקער שטים פּונקט ווי גאָט ווייס וואָס פאַר אַ חסד מ׳האָט געטאָן מיט אים. דער גוטער מענטש איז זיך טאַקע געבליבן פאַרבאָרגען, עמיצער פון די עדות, און אַמאָל אפשר ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשעס שרייבער האָבן געהייסן אונטערלייגן אַ קיסן פון רחמנות וועגן, נאָר די גאַנצע נשמה זיינע האָט זיך ווי געצאַפּלט פאַר טרערן. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און דערקלערט, אַז ער וועט אונטערשרייבן אַלץ, וואָס מ׳וויל.

— עס האָט זיך מיר אַ גוטער חלום געחלומט, מיינע הערן, — האָט ער עפּעס אַזוי מאָדנע אַ זאָג געטאָן, מיט עפּעס אַ נייעם, ווי מיט פרייד באַשטראַלטן פּנים.

## IX

## אַוועקגעפירט מיטיען

בשעת ס׳איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער פּראָטאָקאָל, האָט זיך ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש פייערלאַך געווענדט צום באַשולדיקטן און איבערגעלייענט פאַר אים די „החלטה‟, וואו ס׳איז געווען געשריבן, אַז דעם און דעם יאָר און דעם און דעם טאָג, דאָרטן און דאָרטן, האָט דער סודעבני סלעדאָוואַטעל פון דעם און דעם קרייז־געריכט, פאַרהערנדיק דעם און דעם (דאָס הייסט מיטיען) אַלס אַ באַשולדיקטן אין דאָס און דאָס (אַלע פאַרברעכנס זיינען געווען אויספירלאַך אויסגערעכנט) און נעמענדיק אין רעיון, אַז דער באַשולדיקטער, ניט מודה זייענדיק זיך גופא אַלס באַשולדיקטן אין די דערמאָנטע פאַרברעכנס קעגן אים, האָט קיין שום זאַך ניט צוגעשטעלט צו זיין רעכטפאַרטיקונג, און דערביי זיינען די עדות (די און די) און דער מצב העניגים (דער און דער) אים לגמרי חושד, האָט אָנווענדנדיק די און די אַרטיקלען פון דעם שטראָף־געזעצבוך, א. א. וו. באַשטימט: כדי אַוועקצונעמען פון דעם און דעם (פון מיטיען) די מעגלאַכקייט צו דערווייטערן זיך פון אויספאָרשונג און פון געריכט, אַריינזעצן אים

אין דער און דער תּפיסה, וועגן וואָס מ׳דאַרף דעם באַשולדיקטן מודיע זיין, און אַ קאָפּיע פון דער דאָזיקער החלטה איבערגעבן דעם וויצע־פּראָקוראָר א. א. וו. א. א. וו. אַקיצור, מ׳האָט מיטיען געמאָלדן, אַז ער איז פון אָט דער מינוט אָן אַן אַרעסטאַנט, און אַז מ׳וועט אים תּיכּף אַוועקפירן אין שטאָט אַריין, וואו מ׳וועט אים אַריינזעצן אין אַ זעער אומאָנגענעמן אָרט. מיטיאַ האָט, אויסהערנדיק מיט קאָפּ מער ניט ווי אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען.

— נו וואָס, רבותי, איך בין אייך ניט דן, איך בין גרייט... איך פאַרשטיי, אַז איר קאָנט אַנדערש ניט טאָן.

ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטש האָט אים ווייך דערקלערט, אַז עס וועט אים די רגע אָפּפירן דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו מאַווריקי מאַווריקייעוויטש, וואָס איז איצטער גראָד דאָ...

—וואַרט אַ ווײַלע, — האָט איבערגעשלאָגן מיטאַמאָל מיטיאַ און מיט עפּעס אַ ניט־איינהאַלטנדיקן געפיל אָנגערופן זיך, ווענדנדיק זיך צו אַלעמען אין צימער, — מיינע הערן, מיר אַלע זיינען גרויזאַם, מיר אַלע זיינען אַכזרים, אַלע צווינגען מיר צו וויינען מענטשן, מאַמעס און עופהלאַך בײַ דער ברוסט, נאָר פון אַלעמען — זאָל שוין זיין אַזוי אַרויסגעטראָגן איצט — פון אַלעמען בין איך די סאַמע מיאוסטע בריאה! לאָז זיין אַזוי! יעדן טאָג פון מיין לעבן האָב איך, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן, מבטיח געווען צו פאַרבעסערן זיך און יעדן טאָג געמאַכט אַלץ די זעלביקע נבֿלות. איך פאַרשטיי איצט, אַז פאַר אַזוינע, ווי איך, דאַרף מען אַ קלאַפּ, אַ קלאַפּ פון גורל, כּדי פאַרכאַפּן אים, ווי אין אַן אַרקאַן און אַראָפּדרייען מיט אַן אויסער־לאַכער קראַפט. קיינמאָל וואָלט איך זיך ניט אויפגעהויבן פון זיך גופא! נאָר אַ דונער האָט אַ קלאַפּ געטאָן. איך בין מקבל די פּלאָג פון דער באַשולדיקונג און די אָפּענע שאַנד מיינע, אָפּקומען וויל איך און דורך דעם דאָזיקן אָפּקומען וועל איך געלייטערט ווערן! איך וועל דאָך אפשר יע געלייטערט ווערן, מיינע הערן, האַ? נאָר הערט אויס פונדעסטוועגן צום לעצטן מאָל: אין די בלוט פון דעם פאָטער מיינעם בין איך אומשולדיק! איך בין מקבל די שטראָף ניט דער פאַר, וואָס איך האָב דערהרגעט אים, נאָר דער פאַר, וואָס איך האָב

אים געוואָלט דערהרגענען און איך וואָלט אפשר אינדעראמתן דער־הרגעט ··· נאָר פונדעסטוועגן בין איך גרייט צו ראַנגלען זיך מיט אייך, און איך זאָג דאָס אייך אָן: איך וועל זיך ראַנגלען מיט אייך ביזן לעצטן מאָמענט, און שפּעטער וועט דער אויבערשטער באַשליסן! אַ גוטן אייך, מיינע הערן, זייט ניט אין כּעס, וואָס איך האָב ביים פאַרהערן געשריען אויף אייך, אָ, איך בין געווען דעמאָלט נאָך אַזוי נאַריש ··· אין אַ מינוט אַרום בין איך אַן ארעסטאַנט, איצט אָבער, צום לעצטן מאָל, שטרעקט אויס דמיטרי קאַראַמאַזאָוו, אַלס אַ פרייערמענטש נאָך, די האַנט צו אייך, געזעגענענדיק זיך מיט אייך, געזעגן איך זיך מיט מענטשן! ···

די שטים זיינע האָט פאַרציטערט, און ער האָט, באמת, געוועסט אויסגעשטרעקט די האַנט, נאָר ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש, וואָס האָט זיך געפונען נעהנטער פאַר אַלעמען לעבן אים, האָט עפּעס מיטאַמאָל, מיט אַ מין פּיבערהאַפטן זשעסט כּמעט, אַ באַהאַלט געטאָן זיינע הענט אויף הינטן. מיטיאַ האָט דאָס די שטעל באַמערקט און זיך אַ צאַפּל געטאָן. די אויסגעשטרעקטע האַנט זיינע האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזן.

— די אויספאָרשונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט געוואָרן, — האָט גענומען שטאַמלען ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטש, זיך פאַרשעמענדיק אַ ביסל, — מירן נאָך פאָרזעצן אין שטאָט, און, איך פון מיין זייט, בין אַוודאַי גרייט ווינטשן אייך דאָס גרעסטע גליק ··· צו אייער רעכטפאַרטיקונג ··· אין פלוג בין איך אייך תּמיד, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, נוטה צו האַלטן פאַר אַ מענטשן, אַזוי צו זאָגן, מער אַן אומגליקלאַכן, ווי אַ שולדיקן. מיר אַלע דאָ, אויב איך טאָר נאָר רעדן אין נאָמען פון אַלעמען, מיר אַלע זיינען אייך גרייט אָנצונעמען פאַר אַן איידעלן ערלאַכן יונגן מענטשן אין׳ם תּוך זיינעם, וואָס איז אָבער, אָ ווײ! פאַרכאַפּט פון געוויסע ליידנשאַפטן אין אַ ביסל אַן איבעריקער מאָס ···

די קליינינקע פיגורל ניקאָלאַי פאַרפענאָוויטשעס האָט אויס־געדריקט צום סוף רעדע די סאַמע גרעסטע חשיבות. באַ מיטיען האָט געהאַט אַ בליץ געטאָן מיטאַמאָל, אַז אָט דער דאָזיקער „איג־

געלע" וועט אים אָננעמען באַלד אונטערן אָרעם, צופירן צו אַ צווייטן ווינקל און באַגייען דאָרטן מיט אים דעם ניטלאַנגאָניקן שמועס זייערן וועגן "מיידעלאַך". נאָר קנאַפּ זייטיקע רעיונות קומען דען אַ מאָל אַרויף, וואָס פּאַסן גאָר ניט צו דער זאַך, אַפילו באַ אַ פּאַר־ ברעכער, וואָס מ'פירט צו טויט־שטראָף?

— מיינע הערן, איר זייט גוט, איר זייט הומאַן, — קאָן איך זיי זען, געזעגענען זיך צום לעצטן מאָל? — האָט זיך אָנגערופן מיטיאַ.

— אָן אַ ספק, אָבער פאַר מענטשן אין די אויגן... מיט איין וואָרט, איצט קאָן מען שוין ניט ניט אין בייזיין פון אַ צווייטן...

— מיט כל הכבוד, זייט!

מ'האָט געבראַכט גרושענקען, נאָר דאָס געזעגענען זיך איז פאָרגעקומען אַ קורצער, פון ווייניק ווערטער און וואָס האָט ניקאָלאַי פּאַרפענאָוויטשן ניט באַפרידיקט. גרושענקאַ האָט טיף פאַרנויגט זיך פאַר מיטיען.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך בין דיינע, און איך וועל זיין דיינע, איך וועל אַף אויביק גיין מיט דיר, וואוהין מ'זאָל דיך ניט פאַרמשפּטן. זיי געזונט, דו אומשולדיק זיך אַליין געפּטערטער מענטש!

די ליפּעלאַך אירע האָבן אַ ציטער געטאָן, טרערן האָבן גענומען רינען פון די אויגן.

— זיי מיר, גרושאַ, מוחל פאַר דער ליבע מיינער, פאַר דאָס, וואָס מיט דער ליבע מיינער האָב איך דיך אויך אַוועקגעפּטרט!

מיטיאַ האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, האָט אָבער מיטאמאָל אַליין איבערגעריסן און איז אַרויס. אַרום אים זיינען די רגע אויס־ געוואָקסן מענטשן, וואָס האָבן ניט אַראָפּגעלאָזן פון אים די אויגן. אונטן ביים גאַניקל, צו וועלכן ער איז מיט אַזאַ קנאַק נעכטן צוגע־ פאָרן אף אַנדרייס טראָיקע, זיינען שוין געשטאַנען גרייטע צוויי פורן. מאַווריקי מאַווריקייעוויטש, אַ קורצפּיסיקער פעסטגעבויטער מענטש מיט אַן אָנגעדראָלן פּנים, איז געווען פון עפּעס אויפגערעגט, פון עפּעס אַ פּלוצלונגדיקער אומאָרדענונג, האָט זיכט געכעסט און געשריען. שוין עפּעס צו־גראָב האָט ער געהייסן מיטיען אַריינקריכן אין

יואָגן. „פריער, בעת איך פלעג אים געבן טרינקען אין שיינק, האָט ער גאָר געהאַט אַן אַנדער פנים" האָט אַ טראַכט געטאָן מיטיאַ אַרויפקריכנדיק. פון גאַניקל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַף אונטן טריפאָן באָריסאָוויטש אויך. ביים טויער האָבן זיך אויפגעקליבן מענטשן, פויערים, פויערטעס, פורמאַנעס, אַלע האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן אַף מיטיען.

— אַ גוטן אייך, גאָטס מענטשן! — האָט מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן צו זיי פון פור מיטיאַ.

— זײַ אונז אויך מוחל, — האָבן זיך געלאָזט הערן אַ צוויי דריי שטימען.

— אַ גוטן דיר אויך, טריפאָן באָריסיטש!

נאָר טריפאָן באָריסיטש האָט זיך ניט אָפּגעקערט אַפילו, איז אפשר שוין צו־שטאַרק געווען פאַרנומען. ער האָט אויך עפעס וואָס געשריען און אַרומגעשמייעט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַף דער צווייטער פור, אַף וועלכער צוויי סאָטסקעס האָבן געדאַרפט באַלייטן מאַוורעיקי מאַוורעיקייעוויטשן, איז נאָך ניט אַלץ געווען ווי עס געהער צו זיין. דער פויערל, וועלכן מ'האָט געהאַט באַשטימט פאַר דער צווייטער פור, האָט געהאַלטן אין אָנטן די זופּיצקע און שטאַרק געאַמפּערט זיך, אַז ניט ער דאַרף פאָרן, נאָר אַקים. אַקים אַזי אָבער ניט געווען; מ'איז אַוועקגעלאָפן אים זוכן; דער פויערל איז צוגעשטאַנען און געבעטן רחמים מ'זאָל אויפוואַרטן.

— אַן אומה איז דאָס באַ אונז, מאַוורעיקי מאַוורעיקייעוויטש, אָן חרפה און אָן בושה! — האָט געטענהט טריפאָן באָריסיטש. — אַקים האָט דיר אייערנעכטן געגעבן אַ פערטעלע, האָסט דאָס פאַרטרונקען, און איצט רײַסטו זיך. אָט נאָר פון דער גוטסקייט אייערער בנוגע אונזער מיאוסן המון וואונדער איך זיך, מאַוורעיקי מאַוורעיקייעוויטש אָט נאָר דאָס וויל איך אייך זאָגן!

— צו וואָס דאַרפן מיר אָבער אַ צווייטע טראָיקע? — האָט זיך געהאַט איינגעשטעלט מיטיאַ, — לאָמיר פאָרן מיט איינער, מאַוורעיקי מאַוורעיקייעוויטש, נישקשה, איך וועל ניט נעמען בונטעווען, איכ'ל ניט אַנטלויפן פון דיר, צו וואָס דאַרף מען אַ וואַך?

— זייט מוחל, הער, און ווייסט ווי צו רעדן מיט מיר, אויב איר האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט. איך בין אייך ניט קיין דו, זייט אַזוי גוט ניט צו דוצן, און באַהאַלט סתּם אייערע עצות אויף אַ צווייטן מאָל . . . — האָט מיט רוגזה אָפּגעשניטן מיטאַמאָל מיטיען מאַווריקי מאַווריקייעוויטש, עפּעס ווי ער וואָלט זיך דערפרייט לייכטער צו מאַכן דאָס האַרץ.

מיטיאַ איז געבליבן שטום. ער איז דער גאַנצער רויט געוואָרן. אין אַ רגע אַרום איז אים מיטאַמאָל געוואָרן זייער קאַלט. דער רעגן האָט אויפגעהערט, נאָר דער נעפּלדיקער הימל איז נאָך אַלץ געווען מיט וואָלקנס. עס האָט געבלאָזן אַ שאַרפער ווינט גלייך אין פּנים אַריין. „זאָל איך דאָס האָבן פיבער”, האָט אַ טראַכט געטאָן מיטיאַ, געבנדיק אַ צוק מיט די אַקסלען. סוף כּל סוף, איז ער אַריינגעקראָכן אין וואָגן און מאַווריקי מאַווריקייעוויטש האָט זיך געגעבן אַ זעץ־אַ וועק, ברייטלאַך און, ווי ניט באַמערקנדיק, שטאַרק אַ שטויס געטאָן מיט זיין קערפּער מיטיען. אמת, ער איז געווען שלעכט געשטימט, און ס׳איז אים שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן די שליחות, וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויף אים.

— אַ גוטן, טריפאָן באָריסיטש! — האָט ווידער אויסגערופן מיטיאַ, און האָט אליין דערשפּירט, אַז ניט פון גוטמוטיקייט האָט ער איצט אויסגערופן, נאָר פון כּעס, קעגן דעם אייגענעם ווילן אויסגערופן. נאָר טריפאָן באָריסיטש איז געשטאַנען שטאָלץ, פאַרלייגט ביידע הענט אויף הינטן און אויסגעשטעלט גראַד די אויגן אויף מיטיען, געקוקט שטרענג און מיט כּעס און האָט מיטיען קיין זאַך ניט געענטפערט.

— אַ גוטן אייך, דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, אַ גוטן! — האָט זיך דערטראָגן מיטאַמאָל קאַלגאַנאָווס שטים, וואָס איז פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון ערגעץ־וואו, צוגעלאָפן צום פור, האָט ער אויסגעשטרעקט מיטיען די האַנט. געווען איז ער אָן אַ היטל, מיטיאַ האָט נאָך באַוויזן אָנכאַפּן און אַ דריק טאָן זיין האַנט.

— אַ גוטן, טייערער מענטש, איך וועל ניט פאַרגעסן דיין גרויסמוטיקייט! — האָט ער הייס אויסגערופן. די פור אָבער האָט

זיך אַ ריר געטאָן, און די הענט זייערע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגענומען,
עס האָט דאָס גלעקעלע גענומען קלינגען — אַוועקגעפֿירט מיטיען.

און קאַלגאַנאָוו איז אַריינגעלאָפֿן אין הויז, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, אָנגעבויגן דעם קאָפּ, פֿאַרשטעלט דעם פּנים מיט די הענט און אָנגעהויבן וויינען. לאַנג איז ער אַזוי געזעסן און געוויינט, — געוויינט, ווי ער וואָלט נאָך געווען א קליין קינד, און שוין ניט קיין צוואָנציקיאָריקער בחור, אָ, ער האָט געגלויבט אין דער שולד מיטיעס אינגאַנצן! „טאָ וואָס זשע זיינען דאָס פֿאַר אַ מענטשן, וואָס זשע קאָנען זיי זיין פֿאַר אַ מענטשן נאָך דעם אַלעמען!" האָט ער מטושטשדיק געטענהט אין אַ ביטערער אָפּהענטיקייט, אין אַ פֿאַרצווייפֿלונג כּמעט. עס האָט זיך אים אַפֿילו אין יענער ווײַלע נישט געוואָלט לעבן אף דער וועלט. „איז דאס כדאי, איז דאס כדאי!" האָט געטענהט דער באַטריבטער בחור.

# אינהאלט

## דריטער טייל

### זיבעטער בוך. אליאָשאַ


I דער שלעכטער ריח . . . . . . . . . . . . . . 3
II אַ מאָמענט אַזאַ . . . . . . . . . . . . . 23
III דאָס ציבלקע . . . . . . . . . . . . . . 33
IV די חתונה פון קאַנאַ אין גליל . . . . . . . . 63


### אַכטער בוך. מיטיאַ


I קוזמאַ סאַמסאָנאָוו . . . . . . . . . . . . . 71
II ליאַגאַווי . . . . . . . . . . . . . . . 89
III די גאָלד־גרובן . . . . . . . . . . . . . 100
IV אין דער פינצטער . . . . . . . . . . . . . 119
V דער פלוצלונגדיקער אַנטשלוס . . . . . . . . . 128
VI איך אַליין פאָר! . . . . . . . . . . . . . 154
VII דער אַמאָליקער דער בעל חזקה . . . . . . . . . 167
VIII דער ווילדער חלום . . . . . . . . . . . . . 195


### נייַנטער בוך. די ערשטע אויספאָרשונג


I דער אָנהייב פון דעם באַאַמטן פערכאָטינס קאַריערע . 217
II דער טומל . . . . . . . . . . . . . . . . 228
III די שבעה מדורי גיהינום. דער ערשטער גיהינום . . 238
IV דער צווייטער גיהינום . . . . . . . . . . . 252
V דער דריטער און דער לעצטער גיהינום . . . . . . 264
VI דער פראָקוראָר האט געכאַפּט מיטיען . . . . . . 282
VII מיטיעס גרויסער סוד. מ'האָט באַפייפט . . . . . 294
VIII די באַווייזן פון די עדות. דאס קינדעניו . . . . 312
IX אוועקגעפירט מיטיען . . . . . . . . . . . . 327

# באמערקונגען


זייט 82   סודאַר — מיין הערי
" 90   באַטיושקאַ — גלח.
" 108   סודאַרינאַ — מאַדאַם.
" 114   „היינטוועלטיקע", אין אָריגינאַל „Современная"
— אַ וואָרט־שפיל מיט דער צייטשריפט „Современник".